STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00023

DI VERK FUN YITSHAK LEYBUSH PERETS

Isaac Leib Peretz

Permanent preservation of this book was made possible by
Barbara Rabkin
in honor of
her husband, Morton Rabkin, on the occasion of his becoming a "senior citizen"

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די ווערק פון יצחק לייבוש פרץ. צוועלף בענד.
צוזאמענגעשטעלט אונטער דער רעדאקציאן פון
דוד פינסקי

צוועלפטער באנד

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש“, ניו־יארק.
תר״פ — 1920

י. ל. פרץ

אַרטיקלען און פעליעטאָנען

ארויסגעגעבען פון פארלאג „אידיש", ניו-יארק.

Copyright 1920 by
JEWISH BOOK AGENCY

אַרטיקלען און פעליעטאָנען

בילדונג.

(פאָרוואָרט צום ערשטען באנד „אידישע ביבליאָטעק“)

א.

אונזער פראָגראַם איז — בילדונג; מיר ווילען בילדען דאָס פאָלק, מאַכען אוים נאַרען — קלוגע, אוים פאַנאַטיקער — געביל־דעטע מענשען; אוים לעדיג־געהער און לופט־שלינגער — ארבייטער; נוצליכע, ערענטליכע מענשען, וואָס ארבייטען פאר זיך, און דעם כלל קומט דערפון א טובה ארוים.

אונזערע שונאים זאָגען, אז דער כלל אידען, איז בלוט־איגעל (פּיאַווקעס), קאַטאַרזשניקעס, כל־בו'ניקעס... אונזערע שפעטער זאָגען, אז דער אידישער מח איז א פארפוילטע הושענא, דאָס הארץ — א קיזעל־שטיין, די הויט — פאַרוואַרלעסיגט, און אלע אברים — קרום און לאָם.

אונזערע שאָוויניסטען זאָגען: אז ישראליק איז גאָטס בן־יחיד'ל — זיין וויג איז אמונה, זיין קאָפּען־קישעלע — בטחון, זיינע ווינדעלעך — יריעות פון מקדש, זיין פּליניאַק — א פרוכת, זיין וויקעל־שנור — משה רבינו'ס גאַרטעל, זיין האַרץ — מלאכים־לעבער, זיין מח — דער ארון מיט די כרובים, זיינע ציעמיעניעס אויפ'ן קאָפּ — הייליג לבנון־גראָז.

מיר זאָגען איינפאַך: מיר אידען זענען מענשען, ווי אלע מענשען! מיר האָבען מעלות, מיר האָבען חסרונות. מיר זענען נישט קיין געטער, נישט קיין טייוולאָנים, נאָר מענשען. און מענ־שען דאַרפען זיך בילדען, שטענדיג לערנען, מיט יעדען טאָג ווערען קליגער, בעסער און פיינער.

בטבע זענען מיר גלייך, ווי אלע מענשען, און דאָך איז אונזער פאָלק נישט גלייך צו אנדערע פעלקער, ווייל אונזער לעבען איז אנ־דערש, אונזער געשיכטע איז אנדערש, אונזער רבי איז — דער גלות...

דעם גלות האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אסך. אסך מעלות,

נאר אסך חסרונות אויך. אין דעם טויזענט־יעהריגען לעבענס־שטרייט, בפרט פארצייטען, ווען אלע פעלקער האבען כח געזאמעלט און באנוצט אויף מארד, ברענען און צווינגען, האבען מיר כחות געזאמעלט און באנוצט אויף סבלנות, אויף אויסהאלטען, אויסדולדען, איבערליידען די שלעכטע צייט. י ע נ ע קראפט וואקסט אזוי לאנג, ביז זי טרעפט אויף א גרעסערע און פלאצט, ווי א זייפען־בלאז. א ו נ ז ע ר קראפט וועט שוין אויף קיין גרעסערע נישט טרעפען. דעריבער זענען אסך פעלקער אונטער־געגאנגען און מיר לעבען און ווילען לעבען אייביג...

צייט מיר זענען אין גלות, האבען מיר אויף אונזער געוויסען, אויף אונזער „יהדות" קיין איינציגען טראפען פרעמד בלוט; דער פעלקער־פאנאטיזם האט אונזער פאהן מיט בלאטע באשפריצט, מיר האבען איהם מיט אייגענעם בלוט געוואשען.

און ווייל מיר זענען אין גלות, ווייל מיר עסען שטענדיג ביי א פרעמדען טיש, ווייל מיר זענען אייביגע אומגליקליכע אורחים אויף דער וועלט, דעריבער האפען מיר צו דער מענשהייט, דעריבער איז מענשליכקייט אונזער הייליגסטער אידעאל, דעריבער איז אונ־זער ע ג א א י ז ם (אייגענליעבע) די ריינסטע מענשען־ליעבע! ווייל מיר פיהלען, אז כל־זמן די מענשען־ליעבע וועט נישט גובר זיין, כל־זמן עס וועט זיין קנאה־שנאה, תחרות און מלחמות, וועט אונז נישט גוט זיין, דעריבער בעטען מיר שטענדיג אויף שלום, דעריבער זענען אונזערע הערצער, ווי א שוואם פאר אלע נייעסטע אידעען, דעריבער האבען מיר הארץ, געפיהל און מיטלייד מיט אלע אומגליקליכע, מיט אלע פארטריבענע, מיט אלע געיאגטע... דעריבער זענען מיר „רחמנים בני רחמנים"...

און ווייל קיינער וויל פאר אונז נישט זארגען, ווייל מיר האבען שטענדיג געמוזט זיך אין זינען האבען אליין, ווייל מיר האבען שטענדיג צווישען שונאים געלעבט, ווייל אונזער מארגען איז קיינמאל נישט זיכער געוועזען, ווייל אונזערע מחיות זענען שטענ־דיג באגרענעצט, האבען מיר זיך מיט דער צייט צוגעוועהנט צום זארגען, צום דענקען, צום איינשפארען; צו האלטען שטענדיג קאפ, צו באהאלטען אויף א שלעכטען טאג, צו וואקסען אויף סקא־לעס אהן רעגען, אהן טוי...

און ווייל מיר האבען נאר מיט אונזער גייסט געשטריטען,

ווייל די הענט האָבען מיר געמוזט האַלטען ביי זיך. זענען מיר גייסטיגער און עדעלער געוואָרען...

די רעשט האָבען מיר צו פאַרדאַנקען אונזער תורה, אונזערע נביאים און אונזערע בעלי התלמוד.

די איינהייט גאָטעס (אחדות הבורא), וואָס איז היינט אַלס „די איינהייט דער קרעפטע" באַוויזען; דער: „ואהבת לרעך כמוך*), וואָס אַלע פעלקער זאָגען אונז נאָך, כאָטש פון צונג צום האַרץ איז ווייט און צו דער האַנט — נאָך ווייטער; דער „חקה אחת לכם ולגר הגר בתוככם"**), וואָס דער ניינצעהנטער יאהרהונדערט קאָן איהם נאָך נישט פאַרדייען; די בריק, וואָס די תורה האָט געוואָרפען איבער דעם תהום צווישען רייך און אָרעם מיט „לקט, שכחה ופאה***), דער אסור פון פּראָצענט****), דאָס באַגרענעצען פון נעמען משכנות, דער צער בעלי־החיים, וואָס איז פול אין אונזערע חקים, שלמה המלך'ס געבעט ביי חנוכת־הבית, די נביאות, וואָס ווייזען אונז די מענשהייט אַלס דאָס גרעסטע גליק און אידעאַל; און — די זעלבע מאמרים דערגענצט און דערלייטערט אין תלמוד בבלי וירושלמי, דאָס אַלץ איז אונזער אייביגער שטאָלץ.

דאָס איז די קווינט־עסענץ פון אונזער „אתה בחרתנו"! נאָך דעם ערשטען גלות (מצרים) האָבען מיר דער וועלט א תורה געגעבען, אינ'ם צווייטען און דריטען גלות זענען מיר א לעבעדיגער פּראָטעסט געגען קנאה, שנאה, געגען פיזישער קראַפט, געגען „כל דאלים גבר"!

דאָס איז אבער נאָר דער אַדלער פון רענדעל, דאָס רענדעל האָט אבער א „רעשקע" אויך; אין קעלער פוילט די בעסטע פרוכט און וואַקסט איבער; מיר ליגען שוין טויזענטער יאָהרען אין פינס־טערען קעלער!

---

*) האָב ליעב דעם צווייטען, ווי זיך אַליין.

**) איין רעכט פאַר אייך און פאַר פרעמדע, וואָס וועלען וואוינען צווישען אייך.

***) לויט דעם געזעץ געהער צום אָרעמאַן: דאָס, וואָס ער קלייבט אויף, וואָס דער בעל־הבית פאַרגעסט אויפ'ן פעלד, און די עקען פונ'ם פעלד.

****) את כספך לא תתן בנשך.

אַרום דער „אחדות הבורא" זענען געוואַקסען: כשוף פון כשדים, מלאכים פון בבל, סגולות פון אפריקע, פאַנאַטישע זאַבאַבאָנעס פון אייראָפּעאישען מיטעלאַלטער, נאָכגעמאַכטע פּאַקטוירים צווישען גאָט און מענשען — גוטע־אידען!

אויף דעם אַרט, וואָס די ריינע רעליגיאָן זאָל אונז פאַראייניגען, שפּאַלטען אונז פאַרשידענע פאַנאַטיזמען אויף דייטשען, מתנגדים און הונדערטער פאַרטייען חסידים; ווייל אמת איז נאָר איינע, שקרים — אסך! און יעדער שקר וויל זיינע בתי־מדרשים, זיינע רבנים, שמשים, שוחטים, זיינע שול־קלאַפּער, זיינע פאַנאַטיקער... און איהר ווייסט, ווי טייער עס קאָסט אונז דאָס שפּיל... וויפיעל ממון און דמים עס ווערט פאַרגאָסען...

און — אויף דעם אָרט פון איין רעליגיאָן פאַראייניגט אונז איין חלול־השם! מיר צופאַלען אויף מאַסען קופּקעלעך. יעדער פאַנאַטיקער וויל פון זיין גאָרטעל מאַכען אַן אהל איבער כל ישראל, מען זאָל די וועלט פאַר זיך נישט זעהן, נאָר באַגגיגען זיך מיט זיין נשמה־ליכטעל, וואָס רויכערט און לייכט נישט...

זאָל זיך אונזער ציוויליזאַציאָן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבען מיט רחמנות, מיט ליעבע, מיט מענשליכקייט, מיט חכמה — ענדיגען מיט צדיקים, צו וועלכע דער רבונו של עולם איז בבחינת עבד, מיט געשלעג, מיט רדיפות, מיט מענשענהאַס, מיט פאַנאַטיזם? זאָל זיך די גאָלדענע קייט ענדיגען מיט בליי?

מיר ווילען קיין רעפאָרמען!... ווער עס רוקט אָפּ די סטאַווידלעס פון דעם אַרט, וואו די פּאַליעס שלאָגען, אויף דעם אָרט, וואו דער טייך איז רוהיג — טוט נישט דעם טייך, נאָר די סטאַווידלעס א טובה!... מיר ווילען נאָר בילדען דאָס פאָלק! מיר ווילען אויפווייזען, וואָס עס איז א ו נ ז ע ר און וואָס עס איז פ ר ע מ ד; וואָס עס איז קערן (זיארנע) און וואָס עס איז פּלעווע און שטרוי; אויך אומפּלוט, וואָס האָט זיך צו אונז צוגעטשעפּעט אויף פאַרשידענע גלות־בעטען!... מיר ווילען נאָר ליכטיג מאַכען אין אונזערע מחות, אַז די גוטע אמת'ע אידעען, וואָס וואוינען דאָרט, זאָלען דערזעהן, ווער זייערע שכנים זענען, מיט וועמען זיי חבר'ען זיך!

נאָר נישט דאָס איינע האָבען מיר דעם גלות צו פאַרדאַנקען. ווייל מיר האָבען נאָר מיט סבלנות געשטריטען, זענען מיר פיינ־

ליגגע געוואָרען; עס איז אויף אונז מקוים געוואָרען די קללה, אז מיר וועלען ציטערען פאר א גערויש פון א פוילען בלעטעל, און צעהן טויזענטער אנטלויפען, נאך איידער מען יאָגט זיי; מיר האָבען אמאָל די האַרפען צובראָכען און די פינגער זיך אָפּגעשניטען אום ציון־ליעדער אין פרעמדען לאנד נישט צו זינגען, און שפּעטער האָבען מיר פאר א דרייער דעם ערשטען בעסטען שכור „מה יפית“ געזונגען; מיר זענען הינטערליסטיגע שמייכלער געוואָרען, אונזער געפיהל און שטאָלץ פארלוירען... און — ווייל מיר האָבען צופיעל געבאָטענע און אומגעבאָטענע תעניתים געהאַט, שטענדיג פון דער וואַנט פּרנסה געצויגען, האָבען מיר פארבויגען אביסעל דעם יושר...

מיר האָבען מיט סבלנות געשטריטען, און דעריבער — א שטיק ליים געוואָרען, אין וועלכען, אין יעדער צייט, אויף יעדען אָרט שטעקט יעדער פושער אריין די הענט און מאַכט פון אונז וואָס ער וויל. מיר לעבען נישט מיט א ו נ ז ע ר לעבען... מיר זענען געוואָרען, ווי א גולם, און ווער עס וויל, בלאָזט אריין פון זיין אָטעם... שטרעקט א פאָלק צו אונז אויס א מינדסטען פינגער פון דער לינקער האַנט, פאַלען מיר איהם צו די פיס און קושען די קנעכעל; שרייט א שונא: „נרפים אתם נרפים“, איהר מאַכט נאר פּיראַמידען און ווילט אליין קיין שטרוי נישט קלייבען... ווערט א געשריי: „שטרוי קלייבען איז די עהרליכסטע פּרנסה!“ שרייט א המן: „ודתיהם שונות מכל עם ועם“, ווערט א געשריי אויף דער גאַנצער ליניע: שערט אונטער די ארזי הלבנון, זיי זאָלען נישט העכער זיין, ווי געוועהנליך גראָז! וויל עמיץ פון אונז פּויערען מאַכען, ווערט אין דער מאָדע די סאָכע!

— — — — — — — — — — — — — — — —

איין טאָג שטעלען מיר סדום׳ס בעטעל פאר אונז אליין. ווער עס איז לענגער, שניידט מען אונטער; ווער — קירצער, ציהט מען איהם אויס, אז די ביינער קנאַקען און מיר גלויבען, אז די מענש־הייט איז א צעך, ציוויליזאַציאָנען זענען קנעפּ און מעהר, ווי זעקס־אַכט מינים השכלות, טאָרען נישט זיין.

אמאָל ווילען מיר זיין, ווי די נידעריגסטע ברואים אין דער נאַטור, מיר ווילען קיין אייגענע קאָליר נישט האָבען... נאר —

שארע — אויף דער ערד, ברוין — אויפ'ן שטאם, גרין — אויף דעם צווייג, אבי מען זאל אונז נישט דערקענען! און מארגען, דאכט זיך אונז, אז דער צלם אלקים שטעקט אין שטריימעל מיט פאות! מיר זענען די ערשטע צום געטא, די ערשטע צו וואלאפיק!

און ווייניג נאך, וואס מיר זענען געווארען כחומר ביד היוצר, א שטיק ליים צום קנעטען, מיינען מיר נאך, אז די צורה, וואס דער פרעמדער האט אין אונז אויסגעקנעטען, איז טאקע דאס אמת'ע אידישע פנים.

בילדונג דארפען מיר, בילדונג, ליכט! מיר ווילען מאכען רע־וויזיע אין אונזער אוצר, זעהן, וואס א ו נ ז ע ר איז, וואס פרעמדס! און דער עיקר — וואס גוט איז, און וואס שלעכט.

און נישט א י י נ ע ר זאל זעהן און די רעשט זאל גלוי־בען אויפ'ן ווארט; דאס פאלק א י נ ג א נ צ ע ן ווילען מיר בילדען, מענער, ווייבער און קינדער. יעדערער זאל זעהן, יעדע־רער זאל פיהלען, יעדערער זאל פארשטעהן.

אונזער גאט איז נאהנט צו אלעם; אונזער תורה איז שוין נישט אין הימעל, מען זאל זי דארפען ערשט פון דארט אראפברענ־גען. א ל ץ זאל זיין יעדען נאהנט און פאר יעדען אפען!

ב.

מיר ווילען בילדען דאס פאלק, און שרייבען זשארגאן, וויל מיר האבען אן ערד פון דריי מיליאן נפשות, וואס פארשטעהען נאר זשארגאן. נאר מיר האלטען נישט דעם זשארגאן פאר היי־ליג. מיר סימפאטיזירען גאנץ אפען מיט די, וואס ווילען דעם זשארגאן אויף א לעבעדיגער לאנדעס־שפראך פארטוישען.

מיר ווילען נישט זיך אליין גוטוויליג פארשליסען אין געטא. ביי דער ג ר ע ס ט ע ר עמיגראציע, מיט די ג ר ע ס ט ע מיטעל, וועלען דאך אייניגע מיליאן אידען מוזען בלייבען וואוינען צווישען פעלקער, און מוזען האבען מיט זיי מגע ומשא ומתן. די אייניגע מיליאן אידען מוזען זיין בירגער אין די לענדער, וואו זיי פארבלייבען, זיי מוזען אן אנטייל נעמען אין דעם לעבען פון פאלק, מיט וועלכען זיי וואוינען צוזאמען.

נאך שטארקער סימפאטיזירען מיר מיט די אנהענגער פון

„שפה־ברורה", ווי ווייט זיי שטעלען זיך אלס צוועק, צו פאַרבריי־טערען די העברעאישע ליטעראטור, צו שטיצען די שריפטשטעלער, וכדומה.

מיר ווילען דאָס פאלק אינגאַנצען זאָל קענען העברעאיש, כדי עס זאָל נישט דאָס תנ"ך'ל פאַרגעסען... דאָס תנך'ל איז דער אוצר פון אונזער אמונה, פון אונזער נאַציאָנאַליטעט, פון אונזער עטיק (מוסר)! מען דאַרף זעהן, עס זאָל זיין ביי יעדען איד, נישט נאָר אין שראַנק, נאָר אויך אין האַנט, אין האַרץ, און אין מח... מיר ווי־לען אייביג לעבען, און אייביג איז נישט צו באַרעכענען. עס טויש־ען זיך די צייטען, עס טוישען זיך טעג און נעכט... מאָרגען קאָ־נען מיר ווייטער קומען צו גרויסע נסיונות, דאַמאָלט קאָן אונז נאָר דאָס תנ"ך'ל מוט געבען און כח.

און עס איז ווייניג, אז אונזער עטיק שטעהט העכער שוין טויזענטער יאָהרען, מען דאַרף, אז יעדער פון אונז זאָל פיהלען און וויסען, פ אַ ר וואָס און מ י ט וואָס זי שטעהט העכער! עס איז ווייניג פאַר אונז, אז מיר בלייבען אידען, ווייל מיר זענען גע־בוירען אַזוי, ווייל מיר זענען געוועהנט דערצו, ווייל אונזערע רבנים און גוטע אידען זאָגען, אז מיר זענען אידען און פאַרזיכערען, אז עס איז גוט אַזוי; מיר ווילען, אז יעדערער זאָל האַנדלען לויט פעסטער איבערצייגונג! זאָל דער אסימיליאַנט נישט מיינען, אז ער שיצט נאָר די דולדזאַמקייט, דאָס סבלנות; זאָלען פרויען נישט מיינען, אז זיי ליידען דורך די יולדת־קוויטלעך, וואָס הענגען אויף די ווענט; זאָל דער מתנגד נישט מיינען, אז מיר דערהאַלטען זיך ביי אידישקייט צוליעב דעם תקון שבועות, און דער חסיד — צו־ליעב צרופין מיט השבעות — אַלע זאָלען וויסען, אז מיר זענען זיך מוסר נפש פאַר אונזערע הויכע אידעאַלען, אונזער מענשהייט, אונ־זער מוסר.

באַזונדער האָט לשון־הקודש פאַר אונז אַן אַנדער ווערט.

אַ יחיד איז קיין פרייער איינציגער פּונקט אויף דער וועלט; ער איז אַן אויג אין דער נעץ, וואָס פאַרשפּרייט זיך אויף אַ גע־וויסען פּלאַץ אויף דער ערד; די נעץ איז זיין דור. אַ מענש איז אינאייננוועגס אַ רינגעלע פון דער אומגעהייעריגקייט, וואָס ציהט זיך פון אברהם אבינו עד סוף כל הדורות.

ו ו ע ר קאָן אויף זיך זאָגען, אז ער געהערט צו אַ פאָלק?

דער, וואס האט פארבינדונג מיט אלע אויגען פון דער נעץ, פון דער פארשפרייטער אויף דער גאנצער וועלט, און קען גוט די קיים, וואס ציהט זיך פון אברהם אבינו ביז דעם היינטיגען טאג.

די העברעאישע שפראך, וואס אלע אידען פארשטעהן אין אלע לענדער, איז דער רימען, וואס האלט צוזאמען די רעדלעך, זיי זאלען זיך נישט פונאנדערלויפען; דער איינציגער קליי, וואס האלט אונזערע צושיטע ביינער צוזאמען.

די העברעאישע שפראך האלט אויך צוזאמען די רינגען אין דער צייט. זי פאראייניגט אונז מיט משה רבינו, מיט די נביאים, מיט דער משנה, מיט דער גמרא, מיט אלע אונזערע גרויסע שטערען, וואס האבען אמאל אויף אונזער הימעל געלויכטען!

די העברעאישע שפראך בינדט אונז צוזאמען מיט די, וואס האבען פיראמידען געבויט; מיט די, וואס האבען זייער בלוט אויף ירושלים'ס מויערען פארגאסען, ווי אויך מיט די, וואס האבען אויף דעם ברענענדיגען פייער „שמע ישראל!“ געשריען.

פארגעסען די העברעאישע שפראך הייסט: פארגעסען די תורה, די נביאים, פארגעסען די געשיכטע, אפרייסען זיך, ווי א צווייג פון בוים, פוילען א קורצע צייט און — פארשוואונדען ווערען!

נאר מיט העברעאיש אליין קאנען מיר דערווייל נאך נישט דורכקומען.

עס זענען דא צווישען אונז שאוויניסטען פאנאטיקער, וואס מיינען, אז איבער נאכט קאן מען א שפראך לעבעדיג מאכען; אז עס איז גענוג פיערציג-פופציג בטלנים זאלען מאכען ביכלעך און פארשרייבען אלע נייע ווערטער, וואס זיי וועלען טרעפען אדער אויסקלערען, און דערנאך מאכען דערפון א פאלקאמען ווערטער-בוך; עס זענען דא בטלנים, וואס ווערען דערפרעהט, אז זיי זעהען א העברעאישען ראמאן; וואס קריגען קעלבערנע התלהבות פון א העברעאישען וואנט-קאלענדאר; עס זענען דא אזעלכע, וואס ווילען שוין די קינדער אויף העברעאיש ערציהען! זיי ווייסען נישט, אז די שפראכע איז נאר די פ א ר ם, דער ת ו ך מוז זיין די א י ד ע ע. זיי האבען קיין באגריף נישט דערפון, אז ווערטער זענען נאר סמנים פון באגריפען, אז ווער עס וויל זיין א י י ג ע נ ע שפראך — מוז פריהער זיין אייגענע ב י ל ד ו נ ג האבען.

„ואם הייתי הלילה לאיש“ — מען זאָל היינט ביינאַכט שוין אָנ־הויבען רעדען העברעאיש, מיט געוואַלד שאַפען באַגריפען. „הלהן תשברנה?“ קאָנט איהר דאָס גאַנצע פאָלק לאָזען שטעהן און וואַר־טען? וואָס זאָל דערווייל דאָס אָרעמע פאָלק טון? דערקוויקען זיך מיט שמ״ר׳ס ראָמאַנען?

זאָל שוין אפילו דאָס גאַנצע פאָלק רעדען העברעאיש, וועלען מיר דערפון האָבען אַ ציוויליזאַציע? נאָר דער פאַנאַטישער שאָ־וויניזם קאָן אויף דעם רעכענען.

שטעלט אייך פאָר, אַז עס איז אייך געראָטען, אַז אונז האָט זיך געטראָפען אַ פאַרקערטער נס, ווי יוסף הצדיק: איהם האָט אַ מלאך אויסגעלערענט אין דער תפיסה אין איין נאַכט אַלע שבעים לשונות, און צו אונז איז געקומען אין דער תפיסה אריין דער מלאך של שכחה, אַ שנעל געגעבען אונטער דער נאָז, און מיר האָבען אַלע לשונות פאַרגעסען, (אויסער אביסעל ווערטער, אבי מען זאָל קאָנען קויפען ביים פויער אַ קערצעל תבואה); צינד לאָמיר מאַכען אַ רעכענונג, וואָס אונז איז געבליבען אין אונזער פאַרמעגען!

עס וועט זיך באַלד אויסווייזען, אַז מיט די שפּראַכען האָבען מיר אַלע אידעען פאַרגעסען: ערשטענס, האָבען מיר פאַרלוירען אַלע דאָקטוירים, אַלע אדוואָקאַטען, אַלע טעכניקער אַלע וויסענ־שאַפטליכע מענשען בכלל; מיר האָבען אין העברעאישען קיין איינציגע וויסענשאַפט!

ביז דעם היינטיגען טאָג איז די ניי־העברעאישע ליטעראַטור זעהר אָרעם. צווישען גאַנצע פודען ביבולע, פאַרדרוקטע מיט שרפות, מעשות פון געהאַנגענע, פון מחלוקת׳ן אין קליינע שטעדט־לעך, באַשרייבונגען פון נייע בענק אין אַן אַלטער באָד, אין אַן „עיר ואם בישראל“ האַציפּלאַץ, קינות אויף אַ געשטאַרבענעם גביר צו אַ דין — צווישען גאַנצע פודען שמאַטעס, קאָנט איהר היינט געפי־נען, כאָטש זעלטען, אַ קליינעם אָרגענטליכען אַרטיקעל!... אַ טראָ־פען געזונטען פאַרשטאַנד אין אַ ים פון דומהייטען!

נאָר דער טראָפען איז אויך נישט געבליבען... ער איז אויך געוועזען פון יענער זייט גרענעץ... קוקט אייך צו בעסער, וועט איהר זעהן, ווי דאָס קליידעל ליגט אויף דער מיוחסת טאַקע, ווי אַ גע־באַרגטס!

אמת, אונזער מלמד׳ישער שאוויניזם פיהרט אונז אלע מאל אויפ׳ן הימעל ארויף נייע שטערען, וואס לייכטען אין פינסטערען גלות... נאר וועמען נארען מיר דערמיט? וועמען נארען מיר, אז מיר נעמען א פורים־רב און מאכען איהם פאר א פאלקס־דיכטער, א בדחן מיט גראבע ווערטלעך — און לעגען איהם אויף דעם גראַבען פארשוויצטען שטערן א לארבער־קראנץ א לא מילטאן? וואס פארדינען מיר דערמיט, אז מיר מאכען פון שמאטע־פליקער — אר־בעאלאגען, פון שלעכטע איבערזעצער, וואס טראגען איבער א פרעמד ווערק פון דער באבע יאכנעס צייטען מיט אלע דרוק־פעה־לער — אז מיר מאכען פון זיי דענקער און פילאזאפען?

די שאראווארעס מאכען נישט דעם קאזאק, דאס שטריימעל — פון בעדער קיין רב, און אז איין בעטלער רופט דעם צווייטען „גביר״, האבען זיי ביידע דערפון קיין קאפיקע!

אונזערע גרויסע לייט זענען, ווי די בערג אויפ׳ן וועג; פון דערווייטענס, מכלומר׳שט, סיני׳ס, אררט׳ס; קומסט דו נעהנטער, שלאפען אויף זיי ארויף די פערד און פארגעסען זיך אפילו אפצור־שטעלען!

דער שאוויניזם איז געפעהרליך!

העברעאיש מוזען מיר קענען אלס אידען, נאר — אלס גע־בילדעטע מענשען, אלס לעבעדיגע מענשען, מוזען מיר קענען די לאנד־שפראך. אין לשון הקודש שטעקט אונזער רעליגיאן, אונ־זער נאציאנאליטעט, אין דער לאנד־שפראך — אונזער בילדונג, אונזער געוועהנליך לעבען.

האנדלען אויף העברעאיש און לערנען די ביבעל אויף דער לאנד־שפראך, זענען צוויי גאר גלייכע דומהייטען. צ ו ו י י שפראכען מוזען מיר קענען, אויף דעם זענען מיר אין גלות! אויף דעם זענען מיר צושפרייט און צווייחט צווישען פעלקער! וואס דארפען מיר נאך דעם זשארגאן? נאר ווער פרעגט אונז אן עצה? עס עקזיסטירט א דריטע שפראך, דריי מיליאן נפשות פיהרען זי. און אויב מיר ווילען די דריי מיליאן נפשות בילדען, קאנען מיר נישטווארטען ביז זיי וועלען זיך אנדערע שפראכען אויסלערנען! גוטע עלטערען רעדען פריהער נאך דעם קינד, איידער דאס קינד לערענט זיך אויס רעדען, ווי די עלטערען; קיין שפראך איז אן־און־פאר־זיך נישט הייליג, נישט גוט, נישט שלעכט. די שפראך

איז נאָר אַ מיטעל, איינער זאָל דעם אנדערען פארשטעהען און געבילדעטע מענשען זאָלען אויף די אומגעבילדעטע ווירקען.

עס וואָלט בעסער געווען מיר זאָלען נאָר דאַרפען א י י ן שפּראַך קענען, על כל פנים נאָר צוויי, מיר מ ו ז ע ן אָבער קענען אַלע ד ר י י!

עס טרעפען זיך צווישען אונז נדיבים, וואָס האָבען אַ ברייט הארץ און אַ פרייע האנט על חשבון הגביר, אויף הקב"ה'ס רעכע־נונג; דער דאָקטאָר ק. מאַכט אַ חשבון, אז יודענטום איז נאָר ער מיט אַ מנין בטלנים, וואָס דאַווענען מנחה ומעריב; די רעשט שטרייכט ער אויס! ווער עס קען קיין העברעאיש, איז נישט בכלל ישראל... אַן אַנדערער דאָקטאָר וויל איבערפיהרען נאָר איין האַלב מיליאָן אידען קיין ארץ ישראל, דאָרט וועט זיין דאָס גאַנצע יודענ־טום, די רעשט דאַרף ער נישט, די רעשט שענקט ער אוועק, ווי די בני משה, ווי די עשרת השבטים...

מיר זענען קיין גרויסע נדיבים, מיר האָבען נישט אַזאַ ברייט הארץ, און נישט אַזאַ יד פתוחה; פאַר אונז זענען אַלע אידען — אידען; מיר ווילען פאַר אַלע ארבייטען! און דער עיקר פאַר דער מאַסע!...

זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו פאַרטרעטען די מוטער־שטעלע אין אַ אידישען הויז; דעם פּלאַץ פאַרנעמט און דאַרף פאַר־נעמען לשון הקודש; זשאַרגאָן האָט קיין פּרעטענזיע צו דער לעה־רער־שטעלע, דעם פּלאַץ מוז לעת עתה פאַרנעמען אַ לאַנד־שפּראַך; זשאַרגאָן איז נאָר אַ ניאַנקע, זי וויל נאָר אויסלערנען געהן, זיצען, אַ נ ה ו י ב ע ן רעדען... דערנאָך — מעגט איהר די ניאַנקע ארויס וואַרפען, אָדער, אויס דאַנקבאַרקייט, איהר איבערלאָזען אַן אָרט ביים טיש!

נאָר — ווער עס וויל דאָס פאָלק קענען, און ווער עס וויל דאָס פאָלק לערנען — דער מוז קאָנען רעדען און שרייבען זשאַרגאָן.

ג.

מיר ווילען בילדונג, נאָר מיר מיינען נישט ד י בילדונג, פון וועלכער מען האָט א מ אָ ל גערעדט. נישט די בילדונג, וואָס אנטוויקעלט נישט הארץ און מח, וואָס מאַכט דעם מענש נישט

קליגער, נישט בעסער, נישט פעהיגער, נאָר בלאָנזשירט איהם אָפּ דאָס פּנים, לערענט איהם בויגען זיך און בוקען, פיין פאַרשפּיצען דאָס בערדעל און אַנרופען א הונט אויף עטליכע לשונות.

מיר מיינען ד י בילדונג, וואָס מאַכט פאַבריקען, באַנען, שאַ־סייען; בילדונג, וואָס לערענט ארבייטען — זיך און דער וועלט צום נוצען, אויך ד י בילדונג, וואָס מאַכט דעם מענש עהרליך און גוט.

ד י, וואָס ווילען נישט ד י בילדונג אויך, האָבען א ברירה! לאָזען זיי זיך פריהער אָפּזאָגען פון אַלע טובות, וואָס זיי האָבען פון דער בילדונג; זאָלען זיי נישט וואוינען אין הייזער, נאָר ווי ווילדע מענשען אין היילען פון ערד און שניי, אין לעכער פון פעל־זען ביים ים; זאָלען זיי נישט טראָגען קיין געוועבטע און קאָלירטע קליידער, נאָר טראָגען זיך, ווי אָדם און חוה אין גן־עדן, אָדער, ווי עד היום נאָך, די חיות אין וואַלד... לאָזען זיי זיך באַגניגען מיט נים פון וואַלד, ווי אַפען (מאַלפּעס). מיט רוי פלייש — באַ! „עם הארץ אסור לאכול בשר!", א גראָבער יונג טאָר קיין פלייש אויך נישט עסען... איהם קומט נאָר על פּי דין די טרפה, די נבלה, וואָס מען געפינט אויף דעם פעלד, נאָר טויטע פיש, וואָס דאָס וואַסער וואַרפט אַליין אַרויס! בפרט, ווי קומט צו איהם זעמעל און ברויט? וואָס פאַר א רעכט האָט ער צו טראָגען קאַלאָשען, צו טרעטען אויף טראָ־טואַרען, צו פאָהרען אויף שאָסייען מיט פּאָסט, אויף באַנען? ער דאַרף נעמען א גרויסען שטעקען אין האַנט אַריין און געהן צו־פוס... קומט ער צו א וואַסער, דאַרף ער העכסטענס א בוים אויסרייסען און וואַרפען איבער דעם שטראָם — נאָר ווי קומט צו איהם בריי־קען, שיפען, דאַמפּף־מאַשינען?

די אַלע זאַכען האָט די בילדונג געמאַכט! זי האָט אונז הייז־זער געבויט, געלערענט פיה ציכטיגען, פיש כאַפּען, האַלטען און מאַכען פייער, זי האָט אונז געגעבען דעם פלוג, די בראָנע, דרעש־מאַשינען און מיהלען; זי האָט געמאַכט אַלץ, אַלץ — אָהן וואָס א מענש קאָן זיך נישט באַגעהן.

צי לעבט א פאָלק צווישען פעלקער צושפּרייט, צי גאָר אַליין פאַר זיך — אָהן ד ע ר בילדונג מוז עס אונטערגעהן!

ד י בילדונג מוזען האָבען ד י, וואָס רעכענען אויף בעסערע

צייטען, ד י, וואָס זוכען אין אמעריקא פּרנסה, און ב פ ר ט ד י — וואָס ווילען אויפוועקען א טויטע שפּראַך, צוריק אויפ־בויען א וויסט לאַנד...

מיט אומגעלומפּערטע הענט, מיט א לעדיגען האַרץ, מיט א לעע־רען מח — קאָן מען דאָס אַלץ נישט באווייזען...

קיין איינציג לאַנד אויף דער וועלט, קיין איינציג פאָלק, ווי געבילדעט עס זאָל נישט זיין, וויפיעל גראַד היץ עס זאָל נישט ווייזען זיין טערמאָמעטער פון מענשען־ליעבע, וועט נישט גערן אריינלאָזען א מאַסע פאָלק, וואָס פאַרמאָגט נישט מעהר — נאָר א הונגעריגען מאָגען!

ארץ ישראל שטעהט אויך נישט אזוי פריי פאַר אונז, דאָר־טען איז אויך דאָ א פאָלק און א רעגירונג, וואָס האָבען אויך א דעה... אונזער רעכט אויף דעם לאַנד איז עלטער... נאָר אונזער אדוואָקאַט האָט נאָר א מויל צום רעדען, בשעת, ווען דאָרט איז דאָ באוואָפענטע קראַפט... מיט וואָס געהען מיר? מיט אונזער עשירות, וואָס איז קיינמאָל נישט געשטויגען, נישט געפלויגען? מיט'ן ספּרים צום האַנדעל? מיט וואָס וועלען מיר עמיגרירען? עמיגרירט, מיט וואָס און פון וואָס וועלען מיר לעבען?

און דעריבער איז נאָך וויכטיגער די בילדונגס־פראַגע אין ארץ ישראל. דאָרט וועט שוין זיכער נישט זיין „זכה, מלאכתו נעשית על ידי אחרים"... דאָרט וועט מען שוין מוזען לעבען אַן א י י ג ע ן לעבען, מוזען האָבען אייגענע אקער־בוי, אייגענע וועגען, אייגענע פאַבריקען, אייגענע באַנען...

נאָר, וואו די השגחה וועט איינעם נישט וואַרפען, וואו יעדען פון אונז וועט אַלץ אויסקומען צו לעבען און צו ווירקען — איז בילדונג דער באַזיס, די איינציגע קוועל, פון וועלכער עס קאָנען אונז בעסערע יאָהרען אַרויספליסען... און דעריבער דאַרפען מיר בילדען דאָס פאָלק!

מיר דאַרפען בילדען דאָס פאָלק! מיר דאַרפען ליכטיג מאַכען יעדען איד אין מח, וואַרעם אין האַרץ און געבען אין דער האַנט אריין א מיטעל צום לעבען, צ ו ם זעלבסטשטענדיגען לעבען!...

ד י בילדונג — האָט, אויסער נאַרען, קיין שונאים נישט.

ה.

די בילדונג איז אונזער פראגראם און מיר בעטען אלע אמת־געבילדעטע מענשען, זיי זאלען אונז מיטהעלפען בילדען דאס פאלק.

מיינט נישט, איהר געבילדעטע מענשען, אז איהר זייט יוצא דערמיט, וואס איהר ארבייט פאר א גרעסערען כלל, מכלומר'שט פאר דער גאנצער מענשהייט.

עס איז נאך עד היום קיין מענשהייט נישטא. אויף דער וועלטס־ביהנע שפילען נאך איינצעלנע טרופען, איינצעלנע פעלקער, פארשידענע ציוויליזאציאנען.

מיר גלויבען נישט אין וואלאפיק, נישט אין עספעראנטא; מיר האפען אויך אויף דער אלגעמיינער מענשהייט, נאר נישט אויף ד ע ם וועג וועלען מיר קומען צו איהר. קיין איינציגע שפראך געהט שוין נישט פארלוירען, קיין איינציג פאלק דארף נישט פארניכטעט ווערען, קיין איינציגע ציוויליזאציאן איבערגעהאקט. דאס אלגעמיינע נאר אין די שפראכען, אין די פעלקער־כאראקטערען, אין די ציוויליזאציאנען — וואקסט, און עס וועט וואקסען, ביז עס וועט ווערען איין ציוויליזאציאן, איין שפראך, איין מענשהייט.

די צוקונפט איז א טיגעל, אין וועלכען אלע מעטאלען וועלען זיך צושמעלצען און עס וועט ווערען א ג א ל ד ע נ ע צ י י ט. נישט די אומוויכענדע גאלדענע צייט פון גן־עדן־הקדמון, פון וועלכער עס האט זיך אויך רוסא'ן גע'חלום'ט, נאר די גאלדענע צייט, פון וועלכער ישעיה זאגט נביאות: „ומלאה הארץ דעה את ה' כמים לים מכסים... ולא ישא גוי אל גוי חרב ולא ילמדון עוד מלחמה וכו'*)".

נישט דערפאר האבען מיר טויזענטער יאהרען געליטען, מיר זאלען אונזער ציוויליזאציאן פארגעסען; מיר ווילען און דארפען זי ווייטער פיהרען, אום זיך מיט דער מענשהייט אויף גלייכע רעכט

---

*) און די גאנצע ערד וועט פארפולט זיין מיט קענטען גאט, ווי דער ים איז מיט וואסער פארפולט. עס וועט איין פאלק קעגען דעם צווייטען נישט אויפהויבען קיין שווערט, מען וועט זיך שוין קיין קריג נישט לערנען א. ז. וו.

צו פאַראייניגען. מיר ווילען אויך האָבען א חלק אין שותפות, מיר ווילען אויך זיין אין דער פירמאַ.

מיר האָבען אונזערע אידעען, אונזערע באַגריפען, אונזער וויץ, אונזער וועלט־אַנשויאונג — העלפט אונז זיי צו אַנטוויקלען.

אין גלות זענען מיר א צייט פאַרגליווערט, פאַרשטאַרט, קריס־טאַליזירט געבליבען, מען דאַרף אונזערע ציוויליזאַציאָן אויפטויען, אויפהויבען, לעבעדיג מאַכען.

דורך אייך, וואָס איהר האָט ביז אהער נאָר אין פרעמדע פעל־דער געאַרבייט, איז אונזער אקער פאַרווילדעט און פאַרדאַרנט גע־וואָרען; דאָרט פעהלט נישט קיין הענט, ביי אונז — פעהלען זיי ליידער צופיל! דורך דעם, וואָס איהר האָט ביז אהער אונטער פרעמדע נעמען געווירקט, דאַכט זיך מאַנכען, אז ער האָט אין דער וועלטס־ווייסענשאַפט קיין חלק נישט. אונזער פאָלק האָט געמוזט גייסטיג באַנקראָטירען, ווייל פון אנדערע פעלקער האָט קיי־נער פאַר איהם נישט געאַרבייט, בשעת ווען אונזערע געבילדעטע האָבען נאָר פאַר פרעמדע געווירקט.

איהר זענט אויף דער וועלט צו פריהע מענשהייטס־בלומען; איידער פאַר אזעלכע בלומען וועט אויפשיינען די זון, וועט זיי דער פראָסט אונטערשלאָגען, דער שניי פאַרשיטען, דער ווינט מיט דער ערד פאַרקערען!

נישט איינצעלנע מענשען דאַרפען און קאָנען זיך פאַראייני־גען, נאָר — פעלקער!

קומט צוריק צום פאָלק, זייט אָן עמוד ענן בייטאָג, זייט אָן עמוד אש ביינאַכט! פיהרט איהם, נאָר לויפט נישט פאָראויס און לאָזט איהם נישט אין מדבר.

איהר לעגט אָן א פייער אונטער'ן אָפענעם הימעל, בשעת ווען ביי אייך אין שטוב ווערט מען געפרוירען אָדער דערשטיקט פאַר רויך.

כל־זמן עס איז קיין אלגעמיינע בילדונג נישט דאָ, איז יעדער איינצעלנער מענש א פּראָדוקט פון זיין נאַציאָן; נעמט איהם באַלד פון דער ברוסט אוועק, אין זיין מח ליגען שוין איינגעוויקעלט פאַר־שלאָפענע, גע'ירש'נטע פעהיגקייטען, וואָס וועלען שפּעטער ער־וואַכען און אַנטוויקעלט ווערען! „גיורא עד עשרה דרא“!

רעדט וואָס פאַר א שפּראַך איהר ווילט, זאָלען זיך אייך שי־

טען פערעל פון מויל, פארקינדערט, וואס פאר אידעען איהר ווילט; אייער בארעדזאמקייט איז דער ר"ן אויף נדרים, אייער וויץ — א געבווירענער גלות־וויץ, אייער שארפזין שמעקט אומגעהויער נאך „אדרבא—איפכא", נאך „מאי קא משמע לן"! „ואם תמצא לומר"!

כל־נדרי קאן מאיר־בער'ן נישט ארויס פון קאפ, ער בלאנקעט זיך איז אלע זיינע מעלאדיען; היינע און בערנע זענען אידען אין יעדען ווארט, אין יעדען וויץ, אין יעדען ערנסט!

איהר זייט אונזער, דארפט איהר ביי אונז אין ווייגגארטען ארבייטען.

די מענשהייט ליגט נאך אין וויגעל; וואס איהר רוימט איהר היינט איין אויער, וועט זי דערנאך נישט געדענקען, זי וועט גאר פיהרען דאמאלט אן אנדער שפראך...

העלפט בילדען דאס ארעמע אומגליקליכע פאלק; לאזט עס נישט איבער ביי פאנאטיקער אין די הענט, זיי זאלען דערפון דאס רעשט ביסעל בלוט אויסזויגען, אויסנאגען דאס לעצטע ביסעל מארך פון די דארע ביינער.

לאזט עס נישט ביי פאנטאסטער אין די הענט, זיי זאלען עס נישט אין אלע וויסטע מדבריות פארפיהרען! לאזט נישט אינגלעך און ישיבה־בחורים פיהרען דאס רעדעל — עס איז א רחמנות אויף דעם פאלק! מען דארף עס נישט לאזען פאלען! דאס פאלק האט אין זיך א מאסע לעבענס־קראפט, אן אוצר ענערגיע, דאס פאלק איז א טרעגער פון א ציוויליזאציאן, וואס די וועלט פארקענט, נ י ש ט צו איהר נוצען, פון אזעלכע אידעען, וואס וואלטען איהר שטארק צונוץ געקומען. דאס פאלק איז אן אייביגע בלום... בייטאג, ווען די זון שיינט, ווען דער מענשען־גייסט אנט־וויקעלט זיך, לעבט זי אויף, אנטוויקעלט איהרע בלעטער; קוים אבער קומט די פינסטערע נאכט, מאכט זי זיך צו, קארטשעט זיך איין, פארשליסט זיך אין זיך אליין... דאמאלט, דאכט זיך, אז עס איז א געוועהנליכער לעדיגער דארען... און ווען עס שיינט צ ו ר י ק אויף די זון, געדויערט לאנג איידער די זון דערקענט די בלום, אויך איידער די בלום ווערט געוואר, אז די זון שיינט... אי־בער נאכט ווערט זי פארשטויבט און באשמוצט, און נישט גע־שווינד דרינגען דערנאך די ליכטיגע שטראלען דורך!

העלפט דעם פאָלק, עס זאָל זיך באַלד אין דער פריה מיט דער זון דערקענען.

— — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — —

און דער עיקר דאַרף מען זעהן, ווי ווייט מעגליך איז, דאָס פאָלק זאָל האבען פרנסה...

.1890

וואָס הערט זיך?

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

פון אונזער לאַנג א י ז לאַנד, האָבען מיר וועניג וואָס צו רעדען; זי איז יעדען לעזער גאַנץ גוט באַקאַנט...

מיר קאָנען נאָר פאַרצייכענען דעם פאַקט, אַז אין דער לעצ־טער צייט, וואָס איז שלעכט פאַר דער גאַנצער וועלט, זענען די א י ד י ש ע פּרנסות אַזוי געפאַלען, אַז אפילו אונזערע שונאים האָבען שוין נישט דאָס ה א ר ץ צו רעדען פון אונזער אַנגע־גזל'טער עשירות. זיי זענען שוין מודה, אַז מיר זענען אָרעם, ז ע ה ר אָרעם. אַז, צוזאַמענגעדריקט אין שטעדט, געניגט נאָר אונזער הכנסה אויף קוים א שטיקעל ברויט מיט א ציבעלע אָדער א צויינדעל קנאָבעל; נאָר דאָס, זאָגען אונזערע שונאים, קומט אונז אויך נישט. פאַר רחמנות וואָלטען זיי צוגעלאָזט צום מויל א פּאָר ברויטלעך מיט עטליכע ציבעלעס און א צעהנדליג קנאָבעל, נאָר פיער מיליאָן ברויטלעך א טאָג, פיער מיליאָן ציבעלעס, א צוויי מיליאָן קנאָבעל יעדען טאָג — דאָס זאָגען אונזערע שונאים, קומט אונז נישט. זיי רעכענען אויס, וויפיעל עס קאָסט א יאָהר, א שמיטה, א יובל און שרייען געוואַלד.—

— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — — — — —

דער אַנטיסעמיטיזם אין אויסלאַנד שטעהט אויפ'ן אייגענעם אָרט; קיין נייעס איז ער נישט, אין אַלע דורות זענען געוועזען אַנ־טיסעמיטען, נאָר אין גוטע צייטען, ליגען זיי פאַרשטעקט אין די

לעבער און מען הערט נישט זייער קול; קומען שלעכטע צייטען... שטעהען זיי אויף בימה'ם און דרש'נען.

אין עסטרייך און פרייסען האבען זיך געמאכט געזעלשאפטען צו ווירקען געגען די אנטיסעמיטען. אין עסטרייך זענען צוגע־שטאַנען דערצו פון אדעל און גרויסע באַאמטע; אין פרייסען נישט, די סבה איז א פשוט'ע: אין פרייסען וויל די רעגירונג שטארקען דעם נאַציאָנאַליזם, ווייל ער האלט גאַנץ דייטשלאַנד צוזאמען, און דעריבער קוקט זי אביסעל דורך די פינגער אויף די אנטיסעמיטען, וואָס ווילען אויסרייניגען דייטשלאַנד, עס זאָל בלייבען נאַר פאר ריינע דייטשען; דעריבער האלטען זיך די באאמטע און דער אדעל פון ווייטענס; דאַגעגען אין עסטרייך, וואָס עס איז צוזאמענגע־שטעלט פון פאַרשידענע פעלקער — דייטשען, אונגארן, בעהמען, פאָליאקען און אנדערע, איז דער אנטיסעמיטיזם — ווי ווייט ער איז נאַציאָנאַל — פאַר דער רעגירונג געפעהרליך, און דעריבער האבען זיך דער אדעל און די באַאמטע צוגעשלאָסען צו דער געגען־פּאַרטיי.—„מעז יצא מתוק"!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

וועניג וואָס האבען מיר צו זאגען וועגען דער עמיגראַציע. מעהר וועניג איז יעדען באַקאַנט, אז קיין רעגירונג איז נישט צופרידען, אז עס קומען צו איהר אָרעמע לייט מיט לעדיגע הענט. אין יעדען לאַנד אין אייראָפּא, און היינט שוין אפילו אין די פאַראייניגטע שטאַטען אין אמעריקא, איז דאָ מעהר הענט צו דער אַרבייט, אַלס מען ברויכט.

אַלע טאָג קומען ארויס נייע מאַשינען, וואָס פאַרשפּאַרען מענ־שען־אַרבייט. די אַרבייטער דערוויל מעהרען זיך און האבען פון טאָג צו טאָג וועניגער אַרבייט און וועניגער נאָך פאַרדינסט, ווייל דורך דער קאָנקורענץ פאַלט דער לוין פון דער אַרבייט. אין אַלע אייראָפּעאישע לענדער, ווי אויך אין די פאַראייניגטע שטאַטען אמעריקאַס איז דער אַרבייטער־קלאַס אומרוהיג, די רעגירונגען האָ־בען מורא פאַר מרידות, און ווילען על כל פנים נישט לאַזען פאַר־גרעסערען די צאָהל פון פּראָלעטאַריאַט.

וועניגע האָפען אויף בעסערע צייטען פאַר אידען אין איי־ראָפּא, און אפילו די, וואָס האָפען נאָך, רעכענען אויף א לאַנגע,

לאנגע צייט. דעריבער איז, על כל פנים דערווייל, די קאלאניזאַ־ציע א לעבענס־פראגע פאר אידען.

די הויפט שטעלען זענען פאלעסטינא און ארגענטינא. פון ארגענטינא ווייסען מיר זעהר ווייניג. דער באראן הירש האט גע־קויפט ערד, מן הסתם האט ער זיך נישט געלאזט נארען, די ערד איז אודאי גוט, דער קלימאט איז געזונט. עס פעלט אונז נישט איין שטארק מסופק צו זיין, צי אידען זענען פעהיג צו ערד־ארבייט, ווייל דער מוז איז דער בעסטער לעהרער, און א איד איז פון איי־ביג אן א גוטער תלמיד; עס קאן נאר זיין די פראגע, ווי לאנג עס וועט דויערען דאס אויסלערנען, און דאס לאזט זיך נישט איבער־רעכענען; דערווייל איז חשק ביים תלמיד דא געננג, סבלנות האט ער. און א פאר דורות וועלען מוזען ליידען...

עס איז נאר געוועגדט דעריין, די רעגירונג זאל די עמיגראַ־ציע ערלויבען. ווייל אן עמיגראציע, וואס איז נישט געמאכט פאר איינצעלנע מענשען, נאר פאר טויזענטער, דארף קיין מהומה נישט זיין. עס מוז זיין מיט א סדר. געהן דארפען נישט אלע, וואס ווילען, נאר די פון זיי, וואס זענען פעהיג צו ערד־ארבייט. כל התחלות קשות; דערנאך וועט אפשר קומען די צייט אויף דער רעשט. די ערשטע קאלאניסטען זענען דער פונדאמענט פונ׳ם בנין, און צו א פונדאמענט דארף מען גוט, שטארק מאטעריאל און זיין באהוטזאם. יעדערער פאר זיך, ווען ער לויפט, איז ער אפשר גערעכט; דער דלות טרייבט! נאר דעם כלל טוט יעדער איינציגער, וואס לויפט פאר דער צייט, א גרויסע רעה.—

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די קאלאניזאציע פון פאלעסטינא איז עלטער, מיר האבען שוין דארטען אסך קאלאניעס, נאר, ליידער, ווייסען מיר פון דאר־טען אויך זעהר ווייניג, וואס אייך צו זאגען.

נאכפלאפלען מענשען, וואס האבען פאלעסטינא פאר ד׳אויגען נישט געזעהן, האבען מיר נישט דאס הארץ. ווער עס איז א היי־סער פאלעסטיניעץ, האט רעכט אליין צו געהן אומבארעכענט, נאר יענעם הייסען, און דערנאך צו הערען א שאלה: „המבלתי אין קברים". האט קיינער קיין רעכט נישט! יעדער מענש פאר זיך אליין מעג זיך מוסר נפש זיין פאר אן אידעע, אלע ארום איהם קאַ־

נען איהם אפילו פארגעטערען דערפאר; נאָר פארלאַנגען פון גע־
וועהנליכע מענשען מסירת־נפש מיט ווייב און קינד איז נאַריש.

נאָר צי איז באמת דאָ דערביי מסירת־נפש? ווי שטעהען די
קאָלאָניעס, וואס מען האט ביז אהער געמאכט? צי איז באמת פון
דעם „ארץ זבת חלב ודבש" געווארען א „סדום־ועמורה"? עס איז
שווער צו גלויבען, עס לאָזט זיך נישט גלויבען. וויפיעל קללות עס
איז אויף אונז נישט געקומען, קאָנען מיר זיך דאָך נישט איינ־
שטעלען נאָך אויף ד ע ר קללה צו רעכענען!

פאַרוואס דען שווייגען די חובבי ציון? פארוואס הערט מען
זיי פון אלעמען רעדען, און שטארק און היים רעדען, און פון דעם
מאכט מען א שוויג? פארוואס האבען מיר חשבונות פון הוצאה
והכנסה און קיין חשבון פון דעם, וואס עס דארף שוין זיין אונזער
קנין, אונזער נחלה, אונזער אייגענטום?

די חובבי ציון זענען מענשען, און אלס מענשען האבען זיי
אודאי גרויסע פעהלער געמאכט. ווער ווייסט, ווי אזוי מען האט
זיי גענאַרט ביים ערד קויפען; ווער ווייסט, ווי אזוי און ווי ווייט
זיי האבען זיך גענארט אין די ערשטע מענשען, וואס זיי האבען
אויף זייער קראפט און געטריישאפט געהאפט...

אט! דאס בלייבט אונז נאָר צו קלערען... די חובבי ציון,
אלס גרויסע אידעאליסטען, זענען אודאי געוועזען זעהר נישט
פראקטיש ביי פראסטע זאכען, ווי ערד קויפען, פארזייהען, פלאַנ־
צען... און ווייל זיי האבען מורא, מען זאָל נישט זייערע פעהלער
אננעמען אלס פעהלער פון דער ערד — שווייגען זיי בעסער.

צי איז באמת א חלוק פון פארשווייגען דעם אמת און ליגען
זאגען? אדער — צי הייליגט ווירקליך דאס ציל די מיטעל?

מיר וואלטען געהאט אסך דעריבער צו רעדען, נאָר דערווייל
איז עס א „הלכתא למשיחא", די טערקישע רעגירונג לאָזט נישט
אריין קיין אידען, און אויך — עס הערט זיך, אז פון היינט אן זאָל
ווערען אנדערש.

די קאָלאָניזאציע זאָל איבערנעמען דער באראָן הירש, עס
פאהרט אראָפּ, זאָגט מען, א קאָמיטעט פון געלעהרטע באקוקען די
ערד... עס זאָל ווערען ג א ר איננאנצען אנדערש!

דערווייל מוזען מיר ווארטען און האפען.

1891.

װעגען געשיכטע.

אַ באַקאַנטער איד זעצט זיך לעבען מיר אויף אַ באַנק אין קראַשינסקי'ס גאָרטען און פרעגט מיך, וואָס איך בין אַזוי טרויעריג.

— גרעץ איז געשטאָרבען! — ענטפער איך איהם.

— ברוך־דיין־אמת! — מאַכט דער איד — אַ היגער?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

די פראַגע, וואָס ניינציג פּראָצענט אידען וואָלטען געפרעגט אויף זיין אָרט, איז די מאָס, ווי טיף עס איז דער תהום, אין וועלכען מיר זענען אַריינגעפאַלען? וועמען קען נישט דאָס אידישע וואַרשוי? ווער וואוינט נישט אין דער נאַלעווקעס מח, ווער ליגט נישט אויף דער וואָלאָווער צונג? פון וועמען רעדט אַלץ נישט דער אַריסטאָקראַטישער גרזשיבאָוו?

וואַרשוי זאָל קלינגען, דאַרף מען נישט דוקא פאַרשפּילען ווייב און קינד אין דרעדע, אָדער אַרויפקריכען אויפ'ן אויאַזדאָווער קלאָץ.. עס איז גענוג, אַ דראָשקאַרסקע פערד צו זיין, און פאַלען איבער די שינעס פון טראַמווייַ...

דאָך איז ווענינ אַ גרעץ צו זיין, די געשיכטע פון אידישען פאָלק צו שרייבען!

און, אַז מיין שכן הערט פון מיר געוואָר, וואָס גרעץ האָט געשריבען, מאַכט ער ערשט:

— אַ! היסטאָריע! און מיט אַזאַ קול, גלייך ער וואָלט באַוואונדערט עמיצען, וואָס האָט אויפגעגעסען צוועלף האַרטע אייער מיט אַמאָל.

און, אַז איך שפּרינג שיער פון דער הויט אַרויס, פרעגט ער גאַנץ נאַאיוו:

און וואס האט מען פון דער היסטאָריע?

— איהר זענט א איד? — פרעג איך.

— דאכט זיך! — שמייכעלט ער, ווי איינער רעדט: אביסעל מעהר פאר דיר!

— איהר האט עפעס ליעב אידען?

— ווי דען! פיינט האָב איך?!

— איהר ווייסט, אז אלכסנדר מוקדון האט געטראָפען אויף זיין וועג פון סאמע נצחונות א גאנצע מדינה מיט סאמע ווייבער?

— א שאלה דאס איז! עס איז דאך — דאכט זיך — אן עין־יעקב, און אפשר האט עס מיר דער רבי אין חדר דערצעהלט.

— איהר ווייסט, ווען מלכות בית־דוד און מלכות ישראל האָבען זיך צוטיילט? ווען פון איין אידישען פאלק איז צוויי געוואָרען?...

— ווען? וואס טויג מיר צו וויסען ווען?... די מעשה שטעהט אין פסוק.

— און וואו איז אהינגעקומען מלכות ישראל?

— מלכות ישראל — האָבען מיר א קיימא־לן — איז אויף יענער זייט סמבטיון...

— און וואו זענען אהין געקומען די אידען, וועלכע מען האט ארויסגעטריבען פון הישפאניען?

— זיי זענען זיך צולאָפען...

— און די, וואס מען האט ארויסגעטריבען צוויי מאל פון פראנקרייך?

— וואו זאלען זיי זיין! אביסעל איז אודאי ע ר ג ע ץ אוועק, און די רעשט האט זיך צוריק ארייננע'גנב'עט. א שאלה דאס איז!

— איהר ווייסט דאך, וואס אידען ה אָ ב ע ן געליטען, און ליידען ביז היינט אין פרס, רומעניען...?

— אין פרס, ווייס איך נישט; וועגען רומעניען דערצעהלט מען אלע מאל אין שול, פון הצפירה ארויס; האר און נעגעל שטעלען זיך קאפויר!

— און פון „ק ר י י ץ ־ צ י ג ע" ווייסט איהר עפעס?

— פרעגט מיך עפעס גרינגערס!

— איהר קענט נישט קיין דייטש?

— דייטש איז עס?! מילא, — פעהלט מיר א ו ו א ר ט!

— און „נושאי־הצלב“?

— וואס איז דאס פאר א לשון?

— לשון־קדש! איהר ווייסט גארנישט, אז דורך די נושאי־הצלב, אדער קרייץ־ציגע, זענען טויזענטער אידען גע'הרג'עט, גאנצע קהלות חרוב ונחרב געווארען...

— איהר מיינט אודאי שנת ת"ח, כמיעלניצקי'ס צייטען!

— פון אידען אין מאראקא, ווייסט איהר עפעס?

— אין מאראקא? נ י י ן, נישט געהערט!

— און געוואלט וויסען וואלט איהר?

— בא! וויסען! און וו א ס א י ז ד א ר ט! א נ ד ע ר ע מ א ד ע צרות? עס געהט אויף אן אנדערען אופן? גלויבט מיר, — אומעטום א י י ן ו ו ע ל ט... איך דאנק גאט, אז כ'פארגעס דערצו. (פויזע. און נאך א זיפץ:) — און זאגט נאר, איהר לייענט דאך צייטונג, וואס הערט זיך בעסער נייעס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— ניין, — זאג איך צו מיין שכן, — איהר האט אידען נישט ליעב.

— א והא־ראיה? איך גיב קיין געלט נישט? כ'האב נישט! די דייטשען האבען — גיבען זיי!

— נישט דאס מיין איך.

זעהט איהר, די טבע איז פון א בשר ודם, אז ער וויל וויסען אלץ, וואס ריהרט נאר אן זיינס א גוטען פריינד, א קרוב. אז איהר טרעפט, למשל, א קרוב, וועלכען איהר האט שוין עטליכע יאהר נישט געזעהן, ווערט איהר נישט מיד אויסצופרעגען: ווי עס איז איהם איבער דער צייט געגאנגען, וואס ער האט איבערגעלעבט: איהר פרעגט, וואס זיין ווייב, זיינע קינדער מאכען. איז עמיץ פון הויז־געזינט קראנק געווען, ווילט איהר וויסען אויף וואס, צי האט ער גרויסע יסורים געהאט, ווי לאנג עס האט געדויערט, וועלכער דאקטאר, צי וועלכער זנאכאר עס האט געהאלפען; אויב א דאקטאר — צי איז דאס פלעשעלע געווען א רויטס אדער א גרינס, און אפשר גאר א ווייס... אויב א זנאכאר — צי האט ער געזאגט אדער נ א ד איינגעוויקעלט אין רויך... און נישט

דוקא ביי אזוינע װ ו י כ ט י ג ע זאכען... אז איהר דערזעהט אויף אייערם א באקאנטען א ניי מלבוש, ווילט איהר וויסען, ווי טייער ער האט געצאהלט אן ארשין, וויפיעל שניידער־געלט; איהר הויבט נאך אויף די פאלע, צי מען האט איהם נישט גענארט אויפ'ן אונטערלאג...

— אמת, — שמייכעלט דער איד, — דאס קאן איך נישט לייקענען.

— יא, — פאל איך אריין אין נצחון: — און, אז איהר האט ב ר י ד ע ר, זאג איך, אויף דער גאנצער וועלט, ווילט איהר גארנישט וויסען, וואס מיט זיי טוט זיך! און, אז אייערע ברידער ליידען שוין טויזענטער יאהרען, אינטערעסירט אייך נישט צו וויסען, וואס אין דער גאנצער צייט איז מיט זיי געשעהען.

— און פון דאנען — זאג איך ווייטער — איז געדרונגען, אז „עם כל ישראל אחיהם" פון ראש־חדש־בענשען, זאגט איהר מיט דער אייגענער כונה, ווי „לשנה הבאה בירושלים"...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— און אז איך פיהל פארט, אז איך האב ליעב אידען!

— האט איהר א טעות.

— גלאט געזאגט...

— איך וועל אייך אויסווייזען, נאר ענטפערט מיר עהרליך אויף עטליכע שאלות.

— נו!

— איהר האט ליעב אייערע קרובים?

— נישט אלע.

— פארוואס נישט אלע?

— ווייס איך, וואס איהר פרעגט! און אז מיינס א קרוב מאכט זיך לעבען מיר א מסחר, פונקט אזוינעם, ווי איך האב, גלייך עם פעהלט מסחרים אויף דער וועלט, קריכט מיר אין וועג אריין, רייסט מיר ארויס דעם קונה פון געוועלב, דעם ביסען פון מויל,— זאל איך איהם קיין שונא נישט זיין?... אדער, אז איך האב — פון ווייבס־צד — א קרוב א שכור, אדער א מחלל שבת בפרהסיא, — זאל איך זיי ליעב האבען?!

— און אחוץ זיי?

— אחוץ זיי — יא! אלע קרובים, וועלכע איך קען!

— און די, וואָס איהר קענט נישט?

— ווייס איך נישט! איך האָב, למשל, אַ לייבליך שוועס־טערקינד אין אַמעריקאַ, איך האָב'ן קיינמאָל פאַר די אויגען נישט געזעהן!...

— האָט איהר איהם טאַקע... לעג איך איהם אונטער.

— פיינט נישט, גאָר ליעב אויך אויך נישט, אַז איך קען איהם גאָרנישט פאָרשטעלען! האָב ליעב אַ לאַד פון אַ בייגעל, אַז איך קען איהם נישט!

— און אידען בכלל קענט איהר?

מיין „איד" האָט זיך דערפיהלט, ווי אַ מויז אין פאַל, ער וואַרפט זיך: אַט אַהין, אַט אַהער.

— פאַרפאַלען, — זאָג איך — איהר האָט נישט ליעב דעם כלל אידען, ווייל פון כלל אידען האָט איהר גאָר קיין באַגריף נישט! אַ לאַד פון אַ בייגעל! (פויזע).

— מיט וואָס, — פרעג איך, — האַנדעלט אַ איד?

— מיט שפייז, — ענטפערט ער פינסטערליך.

— איהר לעבט שוין אויף דער וועלט אַ יאָהר פופציג?

— פינף און פיערציג! — פאַרבעסערט ער.

— זאָל זיין פינף און פיערציג; אין אייער לעבען האָט איהר דערקענט אַביסעל נעהנטער אַ צוויי הונדערט אידען... פון זיי וואַרפט איהר האַלב אין וואַסער אריין, — די, וואָס זענען נישט פרום, די, וואָס זאָגען הודו פאַר ברוך־שאמר, אָדער פאַרקערט... ווער שמועסט די, וואָס דאַוונען גאָרנישט... אפיקורסים! — איז פייער אַריין... פון דער רעשט נעמט איהר נאָך אַ שפּאַר ביסעל און וואַרפט אויף דער וואַנט: מיט איינעם האָט איהר אַ פּראָצעס, דער צווייטער אַ קאָנקורענט — קריכט אין דער לעבער, דער דריטער האָט אויף אייך אַ ווערטעל געזאָגט, דעם פיערטען זענט איהר געלט שולדיג, דעם פינפטענס ווייב האָט זיך מיט אייער פלונית'־טע געקריגט... די רעשט, וויפיעל עס בלייבט דאָרט, האָט איהר פיליייכט ליעב...

ער פאַרטראַכט זיך, קלערט נאָך און איך שמיד דאָס אייזען אין דער היץ:

— ליעב האָבען, הייסט קענען! ליעב האָבען דעם כ ל ל ישראל, הייסט: זיין צוגעבונדען, נישט צו אַ צוואַנציג־דרייסיג אי־

דען, נאָר צו דער גאַנצער לענג פון אַלע דורות, און צום גאַנצען היינטיגען דור, וואָס איז צושפּרייט און צוזייהט... אַ פאָלק איז ווי אַ קאַנוס...

— וואָס איז דאָס ווייטער?

— זאָל זיין, ווי אַ היטעל־צוקער: אויבען — אברהם אבינו! וואָס אראָפּ געהט אַלץ ברייטער און ברייטער... אונזער היטעל־צוקער... איז אייגענטליך נישט קיין ריכטיגע קאָנוס: אינמיטען האָבען די מייז אויסגעביסען, וואָסער אויסגענעצט... וואָס נידע־ריגער, שפּאַלט זיך און צופליישט זיך אַלץ מעהר די פיגור... צווי־שען אונזערע פאַרשידענע טיילען שווימען דורך וואַסערען, ציהען זיך סטעפּען, פאַרשפּרייטען זיך לענדער... — ליעב האָבען אידען הייסט: ליעב האָבען די גאַנצע פאָרם! ליעב האָבען הייסט: אַלץ קענען, אַלץ וויסען, אַלץ האָבען אין האַרץ, אין געהירן, אין בלוט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מען קאָן נישט זאָגען, — מאַכט מיין שכן אַ פּאָר מינוט שפּעטער, — אינטערעסאַנט איז עס!

— עס איז — זאָג איך איהם — מעהר אַלס אינטערעסאַנט, עס איז אַ נויטיגע זאַך. עס איז איינס פון די יסודות, וואָס דאָס גאַנצע יודענטום, דאָס גאַנצע „היטעל צוקער" שטעהט דערויף...

זעהט איהר, מיר זענען דאָך אַן אַלט פאָלק, און דאָך זענען, אין דעם פאַך, אַנדערע פעלקער פיעל קליגער פאַר אונז. און נישט נאָר די אייראָפּעאישע פעלקער, וואָס שרייבען, לעזען און לערנען היס־טאָריע; נישט נאָר די רוימער, די גריכען, די אַלטע געבילדעטע פעלקער, וואָס האָבען געהיט זייער געשיכטע, ווי אַן אויג אין קאָפּ; נישט נאָר אפילו מצרים, פרס־ומדי, וועלכע האָבען זייער היסטאָריע געקריצט אויף שטיינער, אויף ווענט, אויף פּיראַמידען, נאָר אפילו די אמת ווילדע, גאַנץ ווילדע פעלקער, האָבען אויך פאַר־שטאַנען, וואָס היסטאָריע איז.

די ווילדע שטאַמען אין אַפריקא און אַמעריקא, געהען נ אָ ך אַרום נאַקעט, ווי אדם וחוה אין גן־עדן; טראָגען, פאַר שעהנקייט וועגען, מעשענע רעדלעך אין דער נאָז, פראָש־שיסעלעך אין די אוי־בערשטע אָדער אונטערשטע ליפּען, לעדערנע בראַסלעטען אויף די פיס, הערנער אָדער געפליגעל־פעדערען אויף די קעפּ! זייער נאַקע־

טער ליב איז אויסטאטואירט מיט אלערליי פארביגע פיגורען, באַ־שמירטע מיט פעטס. און אפילו ד י ווילדע מענשען, ווייסען שוין אויך, אז היסטאריע איז נויטיג! און, ווייל די מענער זענען אייביג פארנומען מיט קריג, פיש־כאפען און יאגד, מוזען די ווייבער געדענ־קען אלץ, וואס דער שטאם האט איבערגעלעבט און דערצעהלען עס ביי יעדער געלעגענהייט —

— אפשר איז עס טאקע מנהג עכו"ם?

— און די תורה פון וואס הויבט זיך אן, נישט פון געשיכטע?

— אויף דעם שטעלט זיך טאקע רש"י!...

— און צו וואס דארף מען זי פארט די געשיכטע?

— איהר האט עפעס קינדערלעך? — ענטפער איך מיט א פראגע.

— ווי גאט האט געבאטען!

— ווער איז — איך בעט אייך — קליגער, א י ה ר אדער אייער קינד, וואס געהט ערשט אויף דער וועלט ארויס?

ער ווערט ערנסט.

— די אייער זאגען שטענדיג, אז זיי זענען קליגער פאר די הינער...

— אבער די הינער וואס זאגען? — צי וועט איהר געטרויען א אינגעל פון זעקס—זיבען יאהר אייער פארמעגען, אייערע גע־שעפטען?...

— אודאי נ י ש ט! משוגע בין איך?

— פארוואס נישט?

— איך וואלט מיר באלד געדארפט א טארבע קויפען.

— וואס איז, א זעקס יעהריג אינגעל קאן קיין געשעפט נישט פיהרען?

— מן־הסתם נישט! וואס, פראקטיקע האט ער?

— און דעריבער אפנים, גיט מען דעם פאר־פאלק נישט אזוי געשווינד און נישט אויף אמאל ארויס דעם נדן, ווייל צום האנד־לען דארף מען האבען פראקטיקע און דער יונגערמאן איז ערשט פון הינטער'ן אויוועז אפ...

— אודאי אזוי!

— מען זוכט פאַר אַזוינעם אַ יועץ, אַן עלטערען שותף.

— מן הסתם! איהר מיינט, אַז ביי פּראָסטע אידען איז שוין גאָר קיין שכל נישט דאָ?

— חס ושלום! איך מיין גאָרנישט. נאָר זאָגט מיר, איך בעט אייך, אַבער מיט דער צייט, ווערט פון קינדער לייט?

— אודאי! אַז מען זעהט אַ וועלט, מען קריגט פּראַקטיקע, מען ווערט געוואָר, וואָס גוט און וואָס שלעכט איז, לערענט מען זיך אויס.

— זעהט איהר, אַ פילאָזאָף האָט געזאָגט, אַז דער נעכטיגער טאָג איז דעם היינטיגענס לעהרער.

— אויף דעם דאַרף מען אַ פילאָזאָף? אַ חדר־אינגעל ווייס דאָס פון פּראַקטיקע! — די וועלט (זיפצט ער אָפּ) איז אַ טייערער לעהרער!

— צו פּראַקטיקע, דאַכט זיך, דאַרף מען האָבען זכרון?

— אודאי —

— און ווען איינער, חס־ושלום, ווערט קראַנק, למשל, אויף אַ טיפוס, און פ אַ ר ג ע ס ט אַלץ?

— איז טאַקע שלעכט! מוז מען אָנהויבען פון אלף־בית... דאָס איינענע האָט דאָך ר׳ ששת׳ן געטראָפען.

— און ווי איז, אַז איינער, רחמנא־לצלן, האָט גאָר קיין זכרון נישט, ער איז געבוירען געוואָרען אָהן זכרון?

— עס טרעפט זיך דען?

— למשל!

— איז אודאי ביטער, ווי גאַל; אַזוינער קען זיך גאָר נישט אויסלערנען, קאָן קיינמאָל נישט קליגער ווערען... אפילו ביי משותלח׳ס יאָהרען... אָהן זכרון איז אָהן פּראַקטיקע.

— און אַ אינגעל פון זעקס יאָהר מ י ט אַ זכרון, קאָן זיין קליגער פאַר איהם?

— אודאי!

— זעהט איהר, איין זאַך אַבער מוזט איהר נאָך פאַרשטעהן, אַז נישט נאָר אַ מענש, נאָר אויך אַ פאָלק דאַרף האָבען אַ זכרון! און אַ פאָלקאָמער זכרון איז די היסטאָריע! אָהן היסטאָריע — ווי אַ מענש אָהן זכרון — קאָן קיין פאָלק נישט קליגער, נישט בעסער

ווערען. פון וואנען זאל דאס פאלק נעמען „פראקטיקע“? אין דער שלעכטער צייט — עצות און בטחון, אז יעדער דור מיט זיינע צרות און נחת, חסרונות און מעלות, ווערט — „אפגעשניטענע און אוועקגעלעגט“, אז וואס אריין אין גרוב איז ארויס פון קאפ!

— ווירקליך, — זאגט ער — אין א שלעכטער צייט פארלירען מיר די קעפ, עפעס ווערט פון אונז, ווי א סטאדע שאף; ווער עס וויל און „נעמט זיך הערנער“, ווערט דער טריק; דער שליח צבור!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— פאלגט מיך, קויפט אייך גרעץ...

— און געלט? —

ביז איך געבליבען אהן תשובה —

1890.

וואס ווילען מיר?

(פאָרוואָרט צום זאַמעלבוך „ליטעראַטור און לעבען")

(פאָרוואָרט צום זאַמעלבוך „ליטעראטור און לעבען" 1894.)

נאָד צוויי יאָהר שווייגען, נעמען מיר זיך ווידער צו דער זשאַרגאָנישער ליטעראַטור.

ווער עס וויל טרעפען צו רייכע, אינטעליגענטע אדער בעלי-בתי'שע הייזער, דער קאָן אַנדערע שפּראַכען באַנוצען; ווער עס וויל טרעפען צום הארץ און מח פון פּראָסטען, איינפאַכען פאָלק, צו די, וואָס די העכערע קלאַסען רופען מיט פאראכטונג „המון עם", דער מוז שרייבען זשאַרגאָן.

געשוויגען האָבען מיר דורך דריי אורזאַכען: עס האָט גע-פעהלט געלט. נאָד א גרעסערער מאַנגעל איז געוועזען אין מיט-ארבייטער, און כמעט אוממעגליך איז געוועזען צו רעדען אַן ערנסט איינפאַד וואָרט מיט'ן פאָלק, בשעת ווען פארברענטע אידעאָלאָגען און דורכגעטריבענע שאַרלאַטאַנען האָבען איהם צוגעזאָגט א מאָ-מענטאַלע הילף, א ראַדיקאַל מיטעל אויף אַלע קרענק און וועה-טאָגען... אין א צייט פון עטליכע יאָהר וועט מען אויפבויען אַ אי-דישע מלוכה אין ארץ ישראל, אַדער פאַרלעגען אַ אידישע רעפּוב-ליק אין ארגענטינא....

דאָס אָרעמע דערשלאָגענע פאָלק האָט געגלויבט, און עס האָ-בען אויפגעהערט אלע לעבענס-פראַגען, אלע געמיין-מענשליכע אינטערעסען... דער עולם האָט זיך געפּאַקט, היינט מאָרגען אין וועג אַריין, די אַלטע אתה-בחרתנו'שע קעסעלפויק האָט געדונערט, ציון'ס צימבעל — געקנאַקט, און די אַלטע רבני'שע פלעדער-מויז האָט אויסגעשפּרייט די פליגעל איבער'ן פאַרטומעלטען קהל...

געהן דאַרף מען, געהן מוז מען, די פראַגע איז נאָר געוועזען, ווער עס האָט רעכט: דער באַראָן הירש אַדער ווערמאַנט? דער הנדיב הידוע אַדער יעדוואַבניק?

היינט, דאכט זיך, איז שוין אביסעל שטילער!

דער פארברענטסטער חובב ציון לעגט שוין אפ: שמיטה, פרה אדומה, בן סורר ומורה און קרבנות אויף עטליכע דורות, די ליעבע צו ציון בלייבט דערוויל א פלאטאנישע — פון דערוויי־טענס; דער שטארקסטער „ארגענטיניעץ״ פארשטעהט שוין, אז באטש דעם באראן הירש'ס נדבה פארבלענדט אונז, ווי די זון אין תמוז, באטש זי פארשעמט אלע וואוילטעטיגקייטען, וואס זענען גע־שעהען, זייט די היסטאריע געדענקט, איז דאך נאך ווייט פון זיין ריזיגען פלאן ביז א פאלקס־עמיגראציע. על כל פנים קאן דאס נישט אזוי געשווינד געשעהען...

לויט דעם קאלטען חשבון (וואס אונזערע אידעאליסטען האבען אזוי פיינט) קאן פאלעסטינא (ווען דער טערק זאל אפילו אריינ־לאזען) מיט ארגענטינא (עס זאל אפילו קיין היישרעק נישט זיין) צוזאמען ביי אונז יאהר־יעהרליך צונעמען העכסטענס אזוי פיעל, וויפיעל עס ווערען ביי אונז מעהר געבוירען אלס געשטארבען; אז פיער מיליאן אידען מוזען דא בלייבען, אז פאר די פיער מיליאן מוז מען ארבייטען אויפ'ן ארט, און — אז די אינטעליגענץ מוז דערי־בער מאכען זיך פאר א הויפט־צוועק — צו בילדען דאס פאלק.

מיט מיטארבייטער איז אויך א שווערע זאך געוועזען. ווען עמיץ זאל וועלען ארויסגעבען נאך אמאל א „ספר הזכרון״ און רעגיסטרירען אלע אונזערע שרייבער, וואס „אפפערען צייט״ פאר די „ארעמע ברידער״, ארבייטען פאר „כנסת ישראל״, זענען זיך „מוסר נפש פאר'ן אידישען פאלק״, וואלט ער א גאנץ דיק בוך ארויסגעגעבען... עטליכע צעהנדליג משוררים, שרייבער אין הונ־דערטער, פובליציסטען אויך עטליכע טוץ... און דאך, דאך איז נישט דא מיט וועמען צום טיש צו געהן... וואָרים — ווער איז ביי אונז קיין שרייבער נישט? ביי אונז איז יעדער בטלן גענוג קלוג צו געבען געדרוקטע עצות; אין זיין אייגענער שטאדט „קאן ער קיין קאץ קיין עק נישט צובינדען״ און פאר דער וועלט דונערען זיינע חכמות פון צייטונגען, אדער פון א באזונדערער קאטעדרע אראפ, וואס ער אליין אדער א מוכר־ספרים האט איהם געבויט! ביי אונז איז יעדער בדחן א משורר, יעדער פראלער—א פובלי־ציסט, און חדר־אינגלעך — קארעספאנדענטען... אונזערע צייטונ־גען ווילען ארבייט אומזיסט, ארויסגעבער און מוכרי־ספרים ווילען

נאָר טאַנדעט, נאָר ביליג... און דער עולם האָט פרייען פּלאַץ, ווייל די ווירקליכע אינטעליגענץ האַלט זיך אַלץ פון דערווייטענס...

יעדערער פאַרשטעהט, אז שוסטערייַ קאָן מען נישט אומגע־לערענט... קיינער וועט קיין אַרשין טוך נישט געטרויען אַזויגעם, וואָס האָט ביי אַ בעל־מלאכה קיין געוויסע צייט נישט געאַרבייט... אַ רייף שלאָגען אַרום אַ פאַס מוז אַ ספּעציאַליסט אַ באַנדער... אָבער קינדער לערנען קאָן דער ערשטער בעסטער בטלן, און די קינדער, דעם בטלן׳ס תלמידים, שרייבען אין צייטונגען, דרוקען ספרים און לערנען דאָס פאָלק! די תאווה געדרוקט צו ווערען איז אַ שעדליכע, אַנשטעקענדע קרענק, זי האָט שוין אַפילו אַ גריכישען נאָמען: „גראַפאָמאַניאַ“. און איין רפואה, איין ראַדיקאַל מיטעל קעגען איהר וואָלט געווען — אונזער אינטעליגענץ זאָל איבער־נעמען אונזער ליטעראַטור אין איהרע הענט.

עס איז שוין צייט, אַז אונזער ווירקליכע אינטעליגענץ זאָל פאַרשטעהן, וואָס פאַר אַ פליכט, וואָס פאַר אַ התחייבות זי האָט פאַר׳ן פאָלק... אַז אַרבייטען ביי זיך אין דער היים, פאַר אייגענע ברידער, הייסט נישט אַרויסלאָזען די אַלגעמיין־מענשליכע פאָהן פון דער האַנט... הייגט מ ו ז אַרבייטען יעדערער ביי זיך, אַקערען און זייהען זיין אָפּגעגרענעצט שטיקעל לאַנד, אָבוואָל, אָדער בעסער — ו ו י י ל מיר האָפען, אַז די צוקונפט וועט זיין דער אַ ל ג ע מ י י ן־מ ע נ ש ל י כ ע ר שפּייכלער, אין וועלכען עס וועלען אַריינקומען אַלע ווייצען, די גאַנצע תבואה; אַ שפּייכלער, וואָס וועט שפּייזען אַלע גלייך, שפּייזען יעדען אומגעפרעגט, ווער זיין זיידע איז געווען, און נישט געקוקט, פון וואָס פאַר אַ פאַרב זיין הויט איז...

אין דעם זין קאָן די נאַציאָנאַל־אידעע — דער מאַנטעל, מיט אַ וואַרעמען וואָל־שטאָף אַלס אונטערלאַג צום לייב, און אַ דאַרני־גער, שטאַכעל־שווייגיגער הויט אַלס אויבערשלאַג פאַר פרעמדע— דעם אייגענעם נוצען ברענגען דער אַלגעמיינער בילדונג, ווי די קינסטליך געטיילטע וויסענשאַפטען — דער אַלגעמיינער וויסענ־שאַפט.

אויך איז שוין צייט די אינטעליגענץ זאָל אוועקלעגען אין אַלטען אַרכיוו אַריין די פראַגען: צי איז זשאַרגאָן אַ שפּראַך? צי קאָן זיין אַ שפּראַך אָהן אַ (געדרוקטע) גראַמאַטיק? צי קאָן הייסען

א שפראך א צוזאמענפליקעכץ פון פארשידענע שפראכען פון פאר־שידענע צייטען? דאס איז אלץ די אלטע בטלנ׳יש־פילאזאפישע מיסט, אין וועלכער עס וועלען אייביג פיקען אונזערע ליטעראַרישע עקרות־הינער; די אמת׳ע אינטעליגענץ דארף פארשטעהן, אז זשאר־גאן איז א פאקט, וואס איז געשעהן נישט מיט אונזער ווילען און וועט אויף אונזער פארלאנגען איבער נאכט נישט פארשוואונדען ווערען... אז שפראך הייסט יעדעס מיטעל, וואס מענשען באנוצען אײנער מיט׳ן אנדערען זיך צו פארשטענדיגען, אז פיער מיליאן אידען, וואס רעדען און פארשטעהען נאר זשארגאן, זענען אויך מענשען, און אז ווער עס וויל זיי בילדען, מוז זייער שפראך אלס מיטעל באנוצען....

עס איז שוין צייט, אז די אינטעליגענץ זאל פארשטעהן, אז דעם היים־געהאפטע מארגען וועט די „שפראך" אזוי פיעל אינטע־רעסירען, וויפיעל דער יחוס פון עלטער־זיידען אדער די פארב פון דער מענשליכער הויט...

און עס איז שוין די העכסטע צייט די אינטעליגענץ זאל ארויסטרעטען און ארויסנעמען די פאלקס־בילדונג פון אומגעלומ־פערטע, גראבע הענט...

דאס פעלד איז שוין גענוג פון שלעכטע שרייבער און העכסט אינטערעסאנטע ראמאניסטען געמיסטיגט, עס איז שוין די העכסטע צייט צום פארזייהען!

— — — — — — — — — — — — — — — —

מיר ווילען די אלגעמיין־מענשליכע פאהן נישט ארויסלאזען פון דער האנט און מיר ווילען נישט זייהען קיין שאוויניסטיש ווילד קרויט, קיין פאנאטישע דערנער און נישט דעם פערז פון בטלנ׳י־שער פילאזאפיע; דעם אומקרויט ווילען מיר ארויסרייסען מיט די ווארצעל, אויסהאקען די דערנער, דעם פערז פארברענען און זייהען ריינע, מענשליכע אידעען, ריין־מענשליך געפיהל און וויסען.

מיר ווילען אקערען, באארבייטען און פארזייהען אונזער שטיק פעלד, ווייל מיר גלויבען פעסט, אז דער צוקונפטיגער אלגעמיינער שפייכלער וועט שפייזען אלע הונגעריגע צוגלייך! מיר גלויבען, אז געוויטער, שטורעם און רעגען מוזען פארבייגעהן, עס מוז קומען די צייט, און די ערד וועט אונז געבען איהר קראפט, דער הימעל

— וואָרעם און ליכט... און מיר ווילען נישט, אז אין שניטער־צייט זאָל אונזער פאָלק שטעהן פון ווייטענס, אין יום טוב באוויינען פארלוירענע יאהרען און פארשעמט בעטלען פרעמד ברויט פון פרעמדען בלוטיגען שוויים...

מיר ווילען אויך אריינפיהרען אביסעל קאָרן און ווייץ אין שפייכלער אריין, מיר ווילען אויך בעלי־בתים זיין, אָרעמע בעלי־בתים, נאָר נישט קיין בעטלער...

מיר ווילען, דער איד זאָל זיך פיהלען אַלם מענש, ער זאָל אַנ־טייל נעמען אין אלעם, וואָס מענשליך איז, מענשליך לעבען און שטרעבען. און — — ב א ל י י ד י ג ט, זאָל ער זיך פיהלען באַ־ליידיגט אלם מענש!

אָט דאָס איז אונזער צוועק. פאַר וועלכען מיר בעטען הילף ביי דער ווירקליכער אינטעליגענץ.

.1894

דער לץ

1.

איך האב די עהרע מיך פארצושטעלען:
אני הקטן, בין דער לץ פון דער רעדאקציע!

אז עס וועלען מאוס ווערען די ה ע כ ס ט אינטערעסאנטע ראמאנען, דערצעהלונגען און לעבענס־בילדער, וואס זענען געדרוקט אין בוך; אז עס וועלען אייך איבערדריסיג ווערען די ק ל ו ג ע ארטיקלען איבער לופט, קינדער־דיעט וכדומה — גוטע זאכען; אז איהר וועט אייך איבערעסען מיט עצות: ווי אזוי א גוטער בעל־מלאכה צו ווערען; אז אייער שוואך קעפעל וועט זיך פארדרעהען, בארוישט פון די זינגענדיגע, קלינגענדיגע גראמען, —

דאמאלט, דארף איך, בדחן, אייך משמח זיין; טאמער ווילט איהר ערגעץ איינשלאפען, דארף איך אייך קיצלען!

און איך, לץ, בין דער פעפער און דאס זאלץ ביים „ש ל ח ן ע ר ו ך". וואס דער רעדאקטאר האט פאר אייך געדעקט: איהר האט אלערליי מאכלים טובים, איהר האט מעסער און גאפעל, (א רובל מיט פופציג קאפיקעס), קאנט איהר עסען און טרינקען, און מיך באנוצען אלס כריין, צום שארפען דעם אפעטיט.

איך דארף אייך משמח זיין.

פארוואס? כי לכך נוצרתי, דאס הייסט, ווייל צו דעם האט מיך דער רעדאקטאר אויסגעוועהלט; ער האט מיר צוגעזאגט א חלק פון זיין פארדינסט, וואס איז אזויפיעל ווערט ווי זיין חלק עולם־הבא!

מיינט נאר נישט, חלילה, אז איך בין א ספעציאליסט פון לאכען. גאר פארקערט — וויינען קאן איך בעסער! אפשר ווילט איהר, נעם איך מיך אונטער א פאדריאד! און זאלען מיר אפילו

טרערען פארפעהלען, שאדט נישט, בעט איך מיין ווייב, באגיסט זי אייך מיט א מבול; שיק איך נאָך מיינס א קינד, נאָך וועלכעס איהר ווילט פון מיינע „צוועלף עשרת השבטים“. און בין דערמיט יוצא לכל הדעות! נאָר, אז דער רעדאקטאָר וויל, איך זאָל ל אַ־כ ע ן, וועל איך מוזען און קאָנען לאכען.

א איד איז א ספעציאליסט צו אלעמען. היינט איז ער פאבריקאנט, מאָרגען — שוסטער, איבער־מאָרגען ווערט ער א מלמד. אין א פּאָר וואָכען ארום טראָגט ער א צילינדער און שפּילט אין אידישען טעאטער, דערנאָך גיט ער ארויס א צייטונג!

א איד, איידער ער שטאַרבט, טוישט ער הונדערט מאָל זיין פרנסה, און זעלטען ער זאָל זי האָבען!

פאָר דאָס אבער, טוישענדיג די פרנסה שוין טויזענטער יאָהרען, האָט ער זיך אויסגעלערענט טויגען צו אַלץ, דאָס הייסט, צו גאָרנישט, און נעמט זיך צו אַלץ אין דער וועלט.

און איך בין אויך א איד! היינט בין איך א לץ, מאָרגען וועל איך אפשר זיין קאָלאָניסט אין ארץ־ישראל, א שוחט ובודק אין אמעריקע, א צושניידער אין מאָסקווע, א זיצער אין פּעטערסבורג, און אפשר גאָר א גביר פון מאה אלף רו"ב, נאָך א באַנקראָט פון שי"ן אלף ר"ד!

א קשיא אויף א מעשה!

נאָר, ווי געזאָגט, דערווייל בין איך א לץ, א בדחן.

איך זעה נישט קיין גרויסע זאכען דערפון, נאָר — וואָס קאָן איך דאָ צולעגען? אַלץ בעסער, ווי לעדיג געגאַנגען, לאָז מיין ווייב כאָטש מיינען, אז איך טו עפּעס!

— אדוני הרעדאקטאָר, — האָב איך געזאָגט צו מיין בעל־הבית, — דו הייסט ציגעל מאכען, גיב שטרוי!

דער אָדון הרעדאקטאָר האָט מיר געוויזען מיט'ן גרויסען פינגער אונטער'ן טיש.

א לץ טאָר קיין נאָר נישט זיין; איך האָב מיך באלד געשטויסען, וואָס ער מיינט: אונטער'ן טיש שטעהט א קויש, און אינ'ם קויש ליגט שטרוי פון מיינעטוועגען.

איך רוק אפיר דעם קויש און נעם מיך צו מיין מלאכה. רבונו של עולם! וואס פאר אן אוצרות דא ליגען! סאמע היימישע מחברים! יונג־ און אלטווארג, דאמען אפילו; ווי איך בין א איד, דאמען ליגען אין קויש!

איך דערקען זיי באלד, דאס שפיציג־קינדישע כתב׳ל!

איך דארף זיין א לץ, און האב דאך באותו הרגע רחמנות, א ביטער רחמנות אויף מיין רעדאקטאר! דער אומגליקליכער מענש האט געמוזט דאס אלץ איבערלעזען!

האר און נעגעל שטעלען זיך קאפויר!

שטעלט אייך פאר, אז איהר זענט א חודש דורכאנאנד אין דול־הויז און איהר הערט נאר משוגעים רעדען. נאך ווייניג, איהר מוזט די משוגעים ענטפערען! איך קוק אויף דאטען; נאך איידער עס איז ארויס דער פראספעקט, איז שוין דא מאטעריאל פון א מאסע קליינע שטעדטלעך, פון א מעננגע ישיבה־בחורים, פון חתנים און פון כלות אויך!

און דאס איז נישט נאר א סכנה פאר׳ן מוח, עס איז אויך א סכנה פאר די אויגען!

אונזערע מחברים האבען א פארליעבע צו טונקעל־קאלירטען פאפיר, קליינע בויגעלעך, דראבנע אותיות, ווי שפילקע־קעפלעך, און צו וואסערדיגער טינט.

עס איז מיר א רחמנות אויפ׳ן רעדאקטאר, אויפ׳ן זעצער, און דער עיקר אויף מיר, ווארים איך בין די לינקע זייט פונ׳ם רעדאקטאר!

„אדוני הרעדאקטאר — שרייבט איינער — למען השם, אזוי ווי דער שיר וועט געדרוקט ווערען, זאלט איהר א ספר ארייגשי־קען מיין כלה, מרת חנה גרימפילגריץ פון מזלבאזשיץ, נאר מיט׳ן גאלדענעם שניט, וועל איך דערמיט יוצא זיין פאר א כלה־מתנה — א סדור!“

דער צווייטער בעט: מען זאל זיין נאמען נישט אונטערשריי־בען, נאר „פייוויש“, ווייל דער פאטער זיינער איז פון די, וואס „טרעטען הינטערוואליכם“. ער האט פיינט די השכלה, און וועט איהם די ביינער ברעכען; על כל פנים — נישט מיטנעמען אויפ׳ן יריד, וואס וועט זיין גיך און באלד אין לענטשנא! און פארוואס „פייוויש“? ווייל דער פאטער איז שוין געוואר געווארען, אז ער איז

עס געוועזן דער „לעקיש" אינ'ם „פאָלקסבלאַט". און אפשר, האלט ער זיך אַז עצה, איז בעסער גימפּעל? ענדליך — ווי איהר ווילט!

איינער פון אונזערע באַריהמטע פושער, קאַן זיך נישט אַנדערש צוזאַמען קומען מיט'ן רעדאַקטאָר, נאָר ווי חתן־כלה — אינמיטען וועג! אינמיטען וועג האָט ער אַ באַקאַנטען, דעם באַקאַנטען וועט ער אַריינשיקען זיין אַרטיקעל, און דער רעדאַקטאָר זאָל אַריינשיקען מעות; און רעדט זיך אויס „ברחל בתך הקטנה": אַז דער שליש וועט נעמען דעם אַרטיקעל און שיקען דעם רעדאַקטאָר, ווי אויך — נעמען דאַס געלט און שיקען איהם, דעם באַקאַנטען פושער.

דערביי ליגט אַ פּרייז־קוראַנט:

1) צוויי מצבות פון זיינע געשטאָרבענע ווייבער — זעקס קאָפּיקעס פאַר אַ שורה.

2) אַ מצבה פאַר אַ גביר'יש קינד, זיינס אַ תלמיד — צעהן קאָפּיקעס פאַר אַ שורה. ענדליך:

3) אַזוי שירים: „דער ליטווישער קוגעל", „דער פעפער איז פּאָפּליניק" און אַ פּאָעמע: „דאָס האָניג טייגעל", נישט אַנדערש, ווי צו זיבען קאָפּיקעס!

איינער שיקט אַריין פיער וויצען; דריי גע'גנב'עטע פונ'ם „הויז־פריינד", אַ פיערטען אַן אייגענעם. דער פיערטער קלינגט: „קויף ביי קיין ציגיינער קיין פערד; ער האָט עס אַזוי פאַרדאָר־בען, אַז דער בעל־הבית, ביי וועלכען ער האָט גע'גנב'עט, וועט עס נישט דערקענען!" און הייסט זיך געבען פינף הונדערט עקזעמפּ־לאַרען פאַר באַקאַנטע, ווי „הרב הגאון חותני מאיר מאַנטיג, והרב הגאון..." ער רעכענט אויס אַ משפחה פון רבנים, גאונים, אחוץ משכילים און מחברים!

אַ געוויסער באַריהמטער צימבלער שיקט אַריין אַ ווערק! אַ שיר פון זעקס הונדערט סטראָפען, אויף געגעבענע גראַמען וועגען שמטה אין די קאָלאָניעס אין ארץ־ישראל, און וויל נישט מעהר ווי צוויי קאָפּיקעס פער שורה און דרייסיג עקזעמפּלאַרען געבונ־דען אין ענגלישען לייוואַנט!

ציגנד געהט אַ טראַגעדיע.

דער ערשטער אַקט:

עס קעמט זיך אַ מיידעל די האָר און זינגט און זאָגט, אַז די

השכלה שיינט, ווי די זון, שמעקט, ווי א חויז, און איז בא'טעפ'ט, ווי האניג!

אין צווייטען אקט קומט פאר איהר טויבער פאטער און שווערט אין אכציג סטראפען, אז ער מוז נאך די וואך חתונה מאכען די בת־יחידה, ווייל ער זעהט שוין, זי איז „אנגעריהרט“!

ער רופט אריין דעם לאמען משרת, און שיקט איהם, ער זאל לויפען אויף איין פוס, און ברענגען דעם פאנפאטען שניידער, דעם שוסטער מיט דער געלער זאך, די בלינדע נייטארין, און נאך אזוינע קאליקעס, מען זאל אין איין וואך אויפנעהען דער טאכטערס חתונה־מלבושים, — א חתן וועט ער איהר שוין אליין זעהען; מען קריגט די סחורה!

אין דריטען אקט: — וואלגערט זיך דער משרת פאר וועה־טאג אויף דער ערד: ער האט ליעב דעם מלאך, באשען, און ציטערט אימת מות פאר'ן בעל־הבית, איהר פאטער! ער עפענט אויף דאס מויל און ווייזט דעם פובליקום, אז ער האט קיין איינציגען צאן אין מויל, פון די פעטש, וואס ער האט שוין פון בעל־הבית באקומען, פאר נישט פאלגען; ציגד — ווייסט ער נישט, וואס צו טון: זאל ער פאלגען און רופען די בעלי־מלאכות, מאכט ער אומגליקליך דעם מלאך, באשען, די בת־יחידה; זאל ער נישט רופען — גאט ווייסט, וואס עס וועט זיין!

דערווייל קומט אריין די בעל־הבית'טע.

זי לויפט צו צום משרת, ווישט איהם אויס פאר רחמנות, מיט'ן ברודיגען פארטוך, די טרערען פון די אויגען; און, אז זי הערט אין וואס עס געהט, ברעכט זי זיך די הענט און וויינט מיט. העלפען קאן זי נישט; א מאן איז א מאן, און זייט דער מגלה'ס צייטען, האט א מאן צו שאפען!

אין פיערטען אקט: זיצט ביים טיש א שטומער רב, וואס זאגט נאר איין ווארט „לחיים“!

א חזן, וואס שרייבט מיט דער לינקער האנט די תנאים.

א פארטראכטער שמש, וואס דערלאנגט צו קבלת קנין, אויפ'ן ארם פון א פאטשיילע, דעם ווייבס הארבאנד.

א קרומער סארוועך, וואס פאלט פיער מאל איבער זיינע אייגענע צוויי פאלעם פון דער איינציגער שבת'דיגער קאפאטע, און צוברעכט דערביי אכט גלעזער.

אַ דין מיט קאַלטינאַוואטע פאות, וואָס כאפט זיי באלד אין מויל אריין און קלערט, צי איז מען מיט דעם שוין יוצא, אָדער מען דאַרף צום מזל־טוב אויפ'ם נייִ אַ פּאָר כלים צוברעכען.

עטליכע אידען. וואָס כאַפּען פון די טעלער!

עטליכע ווייבער, וואָס ווישען אויס מיט די פינגער די שע־לעכלעך פון איינגעמאַכטס, און זענען מקנא דער כלה.

דער חתן — אַ רויטער, מיט אַ גראָבען וואָרצעל אויף דער לאַנגער נאָז, מיט אַ פּעפער אונטער'ן אויג — און וויל דוקא אַ קוש טון דער כלה.

און די כלה אַליין, שווייגט, נאָר דאָס פּנים רעדט.

דער פינפטער און דער לעצטען אקט קומט פאָר שוין אין גאַס.

מוזיק, אַ אידענע מיט אַ קוילעטש, אַ חופּה!

נאָר, ווען דער חתן וויל נאָכזאָגען דעם שמש „הרי את“, טרינקט אויס די כלה אַ פלעשעלע סם, קריגט שרעקליכע לייב־שמערצען; שרייט מיט אַ שרעקליכען קול: רוצחים! גנבים! מערדער! און פאַלט אנידער טויט!!!

דער מחבר זאָגט אינ'ם בריף, אַז ער האָט נאָך געוואָלט מאַ־כען אַ זעקסטען אקט, און באַשרייבען די לויה, נאָר מען האָט איהם געזאָגט, אַז עס איז אַ מאָדע נאָר פינף אקטען!

געווּג! עס גלוסט זיך אייך צו לאַכען? מיר נישט!

מיך שרעקען די — קאַליקעס!

— הער רעדאַקטאָר! פון קויש וועט גאַרנישט זיין.

דער רעדאַקטאָר ציהט מיט די פּלייצעס, ווי איינער רעדט: שלאָג דיר קאָפּ אין וואַנט!

וואָס זאָל איך טון, אַז צו שלימזל בין איך געבוירען געוואָרען אַ איד!

גאָט, גאָט! פאַרוואָס בין איך אַ אידישער פעליעטאָניסט!

פאר אַ קריסטליכען פעליעטאָנען־שרייבער שטעהט אָפען און פרייִ די וועלט! די פאַקטען, וואָס דאָס לעבען גיט, זענען: לייכטע, שווערע און מיטעלע; די שווערע ווערען באַארבייט דורך די גע־לעהרטע, שווערע רייטער, דערפון ווערען ווערק, לייטענדע ארטיק־

לעז. אפהאנדלונגען, מאנאגראפיען און דערגלייכען; די גאר לייכ־טערע ווערען געדרוקט מיט גאנץ קליינע אותיות אלס טעגליכע נייעס. זיי ווערען סעגרעגיערט, יעדעס מין געהט באזונדער: ארויס־געגאנגען אזוינע און אזוינע חבורים, געשטארבען אזוינע און אזוינע לייט. דערנאך געהען: קאנצערטען, בעלער, דועלען, און נאך אזוינע קלייניגקייטען. די מיטעל שווערע געהערען צום פעליעטאניסט. נישט ערד־ציטערניש, נאר א טענצעל פאר ארעמע לייט; נישט א מלחמה, נאר אזוי איינער דעם צווייטען געבראכען די ביינער; נישט ווילהעלם, נישט פראנץ יאזעף, נאר אלכסנדר פון באטענבערג, נישט נייע, וויכטיגע ערפינדונגען, נאר אן עלעקטרישע שפילצייג; און דערגלייכען זאכען, וואס זענען נישט גרויס, נישט קליין, נישט אהין, נישט אהער. דאס אלץ שלעפט דער פעליעטאניסט צוזאמען, קנעט זיי צונויף, מאכט פון זיי א קאשע, גיסט צו אביסעל וואַרעם וואסער, עס זאל נישט זיין צו געדיכט, עס זאל נישט שטאפען; גיט צו אביסעל זאלץ, אביסעל פעפער, א קליינעם סקאנדאל צום טעם, עס זאל נישט זיין צו לאנגווייליג; עס זאל א ציפ געבען אין שפיץ צונג און שוין! צוגעשטעלט, אפגעקאכט, אויפגעגעבען אלץ פארשמאק, אדער לעגאמינע, און פארטיג, אבי גרינג צו פארדייען!

אונזער לעבען האט נישט אזוינע פאקטען: מיר האבען אדער גאר קליינע, נישט צום דערזעהן מיט די אויגען, אבער גאר גרויסע צרות, וואס דער שכל קאן נישט משיג זיין.

פון פיאלון, ווערמקרויט און טייוועלסקויט — קאן מען קיין לעגאמינע און קיין פארשמאק נישט מאכען!

מיר האבען אויך אמאל געטאנצט אויף דער וועלטס חתונה, אויך געהערט דעם וועלט־באריהמטען בדחן, און נישט איינמאל אן אייגענעם וויץ פאבריצירט... נישט היינטיגע צייטען! היינט איז אזוי גליטשיג, אזוי טרויעריג, אז עס הרג'עט אוועק דעם הומאר, אפילו דעם גאלגען־הומאר.

פאקטען וואלגערען זיך אין די גאסען... נאר וואס דו הויבסט אויף, איז פארזאלצען פון טרערען, באגאסען מיט אומזיסטען שוויים...

מאטעריאל איז אפילו דא, די הענט צוצופיהרען: רבנים, שוחטים, דיינים, ליציטאציעס אויף „אתה הראית“ מיט פעטש,

היינט — מסירות, שרפות ובדומה... עס דאכט זיך גאָר איינס אין דער וועלט אויף א פעליעטאָן...

נאָר דאָס מוז מען שוין איבערלאָזען פאר חדר־אינגלעך אין די טאָג־בלעטער! עס איז שוין זייער פרנסה, זייער חזקה!

א פעליעטאָניסט איז א קונצענמאכער, ער וואַרפט און כאפט צוואנציג רעשלעך אויף אמאָל, עס רעגענט ביי איהם מיט רעשלעך... ביי אונז זענען אבער אָדער שטויב, אָדער גאנצע צעהנער־פודיגע קוילען, נישט אויפצוהויבען, נישט אוועקצוריהרען, נישט צו ברענגען פון אָרט.

און דאָך איז א איד בטבע וויציג. ער איז וויציג, זיין שפּראַכע איז וויציג! אין פּוילען ווענינגער; אין דער ליטא שאַרט מען עס מיט לאַפּאטעס, מען שיט פון אַרבעל, מען שפּייט עס אוים אין די גאסען. און א איד דאַרף זיין וויציג, זיין גאַנץ לעבען איז א קאַלאמבור, זיין היסטאָריע — א רעטעניש, זיינע תנועות, זיינע מנהגים...

שא! דער רעדאַקטאָר האָט מיט מיר אויסגענומען א תנאי, איך זאָל נישט אַנריהרען קיין מנהגים! איך וועל שוין נישט מעהר! איך וועל שוין אפילו נישט לאַכען פון אַן אייזען — א שמירה פאַר דער תקופה, א מעסער אין וויגעל ביי א יולדת פאַר שדים, פון צוריקוואַרפען אויסגעריסענע גראָז אויפ׳ן הייליגען אָרט, ווער שמור־עסט פון באָרד און פאות. אז מען זאָגט ניין, איז ניין. איך בין אריינגעפאַלען צו א פרעמדען רעדאַקטאָר איז פאַרפאַלען, נאָר רבונו של עולם, פון וואָס דען זאָל איך לאַכען?

פון די עשרה הרוגי מלכות? פון דער סוגיא הכל שוחטין? פון דעם געעהרטען, באריהמטען, גוטען פּובליקום? פון דעם פּרור־מען רעדאַקטאָר, אָדער אפשר פון׳ם

ל ץ פ ו ן ד ע ר ר ע ד א ק צ י ע?

1890

2.

אַנהויב ווינטער האָב איך מיך פאַר א לץ געשטעלט, עס איז שוין, ברוך השם, סוף זומער, און איך האָב נאָך נישט אויף עפּעס רעכטס אוואַנסירט. איבער דער צייט איז אויף טויזענטער אן אי־

בערקערניש געקומען... דאָס רעדעל פון מזל האָט זיך אַזוי שטאַרק געדרעהט, אַז איידער איינער האָט זיך אומגעקוקט, האָט ער שוין עטליכע קאַזשיאַלקעס אין דער לופט געמאכט. איבער דער צייט זענען מאסען גבירים בדיל־הדל און נע־ונד געוואָרען, פאַר דאָס ווייטער זענען אַ מאסע „א י ד ע ן" ביי דער גרענעץ נתעשר געוואָרען פון די עמיגראַנטען... אסך „געענדיגטע" זענען געוואָרען „ערלה אויף דריי יאָהר". פאַר דאָס זענען אַ מאסע אפיקורסים אַזוי פרום געוואָרען, אַז עס ווילט זיך זיי טאַפּען ביים דופק.

אַרויף, אַראָפּ — דאָס רעדעל דרעהט זיך, נאָר איך איינער שטעה נאָך אויף איין אָרט. וואו עס האָט זיך מיר נישט עפּעס געוויזען, וואו איך בין נישט געגאַנגען עפּעס זוכען, האָב איך אַלץ געפונען אַ פול הויז (אָדער פאַדער־הויז) מיט מענשען פון געוויסע מ ק ו מ ו ת, אָדער נשרפים פון נאָהנט און פון ווייט... זיי זענען, זאָגט מען, בילכער, און זיי אליין געהען צוריק מיט גאַרנישט. איך בין צוריק שרייבער!

און דאָ, ווערט דאָס לעבען אין וואַרשוי טאָג־טעגליך אומערטרעגליכער... דורך די שרעקליכע היצען פּאַרען־אויס פון מח אַלע בעסערע געדאַנקען, און — דער עיקר — האָט מען פאַרוועהרט ביי די יאַטקעס דאָס „ביינער־פלייש" מיט די „שטיקלעך", ווייל זיי ווערען געשווינד פאַרדאַרבען, און די אָרעמע לייט זענען אַזוי באַגייסטערט פונ'ם מאָגען, אַז די נאָז האָט ביי זיי גאָר קיין דעה נישט. עס בלייבט דעם אָרעמאַן צו שלינגען לופט, נאָר קיין לופט איז אויך נישטאָ. אין די גאַסען איז פול שטויב פון ליים, קאַלעך און ציגעל—: די אַלטע הייזער פוצען זיך שוין אויס צום ווינטער־קאַרנאַוואַל, קלעפּען זיך אויס די צוראַצטע הויט, רעזירען זיך. און אין די גערטנער איז דאָ מעהר מענשען, ווי בלעטער... דערצו נאָך איז דער טראָטואַר זעהר מסוגל צום שטיוועלרייסען. נאָר די אַלע מלאכי־הבלה האָבען נאָר געקריגען דעם רשות, וועלכען דער שטן האָט אויף איוב'ן באַקומען, טו מיט'ן, וואָס דו ווילסט, „רק את נפשו שמור", בשעת, ווען די ניי־געבאַקענע פּאַטריאָטען האָבען ממשלה אויף דער נשמה אויך.

„רבונו של עולם!" אויף מיינע פּלייצעס שטעהט איינער מיט לאַנגע וואָנצעס, אויף זיינע פּלייצעס שטעהט נאָך איינער — די אַפּצאָסען מאַכען מיר לעבער אין די פּלייצעס, איז נאָך ווייניג,

דאַרף איך נאָך ליידען פון פּ אַ ט ר י אָ ט ע ן ! ראַפּטום וואַקסט מיר אַ סטודענט פון אונטער דער ערד אַרויס און רייסט מיר פון מויל אַרויס ברונ׳ם אַ פּאַפּיראָס, פּלוצלונג האַקט מיר איינער מיט אַ „אוטשאָני זנאַק“ אין די פּלייצעס אַריין: מנחה דאַווענען! אַט לאָמט מיר ווייטער איינער אַקעגען: יונגערמאַן, ווייז די ציצית!

ניין! איך מוז אַנטלויפען פאַר פּאַטריאָטען, שטויב, טראָטואַרען און פון דער שטאָדט אַהין „ביינער־פּלייש“! איך מוז אַרויס אויף דער פרישער לופט!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אין שטאָדט האָבען מיך די טראַמוויים און די דראָשקעס אַזוי טויב געמאַכט, אַז אַצינד ערשט פיהל איך, ווי די אויערען געהן מיר אָפּ. איך הויב אָן לאַנגזאַם צו הערען יעדען שאָרך, יעדע לייכטע באַוועגונג. אויך בין איך מיך מחיה דערמיט, וואָס איך קאָן אַביסעל פאַרמאַכען די אויגען, און דאָך נישט אָפּגעריסען צו ווערען פון דער וועלט. און די וועלט איז דאָ אַזוי פּראָסט, אַזוי איינפאַך: אויבען בלוי, אונטען גרין, און אַזוי ווייניג מענשען!...

מיט דער צייט אָבער האָב איך אָנגעהויבען צופיעל צו הערען. איך האָב אָנגעהויבען צופיעל צו פאַרשטעהן די אַלערליי לשונות פון עופות, פייגעל, אפילו פון געוויקסען.

איינמאָל, ביינאַכט, האָב איך ראַפּטום געהערט, ווי אַ הון זאָגט איהר׳ס אַ קליין הענדעל:

— פיהר דיך בדרך הישר, זיי נישט ווילד, וועסט דו זוכה זיין לשני שלחנות... אויף ד ע ר וועלט וועט מען דיך שפּייזען מיט אַלעם גוטען, און צו י ע נ ע ר וועלט וועט מען דיך אַוועקשיקען מיט אַ ברכה.

— איך בין אַנטלאָפען.

עס פליהען צוויי שוואַלבען. איינע מאַכט צו דער אַנדערער:

— ווען מענשען זאָלען וויסען, אַז מיר עסען ווייץ, און ווערעמלעך נאָר בשעת־הדחק, וואָלטען זיי אונז אַלע אויסגעשאָסען... די מענשען ווערען אַלע יאָהר הונגעריגער און קליגער... מען דאַרף זיך היטען פאַר זיי... דאָס וואָס מיר האָבען אַמאָל וואַסער געבראַכט צו לעשען די שרפה פון בית־המקדש, איז היינט קיין מעלה נישט... אַזוינע אַלטע וועקסעל צאָהלט מען נישט!

פאַר אַ מענש אַנטלויפט מען, וואָס טוט מען אָבער מיט

שוואלבען, וואס פליהען מיר אין גרויסע רעדער איבער'ן קאפ? איך ווארף מיך אנידער אויף דער ערד.

הער איך, ווי דערנער רעדען.

— ווי פאדלע — הער איך אונטער מיר א דארען — ווי פאדלע די מענשען זענען. אז זיי קאנען אונז נישט פרעסען, לאזען זיי אונז נישט לעבען א מינוט, איז מען אונז עוקר מן השרש! נאר וועניג, זאגען זיי נאך, אז מיר זענען מאוס... ווייץ און קארן זענען שעהן, מיר — נישט־עסטעטיש, נמאס ומאוס... זייער גע־שמאק, זייער געפיהל, זייער גאנצער שכל ליגט אין מא־גען! וואס עס לאזט זיך פרעסען, איז אנגענעם, און וואס אנגע־נעם איז — איז שעהן, פיין און עסטעטיש.

און דערנער רעדען שטעכעדיג. איך שפרינג אויף; דאנק גאט, אז די שוואלבען זענען שוין אוועקגעפליגען, און דערזעה ערשט, אז נישט ווייט פון מיר ליגען צוויי „ליעטניקעס" אהן סורדוטען.

זיי רעדען פון שלעכטע צייטען!

— שלעכטע צייטען, — מאכט איינער, — מיר פעלשער מע־גען פארמאכען די קראמען... געווארען א פולע לופט מיט מיקרא־בען... עס דרעהט איינעם אין אויער — מיקראבען! עס קראצט ביי דער פאדעשווע — מיקראבען!... די „הינטישע מיקראבען" האבען אויפגעפרעסען די פיאווקעס, באנקעס, און אונז, פעלשער, אינגאנצען... די וועלט אפילו דרעהט זיך, ווי א רעדעל, נאר איידער עס וועט צוריקקומען אונזער צייט, וועלען מיר שוין אויף דער וועלט נישט זיין!"

א פעלשער אויף א זומער־וואוינונג איז דער בעסטער סמן פון שלעכטע צייטען; נאר די זיכערהייט, אז עס מוז צוריק קומען צו בלוט צאפען, לעשט אין מיר אויס יעדען פונק פון רחמנות; איך געה אוועק קאלט, ווי אייז. —

—...אויסער עס זאל זיך מאכען אן אונטערגאנג!

יאגט מיך נאך דעם פעלשערס קול. —

אד, די ערגעסטע „פרנסה" אויף דער וועלט איז א לין.

גוט, וועניגסטענס אויף א זומער־וואוינונג, איז נאר מיין חבר.

יעקעל דעם משורר: בלויע הימעל, גרינע ערד, פייגעל... פון ווייטען קלינגט מען, ער הויבט אן זינגען:

און מען הערט, ווי גרויסע גלאָקען קלינגען,
און מען הערט, ווי מען מעלקט די קיה!

גליקליכע משוררים; עס האָט עמיץ צווישען די קשאַקעס גע־נאָסען, הערען זיי קלינגען אין וואלד, און דערמאָנען זיך, אז מען מעלקט די קיה! איך, אַרעמער לץ, אז איך קוק אויף דער גרינער ערד, געהט זיך מיר די גרינע גאל אָן פאר די גרינע ווערים, וואס קריכען אויף איהר; אז איך קוק ארויף אויפ׳ן בלויען הימעל, האָב איך פאר די „לוסטיגע הימלישע אויגען" קיין אנדערע שאלה נישט נאר: רבותים, ווי געהט עס ביי אייך מיט׳ן בלוט־צאַפּען? וועט עפּעס זיין אן אונטערגאַנג? —

אויסער דעם גומען מיט דער נאָז, (וועלכע שווייגען מכמה טעמים), ברענגען מיר די רעשט חושים נאָר גיפט; די אויגען — פעלשערעס מיט גרינע ווערים, די אויערען — פּרעטענסיעס פון שוואלבען, דער חוש המשוש — דערגנער־לשון. איך האָב אפילו ביינאכט פון זיי קיין רוה.

קוים האָב איך צוגעמאכט די אויגען, חלומ׳ט זיך מיר דער פעלשער.

— יאָ, יאָ, — זאָגט ער, — אונזער געשעפט הויבט זיך! גאָט זיי דאנק, עס מאכט זיך אָן אונטערגאַנג... פון אזיע געהט די כאָליערא... און דאָ הערשט כאָליערא־נאָסטרא, אונזער אייגענע קוגעל־קרענק!

און אויף אַלעם איז אָן אונטערגאַנג.

די וועלט פיהרט זיך שוין אזוי! ברענט ערגעץ אָפּ א טעאַ־טער, צינדען זיך אָן טעאַטערס אין אַלע שטעדט; פאַלט איין ערגעץ אָן אייזערנע בריק, פּלאַצען זיי אין ארבע פּנות העולם; פאַלט וויל־העלם אויף דער שיף, צוברעכט באלד סטאַנליי א פוס, הויבט אָן די פּאָליטיק שטארק צו לאָמען, און דער מסחר אין ווארשוי הערט ג אָ ר אויף צו געהן.

ווערט די „נאָוואָיע ווערעמיע" פרום, ווערען פרום אויך חאַצקעל־און בערקע, און שמערקע, און אפילו דאָקטוירים און סטודענטען.

עס איז פול די לופט מיט מיקראָבען, געגען וועלכע עס העלפט נישט, נישט קיין שכל, נישט קיין געפיהל, און נישט קיין גע־שמאַק...

— ווייל, — זאָגען די דערנער און די שוואַלבען, — ווייל דאָס אַלץ שטאַמט פון מאָגען אַרויס...

ציי‌טען ביי‌טען זיך.

אַמאָל פלעגט מען זאָגען, אַז די וועלט שטעקט ביים איד אין טאַרבע, היינט — שטעקט זי אינגאַנצען אין מאָגען.

„דזשאָהן־בול" האָט רחמנות געהאַט אויף אידען, נאָר קוים האָט מען איהם געזאָגט, אַז עס געהען שיפען מיט פאות קיין ענג־לאַנד, האָט ער געקריגען אַ מאָגען־קראַמף פאַר שרעק; עס איז דאָרט אויך ענג ביים טיש, וואָס טויגען איהם נאָך אָפענע מיילער?

דער אַמעריקאַנער מאָגען האָט פאַרדייט אַלע נייגעבאַקענע אידעען און קאָן קיין איינציגען כינעזישען צאָפּ נישט פאַרדייען!

עס איז טאַקע פרייהייט, נאָר נישט פאַר מענשען, וואָס עסען כמעט נישט מעהר, ווי רייז!...

אַזוי זענען פאַרמאַכט די פּרייסישע גרענעצען פאַר די פּוילי־שע אַרבייטער, וואָס זענען יוצא מיט קרויט און באַנוצען וועניג ביר.

און די מענשען־ליעבע רעגירט, און מען האָט זיך ליעב דאָס לעבען, און שלום זוכט מען, ווי גאָלד... נאָר מען האָט זיך ליעב פון וויי‌טען... פונדעסטוועגען — מיט'ן גרעסטען פאַרגניגען, נאָר אויף דייטשער אַרט — יעדערער זאָל צאָהלען פאַר זיך...

אויפנעמען געסט — מיט דער גרעסטער פרייד, נאָר קומט צו מיר נאָכ'ן עסען! אפשר וועסט דו נאָך עפּעס צוריקגעבען פאַר מיינע הינט וועגען.

און פונדעסטוועגען שטעהט די וועלט נישט אויף איין אָרט. די אַלטיטשקע רוקט זיך; זי רוקט זיך לאַנגזאַם, פויל, מאַכט אַמאָל אַ ריק־שריט אויך, נאָר אין כלל גערעדט, איז זי שוין ווייט גע־קומען.

וואָס אָדם הראשון איז געווען, ווייסט מען נישט.

איינער זאָגט, אַז ער איז געווען די ערשטע אַפּע, וואָס איז אַראָפּגעשפּרונגען פון בוים, געשטעלט זיך אויף דער ערד און שטאַרקער, ווי אַלע חיות ובהמות געעפענט דאָס מויל צום עסען.

אין דער גמרא, להבדיל, איז א מחלוקת:

טייל זאָגען, אז אדם הראשון איז געווען א כופר בעיקר, גאָר אן אפיקורס, אהן חלק לעולם הבא, — און טייל זאָגען להיפך, אז ער איז געווען גאָר אויף א גרויסער מדרגה.—

אויב ער איז געווען אן אפיקורס, איז ער ז י כ ע ר געווען א פרעסער. נאָר אויב ער איז געווען אין א הויכער מדרגה, ווייסט מען שוין נישט, וואָס זיין עבודות איז געווען. ווייל עס זענען פאַראַנען פאַרשידענע דרכים, און אלע פיהרען צום הימעל! און פאַרשידענע עבודות'ען — טייל דינען מתוך שמחה, אנדערע מתוך עצבות; טייל שעלטען, טייל בענשען, טייל פאַסטען און טייל — עסען ממש, ווי געפרעסען...

איך האָב בטבע פיינט ספקות; עס איז א מאַגנעט, א כשוף! עס הויבט זיך אן מיט א קליינעם פראַגע־צייכען, און עס ווערט דערפון מיט דער צייט א חיה־רעה מיט אן אפענעם פיסק, וואָס שלינגט איין די וועלט.

איך פיהל, אז קוים הויב איך אן מסופק צו ווערען, רוקט זיך מיר די ערד אפיר פון אונטער די פיס; אז איך וועל באלד מסופק זיין, צי בין איך אמאָל אויף איהר געשטאַנען, צי בין איך אליין אמאָל דאָ געווען. און — וואַרטען, ביז עמיץ וועט מיר געבען א זעץ אין די פלייצעס אריין, איך זאָל געוואָר ווערען, אז איך לעב נ י ש ט אין חלום — וויל איך נישט!

דעריבער היט איך מיך פאַר ספקות, עס נישט פון שאלות און לעג אדם הראשון אוועק אין א זייט.

נאָר פון אונזער עלטער־עלטער־זיידען, וואָס אונזער עלטער־עלטער־זיידע איז זיין אייניקעל געווען, האָבען מיר בעסערע ידיעות. אחוץ דער פאָטאָגראַפיע, וואָס ער האָט איבערגעלאָזט אין אמעריקע און אין אויסטראַליען, און אפילו אחוץ דעם, וואָס ער האָט דעם דין פון „חוזר ונעור“ און וועט נאָך אַרויסשווימען אפילו אינ'ם איין און צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אפילו ווען די מענשען וועלען שוין האָבען מעהר מוח און האַרץ אלס מאָגען, האָבען מיר געשיכטע און סאָציאָלאָגיע.

און אז מיר וועלען מיט אונזער כח הדמיון נאָך אמאָל דורכמאַכען דעם וועג פון איהם (דאָס הייסט: פון דעם עלטער־עלטער־זיידען, וואָס אונזער עלטער־עלטער־זיידע איז זיין אייניקעל גע־

ווענען) ביז אונזער מאַגען־דור, וועלען מיר זעהן בחוש, אז די אַל־טיטשקע האָט זיך געררוקט... און רוקט זיך נאָך.

אמאָל האָט מען פון מענש קיין אנדער נוצען נישט געקאָנט ציהען, נאָר אָפּצובראָטען און אויפצופרעסען — האָט מען אַזוי גע־טאָן. און עד היום ווייסט מען, אז ווייס פלייש איז געשמאַקער פאַר נעגער־פלייש, פרויען־פלייש — אַלס מענער־פלייש, און בכלל, אז ווער עס האָט נאָר מענשען־פלייש פאַרזוכט, דעם שמעקט שוין אפילו קיין קאַוויאַר, קיין אויסטערן, אזא מאכל מאכלים איז עס!

ווי לאַנג האָט נאָך געלעבט דער נאַקעטער מענש, זייט מען האָט איהם געכאַפּט? אַזוי לאַנג, ווי דער כאַפּער, זיין נאַקעטער ברודער, האָט איהם געקאָנט אויפפרעסען ראשו ורובו — ווייל אונ־זער נאַקעטער זיידע האָט געהאַט אין זיך חיות פון אַ שלייען, וואָס ווארפט זיך צושניטענערהייט אין אַ פאַן. — עס האָט פאַרט נאָר געקאָנט דויערן אַ רגע כמימרא, ווייל אונזער נאַקעטער עלטער־זיידע האָט נישט געהאַט קיין געלע, פוילע קראַנקע ציין, ווי מיר... אַלטע, וואָס וואָלטען שוין קיין ציין נישט געהאַט, זענען אויף דער וועלט נישט געוועזען, מען האָט זיי געקוילעט צו ד ע ר צ י י ט!

לענגער אביסעל האָט דער געפאַנגענער געלעבט, ווען דער מענש האָט זיך אַזוי פיין אויסגעבילדעט, אז ער האָט פאַרשטאַנען צו האַלטען, מאַכען און נוצען פייער...

איידער מען האָט אַנגעלעגט אַ פייער, איידער עס האָט זיך צוברענט, האָט דער געפאַנגענער געקאָנט אָפּלעבען אַ פּאָר שעה; ווייל עס זענען נאָך דאַמאָלט קיין צינד־העלצער נישט געוועזען, און מען האָט געמוזט רייבען איין האָלץ אָן צווייטען.

אויך האָט עס זיך געקאָנט טרעפען נאָך אַ רעגען, ווען דאָס ברענהאָלץ איז נאַס געווען!...

ווען אונזער געפאַנגענער זאָל געוועזען קאָנען שרייבען, וואָלט ער צייט געהאַט אַ צואה צו מאַכען, און עמיצען שענקען די צו־שפּאָלטענע ביינער, נאָכ׳ן ארויסנעמען דעם מאַרך.

די אַלטיטשקע האָט זיך ווייטער אַ רוק געטאָן, און אדם הראשון׳ס אייניקלעך האָבען אָנגעהויבען צו פאַרשטעהען די דינים, וואָס הייגט ווייס יעדע קעכין, חיינו: אז אויב מען לעגט נישט אריין, נעמט מען נישט ארויס, אז אַ געשטאָפּטע לעבער איז בעסער

ווי אן אומגעשטאָפּטע, און — אַז אין דער פינסטער ווערט פּעטער די גאַנז.

קוים איז דער מענש צום שכל געקומען, האָט שוין דער גע־פאַנגענער געהאט גאַנצע וואָכען געשענקט לעבען! און וואָס פאַר א לעבען! אמת, מען האָט איהם געהאַלטען ערגעץ אין א לאָך, אין דער פינסטער, אָבער עסען האָט מען איהם געגעבען דאָס שענסטע, דאָס בעסטע! און געלעבט האָט ער אמאָל לאַנג, גאַנץ לאַנג... עס האָט זיך געטראָפען א האַלב יאָהר, א יאָהר! וואָלט דער געפאַנ־גענער געהאט די מיטלען, וואָס מיר נוצען אויף אָפּצעהרען, וואָלט ער אפשר נאָך לענגער געלעבט; עס האָט אָבער דאַמאָלט נאָך קיין עסיג אפילו נישט עקזיסטירט, און אפילו די דאַמען זענען דיק און שטאַרק געוועזען. —

דערווייל רוקט זיך אַלץ ווייטער די וועלט!

מען דערזעהט, אַז דעם מענשענס הענט און פיס, אָדער — זיין ארבייט, זענען מעהר ווערט אַלס זיין פלייש.

און דער מענש איז שוין אַזוי ווייט געבילדעט, אַז ער קאָן זיך איינהאַלטען, נ י ש ט פאָלגען דעם יצר־הרע, נ י ש ט נאָכ־געבען דעם „קאַלדאָן“ — נאָר פאַרזאָרגען זיך אויף שפּעטער!

דאַמאָלט ווערט שוין פון דעם „געבראָטענעם“ אַן עבד כנעני, וואָס קאָן לאַנג, גאַנץ לאַנג לעבען, אויב ער ברענגט נאָר נישט זיין בעל־הבית אין כעס אריין, אָדער — אויב דער בעל־הבית ווערט נישט זעהר שטאַרק הונגעריג...

א גאַנצען זומער, ווען דער טייך וואַרפט ארויס פיש, ווען אויף די ביימער איז דאָ אויבס און אויף די פעלזען — ווייכע, ווייסע חלזונות (שלימאַקעס) איז ער אודאי זיכער מיט'ן לעבען.

די געפאַהר איז נאָר גרויס געוועזען ווינטער־צייט...

נאָך א געפאַהר איז געוועזען — פון מזבח! די וועלט רוקט זיך לאַנגזאַם, נאָר דער מזבח מיט'ן כהן נאָך לאַנגזאַמער... די רע־ליגיען ווילען נישט וויסען פון קיין נייעס...

די מצריים, למשל: פלעגען מוזען קוילען די קרבנות מיט שטיינערנע מעסערס, כאָטש עס זענען שוין חלפים לאַנג אויף דער וועלט געוועזען; די גייסטליכקייט טראָגט שטענדיג מלבושים פון עטליכע הונדערט יאָהר צוריק... און דעריבער האָט נאָך לאַנג גע־רויערט איידער מען האָט פאַרטוישט מענשען־קרבנות אויף קעל־

בער. דעם ערשטען טויש האָט געזאָלט מאַכען אברהם־אבינו... נאָר נישט אין דעם ביז איך אויסען: זכות אבות איז שוין היינט אין שוסטער־גאַס. אַלטע וועקסעל צאָהלט מען נישט!

נאָר די אַלטיטשקע האָט זיך ווייטער גערוקט... די געטער (דאָס הייסט: זייערע פלעניפאָנטען אויף דער ערד) האָט אָנגעהויבען שמעקען קעלבערנעס, און דער עבד כנעני איז נאָך זיכערער געוואָרען מיט'ן לעבען!... כאָטש נישט אַזוי קורץ, ווי איך דערצעהל, איז עס געשעהען. כאָטש ווען מיר וועקען היינט אויף די אויפגעפרעסענע מענשען פון יענע דורות, וואָלט פאַר אונזערטוועגען קיין שטויב אויף דער ערד געבליבען, כאָטש דער פּראָגרעס האָט זיך נישט געמאַכט מיט אמאָל — פריהער האָט מען עס געאסר'ט מענשען־פלייש פאַר נקבות*), דערנאָך פאַר מאַנספּאַרשוינען און דערנאָך ערשט דעם מזבח אָדער דעם גייסטליכען — נאָר שטעהן שטעהט נישט די וועלט, און זי האָט זיך ווייטער גערוקט!

דער מענש איז וואָס אַמאָל שפּאַרזאַמער געוואָרען, קאַרגער. ער האָט דעם עבד כנעני געהיט נישט ווענינער, ווי אונזערע פויערען דעם אינוועטאַר. די לייב־אייגענע (עבדים כנענים) האָבען דאַדורך אפשר בעסער אויסגעזעהן, ווי זייערע לעדיג־געהער, די בעלי־בתים.

געבילדעטער זענען זיי אודאי געוועזען; זיי האָבען געאַר־

---

*) ווען איינער פון די גרויסע חסידים, וואָס עסט נישט צוזאַמען מיט'ן ווייב ביים טיש, זאָל וויסען, אז דער מנהג קומט אַרויס פון יענער צייט, ווען דאָס ווייב האָט נישט געטאָרט עסען דאָס זעלבע, וואָס דער מאַן, ווייל נאָר ער האָט געמעגט עסען מענשען־פלייש און זי נישט, וואָלט ער זיכער פאַרלוירען דעם אַפּעטיט — ווענינגסטענס צום נאַרישען מנהג. אָניט וואָלט ער כאָטש געדאַרפט זיין קאָנסעקווענט און נישט עסען מיט'ן ווייב אין איין צייט אויך. ווייל עד היום ביי די ווילדע אין אמעריקא און אויסטראַליען טאָר דאָס ווייב זיך נישט צוריהרען צום עסען, ביז דער מאַן האָט אָפּגעגעסען און איז איינגאַנצען זאַט. מעהרסטענטיילס, נאַטירליך, האָט דאַרט דאָס ווייב דעם אייגענעם סוף, וואָס אונזערע אָרעמע אידענע האָט, ווען זי שיקט דעם מאַן עסען אין סוכה אַריין... פון דאַנען אויך נעמט זיך דער מנהג, וואָס די בעל־הבית'טע טיילט ביים טיש און זעלטען זי זאָל זיך נישט פאַרטיילען.

בייט און געווארען מיט דער צייט בעלי־מלאכות און אפילו קינסט־לער!

שלעכט איז נאר געוועזען אין א הונגער־צייט, ווען עס האט פארפעהלט עסען, אדער ווען די עבדים כנענים האבען זיך אזוי געמעהרט, אז מען האט פון זיי אזוי פיעל ארבייט, וויפיעל זיי האבען געקאנט געבען, נישט געקאנט נעמען... און בפרט, אז מען האט מורא געהאט פון זייער צד פאר א מרידה...

אזא צופאל איז געוועזען אפילו אין גריכענלאנד! נאר עס איז שוין געוועזען א געבילדעטער דור, מענשען־פלייש האט מען שוין נישט געגעסען, און פרעה'ס עצה —ווארפען אין וואסער אריין, האט נישט געפאסט צו דער גריכישער בילדונג. האט מען זיך אן אנדער עצה געגעבען: מען האט ארייגעטריבען די איבעריגע עבדים, די נישט נויטיגע בעלי־מלאכות, קינסטלער, זינגער, פילאָ־זאפען אין וואלד אריין, און די יונגע מיוחסים האבען זיך אויף זיי געלערענט שיסען. כל־זמן די קנעכט זענען אנטלאָפען אויף דער ערד, האט מען געזאגט א יהי רצון: אלוהי, א ווילד־חזיר! איז אבער איינער ארויפגעשפרונגען אויף א בוים, האט מען איהם אלס פויגעל געשאסען...

עס האט אזוי לאנג געדויערט, ביז מען האט רעגולירט די צאהל מענשען מיט'ן עשרות פון עסענווארג; געמאכט יעדען צוריק נוצליך און — שלום ושלוה! קיין נוצליכען מענש האט מען נישט געריהרט! נישט געשאסען, אפילו נישט געטריבען! —

און די וועלט האט זיך ווייטער גערוקט!

מען האט איינגעזעהן, אז דער „עבד כנעני", וואס קאן גאר־נישט „זוכה" זיין, קאן גארנישט זיין אייגענם האבען, ווייל „מה שקנה עבד קנה רבו" — אלץ, וואס דער קנעכט דערווערבט, געהערט צום בעל־הבית — און דעריבער, אז ער ארבייט אפילו, ארבייט ער אהן חשק, אבי איבערצוקומען, אבי יוצא צו זיין; דאגעגען א מענש, וואס ארבייט פאר זיך, ארבייט מיט מעהר כח, מיט מעהר חשק און איז דעריבער מעהר נוצליכער — האט מען די נוצליכע מענשען באפרייט... און אזוי איז געקומען ביז צום היינטיגען טאג.

עד היום איז דער „נוצליכער" מענש, דער, וואס מען דארף איהם נויטיג — זאט; און מען היט איהם, ווי אן אויג אין קאפ...

עד היום שטאפט מען הינער און גענז! און אפילו די שוואלב

ווייל מען מיינט, אז זי עסט אויף נאר ווערים און ריהרט נישט קיין תבואה, איז אויך זיכער מיט'ן לעבען. כאטש זי גלויבט אפשר אין גארנישט...

מען דארף נוצליך זיין, אט דאס איז דער כלל. און דעריבער הויב איך, ליז, אן צו קלערען, צו וואס נוץ איך אייך? איך האב אייך וייטער נישט געקאנט מאכען לאכענדיג!

איך פיהל מיך דעריבער שרעקליך דענערווירט און מיר דאכט זיך, אז די גאנצע „נאטור" איז נערוועז, עס איז שפעט ביינאכט און זי קאן נישט איינשלאפען. דא רופט זיך אן א הונט, דא א קאץ, דא גיט א בלאז, עמיץ — א זיפץ... עס ציטערט אויף מיר די הויט!

אום מיך צו בארוהיגען און די נאטור איינצושלעפערען, פרואוו איך מיינע כחות אין געזאנג.

איך שפרינג אויף פון געלעגער, הויב אויף די רעכטע האנט צום הימעל, לעג די לינקע אויפ'ן הארץ, און באמיה זיך ארויסצו־געבען א פאר טענער. דערביי עפען איך די אויגען און פיהל בחוש, אז מיין זיסער קול געהט מסוף העולם ועדיסופו. איך וויים נישט, פון וואנען עס האט זיך צו מיר גענומען, נאר די גראמען פאלען מיר אויס'ן קאפ ארוים אזוי לייכט, אזוי גרינג, אז מיר הויבט אן דאכטען, אז עס שטעקט עפעס טאקע אין מיר א מין משורר! און עס איז א פארגעניגען מיט די גראמען... גארנישט, מען דארף נישט דענ־קען, מען מעג קיין פולווער נישט געפינען, אבי עס קלינגט...

וואס פעהלט, למשל, מיין קאמפאזיציע, וואס איך האב דא־מאלט געמאכט? זאגט אליין?

הימעל, נישט דונער!
שטערן, נישט שיין!
לבנה, נישט שימער!
שטילער זאל זיין!

הוידע נישט, צווייג!
וואלקען, נאר שטעה!
ווינטעל, דו שווייג!
ערדעל, נישט דרעה!

ים'על, זיי שטום!
רעגען, נישט קאַפּ!
בערעל, נישט ברום!
פּערדעל, נישט כראַפּ!

פרעשעל, נישט „קווא"!
לאַשאַק, נישט „הע"!
פייגעלע, שאַ!
עקסעל, קיין „מע"!

לייבעלע, קיטש!
קעצעל, קיין לעק!
דו, קוה, קיין מריטש!
קעלבעל, קיין בלעק!

ווייבעל, קיין פּשיק!
מיידעל, נישט קראַץ!
בטלן, קיין קניק!
שאַט'ס אַלע, שאַט'ס!

שטילער, נאַטור,
שטילער, „דו שלעכטס"!
שטילער, איך לױ
וויל געבען א קרעכץ!

און עס איז מיר אויף אַרט און שטעל גרינגער געוואָרען. די נאַטור איז איינגעשלאָפען, איך אויך.

און עס האָט זיך מיר גע'חלום'ט, אז איך האָב דאָס געדיכט פון ערגעץ אַרויסגע'גנב'עט. נאָר, אַז א י ד קאָן מיך נישט דערמאַנען, ווער עס האָט עס געשריבען, און וואו עס איז געדרוקט געוואָרען, וועט דער לעזער — טראַכט איך — אודאי נישט ווי־סען. און דאָס איז דער עיקר!

דאָס אַלץ איז אָבער פּאַרט נישט צום לאַכען!

איך טרייסט מיך נאָר מיט דעם, וואָס איך האָב צו טון מיט

אידען רחמנים בני רחמנים; מיט אידען, וואס זענען יוצא מיט
אן ערוב, מיט בטול חמץ, מיט א יהי רצון פאר קרבנות.

אידען! אפלייענענדיג דעם פעליעטאן, זאגט א יהי רצון —
גלייך איהר וואלט געלאכט און זייט מוחל דעם

לץ פון דער רעדאקציע.

.1891

אויך אַ פעליעטאָן.

מען האָט געפרעגט אַ דאָן־זשואַן, פאַרוואָס ער האָט נישט ב ע ס ע ר חתונה, האָט ער לפי תמו געענטפערט, אַז ער האָט מורא! ווארים וועמען זאָל ער נעמען? אַ בתולה? ווער ווייס, וואָס עס וועט פון איהר אַרויס? עס קאָן זיין אַ „מצא“, עס קאָן זיין אַ „מוצא“, און איינצושטעלען זיך האָט ער מורא; אויפקלייבען, וואָס יענער וואַרפט אַוועק — נעמען אַ גרושה, וויל ער נישט. אַן אַלמנה, וואָס האָט שוין איינעם געפיהרט צי געטריבען אין זיין רוה אַריין, איז אַ געפעהרליכע זאַך. אַמבעסטען איז דעריבער אַן אשת איש — „אַז זי טויג פאַר יענעם, טויג זי פאַר מיר אויך!“...

עס הייסט אַפילו „עזות׳קייט“, „נבול־פה“, עס איז דאָך די אייגענע לאָגיק, אַז וועלכער עס האַלטען זיך אַלע אונזערע סוחרים...

הונדערט יאָהרען געהען פאַרביי, טויזענטער יונגעליים געהען אַראָפּ פון קעסט, און קיינער זוכט זיך נישט קיין נייע פּרנסה. וואָס אַ נייער סוחר, איז אַ נייער קאָנקורענט צו דער אַ ל ט ע ר סחורה... זוכען אַ נייעם אַרטיקעל איז אַן איינשטעלעניש, מען קאָן אַריינפּאַקען די פּאַר גילדען און דערנאָך — לעג די ציין אין בייטעל אַריין! אָפּקויפען ביי יענעם אַ ג ר י י ט געשעפט, איז קיין סברא נישט; עס זאָל גוט זיין, וואָלט עס יענער קיינעם נישט פאַרגינען, בפרט איבערנעמען ביי אַ באַנקראָט! אַזאַ געשעפט איז שוין אַ קטלנית, אַ געפעהרליכע זאַך... אַמבעסטען איז דאָס, וואָס אַלע האָבען; אַז עס לוינט פאַר יענעם, וועט לוינען פאַר מיר אויך...

און דעריבער, ווער עס געהט אַראָפּ פון קעסט, מאַכט זיך אַ שענק „נאַ וויפּיוואָקו“ אָדער „נאַ ווינאָס“, עפענט אַ געוועלבעל מיט די אייגענע מינים, וואָס אַנדערע האָבען, אָדער קויפט זיך אַ שטעקעלע און הויבט זיך אָן אַרומדרעהען גלייך מיט אַלע אין גאַס...

נאר פאר דאס — ה א ט זיך שוין איינער איינגעשטעלט דאס לעבען און געבראכט א נייעם מין, מוז עס שוין מארגען זיין אין אלע גאסען; „אז עס לוינט פאר יענעם, לוינט פאר מיר אויך"... מעג עס זיין שיך, סמאלע, פּרוכנא... אלץ איינס...

דאס אייגענע געשיהט אין א ו נ ז ע ר געשעפט — אין דער ליטעראטור, מיין איך — אויך. איך ארעמער ליץ האב געוואלט זיין אין מיין ווינקעלע א יחיד. אלע מיינע חברים האנדלען מיט האניג און בוימאויל... אויב מען איז נאר נישט קיין איסטנים, מען האט נישט קיין פאראורטייל, איז גארנישט שלעכט! א י ך האב אבער געוואלט זיין א יחיד און אנגעהויבען האנדלען מיט גאל, ווערמוט און סם פאר מייז... באדיי א שטיין — האב איך געטראכט — אבי אליין. איך האב געוואוסט, אז אמת איז די ערגסטע סחורה, נאר איך האב גערעכענט, אז אפילו די ערגסטע סחורה, אז זי איז נאר אין איין האנט, קאן זי אויך געבען אפצולעקען א ביין...

נאר קוים האב איך מיין קלייטעל געעפענט — עס איז דא א קאנקורענט — ר' ראובן ב"ר אשר בריינין!

אז עס לוינט — האט ער געטראכט — פאר מיר אין ווארשוי, וואו מען קאן מיר יעדען טאג טרעפען מיט א שטיין אין קאפ, לוינט פאר איהם אין וויען אודאי!

און באלד שטעלט ער זיך פאר דער טיר אין זיין „ממזרח וממערב", און הויבט אן צו וועגען אמת אויפ'ן קווינט און אויפ'ן לויט!...

„ווער עס מיינט — רופט ער אויס בקול רם — אז אין די לעצטע צייטען איז אונזער ליטעראטור אנטוויקעלטער, ברייטער און רייכער געווארען — דער נארט זיך אדער יענעם; אניט, פארלאנגט ער אזוי ווייניג פון דער ליטעראטור בכלל און פון אונזערער בפרט, אז ער געפינט דאס, וואס ער דארף, ביי אונז אויך"...

ער זאגט, אז אונזער ליטעראטור איז אן אוצר, אין וועלכען עס ליגען באהאלטען סאמע שברי כלים: „שארבאנעס און שמאטעס, און דאס אלץ איז נאך, פאר שעהנקייט וועגען, באדעקט מיט טויזענט־יאהריגען שטויב און באהאנגען מיט אלערליי שפינוועבס"...

אונזערע געלעהרטע — זאגט ער ווייטער — זענען נישט קיין שווערע, מאסיווע סחורה; זיי זענען נאר לייכטע קארקעס, „וואס

שווימען אַרום פון אויבען אויף די שוים־בלעזלעך" פון וואַסעריגען לעבען; „טיפער נעמען, אַראַפּלאָזען זיך, דער־גרונטעווען עפּעס" — פעלט זיי גאַרנישט איין... די קליינע מח'לעך זענען יוצא מיט אויבערפלעכליכע קלייניגקייטען, מיט נאַרישקייטען"... „זיי האָבען קיין אידעען נישט, נאָר עפּעס אַ שאָ־טען פון (פרעמדע) אידעען"... וואָס קאָנען זיי געבען דעם לעזער. אַז „זיי אַליין קלויבען נאָר שירים" פון אונטער פרעמדע טישען. און די קליין־מוח'יגע, קורצזיכטיגע שרייבערלעך רעדען זיך נאָך איין, אַז זיי טוען עפּעס, און באַרען זיך מיט „טפשות פה ונבול עט"...

ווי אַזוי מען זעצט איבער „טפשות פה און נבול עט", אָסור, אויב איך ווייס... אַ „מאוס־מויל" און אַ „פוילע פעדער", איז נאָך ווייניג... „טפשות פה" און „נבול עט" איז אַ פּעליעטאָן אַ לאַ לע־ווינסקי... נאָר ווער עס האָט איהם נישט געלעזען, דער וועט שוין נישט פיהלען דעם טעם, נישט וויסען דעם ריח...

נאָר ווי עס איז, איך האָב געקריגען אַ קאָנקורענט...

עס ליגט פאַר מיר אויפ'ן טיש אַ גאַנצער באַרג מיט ספרים... נאָר וואָס זאָל איך רעדען איבער זיי, אַז בריינין האָט מיר די ווער־טער פונ'ם מויל אַרויסגעריסען. אַז איך שטעה מיט אַ טרוקענער צונג און קאָן זי נישט איבערדרעהען! אמת איז, אַז ער האָט גע־מיינט די העברעאישע ליטעראַטור, און פאַר מיר ליגט נאָך אַ באַרג אידיש, „ריין אידיש"... נאָר — מה נשתנה? וואָס איך וועל שרייבען, וועט מען אַלץ זאָגען, אַז איך האָב ביי בריינינ'ען גע'גנב'עט און מען וועט נאָך צווישען אונז אָנמאַכען אַ שלעכט לעבען...

איך וועל שוין בעסער היינט איבער ליטעראַטור נישט רע־דען... איך וויל פּראָווען רעדען פון בילדער.

איך האָב געזעהן אַ בילד; ערגעץ אויף אַן אויסשטעלונג און אפשר נאָר אין חלום.

עס איז טיילמאַל גאַנץ שווער צו געפינען די גרענעץ צווישען חלומות און לעבען... גאַנץ אָפט חלומ'ט זיך, אז די קוה איז גע־פלויגען איבער'ן דאַך, כאָטש זי שטעהט פעסט צוגעבונדען אין אַבאַרע; און טיילמאַל געשיהט אַזוינס, וואָס עס האָט זיך קיין פילאָזאָף נישט גע'חלומ'ט... טיילמאַל שטעקט אינ'ם חלום אַזוי פיעל לעבען, אַזוי פיעל אמת, אַזוי פיעל ברענענדיגע צרות און אַזאַ לעבעדיג נחת, אַז דאָס לעבען איז דערנאָך אָהן לעבען, אָהן אַ קאָ־ליר, אָהן פאַרב... און אַזוי טרויעריג־גרוי, גלייך עס וואָלט אייביג געוועזען צווישען טאָג און נאַכט!... קורץ — די חלומות מיט'ן לעבען זענען גאַנץ אָפט אַזוי צוזאַמענגעוויקעלט, אַזוי פאַרקניפּט, אַז עס איז קיין וואונדער נישט, אויב קייזער ווילהעלם וויל פּרואַ־ווען שפּילען ביי דעם קנוף די ראָלע פון אלכסנדר מוקדון!... און דעריבער האָט ער טאַקע פאַר אַ נייע פּאַרטי רעקרוטען געהאַלטען אַ רעדע און געזאָגט, אַז ער האָפט, אַז זיי זענען פרום, גלויבען אין גאָט און וועלען ציהען די שווערט נישט געגען די פראַנצויזען אַליין, נאָר אפילו געגען אייגענע שוועסטער און ברידער, אויב עס וועט זיך זיי עפּעס חלומ'ען...

נאָר דער קייזער ווילהעלם האָט כאָטש אָפענע אויגען; ער זעהט, וואָס עס טוט זיך, ער גיט אכטונג! נאָר אַנדערש איז גע־וועזען אויפ'ן בילד, וואָס א י ך האָב געזעהן...

אין הויף ברענט... דאָס פייער ליגט שוין אין די פענסטער פון אַ גרויסער, ברייטער, ליכטיגער שטוב... די פלאַמען שלענגלען זיך אינמיטען געדיכטען רויך... אָט, אָט וועלען פּלאַצען די שויבען און דער פייערדיגער ים וועט זיך אריינגיסען אין שטוב אריין...

אויף אַ שעזשלאָנג זיצט האַלב אַנגעלעהנט אַ בלאָנד קינד פון אַ יאָהר צוויי, לעבען שעזשלאָנג, אויף דער פּאָדלאָגע, ליגט דאָס שפּילצייג, וואָס עס האָט ערשט ארויסגעלאָזט פון הענטעל... אַ פאַר־צעלייערנע פּופּע, איז, אַראָפּפאַלענדיג, צושפּאָלטען געוואָרען, און פון איהר געעפענטען לייב קריכען ארויס די וואַילאַקענע געדערעם... דער גומענער פּאַיאַץ צאַפּעלט — נאָר איהם האָט דאָס פאַלען נישט געשאַדט...

דאָס קינד קוקט גלייך אין פייער אריין. דער אָפּגלאַנץ רוי־טעלט איהם דאָס בלאַסליכע פּנים... עטליכע ליכטיגערע שטראַ־לען בלאָנקען זיך צווישען זיינע זיידען־גאָלדענע האָר... אין די קיי־

לעביג געעפּענטע אויגען ליגט מעהר פאַרוואונדערונג אלס שרעק... און עס אָטעמט שטיל מיט'ן אָפּענעם מיילעכעל... עס זענען דאָ עלטערע מענשען אין שטוב, נאָר זיי באַמערקען נישט דאָס פייער.

אין אַנדערען עק צימער געהט אַ פּרעפעראַנס ביים גרינעם טיש; אויפ'ן טיש ליגען שפּיל־מאַרקען, נאָר זיי גלאַנצען, ווי גאָלד; מען שרייבט האסטיג מיט קרייד אויפ'ן טוך, די נאַסע בארשט זאָל האָבען וואָס אָפּצואווישען... מען ליציטירט פאַרברענט, כאָטש די האָפנונג שטעקט אינ'ם בלינדען טאַלאָן. און די שפּילער זיצען איינגעבויגען, גלייך אַ הימעל וואָלט זיי געלעגען אויף די פּלייצעס... פון גאָלען קאָפּ רינט איינעם אַ טראָפּען שוויים איבער דער נאָז; דער צווייטער קוקט מיט אַ פעסטען שטאָלענעם בליק, גלייך ער וואָלט אַ קאָנטראַקט געהאַט מיט'ן מזל; דער דריטער האָט פאַרביסען די ליפּען און וואַרט אויף יענעמס אַ פעהלער; דער פיערטער שיקט אַרום די לויפענדיגע אויגען, ווי שפּיאָנען צווישען די פרעמדע קאַרטען...

זיי שפּילען אפשר עהרליך, נאָר זיי מיינען, אַז דער קלענסטער טעות, אַ גיינטעל אויפ'ן אָרט פון אַ קעניג, קאָן אומקערען די וועלט...

אַז עס איז אַ שרפה אין הויף — דאָס פאַלט זיי גאָרנישט איין!

זיי זענען צו פאַרנומען, זיי זאָלען אַכטונג געבען, וואָס הינטער זיי טוט זיך!

אכטונג געבען איז אַ באַזונדערע מתנה פון גאָט... דאָס לעבען איז אַ חדר, אַ שווערער חדר, נאָר נישט אַלע האָבען אַ גלייכען מזל, נישט אַלע ווילען, מערקען און קענען גלייך...

נישט נאָר אין חדר טרעפען זיך תלמידים, וואָס גיבען נישט אכטונג; דאָס לעבען איז אַ גרעסערער חדר און האָט אויך אַזוינע שילער! אַלע לערנען אין חדר, נאָר נישט אַלע גיבען אכטונג, און נישט אַלע לערנען גלייך!

עס זענען פאראנען גליקליכע תלמידים. זיי גיבען נישט אכטונג, גארנישט, און דער רבי טאר אויף זיי קיין האנט נישט לעגען, נישט איבערשרעקען, קיין בייזע מינע מאכען. זיי לער־נען נאר שפּילענדיג... זיי האבען אפילו פאר׳ן פארהערען קיין מורא נישט... זיי ווענען סיי ווי סיי קריגען א קניפּ אין בעקעל און א שטיקעל טארט מיט א מאקאראנע אין מויל אריין... זיי שווימען דורך דער לערען־צייט אהן א ווינטעל קענענאיבער, אהן א פאליע איבער׳ן קאפּ, אהן א שלוק געזאלצען וואסער... זיי שווימען טאנ־צענדיג, לוסטיג, ווי לעדיגע פאכירען איבער דעם זילבערנעם שוים, אונטער׳ן בלויען הימעל; אהן א בליץ אין די אויגען אריין, אהן א דונער, וואס פארטויבט די אויערען, און מיט א פרעהליכען ליעדעל אין מויל... זיי האבען שטענדיג פרייע קעפּ, די מוחות זענען אויס־געבעטעט מיט שניי־ווייסען פויגעל־פוך... און די נשמה ליגט שטיל און רוהיג, ווי א ווייס־זילבערען ווערימעל אין א פוילער נוס... פון קליינעם לעבעל אין דער לעדיגער נוס קוקט עס אמאל ארויס אויף דער פרייער וועלט, נאר באלד באהאלט עס צוריק דאס קעפּעל אין איינענעם... אש!

עס זענען אויך פאראנען תלמידים, וואס קאנען נישט לערנען.

טייל ווערען געבוירען אהן פּיס, אהן הענט, מיט א שוואכע ברוסט, אדער אנדערע פעהלער אין גוף; אנדערע ווערען געבוירען מיט עפּעס א פעהלער אין די געהירן. עס ווערט געבוירען א מענש מיט א געזונטען קערפּער, מיט אן אייזערנעם לעבען, ווייסע ציין און פינף אפענע חושים... נאר פון די אויגען קוקט קיין נשמה נישט ארויס, נאר דער בויך; דורך די אויערען הערט נאר דער מאגען, דורך דער נאז פיהלט נאר די קישקע! די הענט טאפּען, צי לאזט זיך נישט עפּעס עסען, די צונג אין מויל איז זיך מתיעץ מיט׳ן גו־מען! צי וועט עפּעס אריין בשלום?

מעהר איז נישט זיין דאגה... מעהר דארף ער נישט און וויל נישט אכטונג געבען!

אנדערע זענען ווייטער צושטרייט, אהן ערנסטער כונה, אהן זיץ־פלייש... מעהר ווי א רגע קאנען זיי קיין זאך נישט שענקען! דארווין (ווער דארווין איז, האט שוין אפילו דער ראדזינער רבי

געוואוסט). פארצעהלט פון א קונצען מאכער, וואס איז ארומגעפאהרען מיט געלערענטע אפען. וואס פאר א קונצען די אפען האבען באוויזען, צי האבען זיי געגעסען מיט מעסער און גאפעל אדער קריטיקען געשריבען צו פינף רובעל פער שטיק ביים מחבר און נאך פינף ביים רעדאקטאר — דאס פארצעהלט ער נישט. ער פארצעהלט נאר, אז דער קונצען־מאכער פלעגט די אפען קויפען אין זאאלאגישען גארטען אויף א צוויי־פאכיגען פרייז. פופציג רובעל פער שטיק האט ער געצאהלט אומאויסגעקליבען, און הונדערט רובעל פער שטיק, אויב מען האט איהם ערלויבט די אפען אהיים צו נעמען און אויסצופרואווען, אויב זיי זענען פעהיג צו די קונצען. אויף דער פריוו האט ער זיי געהאלטען אינגאנצען עטליכע טעג. אז מען האט געפרעגט, ווי עס איז מעגליך אין אזא קורצער צייט צו וויסען, אויב פון לאנג־עקיגען תלמיד וועט ארויס א לייט, אדער ניין? האט ער געענטפערט, אז עס איז גענוג! אויסלערנען, זאגט ער, קאן זיך יעדער אף, די פראגע איז נאר: אויב ער וועט קאנען אכטונג געבען! און אויף דעם האט ער געהאט א פראסטען סימן: איז דער אף, בשעת'ן לערנען געשטאנען רוהיג און אויסגעהערט, וואס מען האט צו איהם גערעדט, און צוגעזעהן, וואס מען האט איהם געוויזען, איז ער ווערט געוועזען א הונדערטער! האט זיך איהם אבער אינמיטען געוואלט כאפען א פליג אייף דער האנט, אדער נאכיאגען א געווארפענע באל, איז א סימן, אז דאס איז אן אף — א לא־יצלח, אז עס וועט שוין פון איהם קיין רעכטער אקטיאר נישט זיין...

אין אונזער חדר זענען אויך דא אסך אפען, וואס וועלען זיך שוין קיינמאל גארנישט אויסלערנען... זיי הערען נישט, זיי זעהען נישט — אדער בעסער געזאגט — זיי הערען און זעהען צופיעל. זיי באשעפטיגען זיך גלייך מיט'ן גרעסטען און מיט'ן קלענסטען. יעדען שענקען זיי א רגע און נישט מעהר... וואס זאגט אויף זיי דער רבי? ער זאגט, אז פון די אפען וועט קיינמאל קיין לייט נישט זיין... עס דאכט זיך זיי, אז דער קלענסטער צופאל, וואס עס איז, א פליג איז אוועק געפלויגען פון ארט, א באל איז דורכגעלאפען. באטענבערג האט חתונה געהאט, די ענגלישע קעניגין האט איינעם דערלאנגט די לינקע האנט, קאפריווי איז אראפ און ביסמארק איז ארויף — און נאר אזוינע קליינגקייטען קאנען איבערקערען די

וועלט מיט'ן קאפ ארויף, מיט די פיס אראפ; ווייל ביז אהער איז זי זיכער געשטאנען פארקערט... זיי קאנען נישט אכטונג געבען און דערזעהן, אז די פלעווס, וואס פליהען ארום דער מאשין, האבען גאר קיין פעולה נישט אויף די רעדער מיט די ציין, וואס מליטשען אונזער קולטור... זיי וויסען אפשר גארנישט, אז עס איז פאראנען רעדער מיט ציין, זיי זעהען נאר א הילצערנעם קאסטען... דאס רייבען, ריטשען, טראסקען, די אלע משונה'נע קולות, וואס קומען פון דער מאשין ארויס, פארשרייבען זיי אפשר גאר אויף אשמדאי'ס חשבון; א קשיא אויף א מעשה!...

נעכטען, למשל, האב איך געטראפען מיינס א באקאנטען אין גאס.

— דו ביסט נאך דא? — פרעג איך איהם פארוואונדערט. איך וויים, אז די אייראפעאישע בילדונג איז איהם נמאס ומאוס געווארען, איהר ציוויליזאציע האט'ן דענערווירט, ווי א שיכור'ער קאנצערט אויף א צעסטראיעטען פארטעפיאן... עס האט זיך אינ'ם אויפגעוועקט א ליעבע צום „מארגענלאנד“ מיט הארעמען, עאונרכען (סריסים) און באמבוס־קלעפ אויף נאקעטע פיענטעס... ער האט זיך געגט מיט'ן ווייב, פארקויפט די כלי־בית און געשאפען זיך א פאספארט מיט א בריף צום ועד־הפועל. איך האב געמיינט, אז ער ליגט שוין לאנג אויסגעשפרייט אויף דער מאמע רחל'ס קבר. פלוצלונג ער איז דא!...

טפו! טפו! טפו! האב איך דריי מאל אויסגעשפיגען. נאך ער נעמט מיך אוועק אין א זייט און רוימט מיר איין א סוד:

— ווייסט? די פראנצויזען געהען קיין מאדאגאסקאר...

— נו? — פרעג איך פארוואונדערט.

—ווארט איך!

דעם אייגענעם טאג האב איך געטראפען א באקאנטען יונגענמאן, וואס האט זיך געוואלט מקריב זיין פאר דער פאלקס־בילדונג. ער האט ביי מיר גענומען עטליכע זשארגאנישע ביכלעך צו פאר־

קויפען. „נו, ווי האַלט עס?" פרעג איך איהם. „מען מוז וואַרטען — ענטפערט ער מיר — מען מוז זעהן, צי מען וועט ליעבקנעכטען אָפּגעבען פאַר־סוד"!

א פליג איז דורכגעפלויגען, א באַל שפּרינגט...

דער איינגענער קונצען־מאַכער, פון וועלכען מיר האָבען גע־רעדט, האָט נאָך געזאָגט, אז די אַפען, וואָס גיבען אַליין נישט אַכ־טונג, העלפט זיי נישט קיין שלאָגען, קיין שרייען, קיין בייזערען זיך; פאַרקערט — זיי ווערען נאָך מיניש און כל־בו'ניש, אז עס איז די גאַל צו פאַרלירען...

נאָר אַפען זענען נישט די איינציגע ברואים אויף דער וועלט; עס איז דאָ א שפּאַר ביסעל קעלבער אויך... טייל זענען אפילו מחברים. קענט איהר נישט „קעלבערנע יוצרות"? די קעלבער זע־נען גוטע באַשעפענישען...

עס איז א פאַרגעניגען מיט זיי צו רעדען! אז דער הימעל שפּאַלט זיך, האָט נאָך קיין איין עקרה נישט א געשריי געטאָן: קאַלב! און דאָך ווערען קעלבער געבוירען, אבי געזונט! זיי קומען אויף דער וועלט אָהן שיר־המעלות'ן, אָהן א דאָקטאָר, אָהן א הוי־בען און דאָך איז זעלטען, א קאַלב זאָל פאַרבאַקען ווערען, אָדער נישט אַרויסקומען צו דער צייט... א לייטיש קאַלב באַגעהט זיך אָהן וויקעל־שנירען, אָהן וויגעלעך, אָהן רייט־שטעהל און זיצ־בענקלעך, און, איידער מען קוקט זיך אום, עס שפּרינגט שוין אויף אַלע פיער און שרייט: „מע!". פאַר קעלבער זענען נישט פאַראַן קיין תלמוד־תורה'ס, קיין חדרים, קיין שולען; אומגעלע־רענט, אומגעצויגען, שפּרינגט דערפון אַרויס אַן אָקס... וועניגסטענס א קוה! עס האָט באַלד אַפען אַלע חושים, האַרטע קאַפּיטעס, לאַנגע אויערען און שפּיציגע הערנדלעך און עס הויבט באַלד אָן צו זאָגען די קעלבערנע יוצרות!

אַזאַ קאַלב איז צומאָל נישט מסופק! קוים איז עס אַרויס אויף דער ליכטיגער שיין, ווייסט עס שוין, אז מילך איז נישט קיין קאַלעך, וואַסער קיין עסיג און אז הערנער קומען צוניץ, נישט דוקא ווען מען האָט רעכט...

דאס איינציגע, וואס א קאלב דארף, עס זאל ווערן א לייט, איז — די מוטער זאל עס אפלעקן! אין דער ליטא איז א מנהג, אויסצושמירן יעדעס ניי־געבוירענע קעלבעל מיט האניג, די מוטער זאל עס וועלן גוט אפלעקן. אין דער ליטא, אפנים, זענען דא אסך עמאנציפירטע קיה, וואס גלויבן נישט, אז די נקבה איז באשא־פען געווארן נאר קינדער צו לעקן, און באנוצן אפשר די צונ־גען אויף באהאלטענע אסיפות... ביי אונז ווייסט מען פון קיין האניג נישט און דאך זענען אלע קעלבער אזוי ריין אפגעלעקט, אז עס כאפט אן ביים הארץ...

קוים איז דאס קאלב אפגעלעקט, פארמאגט עס שוין אלע פראוועס פון אן אקס, און קען אלע שבע־חכמות, וואס אן אקס דארף קענען... הלכות שחיטה לערענט עס נישט... „די לצרה בשעתה!". אז דער חלף וועט א בליץ טון, וועט שוין ליכטיג ווערן אין די אויגען; די רעשט זאכען האט עס שוין בירושה! קיין שום מלאך, אפילו נישט ד ע ר פון טשאלענט, וועט נישט ארייגקריכען צו א קוה אין בויך אריין, צו שנעלען א קעלבעל אונטער דער נאז, עס זאל פארגעסען די קעלבערנע יוצרות און מוזען ערשט געהן אין חדר אריין צום אקס זיך לערנען אלף־בית.

און דעריבער זענען די קעלבער אזוי גוט!

א קאלב ווערט נישט פארזויגט, (אויב עס איז א חסרון!) מען אנטוויינט עס באלד! עס ליידט קיין צרות נישט פון אומריינע פלעשלעך און עס פארדארבט זיך קיינמאל נישט דעם מאגען...

דעריבער טרעפען מיר נישט ביי קיין קעלבער קיין מרה־שחורה, קיין אפיקורסות, קיין וועלט־שמערץ און עס וועט קיינמאל נישט וויסען, אפילו וואס ד ע ק א ד ע נ ט י ז ם איז... א געזונט קאלב ווייסט נאר קעלבערנע יוצרות...

א געזונט קאלב, אויב עס איז פאעטיש, איז עס פאעטיש פראסט און איינפאך! מיט איין „מע" פיהרט עס דורך א וועלט! דער אייגענער „מע" איז אמאל טיף, ווי א ים, אמאל הויך, ווי דער הימעל, אמאל לויטער, ווי א טראפען טוי אויף א בלעטעל פון א רויז, און אמאל אזוי וויכהארציג און געטריי, אז מען מוז עס מוחל זיין די קאפיטעס...

קיין קאלב וועט זיך נישט אויפשטעלען שטאלץ אויף צוויי פיס, וועט נישט פרואווען זוכען קיין נייע וועגען, קיין נייע ווער־

טער; קיין איינציג קאַלב זעצט זיך נישט אנידער איבערקלערנו, אפשר נ י ש ט „מע"? !

קעלבערנע יוצרות געהען פון האַרץ ארויס, פון דער שלינג אַראָפּ! גאַר אַהן פילאָזאָפיע! די שפּין וועבט, די ביהן גיט האָ־ניג, און דאָס קאַלב מאַכט: מע!

און עס מאַכט נישט קיין סיסטעם, עס זוכט קיין האַרמאָניע, קיין צוזאַמענהאַנג... קיין טענדענץ... „מע!" און — „מע!".

עס שטעקט אין איהם נישט קיין באַהאַלטענע כונות, קיין שפּיצינער פּייל, קיין פאַר'סמ'טער וויץ, און בפרט נאָך קיין גע־פעהרליכע אידעע... אַ קאַלב איז בטבע גוט, עס וואָלט שטענדיג געלעקט און געליובט, מע! און מע!... ברענגט מען עס ווייטער פון געדולד ארויס — האָט עס פּאַדקאָוועס!...

גלויבט מיר, ווען אלעקסאַנדער קיעלאַנד זאָל געבוירען ווערען אין אַ אַבאָרע — וואָלט מען איהם אויך בעסער פאַרשטאַנען!

נאָר ביי די אלע מעלות טובות קאָן קיין קאַלב נישט אַכטונג געבען... עס ווייסט אמאָל נישט וויפיעל דער זייגער איז, ווי דער קאַלענדער האַלט... אויב עס מאַכט זיך אַ שׂרפה, געהט איהם אפילו נישט אַן, ווער עס לעגט אונטער, ווער עס וועט נעמען אסעקוראַ־ציע, נאָר — ווען די אַבאָרע ברענט, מאַכט עס: מע־מע! שפּרינגט עס אין פייער אריין און קומט אום על קדוש השם!

עס זענען נאָך פאַראַנען תלמידים קעץ!

אלע ל"ג בעומר טאַפּיעט מען אַז אלטע — און טאָג־טעגליך ווערען געבוירען יונגע קעץ און דער מין וואַקסט אויך ווי אויף הייוועז.

מיט קיין קאַץ וועט איהר קיינמאָל נישט דורכקומען, איהר וועט זי קיינמאָל גאָרנישט אויסלערנען...

די אלטע איינגעשרומפּענע, שטענדיג באַשעפטיגטע צייט זיצט ביים רעדעל און שפּינט איהר אייביג לאַנגען, פאַרשידען־פאַרביגען פאָדים...

און דאָס פרעהליכע פעליעטאָנישע קעצעל מיינט, אַז דאָס

שפּינט מען איהר א שפּילעבעל, עס שפּרינגט צו פּעליעטאַניש לוסטיג, און וויל אַרויסכאַפּען די קנויל פון דער שוים, שפּילען זיך מיט איהר אין באַל, פּאַרוואַרפען אין שפּיי־קאַסטען, פּאַרשלעפּען אין א מייזען־לאָך!

אוי, קאַץ, קאַץ! דאָס שפּינט מען דיר תכריכים!

.1894

שרייב א פעליעטאָן.

עס האָט קיין שיעור און קיין ערך נישט, וווּיטער א פעליעטאָן — אבער א פעליעטאָן, און דאָ איז נישט דאָ פון וואָס צו רעדען! עס פעהלט מאַטעריאַל!

ארם-נהרים און אמעריקאַ זענען פארשלאָסען, ווי א גביר'יש הארץ, אין ארגענטינא איז שטיל, צעדערבוים — טויט, ווערמאָנט — שטום; איך זעה נישט, מיט וואָס אייך צו פאַראינטערעסירען.

ערשט נישט לאַנג איז אינטערעסאַנט געוועזען צו קלערען, צי די וועלט וועט זיך אין קורצען איבערקערען. א געוויסער פּאַלב האָט נביאות געזאָגט, אז יאָ.

דערפון וואָלט איך אייך געקאָנט אויפבלאָזען אַן עסק, ווי א לונג-און-לעבער, איך וואָלט אייך דערצעהלט, אז פּאַלב איז נישט קיין פּאַלב ביי א קלייד און נישט קיין פּאַלב אויף עמיצענס א שטערן, נאָר א געלעהרטער אסטראָנאָם; אז די וויסענשאַפט, מיט איהר גאַנצער בעל-בת'ישקייט און פּאַרזיכטיגקייט האָט ליעב אַמאָל א פּשט'ל, א נבואה'לע, א טרעפּעניץ — דערביי וואָלט איך אביסעל געשפּילט אויף אייערע נערווען; פריהער וואָלט איך אייך איבער-געשראָקען: טאָמער יאָ, דערנאָך געזאָגט — ניין.

און אפשר וואָלט געוועזען א יאָ און א ניין, און א נישט צור-זאָמען...

וואָס קומט אבער ארויס, אז מען האָט מיר די מציאה פון די הענט ארויס געכאַפּט.

ה' וו... איז פריהער געפאַלען אויף דער מציאה, און אויב ער וועט האַלז און לייב נישט ברעכען, וועט ער אזוי פאַלען און פאַלען עד סוף כל הדורות.

ה' וו... האָט שוין א גליק צו המציאות; וועמען, למשל, איז איינגעפאַלען איבערצוזעצען אויף לשון הקודש א ווערק פון א קאַ־

טוילישען גייסטליכען, וואס ווייזט אויס, אז די נשמות האבען דעם גן־עדן אויף דער זון, אז זיי ציהען זיך, ווי הייטלעך אלע מאל דינער און דינער, ביז זיי ווערען אזוי דין, אז עס קאן שוין דינער נישט זיין ?

וועמען איז דאס איינגעפאלען ? וו... !

וועמען איז איינגעפאלען צו לערנען אידישע קאלאניסטען צו באארבייטען די ערד אין פאלעסטינא און ארגענטינא כמנהג פוילען, דאס הייסט, לויט צוויי־דריי בראשורען פאר אונזערע פויערען גע־שריבען ? וו... !

ווער איז פריהער ארוים מיט א ווערקעל איבער דער מגפה ? וו... !

ווער האט מיר אצינד אויסגעכאפט פאלב'ן מיט'ן סוף פון דער וועלט ? וו... !

וועלכען מחבר איז איינגעפאלען צו שרייבען א פעליעטאן אין „הצפירה" איבער זיין אייגען ספר, וואס ער וועט ארויסגעבען, און ווארפענדיג א שטיין אין א פרעמדען גארטען, באווייזען, ווי נויטיג און וואויל זיין ספר איז, און ענדיגען נאך מיט א שמיי־כעלע : א יא, איך בין פקראמנע און לויב מיך נישט ? וו... ! אלץ וו... און וו... !

עס איז נאך אן עסק געוועזען צו רעדען וועגען חליצה.

איהר ווייסט אפשר נישט, מיינע טייערע לעזער, וואס מען מיינט חליצה ? איהר זייט דאך „גראבע יונגען", המון עם, מען שילט דאך מיך מיט טויטע קללות, פארוואס איך זאג אייך אמאל אוים פון חדר ; מען האקט דאך מיר אין קאפ, אז, אויב אייערע נשמות וועלען ניט הענגען, ווי שפינוועבס אויף די שטריימעל־האר, וועלען זיי אריין אין גיהנום אדער גאר אין קרימינאל... מען יאגט דאך מיך ארום, פארוואס איך רעד מיט אייך, ווי מיט מענשען ! אפשר יא ? אפשר ווייסט איהר טאקע נישט, וואס חליצה איז ? וועל איך אייך פארצעהלען.

איהר ווייסט, אודאי, אז אויף אן אלמנה איז מעהר רחמנות, ווי אויף אן אלמן. נאר צי האט איהר אייך אפגעגעבען א חשבון פארוואס ? און דאך איז עס זעהר לייכט צו טון.

א נקבה איז ערגער, ווי א מאנספארשוין.

א מאנספארשוין איז (על כל פנים עטליכע חדשים אין יאהר)

שטארקער פאר א נקבה, און אויף דער וועלט איז גאנץ גע־פעהרליך, אז מען איז שוואכער. עס איז אסך בעסער מאוס'ער, נאַ־רישער צו זיין, איידער צו האבען א לויט קראפט וועניגער פאר אן אנדערען. אז „יד ישראל" איז נישט „תקיפה", כל־זמן מיר אליין האבען וועניג פראוועס, האבען מיר ביי די נקבות וועניג וואס צוצונעמען.

מיר טוען דאך, וואס מיר קאנען.

א מיידעל ווערט געבוירען איז גאר א קליינע שמחה, אין חדר אריין שיקט מען זי נישט! נאר ביז אהער האט זי נאך אלץ קיין חיזק נישט דערפון — עס קומט אבער שפעטער, איז זי א מאנספארשוין מקדש!

איהר ווייסט, וואס מען מיינט דערמיט?

ער גיט איהר א מטבע, א פינגערל אדער אן אנדערע זאך, וואס מוז כאטש ווערט זיין א פרוטה, און זי איז זיין; ער האט זי געקויפט!

זי מוז איהם פאלגען, ליעב האבען, טראגען, האבען; זי איהם איז נישט מקדש!

געפעלט זי איהם נישט, גיט ער איהר, נישט זי איהם א גט.

אין שטוב צו שאפען, איבער די קינדער צו רעגירען — און זויגען — געהערט צו איהר.

ער איז איהר שפייזער!

בתי מדרשים, חברות, כבוד התורה האט ער — ביי די הקפות שטעהט זי פון דער וויטען.

ער מעג שכור'ן פורים, זי נישט; ער עסט אין סוכה, זי נישט; ער מאכט פאר איהר קידוש און הבדלה, און זי קוקט איהם אין מויל אריין...

קורץ — זי הענגט אפ פון איהם.

און אויף א ברית עסט ער פלייש און פיש, און זי איז יוצא מיט פוטערקוכען, מיט ציקאריע.

אזוי פיעל, ווי מיר האבען פראוועס, אזוי פיעל האבען מיר ביי זיי צוגענומען!

ווי וואלט אבער געווען, ווען יד ישראל זאל טאקע זיין

תּקיפה? וואָלט אַ נקבה קיין ירושה נישט גענומען, קיין עדות נישט געוועזען אין בית־דין...

ווייבער, קליינע קינדער און קנעכט האָבען איין פּראַווע, שטע־הען אויף איין מדרגה.

פרעגט אונזערס אַ למדן: וואָס איז אַ נקבה? „אַ פּעסעל אומריינינקייט". ער איז שטאַרק מסופק, צי זי האָט אַ נשמה, העכסטענס וועט זי אויף יענער וועלט זיין ביי איהם אַ פוס־בענקעלע... ער פיהלט שוין פאַראויס, ווי ער וועט דאַמאָלט האָבען דעם יצר־הרע אין די קנעבעל!

אַנדערע זענען מסופק, צי אידען זענען מענשען, און קיין שום איד איז נישט מסופק, אַז אין אכט מיליאָן אידען זענען נאָר דאָ — פיער מיליאָן מענשען מיט אַ רעשט — ווייבער. „לאַנגע האָר און קורצער שכל, ניין מאָס רייד, אַ אידענע איז ערגער, ווי דער טויט — דאָס רוב זענען מכשפות"...

און דאָס איז נישט א ו נ ז ע ר יושר אליין, עס איז ביי אַלע פעלקער אזוי... און וואָס ווילדער אַ פאָלק איז, וואָס וויכטי־גער עס איז ערגעץ די פויסט, ערגער איז אַלץ דער פרוי.

ביי טייל ווילדע פאַרברענט מען גאָר די אַלמנות...

ביי אונז הייסט „מקדש זיין", געבען אַ זאַך, וואָס איז ווערט אַ פּרוטה, ביי טייל ווילדע הייסט מקדש זיין — געבען אַ האַק אין די ציין אַריין, אַז צוויי פון די פאָרענדיגע זאָלען אַרויספאַלען...

ביי אַנדערע מוז מען די כלה שלעפּען אויף דער ערד ביי די האָר און אויסגלייכען איהר אַ פּאָר ביינער.

ביי אונז האָט נאָך אַ גרושה אַ שטיקעל ווערט; ביי אַנדערע שטעקט אין דער גרושה די גאַנצע טומאה, מען לאָזט זי אין אַ פרום הויז נישט אַריין און זי שטאַרבט פאַר הונגער, אָדער רייסט אוים ביי די הינט אַ ביין...

ביי אונז פרעגט מען ביי קיין מיידעל קיין דעה נישט, אויב זי וויל דעם חתן, און אַז זי זאָגט „ניין" אויף דעם, וואָס געפעלט טאַטע־מאַמע, אָדער „יאָ" אויף אַזוינעם, וואָס פּאַסט נישט פאַר זייער יחוס, הייסט זי אַ חצופה, אַן אויסגעלאַסענע...

ביי אַנדערע איז די טאָכטער אַן איינפאַכע סחורה, און דער פאָטער, און נאָך זיין טויט דער עלטסטער ברודער, אָדער דער נאָהנטסטער קרוב, פאַרקויפט זי וועמען און פאַר וויפיעל ער וויל.

ביי אונז האָט דער מאַן א פּראַווע אויפ'ן לייב אַהן א „פּערע־דאַוויעריע“, ביי טייל פעלקער קאַן ער זי אָפּטרעטען אויף איין מאָל און איינציגוויים מכבד זיין מיט איהר יעדען גאַסט.

די ווייבער לעקען אין ערגעץ קיין האָניג נישט...

די, וואָס האַלטען פאַר קלוג, גוט און פיין דאָס אַלעס, וואָס אַרום זיי איז, און בפרט נאָך דאָס, וואָס איז שוין אַזוי פון אייביג אָן, די פאַרשטעהען, אַז עס דאַרף אַזוי זיין, אַז עס איז נישט מעגליך אַנדערש. און ווען עמיץ זאָגט זיי, אַז א נקבה קאַן אפילו ווערען א רב, א דין, וואָלטען זיך ביי זיי די האָר קאַפּויר געשטעלט, פיענע וואָלט זיי פון מויל, אָדער זיי וואָלטען חוכה וטלולא' גע־מאַכט נישט ערגער פון רעדאַקטאָר פון המליץ, וואָס האָט אויסגע־גאָסען א גאַנץ בלאַט מיט בלאָטיג־בייזען חוזק אויף אַן אמערי־קאַנישע שטאָדט, ווייל — ווייל זי האָט אויפגענומען נישט קיין גע'מל'עטען, דאָס הייסט, א נקבה'שען רב.

און דאָך זענען פאַראַן אַנדערע, וואָס זאָגען, אַז אַלץ, וואָס אַרום אונז געשיהט, קאַן זיין גוט און שלעכט, און אַז מיר דאַרפען שכל האָבען און דאָס שלעכטע פאַרריכטען, עס זאָל ו ו ע ר ע ן גוט.

איינער פון די לייט איז געוועזען משה רבינו:

פאַר מתן תורה האָט א נקבה נישט געהאַט קיין פּראַווע פון א מענש, קיין פּראַווע אויף פאַרמעגען, קיין פּראַווע צו לעבען נישט אין א פרעמדען רשות, נישט אונטער א פרעמדער רוט: אָדער זי איז געוועזען דעם טאַטענס, אָדער א קרוב'ס, אָדער דעם מאַנס, און, אַז זי האָט פאַרלוירען דעם „רשות“, האָט זי אויסגעזעהן, ווי א פיש, וואָס פאַלט אַרויס פון וואַסער, אָדער א מענש, וואָס מען נעמט איהם צו די לופט.

דער אַלמנה איז דעריבער ביטער געוועזען. האָט זי כאָטש קינדער געהאַט, איז זי געבליבען אַלס מאַמע ביי יורשים, אבער אַז נישט, איז דאָס פאַרמעגען אַריבערגעגאַנגען צום מאַנס קרובים און זי איז געבליבען ביי גאָר נישט, שלינג און שלאַנג, ווי מען זאָגט. נאָר איין גוטער מנהג איז געוועזען, דער ברודער פון גע־שטאָרבענעם פלעגט אַמאָל חתונה האָבען מיט דער אַלמנה! אַזוי ער־נאָך איז דער פיש צוריק אין וואַסער, דער מענש האָט צוריק גע־

קאָנט אָטעמען. נאָר דאָס איז נאָר געווען אַ מנהג, וואָס מען האָט געקאָנט ברעכען.

וואָס טוט מען, אַז ניט? אַז דער ברודער נעמט צו דאָס „פּאַרמעגען" און זאָגט, אַז אָהן איהר וועט ער זיך באַגעהן? וואו וועט זיך די אלמנה אַהין טון? —

משה רבינו האָט די שאלה פאַרענטפערט:

אויב ער וויל זי נישט נעמען, זאָל ער געבען חליצה — דאָס הייסט, זי שפּייט איהם אין פּנים פאַר כל הקהל הקודש...

עס איז געוועזען אַ קלוגע עהרליכע פּראָווע.

קיין מענש וועט זיך נישט לאָזען שפּייען בפרהסיא אין פּנים אריין, און אויב עס וועט זיך אַזוינער טרעפען, איז גלייכער, זי זאָל פאַר הונגער שטאַרבען, איידער אַזאַ הונט פאַר אַ מאַן צו האָבען. —

צי האָט זיך משה רבינו געקאָנט ריכטען, וואָס אונזערע רבנים וועלען פון זיין גוטער, קלוגער און עהרליכער פּראָווע מאַכען? באין אופן נישט. עס איז לייכטער צו טרעפען, וואָס אַ נאַר האָט אין זין, איידער צו פּאַלען, וואָס פאַר אַ ש ל ע כ ט ע, אומזיניגע נאַרישקייטען עס וועלען אַרויס פון אונזערע חכמים'ס פאַרפּלאָנ־טעטע מחות.

היינט איז די לאַגע אַזוי: ער ט אָ ר זי נישט נעמען, און זי מ ו ז נעמען חליצה. זי טאָר אַנדערש נישט חתונה האָבען מיט אַן אַנדערען, ביז ער וועט זיך נישט געררנוויליג לאָזען אָנשפּייען אין פּנים אַריין! זי מוז לעבען אָהן לופט און וואַסער, כל־זמן ער וועט נישט אַליין קומען אין קהל־שטוב און בפני קהל ועדה לאָזען זיך רופען „פּאַדליעץ", כאָטש ער אַליין איז אויך אַ מכה שולדיג...

אָט דאָס איז חליצה! פויל, אָרעמע אלמנה, ווייל משה רבינו האָט דיר געוואָלט אַ טובה טון! שטאַרב פאַר הונגער, דאַר און קוואַר, ווייל משה רבינו'ס שטעלפאַרטרעטער האָבען נאָר איי־בערגענומען זיין שטעקען, נישט זיין שכל, נישט זיין יושר!

און נויטען חליצה געבען ט אָ ר מען אויך נישט!

מען קאָן נויטען געבען אַ גט, נויטען, עס זאָל קיינער קיין הייוועץ, אויסער דער רבי'ציז, נישט פאַרקויפען, עס זאָל קיינער נישט אַנריהרען קיין יום־טוב שני של גליות, נישט רעדען אויף אַ גוטען איד, נישט אונטערשניידען אַ פּאה, — אויף דעם איז דאָ: שטיי־

נער אין גאַס, א שופר אין אָרון קודש, און מסירות, און מלשינות אויף דער צונג... נאָר נויטען חליצה צו געבען, דאָס נישט! אליין מיט'ן גוטען ווילען זאָל ער זיך לאָזען אָנשפּייען אין פּנים אריין!

מען טאָר קיין אידישע פּרנסה נישט צו שאַנדע מאַכען! און חליצה איז שוין אַ אידישע פּרנסה!

זי וועט איהר כתובה אוועקגעבען, דאָס קלייד פון זיך אראָפּ פאַרקויפען, זיך אליין פאַר אַ דינסט שטעלען, אבי חליצה צו נעמען...

דער, וואָס האָט אַן עלטערען, בפרט נאָך אַ קרענקליכען ברור־דער — אַן עקר, און טוט אַ שדוך מיט אַ קינד, קאָן אָפּלעגען דעם סלוק פון נדן ביז דער חליצה!

פאַרוואָס נישט?

און שטעלט אייך פאָר, אַז פּלוצלונג דרוקט דער וואָסכאָד, און נאָכ'ן וואָסכאָד די הצפירה אַ ידיעה, אַז די רבנים ווילען מתיר זיין חליצה! שטעלט אייך פאָר מיין פרייד און מיין פעליעטאָן, וואָס איך וואָלט איבער דער בשורה טובה געשריבען!

איך וואָלט דאָס ערשטע מאָל געשריבען וועגען אַ שטריימעל אָהן גאַל, דאָס ערשטע מאָל גערעדט פון אונזערע „גאונים“, אומ־געוואָלט פון זיי מאַכען „זכרונו לברכה'ס“, איך וואָלט אפילו מיך נישט געשעמט איינעם אַ קוש אין פּיסקעל צו געבען! וואָס קומט אבער אַרויס — עס איז באַלד געקומען אַ הכחשה! לא היו דברים מעולם! עס איז קיינעם פון די רבנים גאָרנישט איינגעפאַלען עפּעס אַ קלער צו טון פאַר דער אָרעמער חליצה'ניצע...

די רבנים איז לייכט געוועזען מתיר צו זיין פּראָצענט, ער־לויבען די רייכע זאָלען שינדען ביי אָרעמע לייט די הויט, אויס־קלערען אַן עצה איבערצוהאַלטען דעם חמץ איבער פּסח, אבי צו ראַטעווען דעם שענקער אַ פּעסעל בראָנפען, פאַרזאָרגען די בעלי־בתים זאָלען קאָנען טראָגען דעם טלית־זאַק אום שבת איבער דער גאַס, צו געפינען אַן עצה געגען שמיטה פאַר די חובבי־ציון, נאָר שווער איז מתיר צו זיין אַרבעס און הערינג פאַר אָרעמע לייט אויף פּסח, ערלויבען צו חתונה צו האָבען אָהן חליצה... און נאָך שווערער איז מיר, אין אַזאַ צייט צו שרייבען אַ לייכטען פעליעטאָן...

1895

צעהן פעליעטאָנישע געדאַנקען.

1) מאַסען בלומען וואַקסען ארוים פון מיסט; מאַסען צדקות קומען פון גנבה'שען געלט.

2) מקנא בין איך נאָר אדם וחוה, וואָס האָבען אין די נשמות נישט געהאט קיין איינגעהויקערטע פּגרים פון טאַטעס און זיידעס, און האָבען געקאָנט אַלץ פריש און לעבעדיג פיהלען.

3) די וועלט האט איהר מאַגאַזינען, וואו זי לעגט אָפּ אויף א שלעכטע צייט, אויף הונגער־יאָהרען; נאָר אז עס קומט די בייזע שעה, ווייזט זיך געוועהנליך ארויס, אז די רעץ און די מאַגאַזי־ניערען האָבען אַלץ אויפגעגעסען...

4) גוט פאַר פרעמדע זענען געוועהנליך די, וואָס זענען שלעכט פאַר אייגענע.

5) איך וויים נישט, אויב גאָט וועט אונז מוחל זיין דער־פאַר, וואָס מיר האָבען איהם פארזעצט א י ב ע ר דער נאַטור, מיר זאָלען ז י פריי באַהערשען!

6) אמת האָט אין אונזער לעבען נאָר ד י ווירקונג, אז מיר ווילען איהר נאָכמאַכען און זאָגען שענער און פיינער די ליגענס.

7) ווער עס קען קיין געשיכטע, טאַפּט אין דער פינסטער, ווי א בלינדער; ווער עס קען זי, וואַקעלט זיך, ווי א שכור...

8) צו פויל, זיך אליין צו פארבעסערען, ווילען מיר בעסער אַלץ ארום פארדאַרבען, עס זאָל פּאַסען צו א ו נ ז.

9) די שיפס־לייט וועלען איינער דעם צווייטען נישט פרעס־סען און אַלע צוזאַמען געגען שיפס־קאַפּיטאַן זיך נישט שטעלען, כל־זמן ער זאָגט זיי צו א נייע לאַנד און די שטימע זיינע איז זיכער, און דאָס אויג קוקט גלייך, ערנסט און שטרענג.

10) א פעליעטאָן איז א קלוגע נארישקייט; פּובליציסטיק — נארישע חכמה.

1895

וואָס זאָל איך ווע̇לע̇ן ?

ראש־השנה שרייבט מען, יום־כפור חתמ׳עט מען און הושענא־רבה מאכט מען דעם צוק און מען גיט די קוויטלעך ארויס. און נישט נאָר מענשען שטעהען לדין, נישט נאָר אונז פסק׳עט מען לעבען אָדער טויט, פרנסה אָדער קצבה, מנוחה אָדער גלות... „זכר כ ל ה מ ע ש י ם לפניך בא“, אַלץ, וואָס מיר טוען, אַלץ, וואָס מיר מאכען, ווערט גע׳משפט, און אונזערע „יום־טוב־בלעטלעך“ וואַרטען אויך מיט א ציטערניש אויפ׳ן קוויטעל... זיי ווילען אויך ווי׳סען, צי וועלען זיי אויסלעבען דאָס יאָהר, אָדער אויסגעהן, ווי א ליכט אין דער פינסטערער נאכט... קיין גרויסע צדיקים זענען זיי נישט, זיי זאָלען רעכענען, אז באַלד ראש־השנה, אָדער אפילו יום־כפור וועט זייער גזר־דין ארויס... נישט איין מלאך הבלה וועט קריצען מיט די ציין, נישט איין פאַמפלעטיסט — א קטיגור וועט זיך אויסרייסען דעם האַלז, און — הלואי עס זאָל זיך ענדיגען הושענא־רבה פארנאכט!

און ביז הושענא־רבה פארנאכט איז אויך נאָך דאָ עפּעס צו טון! נאָך ביינאכט אויף הושענא־רבה שפּאַלט זיך דער הימעל אויף א סעקונדע, און דאַמאָלט איז א שעת הכושר, אן עת־רצון פאַר׳ן זינדיגען מענש; וואָס ער כאַפּט זיך דאַמאָלט ארויס, דאָס ווערט מקוים.

וואָך זיין א גאַנצע נאכט, אַפּפּאַסען דעם שפּאַלט אין הימעל און א געשריי טון — איז א קלייניגקייט... נאָר וואָס שרייט מען? וואָס זאָל איך ווע̇לע̇ן? וואָס זאָל איך פארלאַנגען פון הי־מעל? אפשר געלט? ווען איך האָב געלט, וואָלט איך אפשר נישט נאָר שירים שרייבען, נאָר זינגען אפילו געקאָנט; איך וואָלט גע־מעגט גרימפּלען, און עס וואָלט די נשמה אויסגעגאַנגען פאַר תענוג... ווען איך האָב געלט, וואָלטען זיך די יום־טוב־בלעטלעך געוועלטערט אין פרידען... וואָרים לאָמיר זיך נישט נאַרען: אמת איז

טאַקע אַ שעהנע, געראָטענע כלה, נאָר ערשטענס, קאָן זי נישט טאַנצען, ווי דער ציגיינער שפּילט, זי קאָן פאַר'ן עולם קיין חנ'דלעך נישט מאַכען, און — אפילו אַ שעהנע, געראָטענע כלה, וואָס קאָן טאַנצען צום ציגיינערס מוזיק און שניידט חנ'דלעך אויפ'ן שאָק, דאַרף אויך האָבען אַביסעל נדן, מען זאָל זי וועלען נעמען... אַ בּוך מיט'ן גאָלדענעם שניט האָט גאָר אַן אנדער פּנים... נאָר וואָס קומט אַרויס, אַז איך בּין שטאַרק מסופּק, צי פון הימעל קאָן מען האָבען געלט. אפשר זענען אַמאָל בּעסערע צייטען געוועזען, און עס האָט פון הימעל מיט רענדלעך גערעגענט... חיינט — לאַ־עליכם... אָט, תורה איז אַ הימעל־זאַך. פּאַרצייטענס פלעגען זיין אָרעמע ישיבה־בּחורים און רייכע אַרענדאַרען — „ישוב'ניקעס", ווי מען רופט זיי אין דער ליטאַ, און קוים האָט אַ „ישוב'ניק" געקריגען אַ האַלב־דערוואַקסענע טאָכטער, האָט ער איינגעשפּאַנט זיין פערד און בּידקע, און איז געפאָהרען צום ראש־ישיבה אין שטאָדט אריין, און געקויפט זיך פאַר הונדערט, צוויי הונדערט, טיילמאָל פאַר טויזענט רענדלעך תורה... צו דער תורה האָט ער צוגעקריגען אַ צולאָג אַ בּחור'ל, ווי אַ הערינג, נאָר דעם הערינג האָט מען נישט אריינגע־שאָצט אין מקח... און יעדער ישיבה־בּחור האָט געוואוסט, אַז אויב ער וויל האָבען רענדלעך, מיט מלבושים, מיט קעסט און אַ צולאָג אַ כלה — מוז ער זיצען און לערנען...

היינט — אוים ישוב'ניקעס; אויף זייער אָרט האָבען מיר באַנקירען און פּראַצענטניקעס, און זיי ווייסען, אַז תורה איז קיין סחורה נישט. אַ דאָקטאָר, אַ יוריסט, אַ ציין־רייסער, אפילו אַזעל־כער פון דער האַנדעלס־שולע, אפילו אַ רב — אַ קאַזיאָנער... נאָר נישט קיין תורה. —

ווער זיצט היינט און לערנט, קריגט — אַ האָרב, אַ מלמד'י־שען פּאַטענט אויף אַ לונגען־פעהלער, נאָר נישט אַ דרייער געלט.

מען זאָגט: צדקה תציל ממות... עס קאָן זיין, אַז צדקה ראַ־טעוועט פון טויט — דעם אָרעמאַן, וואָס נעמט זי און קויפט זיך אַ בּרויט, ער זאָל נישט שטאַרבען פאַר הונגער; דעם עושר — בּשעת מגפה, די זאַראַזע זאָל זיך נישט פאַרשלעפּען פון קעלער צום בּעל־עטאַזש... נאָר קיין געלט האָט מען נישט דערפון! אַז מען גיט, האָט מען ווייניגער, און דער אָרעמאַן האָט פאַרט קוים אויף חיי־שעה...

פון דאַוונען האָט מען אויך קיין געלט נישט... אַ והאַ ראיה— אונזערע גבירים, וואָס שטרעקען דאָס לעבען און גאַנץ אָפּט מיט'ן רחמנות, מיט'ן יושר און מיט דער מענשליכקייט צוזאַמען, אַבי רייכער צו ווערען, דאַוונען אליין גאַרנישט, און זענען נאָר צופריי־דען דערפון, וואָס אָרעמע לייט לאָזען דאָס סדור'ל נישט אַרויס פון דער האַנט...

עס זאָל אין סדור'ל שטעקען אַ כח פאַר אַ ד ר י י ע ר, וואָלט מען די אָרעמע לייט געטיילט יום־טוב־בלעטלעך און אַלע פּראַצענטניקעס און באַנקירען וואָלטען געהאַלטען סדורים און גע־דאַווענט...

דאַוונען איז אַ סגולה אויף דרך־ארץ, אויף שטילקייט; דאַוו־נען שטילט אַמאָל דעם הונגער ביים קבצן, ווי דער אָרעמער מאַ־מעס פינגער ביים אויסגעדאַרטען קינד אין מויל. דאַוונען איז אַ סגולה צו אַסך זאַכען, נאָר קיין געלט דערפון האָט מען נישט. און אפילו, אז מען איז אַ נאַר, און מען האָט אַ גאַרגעל, און מען לאָזט צו צום עמוד... האָט מען אויך קוים וואַסער אויף קאַשע, נאָר קיין געלט נישט!

איך טרייב איבער דורכ'ן זכרון אַלע תרי"ג מצוות, און זעה קיין איינציגע נישט, פון וועלכער מען זאָל קאָנען האָבען (דירעקט אָדער אומדירעקט) אַ דרייער! פאַר די תרי"ג מצוות האָט משה רבינו צוגעזאָגט: געזונט, לאַנג־לעבען, אַ זול, רעגען פון הימעל, דעם כח פון דער ערד — נאָר אַלץ נישט קיין געלט! אז דו וועסט מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות, וועט דיר די ערד געבען איהר קראַפט, דער הימעל — טוי און רעגען, און דאַך וועסט דו שטאַרבען פאַר הונגער, אויב דו וועסט נישט אַרבייטען, אַקערען, זייהען, און שניי־דען! און פון די אַלע דריי צוזאַמען — פון הימעלס רעגען, דער ערדס כח און שוויים פון דיין שטערן וועסט דו קוים האָבען ברויט, ברויט צו עסען, אָבער אַלץ נישט קיין געלט! דו מעגסט מקיים זיין אַלע תרי"ג מצוות, מיט אַלע דקדוקים, וועסט דו אַלץ נישט קאָנען אַרומגעהן אין אַ הונגער־יאָהר מיט די הענט אין די קעשענעס און פייפען אַ ליעדעל פון אַ קאַטאַרינקע...

געלט קאָן מען האָבען פון וואָס איהר ווילט, פון דער קלענס־טער עבירה, אפילו פון קאָרטען־שפּילען, נאָר נישט פון הימעל־זאַ־כען. אויב דער רבונו של עולם זאָגט: „כי לי הכסף ולי הזהב",

מיינט ער: דאָס זילבער פון דער לבנה מיט איהרע שטראַלען און דאָס גאָלד פון דער זון אין תמוז... אָבער געלט האָט דער הימעל נ י ש ט —

ניין! איך וועל זיכער שרייען אומזיסט!

איך האָב אמאָל געוואָלט זיין א פילאַנטראָפּ — א בעל־טובה פאַר'ן כלל! איך האָב א גוט האַרץ בטבע, און אז איך געה אַרויס זאָט נאָך א סעודת־מצוה פאַר א פילאַנטראָפּס כבוד וועגען, און דערזעה — נאָך פיש, פלייש און קאָמפּאָט מיט אביסעל קאָניאַק— דעם אויסגעשטערענטען הימעל, האָב איך ליעב א קרעכץ צו טון: רבונו של עולם, מאַך מיך אויך פאַר א פילאַנטראָפּ...

די אָרעמע לייט זענען דאָך דיינע פייגעלעך, וואָס האָבען קיין פעלד און קיין שאָף און רינד, און קיין דאָך איבער'ן קאָפּ... גיב מיר אזוי פיעל, איך זאָל זיי קאָנען קרישקעלעך וואַרפען...

און אזוי אויך, טיילמאָל ביינאַכט, אז איך לעג מיך צופריה און כאָפּ מיך אויף פאַרטאָג, און האָב קיין ליכט נישט אין שטוב, אָדער דאָס ברעכען אין די ביינער לאָזט מיך נישט אויפשטעהן און זעצען זיך צום שרייב־טיש, גלאָץ איך אוים די אויגען אין דער פינסטערניש אריין, עס ווערט מיר ווייך אויפ'ן האַרץ, טרערען פאַרדרעהען זיך מיר אין די ברעמען, און איך קלער מיט א וועה־טאָג: וואָס פאַר א טובה קאָן איך טון מיין פאָלק? מיט וואָס קאָן איך העלפען דער כנסת־ישראל? אַנדערע קאָנען בויען, אויפ־שטעלען פּיתום ורעמסס אין דער לופט, אויפ'ן אייז, אפילו אויפ'ן עולם הדמיון, און איך קאָן נאָר צוואָוואַרפען; אַנדערע וועקען כאָטש די אַלטע שפּראַך פון קבר, און איך שרייב דאָס רוב דוקא פּראָסט אידיש...

וואָס טוט מען?

דאָ האָב איך קיין דעה נישט... קאָנקורירען מיט ראָטשילד'ן אין ארץ־ישראל, אָדער מיט'ן באַראָן הירש אין אַרגענטינא — קאָן איך נישט. נאָכשרייען, רעדען צו דער וואַנט, העלפען בלויז קרעכ־צען — וויל איך נישט... וואָס טוט מען פאַרט? איך וועל אמאָל שטאַרבען, און עס וועט פון מיר קיין גוטער זכר נישט בלייבען...

די שמאָלע וועגלעך, וואָס איך האָב אויסגעטרעטען מיט פארבלו־טיגטע פיס צווישען די דערנער, וועלען פארוואקסען ווערען, די פע־ליעטאָנען וועלען אויפגעגעסען ווערען פון מייז, מיין אָרעמע מצבה וועט צופאלען, צושטויבט ווערען... ווער וועט מיך געדענקען?

ווען איך זאָל קאָנען זיין א פילאַנטראָפּ, וואָלט מען מיך ביים לעבען מיט בלומען און ווינשקארטען באוואַרפען, נאָכ'ן טויט — א ריזיגע מצבה געשטעלט, און אויף מיין יאָהרצייט וואָלטען אין אַלע קהלות „פּאַניכידען" געוועזען...

און איך האָב מיר נישט איינמאָל געטראַכט גערולדיג צו וואַרטען ביז א שבועות, א יום־כפור, א תשעה־באָב, א הושענא־רבה, אפּפּאַסען, ווען דער הימעל וועט זיך שפּאַלטען, און א גע־שריי טון: פילאַנטראָפּ!...

ליידער בין איך דאָס יאָהר געוואָר געוואָרען, אז דאָס איז קיין געשעפט נ י ש ט... קוים וועל איך וועלען עפּעס שענקען לטובת הכלל, וועלען אונזערע שרייבער אזוי לאַנג און אזוי ברייט מיר עצות געבען, ו ו א ס צו טון לטובת הכלל, אז זיי וועלען מיך ברענגען אין דול־הויז אריין...

איך האָב שוין אפילו געקלערט א געשריי טון: שלום!...

וואָרים מיינט נישט, חס־ושלום, אז איך בין בטבע א מזיק...

אז איך האָב א ווילדע הנאה דערפון, וואָס איך זעץ מיך אַלע מאָל אַרויף אויפ'ן לעדערנעם פערד, שפּאַן דעם הילצערנעם פּאַלענבוי־גען און שים אויס א פּאָר טוץ פּאַפּירענע פייגעל, וואָס דאָס שלעכ־טע ווינטעל פון דער ניט־גוטער צייט טראָגט אַרום אין די לופטען...

מיינט נישט, אז איך האָב נחת דערפון, וואָס איך מוז אַלע מאָל אַרויסשטעלען די באַליע אינמיטען גאַס אַריין און וואַשען אונזער ברודיגע וועש בפני קהל ועדה... קיין גוטס קומט מיר אודאי דער־פון נישט אַרויס; ווער עס רייסט אויס דערנער — מוז זיך פאַר־וואונדען די הענט, ווער עס האַלט מלחמה מיט לעבעדיגע ברואים, מוז זיך אַמאָל לאָזען א ביס טון... עס איז אפשר א כבוד צו וואוי־נען אויפ'ן פאַרנאַס, אויפ'ן הויכען ליטעראַרישען באַרג, וואָס שפּאַרט אונטער די וואָלקען, אויב נישט דעם הימעל אַליין, און מחזקות

מאַכען מיט די מוזען... נאָר צו זיין דאָרט א סטרוזש, און האַל־טען שטענדיג דעם בעזעם אין דער האַנט, אָפּצוקערען די פוילע בלעטער, ארומצוגעהן און שאָקלען די יונגע בוימלעך, די קיפּער זאָלען אראָפּפאַלען און נישט אויפפרעסען די יונגע גרינע בלעטע־לעך, — איז גאָר קיין נחת און קיין כבוד נישט, און — על אחת כמה וכמה — קיין תענוג נישט!

גלויבט מיר, אז עס איז א בימערער חוב, וואס איך מוז אָפּ־צאָהלען, אז אַפּקומעניש אויף דער וועלט; מיין פינסטערער מזל, פון וועלכען איך קאָן מיך נישט אַפּרייסען, ווי א גנב — פון דער תליה...

נאָר פאַר שלום האָב איך מורא! פאַר שטילקייט ציטער איך אימת מות!

שלום איז צווישען גנבים, ווען זיי גרייטען זיך אָן צו דער פינגער־מלאכה... זיי מאַכען שלום מיט דער פינסטערער נאַכט און צינדען קיין שטרייכהעלץ נישט אָן...

שלום מאַכען זיי מיט יעדען וואָלקען, וואָס ציהט זיך איבער דער לבנה...

שלום מאַכען זיי אפילו מיט'ן בריטאַן אויפ'ן הויף און וואַר־פען איהם א שטיק "[illegible] יחרץ"־פלייש, צו פאַרשטאָפּען דאָס מויל...

נאָר פרואוו און וויל שטילערהייט און בשלום פאַריאָגען די אומגעבעטענע געסט? מוזט דו ליכט אַנצינדען, הויז־לייט וועקען, קולות מאַכען...

שלום און שטיל איז אויפ'ן בית־הקברות.. אָהן גערויש פרע־סען זיך די ווערים אריין אין די מתים'ס לייבער, שטיל האַלזט ארום דער מאָך די אַלטע מצבה און ציהט זי אין דער ערד אריין... שטיל רוישט דאָס אָרעמע בוימעל, וואָס ציהט אריין אין זיך דעם קברים־זאַפט... נאָר פרואוו, גיב תחית המתים!... מוזט דו פריהער בלאָזען אויפ'ן שופר של משיח!

שטיל איז נאַכט און טויט...

שלום איז טיילמאָל א שטאַרקער יצר־הרע... דאָס איז א וואַ־רעמע שטוב, א ווייכער פאָטעל, גרויסע פאַנטאָפעל און א זיידענע שלאָפמיץ... נאָר דאָס אַלץ צו באַקומען טאָר מען נישט געהן מיט'ן גלייכען וועג... און עס דאַכט זיך — גאַרנישט... צי בין איך דען פּ ח ו י ב צו זאָגען דעם אמת? דערנאָך: וואָס שאַדט א שקר'ל

מפּני דרכי השלום? און אויב א גרעסערס, נאָר אזא געלאַסענס. א חנ׳עוודיגס? מענשען האָבען עס אזוי ליעב, די אָרעמע אומגליקליכע מענשען... און אזוי פאלט מען אַלץ נידעריגער און נידעריגער, ביז מען דריקט די פארבלוטיגסטע האנט, מען קושט דאָס גרעסטע לעססטער־מויל און מען מאכט שותפות מיט׳ן ערגס־טען באנדיט...

אָ, ניין! שלום איז אַ שרעקליכע זאַך... שלום איז דער שקר אליין.

ניין, איך וויל אויף שלום נישט בעטען!

איך האָב אמאָל געליעבטע געהאַט.

איך האָב זי ליעב געהאַט, כאָטש זי איז אָרעם און אָדם־נאַ־קעט געוועזען... איך האָב זי ליעב געהאַט, ווייל איך בין, ווי איך האָב נישט איין מאָל געזאָגט, אַ פארפאלענער ראָמאַנטיקער און אַן אידעאַליסט אין דער „רעאליסטישער צייט"! און זי האָט מיר אויסגעזעהן אזוי שעהן, אזוי אידעאל־שעהן, אזוי ערהאַבען, אזוי ערדעלמוטיג, אזוי גוט... אַ געוויסע צייט איז זי מיין מוזע געווע־זען, און דאמאָלט האָבען זיך פון מיין האַרפּעס סטרונעס אָפּגע־ריסען סאַמע ווייכע, סאַמע זיסע, סאַמע ערהאַבענע טענער — ווייל איך האָב פון פולען, ווייכען האַרץ איהר ליעב געזונגען!

איך האָב דאמאָלט גוטע נעכט און זיסע חלומות געהאַט, ווייל זי איז מיר נאַכט אויף נאַכט ביים בעט געשטאַנען, צערטליך מיר די האָר געשטרייכעלט, מיט די סאַמעטענע, ווארעמע הענטלעך דאָס פּנים געגלעטעט... איך האָב אין שלאָף איהר ראַזיגען אָטעם גע־פיהלט, און בין גאַנץ אָפט אויפגעשטאַנען מיט ברענענדיגע ליפּען פון איהרס אַ האָניג־קוש.

מיט דער צייט האָט זיך מיין געליעבטע פאַרדאָרבען:

זי איז אַ צנועה געוואָרען און אויסגעוויינט זיך די הימעל־בלויע אויגען ביי די נאַרישע תחינות; זי איז אַ גבאי׳טע געוואָרען, אָנ־געהויבען רבנ׳ישען טאַבאַק צו שמעקען, און דער אָמאָליגער רוי־זענבעכער זעהט היינט אויס, ווי אַ דאָפּעלטער, איבערגעקערטער קוימען... זי איז אַ טוקערין געוואָרען, און אויפ׳ן אָרט פון מאַנד־

לען פיהלט מען מיילען־ווייט פון איהר שימעל און מקוה־וואסער...
און זי חבר'ט זיך היינט מיט רבנים, מלמדים און ישיבה־בחורים,
און געהט ארום מיט א צדקה־פושקע אין די הייזער... אויף הכנסת
כלה. —

איך וואלט איהר דאס אלץ מוחל געוועזען, עס זאל זיין
אמת... עס איז אבער אינגאנצען פאלש... זי כאפט זיך טיילמאל
ארויס פון דער חברה און קאנקאנירט אינמיטען גאס ביי א שאר־
מאנקע, אדער ברעכט זיך אוים די גלידער אין די הויפען צווישען
אפגעריסענע שווארץ־קינסטלער... אויך אויף הכנסת כלה.

מיט דער צייט איז זי פאראומרייניגט, פארנאכלעסיגט און
פארווארלעסיגט געווארען...

איך וויל איהר נאמען בסוד נישט האלטען... „חבת־ציון"
הייסט די דאמע...

און, אז איך זעה זי, שטארבט אין מיר דאס הארץ פאר
רחמנות, און עס גיסט איבער די גאל פאר כעס... און העלפען קאן
איך נישט...

איך האב קיין האפנונג נישט אפילו אויפ'ן שפאלט אין הי־
מעל! מיין הייסע בקשה: דער רבונו של עולם זאל זי אויסריי־
ניגען, צוריק פריש, געזונט און יונג מאכען, אויסרייסען זי פון דער
שווארצער חברה'ס הענט און איהר צוריק געבען דעם עהרליכען,
פרייען, געזונטען כשוף — די בקשה קאן נישט איינגעפאסט ווע־
רען אין איין ווארט, און דער הימעל שפאלט זיך נאר אויף איין
סעקונדע...

איך האב נאך אנדערע, אפשר בעסערע און וויכטיגערע
בקשות, און זיי וואלטען זיך דוקא געלאזט איינפאסען אין איין
ווארט, אין איין איינציג ווארט, — שארף, ווי דער בליץ, שטארק,
ווי דער דונער... נאר צום הימעל איז ווייט, מען מוז שרייען הויך
און — שטיוועל האבען אויערען, אקסען — לאנגע צונגען, און איך
— איך האב שטארק, שטארק מורא...

1895.

עקבתא דמשיחא.

(משיח'ס צייטען.)

...אזוי, אזוי, רבותים, אלץ פאלט אפּ, אלץ ווערט קאליע, אלץ געהט צוריק לתהו־ובהו.

נאָר איינס שטאַרקט זיך — דער יצר־הרע! און די הוצאות וואַקסען; אחוץ דעם געהט אלץ צוריק.

אפילו די זון, זי פאַרלירט אויך די כחות.

איך געדענק דאָך, אינגעלוייז, האָט א זומער־טאָג געברענט. ווי א קאַלך־אויווען. פון ראש־חדש אָדר אָן איז מען שיעור משוגע געוואָרען פאר היץ; מען האָט געהאַפּט אויף ל"ג בעומר, ווי א קבצן אויפ'ן גרויסען געווינס.

און, אַז מען האָט זיך אָנגעהויבען באָדען, האָט מען זיך נישט געקאָנט אָפּרייסען פון טייך; און אַז מען איז אַרויסגעגאַנגען, האָט דער זאַמד ביים טייך אזוי געברענט, אַז מען האָט געמוזט צוריק שפּרינגען אין וואַסער אריין... און היינט? דאַכט זיך — תמוז, האַ? און מיר איז קאַלט! ס'איז שוין גאָר קיין זון נישט!

איהר זאָגט, אַז איך בין אַלט, און דעריבער פריר איך?

איהר האָט א טעות; קיין אַכציג יאָהר בין איך נ י ש ט אַלט, און מיין פאָטער, עליו השלום, איז עלטער געוועזען, און האָט, מיר צו לענגערע יאָהר, קיין פוטער נישט געטראָגען.

נאָר דאָס איז אויך אמת — דאָס געזונט פאַלט אויך פון טאָג צו טאָג: מיין פאָטער, עליו השלום, האָט קיינמאָל קיין שטעקען נישט געטראָגען, קיין ברילען נישט גענוצט — און איך וואַקעל מיך אויף דריי פיס און טאַפּ צו מיט די הענט. און זאָגען זאָג איך אייך, אַז אפילו די הויך פון מענש ווערט אויך קלענער פון טאָג צו טאָג. א פּשוט'ער חשבון: אדם הראשון האָט אָנגעשלאָגען מיט'ן קאָפּ ביז גלגל־חמה; צעהן דורות פון אָדם ביז נח, און נח איז שוין מיט אַלע חיות און בהמות אין א י י ן תיבה אריין.

אונזערע זיידעס, — ווייל איהר געדענקט נישט, — פּלעגען געהן איינגעבויגענע, זיי זאלען נישט אַנשלאָגען אין סופיט; אונזערע אייניקלעך וועלען שוין ארומקריכען אונטער די טישען, ווי די ווערים...

אַ אידיש איינגעל האָט אמאל גע'הרג'עט אַ לייב און אַ בער... אַ אידיש איינגעל ווארפט זיך אַ שטיינדעלע און צוהאקט גלית'ס שלייף... אַ געלינקט אידעלע שטעלט זיך קעגען עגלון מלך מואב און דערלאנגט איהם אזוי, אַז די שטיל זעצט זיך אַריין נאָך דער שאַרף... און שמשון הגבור? שוין גאַר אויף דער עלטער, אויס נזיר, אָהן האָר, גיט ער זיך אַ זאָג: „תמות נפשי עם פּלשתים!" — מיין כפּרה, איך מיט די פּלשתים צוזאַמען! קערט איבער דאָס גאַנצע הויז, און — אַן עק!

איהר האָט עפּעס היינט אזוינע אינגלעך, אזוינע אידען?!

און, למשל, עס זאלען זיך צוזאַמעננעמען פון גאַנץ קרויז־פּוילען, זאל זיין פון דער גאַנצער וועלט, אלע שופר־בלאָזער, און זיי זאלען זיך שטעלען אונטער יריחו — וועט זיך אַ שטיינדעל ריהרען? און אַ צוים וועט יאָ איינפאַלען?

אָט, יענקעל, אונזער גבור, טשאַכנאַווסקי'ס גאוה, די קרוין פון איהר קאָפּ; טאַקע אונזער יענקעל, — וואָס קאָן ער? ביים סדר שרייט ער „שפוך חמתך", ווי אַ לייב; פּורים שלאָגט ער המן'ען, אַז עס הילכט; „לשנה הבאה בירושלים" רופט ער, אַז די ווענט ציטערען, — און יענע וואָך האָט ער געבראַכט אַ פּעסעל וואַסער צום שלש־סעודות, און האָט זיך דעם מאַרך־ביין געריהרט!

און נישט נאָר די ג ב ו ר י ם זענען אויסגעשטאָרבען, אפילו די ג ב י ר י ם! אין אויסלאַנד בין איך נישט געווען: דאָרט, זאָגט מען, זענען דאָ גבירים, אמת'ע גבירים; — וואָס איך האָב נישט געזעהן, וויים איך נישט. אָבער דאָ!

איהר גלויבט אין זייער עשירות און לייקענט אָפּ זייער חלק אויף עולם־הבא, באשר בכן? זיי האָבען קיין רחמנות נישט אויף אַן אָרעמאַן, פאַרזאָרגען נישט קהל; אַז כלל ישראל איז אפילו אין אַ סכנה, ריהרען זיי זיך נישט פון אָרט, דאָס הייסט — זיי קאָנען, נאָר ווילען נישט טון. און איך גלויב אין זייער חלק לעולם הבא און גלויב נישט אין זייער עשירות. איך זעה, אַז אַן עושר שטאַרבט, שטאַרבט ער מיט'ן עשירות צוזאַמען; אלץ איז אַרויס:

די נשמה פון גוף, דאָס געלט פון קאַסע, דער קרעדיט פון געשעפט — אַן אויסגעבלאָזען איי.

ווי אַזוי איז דאָס געשעהען?

עס איז קיין נשמה נישט געווען, קיין עשירות נישט געווען; קרעדיט איז יאָ געווען, ווייל וואָס איז קרעדיט? שמור לי ואשמור לך: איך לאָז מיך גענאַרען, און דו לאָז דיך גענאַרען!

אַזוי איז שוין אין דער סוחר'שער וועלט.

עורבא פרח — אויף אידיש הייסט עס: נ י ש ט געשטויגען און נ י ש ט געפלויגען.

הכלל, איך האַלט מיך ביי מיינעם: אַלץ געהט צוריק צו תהו־ובהו, אַלץ פאַלט —

יראת שמים אפילו אויך!

אַמאָל, למשל, זענען געווען בעלי־בתים. דאָס הייסט — פשוט'ע מענשען, אָהן ספקות, אָהן שאלות, אָהן חקירות — און פאַר דאָס פון צווייטען צד — אָהן מסירות־נפש, אָהן קדוש־השם, תעניתים און גלגול־שלג. פון וויג ביז אין קבר אַריין איז עס זיך געגאַנגען אין גלייכען וועג, זיך נישט אָפּגעשטעלט, אפילו זיך נישט אומגעקוקט! גאַרנישט — ווי אַ סאָלדאַט: דער רבונו של עולם זאָגט: „סטופאַי" — געהט ער — דאָס איז געווען, הייסט עס, דאָס אונטערלאַג — דער המון־עם; פאַר דאָס פון אויבען, מיט זעקס קעפּ העכער, זענען געווען די גדולים, און טאַקע פוןביידע צדדים. פון איין זייט — מסטרא דימין, הייסט עס, — גאונים אדירים, טליתים פון סאַמע תכלת, נשמות טאַקע פון אונטער'ן כסא־הכבוד! אַזאַ אידם אַ מחשבה האָט טאַקע מקיף געווען, ווי מיט אַ גאַרטעל אַרומגענומען אַלע עולמות; און אַזאַ אידם אַ וואָרט — הימעל און ערד האָבען געציטערט.

פאַר דאָס אין צווייטען צד, זענען געוועזען אפּיקורסים, טאַקע אמת'ע אפּיקורסים. אַ מח, ווי אַן עגבער — אַלץ דורכגעשטאָכען, אַלץ דורכגעזעהן.

פנחס כופר־הכל — אַזוי האָט מען איהם גערופען — האָב איך דאָך אַליין געקענט. גאַרנישט — לית דין ולית דיין! און געה, שפּאַר דיך מיט איהם! אַ מענש האָט אַ מויל, ווי אויף שרויפען. אַ צונג — חרב חדה, און האָגעלט מיט ראיות — רחמנא לצלן!

אַז ער האָט געקריגען אַ מענש אין דער האַנט אַריין, האָט

ער מיט איהם געוואָרפען, ווי מיט א קאַרטאָפעל אין אַלע עולמות; עס האָט פאר די אויגען געשווינדעלט.

און מיינט איהר, עס זענען געוועזען עולמות; עס איז קיין א י י ן וועלט, זאָגט ער, אויך נישט דאָ. ער ווייזט מיר אוים מיט ראיות ברורות, אז עס איז קיין וועלט נישט דאָ, א י ך בין נישט דאָ, ע ר איז נישט דאָ, און דער שטענדער, ביי וועלכען מיר זענען געשטאַנען, איז אויך לא היה ולא נברא, — אַלץ איז א פאַרבלענדעניש.

אַזאַ מענש איז דאָס געוועזען; מבטל געוועזען, אַלץ מבטל געוועזען...

און היינט, ברידערליך?

אוים גרויסע! קיין גדולים פון ד ע ר זייט, קיין גדולים פון י ע נ ע ר זייט; קיין פשוט'ע בעלי־בתים זענען אודאי נישט דאָ... פאַראַן מיטעלמענשען, נאָר נישט אַזוינע, וואָס געהען אין דער מיט, נאָר אהין־און־אהער־מענשען, וואַקעל־מענשען, שכור'ע נשמות...

יעדערער איז „חציו שלי וחציו שלך"; חסידים, מיט א שפּאַר ביסעל יצר־הרע, אפּיקורסים, וואָס פאָהרען ביים ערשטען צאָן־וועהטאָג צו א גוטען איד, און די בריק צום סמבטיון האָט נאָך הינטער זיך קיין איינציגער אפּיקורס נישט פאַרברענט.

דער פרומסטער איד האָט דרייערליי שלחן־ערוך'ס: א שלחן־ערוך פאַר'ן רשות הרבים מיט סאַמע אסורים; א שלחן־ערוך פאַר'ן כרמלית, וואו נאָר ער און זיינס גלייכען געהט — מיט א מאַסע היתרים און א שלחן־ערוך פאַר זיך אין דער היים — סאַמע לעדיגע בלוטער מיט א י י ן התרת נדרים...

די אפּיקורסים זענען אויך אַזוי: דרייפאַכיגע, פיערפאַכיגע, וויפיעל איהר ווילט אַליין.

אין דער היים שאַרפט ער זיך די בריטווע צום גאָלען די באָרד אַז דער רצועה של תפלין, ביי זיך אין „רעדעל" איז ער יוצא דער־מיט, וואָס ער איז א גרויסער אוהב ישראל, דער עיקר מיינט ער, די בנות ישראל... און א „מאמר" שרייבט ער: חס ושלום, ריהרט נישט! צאַן־קדשים, בני־נביאים, מנהגים קדושים — ממש עס ברענט... און געה וויים!

דאָס איז אין „נגלה"; אין „נסתר" איז אויך דאָס אייגענע.

עס פעהלען נישט קיין מקובלים, זיי וואָלטען געקאָנט באשאפען גולמות, אראָפּברענגען משיח'ן, הייסען שניי זאָל פאַלען אין תמוז, און אינמיטען ווינטער זאָל געהן א שלאָגס־רעגען, — נאָר נאָך וואָס טויג עס זיי? זיי ווילען בעסער ע"פ קבלה איבערפּעקלען א שטי־קעל סחורה איבער די גרענעץ, פּארקויפען אַן עקרה פאַר ח"י זהובים אַ בן־זכר...

א קרעמעל האָבען זיי זיך געמאכט, און איינער יאָגט דעם צווייטען, און די פּדיונות ווערען קלענער פון טאָג צו טאָג...

און די אפּיקורסים האָבען זיך אויך געעפענט א קרעמעל... אראָפּברענגען זיך, ווי פּארצייטענס, א בת מלכה, איז היינט שוין נישט כדאי, מאכט מען זיך בעסער א פארלאג מיט קליינע יצר־הרע־ביכלעך...

קליינע פּדיון'עלעך, קליינע ביכלעך, קליינע מענשעלעך...

מיט א י י ן זאך טרייסט איך מיך נאָר: פּני הדור כפּני הכלב; די וועלט האָט שוין אזא הינטיש פּנים, אז משיח מ ו ז שוין קומען...

איבער שרפות.

יעדען זומער מעהרען זיך די שרפות אויף דער האלצערנער פראווינץ, נאר דאס יאהר האבען מיר געהאט א מגפה פון שרפות.

מען האט נישט גערעדט פון פארברענטע הייזער, נאר פון גאסען און שטעדט, וואס זענען אוועקגעגאנגען מיט'ן רויך!

טויזענטער פאמיליען זענען געבליבען אהן א דאך איבער'ן קאפ, טויזענטער בעלי־מלאכות — אהן ווארשטאטען, אהן כלים צו דער ארבייט; בעלי־בת'ישע מענשען האבען געמוזט אויס־שטרעקען די הענט נאך בעטעל־ברויט.

אויך איז זיך זעלטען באגאנגען אהן לעבעדיגע קרבנות.

מיר האבען געלעזען פון מענשען, וואס זענען ארומגעלאפען משוגע פאר שרעק אין די ברענענדיגע גאסען, און האבען נישט געפונען דעם וועג פון דער שרפה ארויס.

פון עלטערען, וואס האבען אין פייער און רויך די קינדער פארגעסען און געראטעוועט א שעניק מיט שטרוי אדער א שייטעל האלץ.

פון בעלי־בתים פארברענטע, וואס האבען געדריקט אין פאר־קנוילטע הענט עטליכע רובעל...

ווער איז שולדיג אין דער שרעקליכער מגפה פון שרפות?

שולדיג איז געוויס דער דלות, וואס בויט מיט האלץ און שטרוי, נישט מיט שטיין און אייזען.

שולדיג איז די ברענענדיגע זון, וואס האט דאס אלץ אויס־געטרוקענט, ווי די קינדלעך.

שולדיג איז דער, וואס איז נישט געווארענט געוועזען און האט דעם ערשטען פונק געלאזט.

שולדיג איז דער ווינט, וואס האט געשפילט זיך מיט'ן פייער

און איבערגעוואָרפען די פייערדיגע צונגען מיט די רויכיגע זיילען פון איין עק שטאָדט צום צווייטען.

נאָר שולדיג איז אויך די פאַרשטעלונג פון א „גערעטענעם קינד“. דאָס א י ד ע א ל פון גוטע, ציכטיגע אינגלעך, וואָס האָט נוהג געוועזען אמאָל און איז נאָך נוהג עד היום אויף דער פּראָווינץ, וואָס איז געבויט פון האַלץ און פון שטרוי...

וואָס הייסט א גוט ציכטיג קינד? נישט אַזוינס, וואָס וואַרפט ארויף די פאַנטאָפּעל אויפ'ן דאַך פון נידעריגסטען הייזעל, ער זאָל דערנאָך ארויפקריכען און זיי אראָפּנעמען; אפילו נישט אַזוינס, וואָס פּיהלט זיך אן איבריג ביסעל כח און וויל עס אויסברענגען מיט „איבערהאַצקען“ די גאַס! אפילו נישט אזוינס, וואָס שפּרינגט איבער דער שטוב פון איין ענגען ווינקעל צום צווייטען!...

וועה און ווינד איז דעם קינד, וואָס מען האָט געטראָפען רייטענדיג אויפ'ן שטאָדט-צאַפּ, ארומשפּרינגען אויף די ברעטער, וואָס מען האָט אָנגעגרייט צו א בנין.

ציכטיג און שטיל הייסט — געהן זיין וועג מיט קליינע שפּרייז, ווי א כשר'ער איד אין שבת, נישט אָפּשטעלען זיך אין גאַס און אַז אויג וואַרפען אויף דעם, וואָס טוט זיך ארום, בפרט נישט ארויסכאַפּען זיך פון שטאָדט און זעהן, ווי די בוימער וואַקסען אָדער ווי עס שאָקלען זיך די זאַנגען אין פעלד.

אַז איבריג מאָל באָדען, איז א זינד; א הויך, פרעהליך, קינדיש געלעכטער, א סימן פון א „לאָבוז“, פון א מאוס'ען קונדאַס! ווער שמועסט א פייף טון אָדער לאָזען א פּאַפּירענע שיף אויפ'ן רינשטאָק! צו שפּילען אין באַל מוז מען שוין זיין אין אמת א „שייגאַץ“...

א גוט, ציכטיג קינד הוידעט זיך נישט אויפ'ן בענקעל, קוקט נישט ארויס דורכ'ן פענסטער, שטעהט נישט אין טיר; די איינציגע באוועגונג, וואָס איהם איז ערלויבט, איז צו שאָקלען זיך ביים דאַווענען און צו דרעהען מיט'ן גראָבען פינגער ביים לערנען; זיצען אויף אַן אָרט, נישט קאָנען קיין צוויי צעהלען; זיצען שטיל, מען זאָל „זיין פּאַרע נישט הערען“!

אַט דאָס איז א וואויל גערעטענע קינד!

א מאַמע פרעהט זיך, אַז איהר קינד זעהט שוין, קיין עין־הרע, אויס, ווי אַן אלטער! על כל פנים, ווי א מענש!

נאָך גרעסער איז די שמחה, אויב עס קרימט זיך איהם אויס דער מאָרד־ביין מיט'ן פלייצעלע פון התמדה; ווער שמועסט, אויב דאָס קינד ליידט שוין אויף א געוויסער קרענק גלייך מיט'ן ערש־טען בעסטען מלמד!

אַן אידעאל פון א קינד איז — א וויכער לייב, ווי א קלוסקע־לע, א געל פּנים'על, ווי אַן אָקס, און א דורכזיכטיגע הויט, ווי גלאָז... דערצו מוז עס נאָך זיין קרום, ווי א שופר...

אַן אמת אידיש קינד הייסט עס, א רינענדיג נעזעל און טריי־פענדיגע אויגעלעך האָט עס, אויף ליימענע פיסלעך שטעהט עס, נאָר עס שיינט און עס האָט טויזענט חן! טאַקע א פיין, גרין צי־בעלקעלע, וואָס האָט ארויסגעשפּראָצט אויפ'ן מיסט אין גשן פון מצרים...

פון די שטיל־שווייגענדיגע קינדער ווערען חתן־בחורים...

אַלע ארום האָבען געטאָן זייערס בשלמות: דער פאָטער האָט אויסגעפאָטשט, די מוטער — אויסגעקניפּען, פעטערם און מוהמעס — אויסגעשריען, און די מלמדים — אויסגעשמיסען א פיין חתן־בחור'ל...

אומזיסט באַמיהט זיך די לעבעדיגע יוגענד אויסצובלאָזען אינ'ם פאַרטריקענטען הערצעל עפּעס א פאַרלאַנגען, א חשק צום לעבען; דער הויך פון פרישען זומער בלאָזט אויף אַש, דער מאַר־גען־טוי פאַלט אויף פויל האָלץ.

דעם חתן־בחור בליצען אויף די אויגען אפשר דאַמאָלט, ווען ער קריגט א מתנה א זייגערל, א יאַרמולקעלע; ווען ער מאַכט א סיום, ווען מען פאַרברענט דעם חמץ, אָדער ווען א איד מעג נע־מען אַן איבריג ביסעל בראַנפען, דאָס הייסט, פּורים — המן'ען אויף פּאַהיבעל! אפשר נאָך שמחת תורה!

מיד און פאַרשלאָפען שטעלט ער זיך אונטער דער חופּה און כאַפּט זיך אויף צום מ אַ ר ג ע ן ! שוין אַלס יונגערמאַן!

עס שפּראָצט איהם נאָך קיין איינציג האָר איבער דער אוי־בערשטער ליפּ און ער איז שוין איינגעשריבען אין חברה־קדישא!

איידער ער געוועהנט זיך צו צו דער נייער „תבונה“, צו זיין אייגענער שטאָדט אין קלויז, צו א בעל־בת'ישער עליה — איז ער שוין א טאַטע פון א קרענקליכען קינד, וואָס וועט דורכמאַכען דעם

אייגענעם קראַנקען וועג, אונטער דעם אייגענעם רעגען פון צופּ, ריס, קניפּ, דזשיאַך און פּעטש...

נאָר — מיר האַלטען נאָך נישט ביים קינד.

דער פאָטער ווערט דערוויילט אַן אמת פיין בעל־בית'ל! ער מישט זיך נישט אַריין אין קהל'ס זאַכען; ער וויל נישט וויסען, וואָס עס טוט זיך ביי דער קלפּי; זיין דאגה, ווער עס איז גבאי אין בית־המדרש! ער זאָגט קיינעם קיין דעה נישט. ער האָט ז י י ן ווייב, ז י י ן שטוב, ז י י ן גמרא אויף ז י י ן שטענדער און זיצט זיך שטיל, ווי אַ טויב, נאָר דער האָרב ווערט גרעסער און גרעסער און אויף דער לעבער הויבט ער אָן צו ליידען...

מיר ווילען דעם שטילען ציכטיגען יונגענמאַן נישט באַגלייטען אויף זיין שטילען, ציכטיגען וועג ביז'ן קבר אַריין. מיר פאַרהאַלטען זיך ביי דער מינוט, ווען ער איז אין די בעסטע, בליהענדיגע יאָהרען — אַ שעהן יונג בעל־הבית'ל, ווי געזאָגט — פון אַן אייגענער שטוב, פון אייגענע ווייב און קינדערלעך, מיט אַן אייגענער שטאָדט אין בית־המדרש. אַ חנו'דיגער יונגערמאַן! אויסגעווייקט, ווי אַ הערינגעל.

ביי די שלייפען אונטער'ן דינעם הייטעל שפּרינגען אַרום בלויע אָדערען.

אַז ער נעמט די קופּערנע קוואָרט מיט די צוויי אויערען צום וואַשען אין דער האַנט אַריין, ציטערען איהם די הענט.

אַז ער געהט איבער דער גאַס אויף די שטרויענע פיסלעך, ווייסט מען נישט, צי לאָמט ער, צי האָט איהם אַ ווינט געכאַפּט און אויסגעקרימט!

די אויגען זענען באַהעפט צו דער ערד — טאָמער, חס־ושלום, קומט איהם אַקעגען אַן אשה!

דער קאָפּ איז געבויגען איבער'ן דאַרען ברעטעל, וואָס מען רופט „ברוסט", ער זאָל, חס־ושלום, נישט דריקען די פּיס פון דער שכינה!

מיט די הענט וואַרפט ער נישט, עס איז קיין דרך־ארץ, קיין שטייגער נישט!

אָט — אַ שטיל־ציכטיג בעל־הבית'ל ווערט פון אַ שטיל־ציכטיגען קינד...

און אַז דאָס שטערטעל באַשטעהט פון אַסך אַזוינע יונגע

בעלי־בתים, און עס איז געבויט פון האָלץ, און די חיצון האָבען דאָס האָלץ אויסגעטריקענט, און א שכור האָט פארלוירען א פונק. און עס מאכט זיך דערצו א ווינט... פארשטעהט איהר אליין שוין די רעשט!...

אונזער יונגערמאַן וועט קיין קאָן וואסער נישט טראָגען, אויף קיין דאך נישט קריכען; קיין האַק, קיין דראַנג אין האַנט אריין נישט נעמען...

אונזער יונגערמאַן שטעהט פאר זיין אייגענעם הייזעל און ציטערט, ווי אין א פיבער! ער ציטערט, נאָר ער מישט זיך נישט... אז דער רבונו של עולם וועט וועלען, וועט ער איבערדרעהען דעם ווינט, אדער עס וועט אראָפּפאַלען א שלאַגס־רעגען... און אויב נישט, אויב זכות אבות וועט נישט העלפען און דאס פייער וועט צוקומען צו זיין אייגענעם הויז, דאמאָלט... א! דאמאלט וועט ער ערשט משוגע ווערען פאר שרעק און ראטעווען א שייטעל האָלץ...

איך האָב די באמערקונג געמאכט מיינס א באַקאַנטען זיידעניעם יונגענמאַן, בשעת מיר זענען געזעסען אויף א שטיין, א שריד ופליט פון אן אפּגעברענטער גאס און האָבען באוויינט דעם פרישען חורבן.

— איך איז גוט צו זאָגען — ענטפערט מיר דער יונגערמאַן — און א י ד וויל איך דערצעהלען, וואס מיין פעטער אברהם׳ל האָט געהאַט!

איינמאָל איז ער ארויסגעגאַנגען שפּעט ביינאַכט, שבת־צונאכט פון א שלש סעודות, נאָך א קענדעל פריש וואסער צום פּלומפּ...

ער איז א בעלזער חסיד, און בעלזער חסידים פיהרען לאַנג שלש סעודות...

היים איז געוועזען, האָט זיך זיי פריש וואסער פארגלוסט.

ווער זאָל געהן צום פּלומפּ? האָט מען גורל געוואָרפען! און דער גורל איז געפאַלען אויף מיין פעטער אברהם!

מילא, דער גורל איז געפאַלען, געהט ער.

ער געהט צו צום פּלומפּ, גיסט אָן א קענדעל וואסער און געהט צוריק אין איין ציטערניש, עס זאָל איהם קיין הונט נישט אנפאַלען; ווארים שפּעט ביינאכט, אז עס ווערט שטיל אין מארק, הערט

זיך דאָס וואָיען פון די הינט פון דער פאָרשטאָדט, אַז עס געהט א שוידער דורכ׳ן לייב.

טיילמאָל טרעפט זיך, אַז א הונט פאַלט איין זיך דורכצושפּאַצירען אין גאַס און אָפּרייסען א איד א פּאָלע.

חכלל — ער געהט.

לויפען קאָן ער נישט, דאָס קענדעל מיט׳ן וואַסער איז גענוג שווער; אויסגיסען און צוריקקומען מיט א לעדיגער קאָן. שעמט ער זיך!

נו — טרעפט זיך איהם א נס!

ער דערזעהט פון ווייטענס, אַז עפּעס בלישטשעט רויטליך.

„אַז אוצר“, מיינט ער, און דאָס באַנייט איהם דעם כּח און ער לויפט צו מ י ט ׳ ן קענדעל וואַסער! ער האָט עס קיין צייט נישט געהאַט אוועקצושטעלען!

ער קומט צו נעהנטער, זעהט ער, אַז משה־אהרן דעם שוחט׳ס הייזעל הויבט נאָר וואָס אָן צו ברענען; איהר קענט דאָס הייזעל? עס וואַקסט שוין א יאָהר פיערציג אין דער ערד אַריין, ציגען שפּרינגען אַרום אויפ׳ן דאַך.

און דאָס דעכעל ברענט אין א זייט, א שפּיץ פון דער שטרויענער זוים ברענט, ווי א ליכטעל...

מיין פעטער אברהם קלערט נישט לאַנג, גיסט אַרויף דאָס קענדעל וואַסער און גיט א געשריי: „געוואַלד!“ —

וואָס קלערט איהר? א סוף, ווי המן האָט ער געהאַט!

א יאָהר דורכאַנאַנד האָט מען איהם געשלעפּט אין פּאָליציי און אין סאָנד אַריין פאַר אַן עדות! איהר קענט מיין פעטער אברהם? א ש ע ה נ ע ר עדות? ערשטענס, פאַרגעסט ער אַראָפּצונעמען דאָס היטעל — כאַפּט מען איהם אַראָפּ מיט׳ן קאָפּ צוזאַמען; דערנאָך זעהט מען, אַז ער איז אַריין מיט בלאָטיגע שטיוועל, וואַרפט מען איהם אַרויס, ער זאָל זיי אָפּווישען; מיינט ער, אַז מען הייסט איהם אהיים געהן — שלעפּט מען איהם צוריק מיט זשאַנדאַרען. און דערווייל קאָן ער קיין צוויי ווערטער גוי׳ש נישט רעדען. און דאַ הייסט מען איהם דערצעהלען, וויפיעל איילען ווייט ער האָט דאָס פייער דערזעהן, ער זאָל אָפּמעסטען אויפ׳ן טיש, ווי גרויס דאָס פייער איז געוועזען...

און ער הויבט נישט אָן צו וויסען, וואָס מען רעדט צו איהם!

און אז ער פארשטעהט שוין, וואס מען פארלאנגט און וויל מעסטען, דערזעהט ערשט דער בורמישטש, אז ער האט פארסמאלעטע הענט אוןווארפט איהם ווייטער ארויס — ער זאל זיך אפוואשען די הענט און נישט איינריכטען דאס גרינע טישטוך!... וואס קלערט איהר, עס האט געדויערט א יאהר; מיין פעטער אברהם האט נישט געהאנדעלט, נישט געלערענט, נישט געגעסען, נישט געשלאפען און אין אריינגעפאלען פאר צרות אין א קרענק!

אמבעסטען — זאגט מיין זיידענער יונגערמאן — איז פאר א איד זיך נישט אריינצומישען! נאר פון ווייטענס!

זעהט ער — עמיץ שלאגט זיך אין גאס — פלטה!

מען רעדט א הויך ווארט, מאך פיס!

געהסט ביינאכט און עמיץ ברעכט שלעסער — טראג דיך אפ!

פון נישט, האט מען קיינמאל קיין חרטה נישט!...

נאך לאנג רעדען און שפארען זיך האט ער מיר אפילו מודה געוועזען, אז עס וואלט נישט געווען קיין לאך אין הימעל, ווען זיין פעטער אברהם'ל זאל נישט געוועזען פארגעסען אויסצוטון דאס היטעל באלד אויף דער שוועל פון מאגיסטראט, אז עס וואלט גאר קיין עולה נישט געוועזען, ווען זיין פעטער אברהם'ל זאל זיך גע־וועזען פריהער אפוואשען די הענט און אויספוצען די שטיוועל (פארקערט מיינט ער: פריהער אויספוצען די שטיוועל און דערנאך אפוואשען די הענט).

ער איז מודה, אז „דינא דמלכותא דינא“ און אויב דאס מלכות וויל, אז די פאדלאגע אין מאגיסטראט און דאס גרינע טישטוך דארט זאלען זיין ריין, דארף מען נישט דוקא טון פארקערט.

נאר א איד זאל געזונט זיין, „ווי א פויער“, איינשרייבען זיך אין פאזשארנע קאמאנדע און ארויפשפרינגען בשעת מעשה אויף א ברענענדיגען דאך, דאס איז נישט מעגליך!

דאס איז נישט און עס ווערט נישט זיין!

„ווי הייסט“?

ארום אונז האט זיך דערוויל פארזאמעלט א רעדעל פון „נשרפים“ און „נשרפי'טעס“ (די לעצטע זענען געשטאנען אפגע־דוקט פון דערווייטענס) און אלע האבען מודה געוועזען, אז א איד

קאָן נישט געזונט זיין, ווי א טערק, למשל, ווייל א מענש מיט תורה, קאָן באין אופן נישט זיין אזוי מגושם'דיג!

— א ירא שמים — רופט זיך אָן א מלמד — מוז זיין א כשל ברד!

— אז מען זיצט און לערענט — מאַכט א צווייטער — אז מען פיהלט נאָר א טעם אין לערנען, קאָן מען שוין נישט אזוי אכטונג געבען אויפ'ן גוף! ווער עס וויל געזונט זיין, דער מוז עסען צו דער צייט, שלאָפען צו דער צייט, שפּאַצירען געהן א שעה — דאָס איז אלץ נישט פאַר קיין איד געמאכט געוואָרען...

— איך געה איינמאָל אין יאָהר — זאָגט א דריטער — צו תשליך, האָב איך די והותר!

— אויף מיין וואָרט — שווערט זיך עמיץ — אז שבת דאַווּ־נען געהן, איז מיר אויך טיילמאָל שווער; די שול איז ווייט, און געה גלאַט איבער דער גאַס! גאָרנישט? ! געה איבער די גאַס! וואָס? דאַווען איך טיילמאָל ביחידות...

— רבותי, — האָב איך זיי געענטפערט, — לעגט נישט דעם גאַנצען בייגעל אויף דער תורה! די תורה איז דאָ וועניג וואָס שולדיג... צי טוט נישט דאָס זעלבע דער אידישער שניידער, שוס־טער, האָלץ־העקער, שטיין־קלאַפּער און אלע אידישע בעלי־מלאכות? צי זיי, וואָס האָבען נישט צו טון מיט סאַמע תורה און יראת שמים, וואָס פיהלען נאָר א טעם פון א שניט און א פאַלבאַנע — צי זיי ארביי־טען מיט א סדר, צי זיי עסען, שלאָפען און רוהען צו דער צייט?

— אמת, — איז מיר עמיצער מודה, נאָר דער אָוועגט איז צוגעפאַלען און איך זעה נישט ווער—, דער אידישער דרך איז שוין אזוי, אלץ ביז די לעצטע כחות...

— עס איז אָבער נישט גוט אזוי, זאָג איך, און וויל זיי אויפ־ווייזען, אז אידען אין ארץ ישראל זענען געוועזען געזונט טאַקע „ווי די פויערען", אז זיי האָבען אויך מלחמות געפיהרט, גבורות געוויזען, ווי אלע מענשען געלעבט.

איך וויל דורכגעהן די געשיכטע פון אברהם אבינו, וואָס האָט די ערשטע מלחמה געהאַלטען מיט פינף מלכים, ביז די חשמונאים, וואָס האָבען די גריכען געשלאָגען... איך וויל מיך צולאָזען, דער־היצען, ציטירען ציפע דער שניידערינס רייד:

„פארוואס קומט גן־עדן, זאלען זיי מיר זאגען,
נאר געלעניש — זאכעניש, נאר חולה־מאגען?
גבריאל'משע, איך פרעג דיך, פארוואס?

צי זענען געווען אויך שוואך און אהן אטעם
יעקב אבינו'ס עשרת חשבטים?
געדענקסט? אז א קול זאל דערלאנגען
ביז פרעה'ן, צום פאלאץ, געדענקסט דו, גבריאל?
פרעה, פאר שרעק — א טאלעץ פון דער שטול...
און היינט־זשע — דאס שפרינגען אויף זאנגען?

און וואס איז געווען, זאג, שמשון הגבור?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

איך האב געוואלט רעדען און רעדען, פון דוד'ס דריי גבורים, וואס האבען זיך דורכגעשניטען דורך א מחנה פון שונאים און געבראכט דוד'ן פריש וואסער! פון אהוד... פון טויזענט אנדערע; עס האט זיך אבער אויסגעוויזען, אז איך רעד אומזיסט.

זיי ו ו י י ס ע ן דאס אלץ.

— בא, בא, — מאכט אן אלטער איך מיט א וואונדערליכער העל־זילבערנער בארד — בא, בא ג י ט אונז א לאנד! גיט ערד, גיט דערפער, גיט פרישע לופט...

— אידען, — שרייט עמיץ דורכגעהענדיג, — אידען, מעריב דאוונען!

דער עולם איז זיך צוגאנגען און דאס איז מיין גליק געווען; די צונג איז מיר, ווי א האלץ געווארען, נישט איבערצודרעהען!

1895.

די נייע באַוועגונג.

אין מערב־אייראָפּאַ, צווישען די שווערבאוואָפענטע פעלקער, וואָס אָטעמען קוים אונטער דער שטאָלענער לאַסט; אין מערב־אייראָפּאַ, וואו די פּרעסע פון האַס צווישען פעלקער, רעליגיאָנען, ראַסען און קלאַסען רייסט און בייסט מיט ווילדען כעס דעם אייזערנעם נאָמאָרדניק; וואו די רעגירונגען נוצען דעם אַנטיסעמיטיזם אַלס דונער־אַבלייטער פאַר די גאָלדענע פּאַלעצן, וואו קינד און קייט וואַרפט זיך אין ווילדע חלומות פון דינאַמיט... אין מערב־אייראָפּאַ באַמערקט זיך אַצינד אַ נייע באַוועגונג...

איבער'ן ווילד־ברויזענדען ים פליהט אַ טויב מיט אַ גרינעם בלאַט פון שלום.

עס מאַכען זיך איבעראַל מאָראַלישע געזעלשאַפטען, וואָס ווילען, עס זאָל אויפהערען דער אייביגער קריג צווישען רעליגיאָנען, פעלקער, ראַסען און קלאַסען; מענשען זאָלען אוועקלעגען דאָס מערדערישע געוועהר פון האַנט; יעדערער זאָל אוועקלעגען דעם קאַלטען רשע — דעם עגאָאיזם; מענשען זאָלען אָנהויבען לעבען מאָראַליש, — מיט יושר, מיט רחמנות...

זיי גלויבען אין דער מאָראַליטעט, וואָס איז נ י ש ט דער אָפּגלאַנץ פון דער בלאַנקער שווערט, וואָס שטעקט נישט אין קרופּס קאַרטעטשען, וואָס האַלט זיך נישט אין דער געביילטער פויסט און געהט נישט האַנט אין האַנט מיט אייגענניץ, שאָוויניזם און רעליגיאָנס־האַס!...

און זיי גלויבען, אַז דער מענש מוז זיך אויפכאַפּען פון דעם ווילדען שלאָף און דערזעהן דאָס ליכט, וואָס שלאָגט איהם אין די אויגען! ער מוז דערפיהלען, אַז ער איז מ ע נ ש, און אַז נישט

דער ענגאאיזם מיט נעגעל און באקציין, נאר די ריינע מענשליכע מאראליטעט דארף זיי דער קאמפּאס, צו פיהרען זיין שיף איבער׳ן ים!

איהר שאקעלט מסופק מיט די קעפּ! אונזער פּעסימיזם, וואס איז ארויס, ווי א הונט־שוואם אויפ׳ן מיסט פון די לעצטע צייטען, איז א נאכטגעוויקס און דרעהט זיך אוועק פאר יעדען ליכטיגען שטראל...

און דער עיקר — עס איז דאך גענגען די לעצטע פּוסקים! גענגען דארווין, ספּענסער און ליפּערט, גענגען די דריי זיילען, וואס האלטען אונטער די בילדונג אפילו אין ישיבות און בתי־מדרשים.

מען זאגט, אז דער אייגענער בטלנ׳ישער לץ, וואס האט גע־וויזען אויף דער האנט, ווי אזוי פראנצויזען און פּרייסען האבען מלחמה געהאלטען, און האט, מיט א ש פּ י י אויף דער האנט, דערטרונקען עטליכע ראטעס סאלדאטען פון ביידע צדדים, האט אמאל אויך אויסגעטייטש, פון וואנען עס נעמען זיך אזויפיעל פאר־שידענע מאדען אין ווייבערשע קליידער.

יעדער פאבריקאנט — זאגט ער — האט שטעהן א פּעסעל מיט מוסטער־שטיקלעך; וואס אמאל כאפּט ער ארויס א מוסטער, ארבייט נאך א סחורה און — עס ווערט א נייע מאדע!

און, אז ער האט דאס גאנצע פּעסעל גענדיגט, דרעהט ער עס איבער קאפּויר, און עס קומט ארויס ג א ר א נייע מאדע, וואס די באבע־יאכנע האט נאך געטראגען.

איך וויים נישט, ווי אזוי עס געהט צו ביי פאבריקאנטען, נאר אין דער פילאזאפישער אינדוסטריע איז זיכער אזוי!

אלטע סיסטעמען שטעהען אויף תחית המתים און ווערען צו־ריק די נייעסטע מאדע...

אין א צייט ארום פארלירט די נייע סיסטעם דאס געזונט, הויבט אן הוסטען, קריגט אסטמא — פאלט אוועק, שטארבט און ווערט באגראבען, און אויף איהר ארט שטעהט אויף א נייער שוכן־עפר; א נייע פילאזאפיע פון דער באבע־יאכנעס צייטען — און די באבע יאכנע, אויב זי לעבט נאך, טאנצט פון פרייד, אז איהר צייט איז צוריקגעקומען!

דאַכט זיך, אז „כל דאלים גבר" (ווער עס איז שטאַרקער, ביי דעם בלייבט עס!) איז אַן אַלטע פילאָזאָפיע, נאָך פון אדם הראשון'ס צייטען... אַן אמת'ע, נאַקעטע וואָלף־פילאָזאָפיע — אַלץ ווענדט זיך אין דער פויסט. די וועלט איז אַ קניזש: ווער עס איז שטאַרקער, בייסט פריהער אריין; ווער עס האָט אַ ברייטער מויל און בעסערע ציין, רייסט אָפּ אַ גרעסער און אַ בעסער שטיק... אָדער ווי מען פּ ל ע ג ט זאָגען: אויף דער וועלט איז, ווי אויף אַ חתונה — כאַפּ און פרעס, כאַפּ און זויף!

די סיסטעם איז אַזוי אַלט, ווי דאָס ווילדע לעבען.

נישט איינמאָל האָט זיך אפילו שוין געדאַכט, אַז די מאָראַליטעט, אַז דער יושר פון ציין־און־נעגעל איז אָפּגעשוואַכט, אָפּגענוצט; אַז מיר האָבען די „טייערע שמאַטע" אין ארכיוו אריינגעלעגט, וואו זי איז שוין מיט שימעל באַוואַקסען; אַז מ י ר, מיר מ ע נ ש ע ן, האָבען שוין איינגעזעהן, אַז דאָס פּאַסט נאָר פאַר ווילדע חיות און נאָך נאַקעטע ווילדע לייט; אַז מ י ר דאַרפען זוכען אונזער גליק אין עפּעס אַנדערש, עפּעס גרעסערס, העכערס... און דאָך — האָט זיך נאָר אַזוי געדאַכט! די פילאָזאָפישע פאַבריקאַנטען פון נייגצעהנטען יאָהרהונדערט: דאַרווין, ספּענסער, ליפּערט און אַלע זייערע נאָכשלעפּער און נאָכשטופּער האָבען די מאָדע ב אַ נ י י ע ר ט!

דאַרווין האָט באַמערקט, אַז דורך ערציהען, לעבען אויף אַ געוויסע אָרט, אין אַ געוויסען קלימאַט, אין געוויסע באַדינגונגען — פאַרענדערט זיך דער קערפּער פון מענשען און חיות, און דערפון איז איהם איינגעפאַלען צו באַנייען די אַלטע לאַמאַרקישע סיסטעם, אַז גאָט האָט קיין באַזונדערע מינים נישט באַשאַפען, אַז פון זיין האַנט איז נאָר איין לעבען אַרויס; אַז די אַלע מינים, משפּחות און סאָרטען קומען אַרויס מיט דער צייט — איין מין פון צווייטען, איין סאָרט פון צווייטען; און דאָס ווענדט זיך אין די פאַרשידענע פאַרענדערונגען, וואָס מאַכען זיך אינ'ם לעבען... נו — וואָס שאַדט עס אונז? וואָס זאָל אונז דער פּוסטער יחוס? אדרבא, עס איז מעהר כבוד, אַז מיר האָבען זיך אַ ל י י ן אויסגעאַרבייט, אַליין מיט דער צייט פאַר מ ע נ ש ע ן געמאַכט, דעם עק פאַרלוירען און אַזויפיעל שכל, אַזויפיעל יושר באַקומען! נישט איינער זוכט אפשר אין שלאָף דעם עק, ווי אַן אַלטער דייטש די יאַרמולקע, נישט

איינעם חלום׳ט זיך דער וואלד... נאר מיט דער צייט וועלען די חלומות און דאס זוכען דעם נעכטיגען טאג אויפהערען, פאר־שווינדען...

אמת איז, אז אין „בראשית" איז די מעשה אנדערש דער־צעהלט... נאר „מעשה בראשית" איז נישט געשריבען פראסט „כדבר איש אל רעהו" — עס איז פול סודות; א י ד זעה עפעס אנדערש, יענער עפעס אנדערש און דער אלשיך — עליו השלום — אויך עפעס אנדערש... ווער ווייסט, אפשר מיינט גאר ד א ס דער פסוק... א קשיא אויף א מעשה! אז „חמץ" קאן זיין על פי קבלה דער יצר הרע און „מצה" דער יצר טוב, כאטש זיי שטעהעןביידע נישט אין מעשה בראשית, קאן „חוה" זיין די פאנטאזיע, וואס טרייבט דעם מענש צו זוכען נייע אמת׳ען, נייע וועגען; דער „עץ הדעת" — די קולטור און די שלאנג — דער „סקעפטי־ציזם", דאס מסופק זיין, דאס אומרוהיגע פרעגען: פארוואס און פאר ווען, דאס וואס לאזט אונזער פאנטאזיע נישט שלאפען און נויט זי, זי זאל אלע רגע אויפשטעלען נייע סיסטעמען, נייע הייזלעך פון קארטען, „אויף וועלכע דער פויערישער שכל הישר דארף נאר א בלאז טון, זיי זאלען אומפאלען"...

פארצייטענס וואלט מען אזא דארווין פארברענט. אין היינ־טיגע קאלטע צייטען האט ער אויסגעלעבט זיינע יאהרען און גע־פונען נאך א גאטס־געלעהרטען, וואס האט אויסגעגלייכט דעם פסוק, ער זאל פאסען צו זיין טעאריע; נאטירליך — דעם פסוק צוליעב. —

נאר דארווין איז געפאלען אויף נאך אן המצאה. ווארים די שאלה איז: פארוואס ווערען טייל פארענדערונגען פארשוואונדען און אנדערע האלטען זיך שטאל און אייזען? מיר ווייסען, אז נישט איינמאל ווערט געבוירען א קאלב מיט צוויי עקען, אדער מיט צוויי קעפ, מיט זעקס פיס — פארוואס בלייבט פון דעם אלעם קיין זכר נישט, און פארוואס, אז עס האט זיך נאר באוויזען א הארן, הא־בען זיך באלד אלע בהמות פארקוקט און הערנער באקומען? אויף דעם איז די תשובה: כל דאלים גבר! דאס לעבען איז אן אייביגע מלחמה, איינער מיט׳ן אנדערען, איין מין מיט׳ן צווייטען און איין משפחה מיט דער צווייטער... אלע שלאגען זיך שטענדיג און גובר איז דער שטארקערער — דעריבער איז דאס קאלב מיט איבריגע

פיס נעלם געוואָרען, ווייל פיער פיס איז איבער גענוג, בפרט — איין קאָפּ! נאָר דער אָקס מיט'ן האָרן, וואָס איז געוואָרען א שור נגח, האָט זיך טאַקע געמעהרט און געפּרוכפּערט, אַזוי לאַנג און אַזוי ברייט, ביז עס זענען געוואָרען א וועלט אָקסען מיט הערנער און די רעשט אָקסען א ה ן הערנער זענען נעלם געוואָרען — אויסגע'פּגר'ט אָדער אויפגעפרעסען געוואָרען פון אנדערע בהמות, ווייל פון פרעה'ס חלום זעהט אויס, אז אמאָל האָבען די קיה איינס דאָס אנדערע געגעסען, גאָר מענשען צוגלייך! פון וואַנען עס האָט זיך דער ערשטער האָרן גענומען, דאָס ווייסט דער טייפעל, גענוג — א האָרן האָט זיך באוויזען און דער ערשטער גליקליכער אָקס, וואָס האָט'ן געקריגען, האָט מוצא חן געוועזען ביי די קיה, ער האָט גע־האַט אסך קינדער און האָט זיי אלע פאַר'ירש'ענט דעם האָרן... טרעפט זיך אמאָל איינס ווערט געבוירען מיט א גאָלען קאָפּ — געהט עס לאבוד, — ווי איינער אָהן כלי־זין אין דער מלחמה מיט שטאַרק באוואָפענטע! טכוירען, למשל, האָבען אמאָל געלעבט, ווי אלע אנדערע חיות ובהמות; פּלוצלונג האָט איין טכויר אָנגעהוי־בען צו שוויצען מיט א ריח — ווי פון א בעל־תשובה, לעבען וועל־כען עס קאָן אפילו קיין צדיק גמור נישט איינשטעהן... מיט דער צייט האָט מען אלע טכוירען אויפגעגעסען, נאָר פאַר ד ע ם ט כ ו י ר איז יעדערער אנטלאָפען, און ער מיט זיינע יורשים זענען געבליבען לעבען, און זיי מעהרען און פרוכטפערען זיך, אז מען פיהלט זיי שוין אפילו אין דער ליטעראַטור... פּאַקשיווע (אָדער ווי די „ליטוואַקעס" ווילען: קראַפּעווע) איז אמאָל געוועזען א געוויקס, ווי אלע געוויקסען, נאָר פון דער העלער הויט האָט איין פּאַקשיווע אָנגעהויבען צו שטעכען און צו בריהען; מיט דער צייט האָט מען אלע מינים פּאַקשיווע צוטראָטען, אויסגעריסען, נאָר די בריהענדיגע און שטעכענדיגע זענען געבליבען! און אַזוי אלע חיות ובהמות! טייל פערד האָבען אפשר אמאָל קיין עקען נישט געהאַט, נאָר די אָהן עקען האָבען זיי די פליגען געפרעסען, און נצול איז געוואָרען נאָר דאָס פערד, וואָס האָט זיך געקאָנט קראַצען מיט'ן עק ביז'ן קאָפּ.

הכלל — א מלחמה און מען דאַרף נאָר גוט כלי־זין!

נאָר כל־זמן דאָס אלץ איז נאָר נוהג און וואַלד און פעלד, צווישען חיות און בהמות, אַרט מיך נישט; לוינט אפילו נישט

צו דערגעהן, פון וואנען עס האבען זיך גענומען די ערשטע פאר־ענדערונגען — דער ערשטער הארן, דער ערשטער שוויים, דער ערשטער עק... נישט כדאי זיך דעריבער דעם קאפ צו פארדרעהען, מיר זענען שוין ל א נ ג פון וואלד ארויס, און ביי אונז, דאכט זיך, איז גאר פארקערט. אט האט ושתי א הארן באקומען, דאכט זיך, א וואויל כלי־זין אין דער מלחמה צווישען מאן און ווייב און בכלל צווישען ווייבער, און דאך — איז דער מוסר שטארקער געוועזען פאר'ן הארן: אחשורוש האט איינגעזעהן מיט'ן שכל פון זיינע עצה־געבער, אז א ווייב דארף פאלגען א מאן, אז יעדער מאן מוז האבען צו שאפען ביי זיך אין דער היים, אפילו ווען ער איז אזוי קלוג, ווי אחשורוש, און דערביי נאך אזוי שכור, ווי ער; אז אויב ער הייסט, די פלונית'טע זאל ארייננקומען גאר על־פי־פשט, א ה ן אן איינהיל... אמת איז, אז די ממשלה, וואס א מאן האט, איז כל־זמן דאס ווייב איז אין שטוב נישט אזוי פעסט... נאר דער „יושר" האט פארט גובר געוועזען דעם הארן, און ושתי האט גע־מוזט אפטרעטען אסתר המלכה'ן די קרוין.

עס ווערען גאנץ אפט געבוירען מענשען מיט צו שארפע ציין, צו הארטע פויסטען, אדער מיט נשמות פון טכוירען און פוקסען — נאר מיר האבען שטענדיג געמיינט, אז פאר זייערטוועגען טאקע האבען מיר קרימענאלען, ארעסטען, און טיילמאל (בסוד זאל עס בלייבען) א בינטעל הייסע ריטער, ביז מען ווערט פון זיי פטור... אונזער לעבען, האבען מיר געמיינט, רינט שוין כמעט אזוי קלאר, ווי א וואסער... עס פ א ל ט אמאל אריין א שטיינדעל, מאכט עטליכע רעדלעך ארום זיך, נאר באלד ווערט עס פארשוואונ־דען מיט די רעדלעך צוזאמען, דער שפיגעל גלייכט זיך אויס און רינט ווייטער אזוי ריין, אזוי קלאר, ווי דער הימעל... טיפער איז אפילו קאלט און פינסטער, און דער העכט לאזט דעם קארפ נישט שלאפען, נאר מיט דער צייט, האט מען געמיינט, וועט מען דארט אויך ארייננקוקען... מיט דער צייט וועט דער מענש איינזעהן, אז די ערד קאן ערנעהרען צעהן מאל אזויפיעל מענשען, ווי עס איז דא אויף דער וועלט, אז מיר דארפען אנשטרענגען אונזער אינטע־ליגענץ, נישט איינער זאל דעם צווייטען ארויסרייסען פון מויל, נאר מעהר באנוצען די נאטור־קרעפטען, וואס דינען אונז נאך אין נאר א קליינעם פראצענט. מען האט געמיינט, אז איינער וועט

ארויסנעמען די הענט פון צווייטענס טאש, דער צווייטער וועט אויפהערען צו רייסען דעם ערשטענס נאָז, און זיי וועלען זיך ביידע נעמען צו די וואסער־פאלען, וואס רוישען, הילכען, און בייזערען זיך, פארוואס זיי פארלירען אזויפיעל קראפט אומזיסט... מען האָט נערעכענט, אז אָט, אָט וועט ישעיה׳ס נבואה פון אייביגען פרידען מקוים ווערען און אויף דער וועלט וועט ווערען א געקושעריי, א געהאלזעריי, אז מלאכים אין הימעל וועלען אונז מקנא זיין...

זענען אבער געקומען ספענסער און ליפערט און האבען געזאגט: לא כי! די צוויי פילאָזאָפען, מיט א הונדערט נאָכשטופער, ווייזען אוים, אז אויסער דעם, וואָס מיר קומען א ר ו י ס פון וואלד, מוזען מיר נאָך אייביג שוין לעבען לויט דעם שלחן־ערוך, וואס איז אין דעם וואלד נוהג... און דער שלחן־ערוך האָט נאָר איין פאראגראף: כל דאלים גבר! ואידך — פירושא (די רעשט איז נאָר א פירוש): פויסט, נעגעל, באקציין, רציחה, מסירות, פאלשקייט — וואס איהר ווילט אליין...

די אייגענע שווערט ענגט איבער אונזער קאָפּ אויך! די פויסט איז ביי אונז אויך יושר און עהרליכקייט צוזאמען! דאָס ג א נ צ ע לעבען, אפילו דאס מ ע נ ש ל י כ ע, איז אַן אייביגע מלחמה... יוסל מיט שמואל׳ן, אידען מיט קריסטען, פראנצויזען מיט דייטשען, ווייסע מיט שווארצע, מיט געלע — אלע מוזען זיך שטענדיג רייסען ביי די האר, צופען ביי די נעז, און ווער עס איז שטארקער, דער בייסט פעסטער אינ׳ם קניזש...

די פויסט איז אלט, ווי די וועלט, ווי דער וואלד מיט זיינע חיות רעות! נאָר די סיסטעם האָט א נ י י ע ם נאָמען! די ח״י גדולים קומען נאָך דארווינ׳ען: „דער קאמפף אום דאס דאזיין". הייסט עס! דאָס איז דער העכט, וואָס שווימט ארום אין ספענסער׳ס וואסער, דאס איז די ראָפּוכע, וואָס גראבעלט זיך אזוי אומגעלומפערט ארום אין ליפערט׳ס שווערען שליים...

אז אייביגע מלחמה צווישען מענשען, פעלקער און ראסען! און דו מיש דיך נישט, יעדער דארף פאר זיך זארגען!

עס איז שוין אזוי, עס מ ו ז און עס ד א ר ף אזוי זיין!

און עס איז א גאנץ איינפאכע סיסטעם:

די גריכען האבען אמאל געטויט קראנקע און פעה־לערהאפטע

קינדער, עס זאָל אַרויס אַ דור פון סאַמע גבורים; און דער נייַ־צעהנטער יאָהרהונדערט וויל מיט דער פייערדיגער קאָנקורענץ אויסברענען אַלע שלימזל'דיגע מענשען, עס זאָל אַרויס אַ דור מיט סאַמע דורכגעטריבענע שווינדלער...

דאָס לעבען איז אַן אייביגער קריג — ווער עס פאַלט, איז אודאי שכור געוועזען, אָדער עס האָט זיך איהם איננמיטען דערינען פאַרגלוסט צו געגעצען... דאָס לעבען איז אַ „מאַקאַטוועד דראַנג". אויסגעשמירט מיט זייף; ווער עס כאַפּט זיך אַרויף, באַקומט אַ צילינדער מיט אַ זייגערל...

און מיט דער צייט וועלען אַלע קאָנען קריכען!

דער עגאָאיזם, דאָס אייביגע פערזאָרגען נאָר זיך אַליין, דאָס אָנפילען נאָר דעם אייגענעם מאָגען — אַט דאָס זענען, לויט ד ע ר פילאָזאָפיע, די געשיכטליכע הייוועז, אויף וועלכע עס יעהרט די מענשהייט. און אָהן וועלכע זי וואָלט געבליבען ליגען, ווי אַן אויס־געטריקענט שטיקעל טייג אין עק מולטער — אַצינד הויבט עס זיך און וועט באַלד אַריבער איבער דער ראַנד! „די אייגענליעבע" אַט דאָס איז, לויט ספּענסער און ליפּערט, די שפּינערין, וואָס זיצט ביים אייביגען רעדעל פון דער צייט, און שפּינט אונז די ציווי־ליזאַציע!

אפשר שרעקט אייך, וואָס דער שטאָף איז ברודיג פון אָרע־מען שוויים און רויט פון אומשולדיגען בלוט? וואָס מאַכט עס אויס? פון דעם שטאָף קומען דאָך אַרויס אַזוינע שלאָפּרעק, פרעק און זיידענע קליידער פאַר אַ צעהנדליג אויסדערוועהלטע... אייביגע מלחמה, אייביגע קאָנקורענץ צווישען מענשען, פעלקער און ראַסען; און מענשען, פעלקער און ראַסען וועלען אַזוי לאַנג אַראָפּפאַלען, ווי פוילע עפּעלעך פון בוים, ביז עס וועלען בלייבען סאַמע פעהיגע מאַנשעסטער פאַבריקאַנטען!

איהר פרעגט, צי דאָס איז מאָראַליש?

— מאָראַליש? ענטפערט אייך די פילאָזאָפיע, איז דען דאָ אַ מאָראַליטעט? און אונזערע פילאָזאָפען זענען קלאָר אין דער סאָציאָלאָגיע, ווי ביי זיך אין דער היים און וועלען אייך פאַרשיטען

מיט א מיליאָן פאַקטען, ווי א וואלד מיט שישקעס, און מען וועט אייך באווייזען, אז יעדעס פאָלק האָט אין יעדער צייט און אויף יעדען אָרט אנדערע דעות, אנדערע מדות, אז וואָס ביי איינעם איז רויט, איז ביים צווייטען גרין, וואָס איינער האלט פאַר א מצוה, האלט דער צווייטער פאַר אן עבירה... ווי קאָן זיין א מאָראַליטעט? ווי קאָן זי דינען אלס מאַטאָר אין אונזער מאַשין, זיין א לאָקאָמאָטיוו, וואָס פיהרט די וואַגאָנען פון דורות?

ביי אונז מעסט מען אויף איילען און קוואַרטען און מען וועגט אויף לויטען; אין רוסלאנד ווערט געמאָסטען אויף אַרשינען און טשעטווערטעס און געוואויגען אויף זאָלאָטניקעס; אין אייראָפּא איז אָנגענומען געוואָרען דער פראַנצויזישער מעטער מיט'ן קילאָ... ווילדע מעסטען אויף דער האנט און טייל ווייסען גאָרנישט צו וועגען... און פונדעסטוועגען וועט קיינעם נישט איינפאַלען צו קלערען: טאָמער איז גאָר קיין מאָס און קיין וואָג נישט פאַראַנען?

מיר האָבען ציפערען ביז 9 מיט איין 0; אמאָל האָט מען געצעהלט ביז צוואַנציג, די רוימער האָבען געהאַט עקסטרא ציפערען פאַר צוואַנציג, דרייסיג א. ז. וו.

טייל ווילדע קאָנען מעהר נישט צעהלען, ווי ביז פינף, זעקס הייסט שוין אסך, אָדער מען זאָגט: פינף און איינס... און פונדעסטוועגען איז קיינער נישט מסופק, אז צוויי און צוויי איז דאָך נאָר פיער, נישט דריי און נישט זיבען...

מיר נוצען געלט פון קופּער, זילבער און גאָלד; אין טייל לענדער באנוצט מען אויך ניקעל. די גריכען האָבען געהאַט מטבעות פון אייזען, ווילדע שטאַמען האנדלען און טוישען אויף גרינע שטיקלעך גלאָז, מושעלן, ביסלעך רייז, און פונדעסטוועגען זענען מיר זיך אלע מקריב פאַר געלט, און ווייסען, אז געלט עקזיסטירט...

נאָר, אז עס זענען פאַראַנען פאַרשידענע מנהגים און דעות ביי פעלקער, ווערט שוין דער עולם מסופק, צי עס איז פאַראַנען א מאָראַליטעט, קאָן שוין זיין, אז „איוב לא היה ולא נברא“, אז נישט — שטעקט די מאָראַליטעט טאַקע אין דער פרייער קאָנקורענץ — אין דער זיפּ, וואָס לאָזט ארויס די קליינע און דראָבנע און באהאלט די גראָבע, גרויסע און פעטע... אין דער זיפּ, וואָס וועט אונז מיט דער צייט אויסשאָקלען הונדערט מיליאָן ארבייטער און עטליכע מאַנשעסטער פאַבריקאַנטען...

וואס האט די מאראליטעט פאר'ן ארעמען אומגליקליכען, וואס פאלט אונטער דער לאסט? נישט מעהר, ווי א היתר: קריך אויף! כאפ אויף! גלייך מיט'ן בעל־הגדה, וויסט זי נאר: „נעם די מצה!" דער קניזש ליגט אינמיטען גאס, כאפ דיך צו!

און עס האט זיך געדאכט, אז דאס איז א גוטע פילאזאפיע נאר פאר רייכע לייט אדער פאר שטארקע פעלקער, אז די פילאזאפיע קאן נאר ליגען אין אן אנגעשוואלענער ברוסט־טאש און זיין אונ־טערגעשפארט מיט א וואלד פון באגנעטען, אז ארעמע לייט און שוואכע פעלקער, וואס קאנען לייכט אונטערגעהן אין דער אייביגער מלחמה, וועלען זיך האלטען אן די אלטע מענשליכע אידעאלען, אן דעם אלטען יושר, אן דער אלטער מאראליטעט...

עס האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז עס איז א טעות... ווי געזאגט, קומען שוין היינט ספענסער און ליפערט אין בית־המדרש אריין, מען שטודירט זיי אין אלע ישיבות...

דער געוועזענער פרוש, וואס האט געלעבט פון תעניתים, וויסט שוין היינט, אז דער בעסטער אבר פון א מענש איז דער מאגען, אז אלע אנדערע אברים זענען משרתים, אז נאר ער, דער מאגען, מאכט די געשיכטע, אז נאר אייגענליעבע שפינט די קולטור!

אויף ספענסער'ס קני וועט אויפגעצויגען ווערען א נייער דור פון סאמע כאפערס...

ווי אזוי דארף מען דערציהען קינדער?

קינדער — זאגט ספענסער — דארף מען דערציהען אויף אזא'ן אופן, אז זיי זאלען קאנען גליקליך זיין... זיי זאלען קאנען אויסנוצען דעם גאנצען נחת, וואס די נאטור וועט זיי געבען, זיי זאלען זיין, ווי א שוואם, איינצוזאפען דאס גאנצע פארגעניגען, וואס זיי וועלען געפינען אויף זייער וועג...

ווארים — אז יעדערער וועט האבען זיך אין זין, וועט אלע־מען מוז זיין, — מן־הסתם!

ספענסער און ליפערט ווערען אונזערע נייע געטער!
נאָר דאָס איז אויך נישט קיין נייעס!

די יונגע עגיפּטיאַנעריז, וואָס מען האָט יאָהר־יעהרליך אַריינ־געוואָרפען אין נילוס אַלס קרבן פאַר'ן הייליגען טייך, האָט אַליין אויך געגלויבט אין זיין הייליגקייט...

די אַמעריקאַנישע שקלאַפען האָבען זיך געשלאָגען אין איין שורה מיט זייערע בעלי־בתים נעגען די, וואָס האָבען זיי געוואָלט באַפרייען.

אונזערע אַלטע פויערים זאָגען נאָך, אַז עס איז בעסער צו אַרבייטען „פּאַנשטשיזנע", איידער צו צאָהלען פּאָדאַטעק —

און מיר, מיר אָרעם, צוואָוואָרפען, שוואַכסטע פאָלק אויף דער וועלט, הויבען אויך אָן צו גלויבען, אַז דער אידעאַל פון מענ־שען איז דער אייביגער קריג צווישען מענשען און פעלקער, ראַסען און קלאַסען...

די דאַרווין־ספענסער־ליפערטישע סיסטעם, אָדער בכלל, דער פּאָפּירענער ליבעראַליזם, איז דורך גאַנץ אייראָפּאַ, ווי אַ זאַ־ראַזע. פרייהייט הייסט אַ רעכט צו מאַכען זיך מיט די עלענבויגען אַן אָרט ביים טיש; וועהלען — הייסט קויפען שטימען פאַר געלט און בראַנפען, פּאַרלאַמענטען זענען בערזען, וואו פּאַרטייען שווינד־לען מיט פּאָליטישע פּאַפּירען, וואו די דעפּוטירטע פאַרקויפען איי־נער דעם צווייטען די געקויפטע שטימען מיט אַן אומגעהויערען ראַבאַט... די „פרייע פּרעסע", דער שטאָלץ פון נייינצעהנטען יאָהר־הונדערט, איז אַ רינשטאָק פון בלאָגע און שאַנטאַזש...

.1896

אין אייראָפּאַ און ביי אונז אונטער'ן אויוועז

אז מען רייסט אַפּ דאַס אויג פונ'ם זידענדיגען לעבען אין אייראָפּאַ, און מען וואַרפט אַ בליק צו אונז אונטער'ן אויוועז, האָט מען דאָס געפיהל פון אַ רייזענדען, וואָס קומט נאָך שטורעם און וועטער אחיים אין אַ וואַרעמע, שטילע, אַלטפּרענקישע שטוב. —

אין דרויסען האָט זיך דער חייליגער הימעל צוקריגט מיט דער זינדיגער ערד. דער הימעל האָט איינגערונצעלט זיין שטערען, ווי אַ פאַרמעט, און עס ציהט זיך איבער איהם אַ וואָלקען נאָך אַ וואָלקען; אַלע מאָל שווערער, בלייערנער, שוואַרצער און גיסענ־דיגער! פון דער השגחה'ס אויג פליהט אַ בליץ נאָך אַ בליץ און פון גאָט'ס האַנט שלאָגט אַ דונער נאָך אַ דונער...

אַט טרעפט ער אין אַן אַלטע שאָפּע אַריין; דאָס האָלץ איז אַזוי דאַר, אַזוי אויסגעטריקענט געוועזען, אַז מען האָט געמיינט, אַז זי וועט די וועלט איבערלעבען, און אַט פלאַקערט זי אויף ווי אַ קיין, און פאַלט און ברעכט צוזאַמען; אַט שלענגלען זיך פייער־דיגע צונגען צווישען זיילען רויך אַרום אַ ניימאָדישען פּאַלאַץ; פון איהם וועט אודאי באַלד קיין זכר נישט בלייבען. און דאָ יאָגט זיך באַרג אַראָפּ דאָס שוימענדיג־זידענדיגע וואַסער, יאָגט און שלאָגט מיט אַ כעס און רייסט מיט זיך מיט אַלע שטיינער, פּלאַטען און גרענעצען, וואָס שטעהען איהם אין וועג.

נאָר, געלויבט איז גאָט, מיר זענען שוין אין דער היים. דאָ איז לאַנגווייליג נאָר שטיל, דושנע נאָר וואַרעם — דאָ איז מען זי־כער מיט'ן לעבען...

דאָרט האָט דער דונער געקנאַקט, דאָ קנאַקט אַמאָל אַ ברע־נענדיג שייטעל האָלץ אין אויוועז... דאָרט האָט זיך געדאַכט, אַז גאָט וויל כשר'ן די ערד מיט פייער און איבערשווענקען מיט וואַסער. דאָ זיצט קוים די אַלטע באָבע און פליקט פעדערען... דאָרט פיהרען

הימעל און ערד מלחמה, און דאַ שפּאַרען זיך צוויי אַלטע מוהמעס וואָס עס איז בעסער: געריבענער אָדער געשאָבענער רעטעך...

און זיי זעהען גאַרנישט אַזוי שרעקליך אוים! וואָלענע זאָקען אין די הענט, שפּיזלעך אונטער די אויערען, די ברילען פאַררוקט אויפ'ן שטערען... וואָס? עס וועט גאַרנישט זיין דערפון.

לעוויאַטאַנען לעבען אין אַ ים; מיקראָבען — אין אַ טראָפּען וואַסער... אין'ם טראָפּען שלאָגט זיך אָפּ דאָס גאַנצע לעבען נאָר — מיקראָסקאָפּיש קליין און... אַמאָל מיט'ן קאָפּ אַראָפּ.

נאָך אייך פאַקטען:

איירָאָפּאַ האָט אַריסטאָקראַטען און מיר האָבען אַריסטאָקראַטען. ביידערליי מיוחסים האָבען פיינט די פאָלקס־בילדונג. ביידע זאָגען, אַז דאָס פאָלק דאַרף אַ סך גלויבען און ווייניג וויסען. ביידע זאָגען, אַז שולען און בפרט אוניווערזיטעטען, אַז וויסענשאַפט און בפרט אַז איינפאַך אמת וואָרט אַהן איין איינהיל זענען אַזוינע שווערע מאכלים, אַז דאָס פאָלק קאָן זיי נישט פאַרדייען... אַז דערפון פאַרדאַרבט זיך עס דער מאָגען, שלאָפט אומרוהיג און האָט בייזע חלומות... און דאָך איז ווייט פון יענע אַריסטאָקראַטען ביז אונזערע! די אַריסטאָקראַטען, למשל, אין פּרייסען, די „יונקערם", ווי מען רופט זיי דאָרט, זענען רייכע גוטבאַזיצער פון אייביגע יאָהרען, אַריסטאָקראַטען מיט סאַמע ריין בלויליך בלוט; מיט אַ יחוס, וואָס גרייכט אַמאָל ביז די חיות ובהמות אין נח'ס תיבה! זיי געדענקען נאָך די אַלטע גוטע צייטען, ווען לעזען און שרייבען האָט געהערט צו זיי, בפרט רעגירען! אין לאַנד זענען נאָר געוועזען צוויי קלאַסען: אַ קליין ביסעל פּריצים, וואָס האָבען געהאַט אַלץ און איבער אַלץ צו שאַפען, און אַ גרויסע מאַסע פויערען, וואָס האָבען אַסך געאַרבייט און גאַרנישט געהאַט. דאַמאָלט האָבען אונזערע יונקערם געלעבט אַ גוטען טאָג, און אַז דאָס פויערען־פאָלק האָט עפּעס פאַרלאַנגט, נישט אויף די קני, נישט

אין קלויסטער און נישט פון גאָט — האָט מען איהם געענטפערט מיט קאַרטאַטשען.

נאַטירליך געהט די יונקערם היינט אויך נישט אַזוי שלעכט; זיי זענען נאָך עד היום די זיילען, וואָס האַלטען אונטער דעם פּריי־סישען הימעל...

די גרעסטע שטעלען אין לאַנד, אין דער אַדמיניסטראַציע, אין מיליטער און בפרט אין קייזער'ס הויף געהערען צו זיי, און אויסער דעם האָבען זיי נאָך מאַסען גיטער, וואָס זיי האָבען גע־קריגען בירושה פון די אַלטע גוטע צייטען, און, ליידער, נאָך נישט פאַרטרונקען און פאַרהוליעט...

פאַר וואָס האָט דער פּרייסישער יונקער פיינט די פאָלקס־ביל־דונג? פאַר וואָס קריגט ער האַרץ־קלאַפּען פאַר דעם, וואָס ער רופט: „דעמאַגאָגיע"? ווייל ער ווייסט, אַז וואָס קליגער עס וועט זיין דאָס פאָלק, קלענער וועט ווערען זיין פעטער ביסען...

נאָר וואָס פאַר אַ אַריסטאָקראַטען האָבען מיר? ווער שרייט אויף אונז, אַז מיר זאָגען צופיעל אוים דעם פּראָסטען פאָלק, דעם „המון העם"? ווער איז ביי אונז די זויער־מילך און ווער די סמע־טענע? ווער האָט רויט און ווער האָט בלויליך בלוט? דאַכט זיך, אַז אין יעדער קלענסטער רייהע פון אידישע דורות, וועט איהר געפינען אַלע שטעלען פון דער לייטער, אויף וועלכע אַ אידישער פּוס מעג נאָר טרעטען! איהר וועט געפינען אַ פאַקטאָר און אַ רב, אַ רופא און אַ דאָקטאָר, און אַ פּראַצענטניק און נאָך עפּעס ערגערס, און אַ גביר, און אַ טרעגער... ווער זשע זענען אונזערע אַריסטאָקראַטען?

אונזערע אַריסטאָקראַטען זענען: מלמדים, וואָס האָבען זיך אויסגעלערענט אַביסעל העברעאישע גראַמאַטיק, אַ בעדער־יונג, וואָס האָט זיך צוגעכאַפּט צו לעטריסעם ראָמאַנטישע געדיכטען, אַז אויסגעקאָרמעט פאַקטאָריש בעל־בת'יש עקסעל, וואָס האָט איינגע־נומען אַ צוואַנציג לעקציעס אַלענדאָרף... אָט די לייט און זייער גליי־כען זענען אונזערע יונקערס! אָט די לייט ווייסען שוין אַזוינע סודות, וואָס מען טאָר דאָס פאָלק נישט אויסזאָגען... אָט די לייט זאָגען, אַז די זויערמילך, דער המון עם דאַרף האָבען אַ פּרוכת איי־בער די אויגען און לאָזען זיך פיהרען פון זיי!...

אַט דאָס זענען אונזערע יונקערס אין די פעדערען וואָס די אַלטע באַבע פליקט!

צי האָט איהר געהערט פון לעצטען אייזענבאַהן־שטרייק אין אַמעריקאַ? די אַרבייטער און דינער פון דער באַהן האָבען געוואָלט אַ גרעסערען לוין, די בעלי בתים פון דער באַהן האָבען ניט גע־וואָלט געבען, האָבען זיך די אַרבייטער מישב געוועזען און אויפ־געהערט צו אַרבייטען... דאָס הייסט אויף זייער לשון אַ „שטרייק"... דאָס מחלוקת האָט לאַנג געדויערט, די אַרבייטער האָבען פאַר הונ־גער געמאַכט באַוועריעס, צובראַכען וואַגאָנען, פאַרברענט סטאַנ־ציעס... די בעלי בתים האָבען געבעטען הילף ביים פּרעזידענט. מען האָט געשיקט סאָלדאַטען מיט ביקסען... מען האָט געשאָסען, עס איז בלוט פאַרגאָסען געוואָרען... נאָר דאָס איז נאָך אַ קליינינ־קייט... אין אונזערע צייטען הענגט דער ווערט פון אַ זאַך נישט אָפּ פון'ם בלוט, וואָס זי האָט געקאָסט...

ביי אונז געהען אַלע רעכענונגען, אַלע חשבונות אויף געלט! אויף געלט ווערט געשאַצט די אַרבייט; אויף געלט ווערען גע־שאַצט הענט און פיס, וואָס מען פאַרלירט ביי דער מאַשין און אפילו אַ גאַנצער לעבעדיגער מענש, אויב ער ווערט אַמאָל צוקוועטשט צווישען איהרע צייז... בפרט אין אַמעריקאַ, וואו מען שאַצט אויף געלט אפילו אַ קוש, וואָס אַ מיידעל קריגט אָהן איהר גוטען ווי־לען...

אַלץ ווערט גערעכענט אויף געלט; און אויף געלט איז דער שטרייק ווערט געוועזען גאָר אַ קליינינקייט: די בעלי־בתים פון דער אָפּגעשטעלטער באַהן האָבען געהאַט אַ היזק פון דריי מיליאָן דאָלאַר, די אויבס־סוחרים אין קאַליפאָרניען, וואָס האָבען די סחורה נישט געקענט פאַרשיקען — 5 מיליאָן דאָלאַר; צוזאַמען האָבען די קאַפּיטאַליסטען געליטען אויף 8 מיליאָן און דאַגעגען האָבען די אַרבייטער געהאַט אַ היזק פון גאַנצע 10 מיליאָן דאָלאַר!

בכלל איז ווערט געוועזען דער שטרייק אַז ערך פון פינף און דרייסיג מיליאָן רובעל אונזער געלט!

ביי אונז איז אויך געווען אַ שטרייק... אין קישינאָוו... און אַ דאָפּעלטער שטרייק... דער בעל־טאַקסע האָט אויפגעהערט צו צאָהלען שכירות די דיינים, און די דיינים האָבען אויפגעהערט שאלות צו פסק'ענען..

דער שטרייק האט אודאי געקאסט, ווי מען זאגט, „ח"י גדולים מיט א קניזש". און דאך האט א דין גע'חלש'ט אינמיטען גאס פאר הונגער...

„ש א ל ת ה פ ו ע ל י ם!" — די ארבייטער־פראגע! אין איירָאפּא. אז א בעל־בתישער מענש דערמאנט זיך אין דער פראגע, ציטערט אונטער איהם הענט און פיס... קיין פרומער איד שרעקט זיך נישט אזוי אלול פאר'ן שופר, און אויף דער עלטער פאר'ן קבר מיט'ן מלאך דומה, ווי דארט א פאבריקאנט פאר'ן הונגעריגען ארבייטער! דער בעל הבית ווייסט, אז דער ארבייטער איז קיין פויער נישט און האט גאר קיין חשק נִיט אויסצופאסטען זיך דעם ליכטיגען גן־עדן... אז ער איז הונגעריג, וויל ער שוין נישט מודה זיין, אז דאס האט איהם גאט היינט קיין ברויט ניט באשערט, נאר ער מיינט, אז דער פאבריקאנט האט א קישקע אהן א דנא... אז דאס ווייב ווערט איהם קראנק, אז די קינדער הויבען אן הוסטען, זאגט ער שוין נישט, ווי אמאל אין די גוטע, גאלדענע יאהרען, אז עס איז אן אפקומעניש פאר די זינד, שלאגט זיך שוין נישט אין הארץ אריין און לויפט שוין נישט צום שטריימעל, ער זאל איהם ארויסגעבען א תשובה... איהם דאכט זיך גאר, אז זיין דירה איז שולדיג, אז ער וואוינט אין נאסען קבר! און עס דאכט איהם, אז דער פאבריקאנט איז איהם מחויב אויפצושטעלען א הויז!... אז זיין זוהן מוז צו צעהן יאהר געהן אין פאבריק אריין ארבייטען, גלויבט ער שוין נישט ווי אמאל, אז ארבייט איז א הייליגע זאך, אז פאר דער ארבייט צאהלט מען אויף יענער וועלט, נאר ער איז בייז, פאר וואס האבען אנדערע גימנאזיום און אוניווערזיטעט און דער־נאך א גוטע שטעלע, און זיינע קינדער נישט! ער זאגט נאך, אז די פאבריקאנטען קאנקורירען אויף זיין חשבון, און דריי פערטעל סחורה איז זיין שוויים און בלוט..

און אז עטליכע מיליאנען מ י י נ ע ן, איז ביטער ווי גאל! נאר דאס אלץ איז אין איירָאפּא... ביי אונז איז פון דעם אלעם קיין זכר נישט דא, מיר האבען קיין פאבריקען נישט, קיין ארבייטער נישט... מיר קענען, דאכט זיך, רוהיג שלאפען... און דאך

האָבען מיר א קליין „שאלת הפועלים'ל"... א קליינס, א חנ'עוודיגס... צום קושען!

מיר שטיצען די ארבייטער אין ארץ ישראל...

טאָג טעגליך געהען אין המליץ נדבות אויף די פועלים!

און עס איז א גוטע זאך! אויסער וואָס די ארבייטער וועלען אמאָל עפּעס האָבען פון'ם געלט, איז דאָס דערוויל די בעסטע רעקלאַמע, וואָס אמעריקאַ פאַרמאָגט עס נישט!

עס האָט א יונגער שנעק ערגעץ א דרשה געהאַלטען און עס וויל קיינער דאַריבער אין צייטונג קיין וואָרט נישט שרייבען... שרייבט ער אליין: „ווייל איך האָב אין האַציפּלאַץ פאַר די משכילים אין שטאָדט א דרשה געזאָגט און אלע זענען שיער אוים־געגאַנגען — שענק איך אכטצעהן גדולים לטובת הפועלים." דער „מליץ" דרוקט און די וועלט קלינגט מיט'ן נייעם בעל־דרשן.

שאלת הפועלים איז אפילו א סגולה אויף פּראַקסע פאַר א יונגען דאָקטאָר; אויב ער האָט נאָר א גוטען פריינד, וועט שוין אַן איהם דאָס פּובליקום נישט פאַרגעסען...

קוים האָט ער געענדיגט דאָס אוניווערזיטעט, שענקט זיין גוטער פריינד פאַר גרויס פרייד, וואָס דער באַריהמטער קאָפּ האָט געענדיגט מעדיצין — ח"י גדולים! ווערט דער דאָקטאָר א חתן — ווייטער ח"י גדולים! האָט ער חתונה — נאָך אמאָל ח"י גדולים... מאַכט ער א ברית — ווייטער ח"י גדולים! פאַרשרייבט ער די ערשטע רעצעפּט אימיצען אויף א קאַטאַר — גאָר נייע ח"י גדולים פון דער נאָדעל! און אזוי נאָך קלינגט גאַנץ אייראָפּאַ מיט'ן דאָקטאָרל, וואָס, ווען נישט די שאלת הפועלים, וואָלט ער געמוזט ארומלויפען אין די גאַסען, שרייען: „אני שלמה!" און יעדען ארייגשטופען אין האַנט אריין דעם אדרעס...

א ליטעראַט האָט פאַרקויפט — נישט די פעדער, די איז שוין לאַנג פאַרקאַניעט... נאָר זיך אליין, פאַר עטליכע רובעל נדן! ווער וואָלט געוואוסט דערפון? שאלת הפועלים! צוואַנציג נומערען דורכאַנאַנד ווינשט מען איהם, און פאַר יעדען וואונש קריגען די ארבייטער ח"י גדולים...

און עס וואַקסט פון טאָג צו טאָג!... די גבירה האָט דעם גביר געוואָרפען א ראַנדעל אין קאָפּ אריין: האָט זי געטראָפען, שענקט דער גבירה'ס מוטער, ד. ה. דעם גביר'ס שוויגער, ח"י גדולים!

האט זי נישט געטראָפֿען — שענקט די דינסט, וואָס האַלט מיט'ן בעל־הבית, ח"ו גדולים! געהט די דינסט אַוועק דיקער, ווי זי איז געקומען, שענקט דעם בעל הבית אַ גוטער פרייגד ח"י גדולים...

נו, זאָגט אַליין, קאָן אַזאַ שאלת הפועלים אימיצען שאַדען?

מען זאָגט, אַז דאָ האָבען מיר אַ סך אָרעמע בעלי מלאכות. אַז פאַר דעם געלט וואָלט מען זיי געקאָנט וואַרשטאַטען מאַכען, נייע מאַשינען קויפען...

עס קאָן זיין, נאָר מיר קענען נישט אַנדערש, מיר מוזען האָבען אונזער אייגען, היימיש, וואָרעם, שטיל שאלת הפועלים'על!

אין אייראָפּאַ זענען געווען פּאַנאַמאַס און פּאַנאַמינאַס... און גאַנץ אייראָפּאַ האָט געקאָכט ווי אַ קעסעל!

אין פראַנקרייך האָבען מיניסטאָרען גע'גנב'עט און געגאַנגען אין קרימינאַל אַריין; אין איטאַליען האָבען סענאַטאָרען געגראַבעלט אין דער קאַסע, און גאַנץ איטאַליען האָט געזאָטען! אין שפּאַניען האָבען אַ סך אַריסטאָקראַטען געהאַט לאַנגע פינגער און מען האָט זיי נישט געשוויגען! אין שיקאַגאָ האָט מען איינגעזעצט אַן עסטרייכישען קאָנסול פאַר געלד־זאַכען; אין ענגלאַנד אין אַריינגע־פאַלען, נעביך, אַ לאָרד...

אומעטום — סקאַנדאַלען, ערד־ציטערניש!

ביי אונז איז געווען אַ פּאַנאַמינאַלע — און שטיל! שאַ!—

עס האָבען גאַנץ קליינע מענשעלעך געמאַכט אַ גאַנץ קליין חברה'לע צו קויפען ערד אין ארץ־ישראל... קוים טויזענט מענשען און אין גאַנצען צו הונדערט פראַנק..

מיט דער צייט, האָט מען אויסגערעכענט, וועט די ערד וואַקסען און וואַקסען, און יעדערער פון די טויזענט מיטגלידער וועט האָבען זיין אייגענע קאָלאָניע אין ארץ ישראל... וואו אַ שניידער, וואו אַ שוסטער, וואו אַ קבצן, האָט פאַרקויפט די צירונג מיט'ן בעט־געוואַנט, צוגעבאָרגט די רעשט אויף פּראָצענט — און אַריינ־געטראָגען הונדערט פראַנק... צו וועמען? מן־הסתם צו אַ איד... וואָס האָט מען דאָ צו פרעגען...

אין קורצען האָט מען געקויפט אַ שטיק ערד, מען האָט עס

אַ נאָמען געגעבען „עין־זיתים“... און במשך פון אַ יאָהר זענען גע־פלויגען פון ארץ ישראל בשורות טובות ווי די טויבען, דער כנסת ישראל צום דערקוויקעניש... די אייגענע, וואָס האָבען די חברה צוזאַמענגעשלאָגען, האָבען דעם גאָרטען געפּלאַנצט, וויין געבויט... „אונזער וויינגאָרטען — האָט מען געשריבען — וואַקסט פון טאָג צו טאָג, מיט יעדער מינוט וואַקסט זיין ווערט, מענשען זעהען און גלויבען נישט זייערע אייגענע אויגען...“ „נאָר אַזויערנאָך — האָט מען געשריבען, קאָן קומען די גאולה“. „נאָר דורך אַזוינע חברות קאָן מען אויסגעלייזט ווערען פון גלות.“

פּלוצלונג איז אָבער דער געזעלשאַפט איינגעפאַלען אַראָפּצו־שיקען אַ מענש קיין ארץ ישראל, צו באַקוקען עין־זיתים, און עס איז איהם פינסטער געוואָרען פאַר די אויגען — שטיינער און ביי־נער!

די הונדערט טויזענט פראַנק — פיו!

נאָר שטיל! קיין סקאַנדאַלען מאַכט מען נישט! מען האָט קיינעם נישט אָפּגעגעבען „פאַד־סוד“... וואָס דען, עס האָט זיך אויסגעוויזען דאָס אייגענע, וואָס אין בעלם!

אין בעלם איז אַמאָל פאַרשוואונדען געוואָרען מילך פון אַ טאָפּ... און קיינער איז נישט שולדיג געוועזען! די קאַץ איז געווען גע׳פּגר׳ט, דער בעל הבית און די בעל הבית׳טע — פליישיג, און פאַר דער דינסט וואָלט דער רב געמעגט שווערען...

אין אונגאַרן איז ערשט נישט לאַנג געוועזען אַ שטאַרק מחלוקת וועגען חופּה וקדושין. די אַריסטאָקראַטען, וואָס האָבען דאָרט אַ גרויסע דעה, זאָגען אַז אין חתונה האָבען שטעקט אַ גרוי־סער סוד, אַ הייליגקייט, אַ הימעל־זאַך, און אַז כאָטש „בת פלוני לפלוני“ איז באַשערט און ווערט אויסגערופען נאָך פיערציג טאָג איידער גאָט טראַנספּאָרטירט אַרויס די נשמה פון אוצר, מוז איבער יעדען זווג דאָס שטריימעל מאַכען אַ ברכה!... דאָס פּראָסטע פאָלק אָבער זאָגט, אַז חתונה האָבען איז אַ מענשליכע זאַך, און אַז עס שטעקט דערינען גאָר קיין סודות נישט, און מען דאַרף דערצו נישט מעהר, נאָר ער זאָל וועלען, זי זאָל וועלען און דאָס מאַגיסטראַט זאָל פאַרשרייבען, אַז זיי האָבען ביידע געוואָלט; כדי מען זאָל וויסען ווער מיט וועמען עס וועט זיך אַמאָל גט׳ען און ווער עס וועט נאָך וועמען נעמען ירושה און קדיש זאָגען...

אין אונגארן איז דא א פארלאמענט, וואו עס זיצען אויסדער־וועהלטע פון פאלק, און א הערנהויז, וואו עס זיצען גרויסע הערען — אריסטאקראטען. קיין פראווע איז דארט נישט גילטיג, ביז זי ווערט נישט אנגענומען אין פארלאמענט, באשטעטיגט אין הערנהויז און דערנאך ערשט — אונטערגעשריבען פון קייזער. נאטירליך, האט דער פארלאמענט געוואלט, אז די חתונה זאל בלייבען א ציוויל־זאך, נישט קיין הייליגער סוד... נאר דאס הערנהויז האט נישט גע־וואלט, און עס האט זיך נישט אונטערגעגעבען, ביז מען האט עס נישט געצווינגען מיט שטיינער און בלאטע די אריסטאקראטען אין די קאטשעס אריין און מיט אויסהאקען די שויבען. זיי האבען זיך אונ־טערגעגעבען און — היינט מארגען וועט דער קייזער אונטערשריי־בען דאס נייע געזעץ, אז חופה וקדושין קאנען זיך באגעהן אהן'ם שטריימעל...

ביי אונז איז אויך עפעס עהנליכעס געשעהען נאר... מיט'ן קאפ אראפ!

אין א געוויסער שטאדט האבען די „דייטשען", דאס הייסט אונזער ליבעראלע, געבילדעטע פארטיי געוואלט דורכאוים אריינ־פיהרען די חופה אין שול אריין, גלייך צום ארון־קודש... און דער פרומער קלאס האט נישט געלאזט! פאר דער חופה — זאגען זיי — איז געווען פלאץ אויפ'ן בערגעל מיסט, אויפ'ן שול־הויף...

דעם פרומען קלאס איז לייכט צו פארשטעהן... זיי ווילען בכלל נישט קיין נייעס... דערצו ווייסען זיי, אז לויט אונזער געזעץ איז גענוג, אז זי שטעקט אויס א פינגער. ער זעצט ארויף א פינגערל, וואס מוז ווערט זיין ווענינגסטענס א פרוטה, און זאגט „הרי־את"... דערביי דארפען, נאטירליך, זיין עדות, ער זאל נישט אפלייקענען שטיין און ביין; א מנין איז נאך בעסער, נאר אזוי ווי יעדער קאן צוקומען צום עמוד, אזוי קאן יעדערער מקדש זיין...

נאר וואס די „דייטשען" ווילען, פאר וואס גיט דער ראבינער חופה וקדושין דוקא ביים ארון־קודש אין קאר־שול, איז נישט צו פארשטעהן...

דאכט זיך, אז אין דעם קלאס שטעלען זיך צו דער חופה: א חתן, וואס האט שוין קיין האר און קיין סודות נישט, און א כלה, וואס ווייסט פון פאל דע קאק, זאלא און אנדערע, אפילו ווי־

אזוי מען האט קיין קינדער נישט, אז עס האבען נישט חתונה קיין מענשען, נאר צוויי בייטעלעך געלט... וואסזשע דארף מען דא דעם פרעדיגער?

נאר נישט אין דעם געהט אונז..

גענוג, אז די פראגע, וואס האט אויפגעקאכט גאנץ אונגארן, האט זיך אפגעשלאגען אין אונזער טראפען וואסער, נאר מיט'ן קאפ אראפ!

פון דעסטוועגען מיינט נשט, אז עס איז גאר אין גאנצען שטיל! די פרומע חובבי ציון שלאגען זיך מיט די ליבעראלע חובבי ציון... און וואס עס געהט, איז שווער צו וויסען פון די הונדערטער פאסקווילען, וואס ווערען צושיקט אין בריף אדער געדרוקט אין צייטונגען... עס מוז דאך זיין אן ארט פראגע: וואס איז בעסער, געשאבענער אדער געריבענער רעטעך?

.1896

אונזער טרייסט.

מען דארף זיך טרייסטען!

א פאלק, וואס האט אזוי פיעל צרות איבערגעלעבט, אזוי פיעל פינסטערע צייטען איבערגעווארט; א פאלק, וואס מצרים און בבל, צוויי שרעקליכע שכנים, האבען נישט אויפגעגעסען, און דאס בלוטזיכטיגע אומגעהייער — דאס מיטעלאלטער, נישט איינגעשלונגען — וועט היינט, אין ניינצעהנטען יאהרהונדערט, נישט פארלוירען געהן.

מען דארף זיך טרייסטען און האפען!

טרייסטען דארף מען זיך מיט דעם, וואס אבוואל דער האס צווישען מענשען איז נאך נישט אויסגעלאשען; אבוואל דעם שוואכען דינט נאך נישט דאס אייגענע רעכט, וואס דעם שטארקען; אז אבוואל: „לא תגנוב", לא תגזול, לא תרצח, לא תחמוד"... איז נאר נוהג צווישען איינעם און דעם צווייטען פון איינענעם פאלק, — דאך איז דער האס צווישען מענשען שוואכער, מילדער, געלאסענער, ווי פארצייטען...

אמאל זענען נישט קיין פעלקער, נישט קיין מדינות, נישט קיין שבטים, נישט קיין משפחות געוועזען, נאר איינצעלנע הארדען; חברות מענשען האבען זיך ארומגעדרעהט, ווי חיות און סטאדעס... דאמאלט זענען די חיות הייליג געוועזען, און דער מענש האט נאר אלס פרעס-פלייש געדינט! אין דער הארדע אליין האט געמוזט שוין זיין א צייכען פון מוסר, נאר צווישען איין הארדע און דער צווייטער איז געוועזען אייביגער קריג, און אייביגע פרעסעריי און —

די שוואכע הארדע איז אויסגעקוילעט און אויפגעגעסען געווארען.

דערנאך באווייזען זיך נאמאדען — גרויסע פאמיליען פאטריכער, וואס בלאנקען זיך ארום אין סטעפ מיט זייערע סטאדעס.

איין פּלאַץ קאַן צוויי סטאַדעס נישט ערנעהרען; איין ברונען, איין קוואַל קאַן צוויי סטאַדעס נישט לעשען דעם דורשט, און צווישען איין פאַמיליע און דער צווייטער איז ווייטער קריג און מלחמה, און וועה און ווינד איז דער שוואַכערער פאַמיליע!

דאַך פרעסט מען זיי שוין נישט אויף! די סטאַדע דאַרף מענשען, דער פּאַטריאַרד און זיינע ווייבער דאַרפען שוין באַדינונג! און דאַמאַלט — *ווערט די קנעכטשאַפט געבוירען!*

שרעקליך זעהט זי היינט אונז אויס, נאָר דאַמאַלט איז זי אַ *גרויסע גוטע רעפאָרם געוועזען!* ניינציג פּראַצענט מענשען האָט זי געראַטעט פון טויט! אַלס קנעכט האָט דער מענש שוין אַ גרעסערען *ווערט* געקריגען — ער האָט אויפגעהערט נאָר פרעס־פלייש צו זיין!

מענשען האָבען זיך באַזעצט און אָנגעהויבען באַארבייטען די ערד; עס זענען געוואָרען לענדער און שטעדט. נאָר נישט מיט אמאָל געשיהט עס! אלע מאָל פאַלען אַראָפּ נייערע נאָמאַדען פון בערג אין וואַלד, באַפאַלען די שוואַכערע ערד־אַרבייטער, קוילען אויס די, וואָס שטעלען זיך אַקעגען, די רעשט נעמט מען געפאַנגען, טייל פון זיי פאַרקויפט מען, אַנדערע באַהאַלט מען ביי זיך אליין פאַר קנעכט...

שלעכט איז דעם באַזיגטען שוואַכען... נאָר אלץ בעסער, ווי פריהער: דער באַזיגטער איינוואוינער לייזט זיך אויס מיט קאָנטריבוציעס, מיט מס; ער באַקומט נאָר אַ נייעם הערשער; די באַזיגטע מדינה ווערט נאָר צוגעטיילט אלס פּראָווינץ צו אַ נייעם לאַנד!

נאָר דאָס פאָלק ווערט שוין נישט *פאַרטריבען*, נישט *אויסגעקוילעט*, נישט *אויפגעגעסען*, נישט *פאַר קנעכט פאַרקויפט*; עס טראָגט אַ צייט נאָר אַ גרעסערע לאַסט; עס צאָהלט נאָר גרעסערע שטייער.

די *מדינה* טרעט אָפּ היינט דעם *„פאָלק"*... — נישט *פאַטערלאַנד*, — די *„נאַציאָן"* איז היינט אין דער מאָדע!... פעלקער טיילען זיך אָפּ איינס פון צווייטען... און פעלקער פיהרען מלחמה! ווי אזוי דאָס געשיהט, פון דעם וועלען מיר רעדען אַן אַנדערש מאָל. נאָר עס איז אַ פאַקט און

שלעכט איז דעם שוואכען, באזיגטען פאלק... פונדעסטוועגען דאך איז בעסער, ווי אמאל... מען צושיידט שוין נישט די פעלקער, ווי א ברויט, וואס מען צוטיילט צווישען עטליכע מיילער; מען שטעלט שוין נישט קיין גרענעצען אויף דער קארטע, לויט ווי עס פאלט איין א קארל אדער א נאפאלעאן. עס געהען ווייטערע מלחמות, נאר עס געהט שוין וועגען עפעס אנדערש. — יעדעס פאלק וויל האבען ביים צווייטען נאר אפענע גרענעצען... נאר אן ארט, וואו פראדוקט צו פארקויפען!...

עס איז אמת, אז אונז, דעם שוואכסטען פאלק אין דער וועלט, איז נישט גוט, נאר דאך איז אונז בעסער ווי אמאל...

אמת איז, אז כל־זמן יעדעס פאלק באזונדער וועט זיך זינגען זיין „אתה בחרתנו“, וועט זיך איינרעדען, אז נאר פון זיינעטוועגען האט גאט די וועלט באשאפען, אז זיין מח איז דער קליגסטער, זיין הארץ דאס גאלדענסטע, זיין כאראקטער דער בעסטער, און דערייבער — קומט איהם א פרייערער פלאץ ביים טיש, פאר דער ברייטסטער שיסעל און פולסטען כוס; אמת איז, אז כל־זמן דאס אלץ וועט עקזיסטירען, וועלען מיר קיין גן־עדן אויף דער ערד נישט האבען...

נאר דער אלטער גיהנום מיט זיינע שדים איז דאך איינמאל פאר אלע מאל פארפאלען! מען וועט אונז דאך שוין נישט פרעסען, נישט קנעכטען, נישט ברענען און בראטען, נישט פארטרייבען. דער שטארקערער איז אויך א מענש, און דער מענש ווערט עדעלער, די מלחמה שוואכער, די מיטעל — מענשליכער. און דעם שוואכענס לעבען ווערט דאך אלע מאל גרינגער און וועניגער ביטער...

.1896

תעניתּ געדאַנקען.

(אַפּאָריזמען).

1) אסך ערדלע מענשען קאָנען נישט טויטען קיין פליג און עסען אויף אַן אַקס...

2) האַלב־געבילדעטע מוטערס פיהרען ריין און היגיעניש די קינדער כל־זמן זיי זענען געזונט; ביי דער ערשטער קרענק אָבער, ווערען זיי אבערגלויביש און שוואַך און קאַרמען די קראַנקע קינדער מיט קאַרמעלקעס און איינגעמאַכטס און טוישען אויף זיי נישט דאָס העמד. האַלב־געבילדעטע פּאַטריאָטען טוען דאָס זעלבע מיט׳ן פאָלק.

3) דער „היינט" איז אַ מוטל בספק, דער „מאָרגען" וועט זיכער געהערען צו די, וואָס ווייסען נישט קיין גרויסען חלוק פון אַ תענית ביז נישט אַ תענית!

4) מענשען נעמען זיך צוזאַמען אָדער יענעם צו עסען אָדער זיך נישט צו לאָזען עסען; עס איז נויטווענדיג, נאָר נאַרען מאַכען פון דער נויטווענדיגקייט אַן אידעאַל.

5) אין יעדען מענש שטעקט אַביסעל גוטס; ווער עס גיט עס אינגאַנצען אַוועק גאָט, דעם בלייבט שוין גאָרנישט פאַר מענשען.

6) נישט איינער ווערט גרויס, ווייל ער שטעלט זיך אויף אַ בעסערען קאָפּ אַלס זיין אייגענער איז.

7) אַז דו פאַהרסט אין וועג, זעהסט דו פון ווייטען גרויסע בערג, וואָס נעהנטער אָבער ווערען זיי קלענער, און צום סוף קריכען גאַנץ לייכט אויף זיי אַרויף דעם בעל־עגלה׳ס געפּגר׳טע פערד; באַקען דיך נישט מיט גרויסע לייט, וואָרים עס וועט דיר דאָס אייגענע געשעהען.

8) אַ חוץ, וואָס כאַפּט דעם אָבראָק, וואָס פאַלט פון איבער־

געפילטען פערדם מויל ארוים, טראכט ביי זיך: וואס פאר א פיי לאנטראפ עס איז!

9) ביי טייל געהט איבער דאס הארץ; ביי אנדערע — פלאצט עס.

10) „נויט ברעכט אייזען“ און „אייזען ברעכט נויט“ — דאס איז דאס קלעצעל, אויף וועלכען די געשיכטע וויקעלט איהר איי־ביגען פאדעם.

11) אפט שרייט מען „לא תגנוב“, אויס לויטער קאנקורענץ.

12) עס וואלט היינט אויך פון שטיינער וואסער געווען, דעו שטעקען זאל נישט זיין פארנומען מיט עפעס אנדערש...

13) אין דער ערשטער קעשענע איז שוין געלעגען דער גאנ־צער קאדעקס מיט אלע מפרשים.

14) די ציוויליזאציע איז א פונקט, וואס באוועגט זיך אימער־ווערענד און מאכט איהר אייביגע ליניע, און זי פיהרט אלע מאל צו א העכערען צוועק. טיילמאל ברעכט זיך די ליניע איבער און לאזט זיך אריין אין דער טיף, און דאמאלט מיינען די קורצזיכ־טיגע, אז זי האט זיך איבערגעהאקט.

15) דער קאנסערוואטיזם איז א פארשווינדעלטער באנקראט, וואס וויל קיינמאל נישט ליקווידירען.

16) ארעמקייט איז נישט קיין שאנד — נאר א מכה.

17) עס וואלט קיינמאל קיין שרפה נישט געוועזען, מענשען זאלען באלד דערזעהן דעם רויך.

18) דאס לעבען וואלט געוועזען א גאנץ הארמאנישע מעלא־דיע, ווען די לעדיגע מאגענס זאלען נישט אריינבורטשען און די איבערגעפולטע — אריינגרעבצען.

19) מענשען שטארבען פארשידען: א געטע שרייט: ליכט! אנדערע ווילען, די זון זאל מיט זיי צוזאמען אונטערגעהן.

20) טייל מיינען, אז וואס מען קאן נישט אויפעסען, מוז מען אויסטרינקען.

.1896

די עשרת הדברות.

מיט א פירוש פון א קליין בעל־בית'ל.

דער גרויסער גאט האט געגעבען אויפ'ן בארג סיני קורץ געפאסטע צעהן געבאטען און אונזער קליין־בעל־בית'ל האט צו זיי צוגעגעבען א לאנגען פירוש אין זיין קליין הערצעל...

„אנכי!"... „לא יהיה לך"... „לא תעשה"...

זאגט דער רבונו של עולם!

„איך איינער בין גאט און וויל מיין ממשלה מיט קיי־נעם נישט טיילען! קיין אנדערע געטער, אויסער מיר, זאלסט דו נישט האבען; פון גאלד און זילבער קיין אפגעטער נישט אויס־האקען, נישט גיסען" — —

און דאס קליינע בעל־הבית'ל שרייבט איין ביי זיך אין הער־צעלע:

„איין גאט אין הימעל, נאר אסך צדיקים אויף דער ערד."

„צו גאט איז ווייט און דער וועג פיהרט דורכ'ן הייליגען ארט, און איך ציטער פאר די ווייסע מצבות"...

„צום רבי'ן איז נאהנט און די אומות העולם מאכען באנען, שאסייען און מען רעדט נאך פון לופט־באלאנען..."

„גאט, ברוך הוא, ווי דער אמת איז, וויל זיין ממשלה מיט קיינעם נישט טיילען, ער דארף און וויל ביי קיינעם קיין עצה נישט פרעגען, דאס הייסט: ער איינער אליין איז גוזר! נאר קוים האט ער גוזר געוועזען, זיינס אפגע־

זאגט. קאן קומען א ליאדע צדיק׳ל, אפילו א ווייבעריש, און מבטל זיין, און מאכען אלעם כעפרא דארעא!"

„און דוקא ביליג! איינגאנצען פאר ח"י גדולים!"

„אמאל איז געגוג אביסעל אפגעשפראכענער בוימאויל, א יחי־רצון׳דעל — צו מאכען פון טויט — לעבעדיג... און דאס קאסט נאך ביליגער."

„אמאל העלפט אפילו קעגען דער גזרה א טאטערל אויך! און א פינף קאפ. איז א מטבע, א טרונק בראנפען — אודאי!"

„עס איז אן עבירה פון גאלד און זילבער אויסצוהאקען אדער אויסצוגיסען זיך עבודה־זרה׳לעך... די מטבע טראגט פראַ־צענט און איז אויך א גרויסע עבודה־זרה!"

ווען גאט, דער רבונו של עולם, האט געזאגט:

„לא תשא... לשוא!"

זענען בלאס געווארען די הימלען, עס האבען געציטערט די בערג, עס האבען טייכען און ימים געשוימט און געזאטען, די גאנצע ערד האט א פיבער געכאפט, עטליכע שטערען זענען פאר שרעק אראפגעפאלען...

און דאס קליינע בעל־הבית׳על שמייכעלט פאר נחת און פאר־צייכענט זיך:

לשוא? אן איינפאל! און א ווארט אומזיסט רעדען, וועל איך יא? וואס איז, א מחבר בין איך, וואס רעדט צו שטיין און ביין? מיין צייט איז געלט, מיין ווארט איז גאלד! אומזיסט שווערען ביי גאטס נאמען וועל איך נישט! איך וועל נאר שווערען אין מארק, אין געוועלב... מיט גאטס נאמען וועל איך אויסנארען א צעהנערעל אויף דער ארשין, פארדרעדען עמיצען די צייין, אויסגלייכען א קרומע וואג, אונטערהאלטען משופע די מאס... אלץ נישט אומזיסט!"

„אפשר וועל איך נאך א מאל מיט א שבועה׳לע זיך ארויס צו נארען פון דער חיים אויף אן אקע׳לע... וויטער נישט!"

„אומזיסט, קיינמאל נישט!"

„זכור את יום השבת"...

„איך וועל געדענקען, אודאי!..."

„יעדעס באַשעפעניש דאַרף באַנייען די כחות; איינמאָל אין וואָך רוהען! רוהען דאַרפען ווייב און קינדער, דינסטען און משרתים, אפילו דאָס פערד און די בהמה — וואָס דינען ביי א איד..."

„אבער א קריסט מעג פאַהרען אום שבת?"

„וועל איך איהם מיין פערד פאַרדינגען!"

„שבת קאָן זיך אויסשלאָפען דער משרת, דער ארבייטער, די ארבייטערין?"

„זאָלען זיי א גאַנצע וואָך קיין אויג נישט צוטון, וועל איך נאָר צאָהלען איין מאָל אין וואָך און נישט עובר זיין אויף „לא תלין".

„רוהען מעגען ווייב און קינד... איך וועל אויך נישט טון די האַנט אין קאַלט וואַסער אריין... גענוג א גאַנצע וואָך זיך ארומגעיאָגט מיט'ן סאָנד*), מיט קאָמאָרניקעס**), מיט גאָט ווייסט וואָס!"

„שבת — איז א טאָג אויף „קאָפּ־ארבייט"; איך וועל מיר אָפּ'סדר'ן די גאַנצע וואָך: ווי איין און ווי אויס, און וועל שוין פאַרשפּאָרען א גאַנצע וואָך צו קלערען; עס וועט געהען א גאַנצע וואָך, ווי א פּוטער!"

„שבת קומט נאָך צו־נויז, אראָפּצונעמען ביי יענעם די שבת'־ניקעס, נאָר דאָס טוט שוין דער קאָמאָרניק אליין; די פּראָשעניע וועל איך אייגגעבען אינמיטען דער וואָך!"

„כבד את אביך ואת אמך"...

„מיט'ן גרעסטען פאַרגניגען! דער ערעמסטער טאַטע קאָן געווינען אויף דער לאָטעריע, געפינען א כשר'ע מציאה און איבערלאָזען ירושה".

„נאָר א ק ר א נ ק ע ר טאַטע מעג ליגען אין שפּיטאָל

---

*) סוד.

**) סודעבני פּריסטאַוו.

און מיר נישט איינרעכטען דעם סאלאן; די מאמע מעג וואוינען באזונדער און שטריקען זאקען. לעדיג געהן איז גאר קיין תכלית נישט! ביי זיך האלטען איז גאר קיין פלאן נישט. שנור־ און שווינגער־שפיל איז קיין געשעפט. מיט׳ן ווייב זיך גט׳ען, הייסט נישט גאט!"

„לא תרצח"!

הערט זיך גאטס קול צווישען דונערען און בליצען, און אונ־זער בעל־הבית׳ל ווערט פארציטערט.

„ווער — שרייט ער באליידיגט — א י ד? איד — נעמען א האק אין דער האנט אריין און אפהאקען עמיצען א קאפ? אפשר נאר א פיסטויל? איך װאלט מיר דען אליין נישט דערשאסען פאר שרעק? מיין באבע האט דען געהאט א פיסטויל אין דער האנט? וואס איז, א רוימער בין איך? א גרעק? ב ל ו ט פארגיסען וועל איך? פולווער וועל איך קויפען? א נאר בין איך, משוגע!"

„וואס דארף איך דאס? וואס דארף איך מיר שפילען מיט א מעסער — מיין צינגעל איז ווייניג? מיט א פראשעניעלע, וואוהין מען דארף, בין איך נישט יוצא? וואס? יענעמס בלוט וויל איך זעהן? זאל מען איהם באגראבען מיט׳ן בלוט צוזאמען; קיין איינ־ציגער טראפען זאל נישט פעהלען!"

„האסט דאס גארנישט געדארפט זאגען, רבונו של עולם!!"

„לא תנאף..."

— „אבער האנדלען מיט דער סחורה קאן איך? שיקען קיין טערקיי, קיין ארגענטינא און צוריק פיהרען וואלוועל מלשינות און רכילות מעג איך? לא תנאף — זאגסט דו? מהיכא תיתי! א י ד — נישט! איך האב קיין צייט נישט דערצו, איך בין קיין בעלן נישט דערויף; מיין ווייב און טאכטער א ו י ד נישט — א ו ד א י נישט, איך וואלט זיי די קעפ געשפאלטען! נאר י ע נ ע מ ס ו ו י י ב, י ע נ ע מ ס טאכטער, רבונו של עולם? זאל זיך י ע ד ע ר ע ר היטען זיינס!"

„אמת, עס איז א שווערע פרנסה, מיט מסירת נפש, ס כ נ ו ת

נ פ ש ו ת מיט אביסעל חלול השם, נאָר אויף דעם איז מען דאָך אין גלות... !"

„לא תגנוב..."

„אויך, רבונו של עולם, געזאָגט, כביכול, אומזיסט. א י ך וועל גנב'ענען! און דערנאָך? דערנאָך וועט מען מיך איינזעצען... און ווער וועט געבען מיין ווייב און קינדער עסען?"

„זעהסט דו, רבונו של עולם, ווען אויף אמאָל א צעהן־טויזענטער... באַ! מיין ווייב וואָלט געלעגט אויף איהר נאָמען א „זאַלאָג", און אין דער צייט, וואס איך וואָלט נאָכ'ן ווירע‎אָק*) געזעסען, וואָלט זי אביסעל געוואָכערט, ווי א אידענע... נאָר דאס מיינסט דו דאָך נישט, פון צעהן טויזענטער — פון א מילתא דלא שכיחא, רעדט מען נישט אויף א בארג סיני!"

„לא תענה ברעך עד שקר!"

„אויסער — חס־ושלום — ווייס איך? געגען א שונא!"

„אויסער נאָך פון דיין תורה וועגען, אז דער גבאי וועט מיר קיין גוטע עליה נישט געבען... און אפשר — אויסער לשם מצוה — אז איך וועל וועלען אז אנדער רב, אז אנדער שוחט, אדער מאכען מיינם א קרוב פאר א שול־קלאַפּער. און נאָך — רבונו של עולם — אויסער די אלע טויזענטער אופנים, ווען איז עס ג ל א ט א מ צ ו ה א א י ד צ ו ב א ג ר א ב ע ן !"

„לא תחמוד"

— „רבונו של עולם, איך זאָג דיר אָפען, איך וויל נישט — נישט יענעמס הויז, נישט יענעמס ווייב, נישט יענעמס פערד און וואָגען..."

„פארקערט! איך, רבונו של עולם, פארגין איהם! איך פאַרגין איהם אפילו זיין עשירות!—".

*) פריגאָוואָר.

„איך וויל א בעסער און א גרעסער הויז; א פּאַלאַץ קאָן איך אויך פאַרדייען!“

„איך וויל א ווייב מיט מעהר נדן; א שעהנע אידענע אלס צולאַג — קאָן איך אויך נישט שאַטען!“

„איך וויל אויך א שענערע קאַרעטע און בעסערע פערד!“

„און דאָס אַלץ וויל איך נ י ש ט פון א בשר־ודם, נישט צונעמען ביי יענעם — נאָר „מ ת נ ת ידך הרחבה והמלאה“, פון דיין כשר'ער האַנט!“

„דו זאָגסט דאָך „לי הכסף ולי הזהב!“

„און, אז דו, רבונו של עולם, לאָזט נישט אַרוים קיין נייע באַנקאַ־צעטעל, אז דו נעמסט נאָר ביי איינעם און גיסט דעם צוויי־טען — בין א י ך שולדיג?“

„א י ך — דאַרף, מיין ווייב און קינדער — ד א ר פ ע ן! ה א ב ע ן — מ ו ז איך, מיין דאגה ביי וועמען דו נעמסט?!“

אַט אַזוי טייטשט זיך אוים דאָס בעל־בית'ל די עשרת הדברות.

.1896

פורים.

„פורים איז קיין יום־טוב; פיבער — קיין קרענק".

נישט צו באניידען איז דאך דער, וואס טרייסטלט זיך אין פי־בער; און נאך ווייניגער — דאס פאלק, וואס פורים איז זיין וואויל־טאג.

און נישט דעריבער, וואס די הילף איז פון קיין מענער־האנט געקומען; נ ס י ם זענען נישט מחויב — שעלקעס צו טראגען. מיר האבען זיך מיט ד ב ו ר ה, י ע ל און י ה ו ד י ת נישט צו שעמען.

אסתר'ן אבער האבען מיר צו פארדאנקען דעם ערשטען זיג, וואס מיר האבען, נישט ק ע ג ע ן, נישט א י ב ע ר, נאר א ו נ ט ע ר פרעמדע קעניגען געהאט.

פורים איז דער געבורטס־טאג פון ערשטען שוץ־איד, פון ערש־טען קרוב למלכות... פון ערשטען א ו י ס ז א ג ע ן און פון ערשטען פ א ר ז א ר ג ע ן א קעניגליך — בעט...

א פרייד איז פורים פאר בעטלער, קלעזמער, פארשטעלטע... און — פאר א ז א פאלק!

טאנץ אויף פרעמדע בעטען, פארוואר'לעסיגטע נשמה, אויפ'ן קבר פון דיין אמאליגען שטאלץ, — טרינק, און פארגעס, אויב דו קאנסט...

עס געהט צו פסח.

עס געהט צו פסח, און איך בעט מיך ביי אייך איין צום סדר. נעמט מיך אויף!

קיין סד וועל איך אייך נישט קאסטען; קנײדלעך עס איך נישט!

זייט מיך אויך נישט מכבד מיט מרור; מיט דעם בין איך געבוירען!

הייסט מיר אויך נישט צעהלען קיין „מכות“; איך האב די מצריים שוין לאנג מוחל געווען, און עס איז גלאט א מין „ברכה לבטלה“; פון געשריבענע אדער געדרוקטע מכות איז נאך קיינער נישט קראנק געווארען.

באפרייט מיך אויך פון „שפוך חמתך“!... איך בין נאך צו יונג, פאר׳סמ׳ט מיר נישט דאס בלוט מיט נקמה... איך האף אויף בעסערע צייטען און וויל אפילו קיין געצענדינער נישט שילטען.

איך וויל אפילו נישט זאגען „לשנה הבאה בירושלים!“ וויל „פון זאגען ווערט מען נישט טראגען“!

דערוויל וויל איך אייך נאר ווינשען, אז איהר זאלט אויפ׳ס יאהר דעם גאנצען „מה נשתנה“ מיט׳ן „עבדים היינו“ פארגעסען... און —

אז איהר וועט עפענען די טיר און רופען באמת, נישט ווי היינט אויף לבן־ארמי׳ס לשון, „כל דכפין ייתי ויכול!“, זאל קיינער נישט אריינקומען; עס זאל קיינער נישט ד א ר פ ע ן אריינקומען!

1896.

ל״ג בעומר.

א יום־טוב פאר קינדער!

וואס אייגענטליך ל״ג־בעומר איז, אסור אויב איך וויים! אין חדר, געדענק איך, פלעגט דער רבי דערצעהלען פון א מגפה צווישען רבי עקיבא׳ס פיער און צוואנציג טויזענט תלמידים... אויך פון „הלולא דר׳ שמעון בן יוחאי״ און פון בוימאויל גיסען אויף זיין קבר! נאר איך האב ווייניג וואס געהערט; מיר איז עפעס א נ ד ע ר ש געלעגען אין קאפ: עס זענען שוין אריבער די טרויעריגע ספירה־טעג, ל״ג־בעומר הויבט מען זיך אן באדען, און דאס וואסער דארף א מ ע נ ש, מוז מען עס אפנארען מיט א קאץ!

„נער הייתי וגם זקנתי״ און צינד זעהט מיר דאס אלעס אוים אזוי פראסט, אזוי נאטירליך! מגפות האבען פארצייטען אויך נישט געפעהלט, עס זענען נאר אנדערע קמיעות, אנדערע רפואות און אנ־דערע דאקטוירים געוועזען! אז עס איז א מגפה געוועזען, און זי האט ל״ג־בעומר אויפגעהערט — איז אויך ריכטיג, יעדע מגפה מוז אמאל אויפהערען; אנטיסעמיטיזם, פאנאטיזם, ספיריטיזם זע־נען אויך מגפות און וועלען אויך אמאל אויפהערען... און יענע מגפה האט נישט געקאנט וויסען, אז עס איז ל״ג־בעומר, זי זאל גאט ווייסט ווען צו להכעים, דוקא אויפהערען א טאג פריהער אדער שפעטער! און ר׳ עקיבא, אויב ער האט געהאט אזוינע ענגע, דושנע און ברודיגע חדרים, ווי אונזערע קינדער האבען היינט, איז לייכט צו פארשטעהען, פארוואס די מגפה האט זיך אין זיינע תלמידים געהאלטען!

הלולא דר׳ שמעון בן יוחאי איז אויך צו דערליידען. „הלולא״ איז אייגענטליך א חתונה און דא מיינט מען נאר א יאהר־צייט. נאר עס מאכט נישט אוים. סאפיר זאגט, אז איבער דעם האט א

חופה פיער שטאַנגען, ווייל זי איז מעהרסטענטיילס אַ דאָפּעלטע מטה! און מרדכי הב״ד זאָגט, אַז דעריבער באַדעקט מען די כלה, זי זאָל נישט זעהן, ווי מען קוילעט זי. אַז די, וואָס ווילען נישט קיין אילומינאַציע אויף די חשמונאים׳ס נצחון געגען די גריכען, נאָר דוקא הייליגע חנוכה־ליכט לזכר פון נס, וואָס פון איין פּאַרציע בוימ־אויל האָט זיך אויסגעמאַסטען אכט, כאָטש דאָס מאַכט היינט אַ ליאַדע סוחר׳טע, אַז די לייט, וואָס האָבען ליעב און לעבען פון נסים אויף דער מאָס און וואָג, גיסען בוימאויל דוקא אויף ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר, איז אויך נישט חוץ לדרך הטבע; זיי גלויבען פּעסט, אַז ר׳ שמעון בן יוחאי האָט געמאַכט דעם זהר, דער זהר— די קבלה, די קבלה — חסידים, און אונזערע חסידים׳לעך (און דאָס איז טאַקע אמת) האָבען מתקן געווען נאַסען און דאָך ברענענדי־גען תקון, וואָס מאַכט דעם גאַרגעל פייכט, דאָס לעבען זיס און דעם קאָפּ אַזוי לויטער... ממש ווי זהר־לשון!

עס איז מיר אפילו היינט קיין וואונדער נישט, אַז וואָסער לאָזט זיך אָפּנאַרען און נעמט צו אַ קאַץ פאַר אַ מענש! טוען מיר דען אַנדערש? געהט אַרויס אויפ׳ן הייליגען אָרט, עפּענט אויף דאָרט די קברים, אויב איהר וועט נישט געפינען ניינציג פּראָ־צענט קעץ! עפּענט אַ בלאַט געשיכטע און באַטראַכט גוט, וועט איהר זעהן, אַז מען רעדט מכלומר׳שט פון מענשען און פון צווי־שען די שורות קוקען אַרויס פרומע קעציגע בלויע אויגעלעך. אַז עס איז אַ מחיה! עס טרעפט זיך, אַז בערען פיהרען דאָס רעדעל, ביי־נער קנאַקען אונטער די ציין, בלוט פליסט פון פיסק אַראָפּ אַרום די לאַפּעס... עס טרעפט, אַז פוקסען כאַפּען די לייצען אין די הענט אַריין און פאַרפאָהרען גלייך צו דער הינער־שטאַל, און פעדערען פליהען עד לב־השמים, נאָר על פי רוב — דרעהט אונז דעם שטריק אַרום דעם האַלז אַ פּראָסטע ווייסע אָדער שוואַרצע, נאָר — זכרונה לברכה — אַ קאַץ!...

איך וואָלט אַסך גערעדט פון טויטע קעץ, איך זאָל קיין מורא נישט האָבען פאַר די לעבעדיגע... אַך, זיי דראַפּען און — ערגער נאָך — זיי מסר׳ן!

נאָר ווי עס איז, פון וואַנען ל״ג בעומר קומט אַרויס, זאָל זיין פון דער קאַץ אַליין, אַבי צום לעבען! אַבי אונזערע אָרעמע קינ־דער כאַפּען זיך כאָטש איינמאָל אין יאָהר אַרויס פון תפיסה, פון

פינסטערען חדר. דער „סמאַטריטעל" אליין — דער בייזער מלמד. עפענט אליין אויף די טיר און פיהרט זיי אין וועלדעל אריין! אַ. לאַכט נישט אויס איין טאָג אין פרישען, פרייען וואלד!

דאָס קינד גיט זיך קיין רעכענשאַפט דערפון נישט אָפּ. נאָר עס דערפיהלט פּאַרט, אז אין חדר איז ד אָ ד נישט ווי עס דאַרף צו זיין! דער הימעל איז דאָ נישט אַזוי קליין, נישט אַזאַ שמאָט־קעלע, ווי צווישען דעם רבי'נס פענסטער מיט'ן שכן'ס דאַך! די סאָסנע שיסט גלייך ארויף צום הימעל, נישט געקרימט, נישט גע־בויגען, גלייך, אַהן קונצען, אַהן פּשט'לעך, נישט פּאַרקניפּט און נישט פאַרבונדען!

דאָס קינד קלערט זיך: ד אָ וואוינט גאָט, און ד אָ ר ט — דער רבי... פרישע לופט, פרייער אָטעם. געזאַנג פון פייגעל, גערויש פון בלעטער, פאַרשידענפאַרביגע בלומען, גאָלדענע און זילבערנע זומער־פייגעלעך — זענען גאָטס, און די בלאָטע, דאָס מושב, דאָס ענגעניש, דער ברוד און די געדרעהטע, פאַרקניפּטע, פאַר'כשופ'טע פּשט'לעך — זענען טאַקע דעם רבי'נס!

עס לאָזט מיך נישט שרייבען, אַזאַ געדרודער ווערט אין גאַס! איך לויף צו צום פענסטער!

די נאַלעווקעס רוישען ווי אַ ים, די פראַנציסקאַנער שומט און יאָגט, און פון דעם מבול מענשען שווימט אַלעמאָל ארויס אַ נייער אָמניבוס, אָנגעפּאַקט פול און פול מיט קינדער! אַך! ווי זיי זעהען אויס, די קינדער!

בלאַסע, גרינע, געלע און איינגעריסטע פּנים'לעך... זעלטען אַ געזונט בעקעלע, זעלטען אַ פריש פּנים'ל! נאָר אַלע זענען ריה־רעווודיג, אומגעדולדיג, און אַלע אויגעלעך ברענען ווי די ליכט!

פּאָהרט, קינדערלעך, פּאָהרט, איך ווינש אייך...

נאָר ניין, נישט אַ ל ע ווינש איך! נישט אַ ל ע! זאָגט מיר, קינדערלעך, פריהער, וואָס פון אייך וועט ארויס. וועל איך אייך זאָגען, וואָס איך ווינש אייך! אָט ווייזט מיר נאָר, ווער פון אייך וועט האַנדלען מיט ווערמאָנטס סחורה, אָדער גלאָט אַזוי — מיט פרעמדען שוויים און בלוט; ווער וועט בויען זיין הויז אויף יענעמס חורבה; ווער וועט אויסוואַקסען ווי אַ צווייגעל פון אַן אַנדערענס מצבה — אַ! זאָגט מיר ווער, דעם וועל איך אַהן

רחמנות ארויסשלעפּען פון דער בויך און ווארפען אונטער די רע־דער!

נאר זאגט מיר אויך, ווער פון אייך וועט ארויסוואקסען אן עהרליכער ארבייטער, וואס וועט לעבען פון אייגענעם שוויים און בלוט; זאגט מיר, ווער פון אייך וועט לעבען אויף זיין אייגענעם חשבון, נישט זיין קיין לויז אויף א פרעמדען קאפּ, נישט אריינ־שטעקען ווי א ווארם די זוינגעפ אין א פרעמדען מאגען — זאגט מיר ווער, און דעם וועל איך געבען עטליכע גוטע, פיינע ביכלעך צו לעזען, וואס וועלען איהם זיכער צו־נוץ קומען!

זאגט מיר אויך, ווער פון אייך וועט זיך מאכען פון דער תורה א סחורה, און וועט זי פארקויפען אויפ'ן קווינט און אויפ'ן לויט, אויפ'ן גלעזעל, ווי בראנפען אין שענק... ווער פון אייך וועט מאכען מאנאפּאלען אויף כשר'ן וויין, האנדלען מיט הכשרים אויף מעהל, אריינשטעקען די גאנצע אידישקייט אין א חליצה־שוך, אדער צומאכען נאך דאס קלענסטע הומרא'לע, צוּאוואַרפען נאך איין דראבנע שטויבעלע צו דער גלות־טאטשקע — זאגט מיר ווער, וועל איך איהם ארויסשלעפּען אהן רחמנות פון בויך און ווארפען די פערד אונטער די פיס, ווייל נאר פערדס־פּאדקאוועס קאנען ארויס־שלאגען א פונק פון אזוינע פינסטערע קערפּער!

נאר זאגט מיר אויך — ווער פון אייך וועט ארויסוואקסען א מענש מיט א שטאלצען שטערן, פרייע אויגען, א קלארען מוח און א ברייטען, אפענעם הארץ... א, זאגט מיר, ווער פון אייך וועט זעהן ווייטער אלס א י י ן מ י נ ו ט, אין וועלכען עס פארזינקט דאס גראבע עם־ארצ'ישע לעבען; וועמענס ב ל י ק וועט זעהן ווייטער ווי די ד ל ת א מ ו ת, וואס דער פרוש האט פאר'ן נארישען אינדיק ארומגעקריידט — א, זאגט מיר ווער, וועל איך איהם אראפּנעמען פון בויך, אויסקושען יעדען אבר און מיטנעמען מיט מ י ר אין וואלד אריין...

דארט, אין פרישען, גרינעם וואלד, וועלען מיר זיך זעצען הינ־טער אן אלטען, קלוגען בוים מיט ווייט־פארשפּרייטע צווייגען, מיט מיליאנען פרישע, גרינע בלעטער, וואס זאגען צו מיליאנען פרישע, גאר נייע בליטען... דארט וועלען מיר זיך זעצען, דארט... אינ'ם שטילען ארט, וואו מען הערט נישט די עם־ארצים שרייען, די אַק־סען בלעקען און די הינט בילען... דארט וועל איך איהם פּארטיי־

טשען, וואס פריהלינג באטייט, וואס פריש לעבען הייסט; איך וועל איהם דערצעהלען, וואס עס סוד'ען זיך די בלעטער, וואס עס רוישט דאס יאגענדיגע וואסער און וואס עס בלאזט אין די אויערען אריין דער פרישער ווינט...

אך! איך וועל איהם נאך א פאר שעהנע מעשה'לעך דער־צעהלען און שענקען — עס איז דאך ל"ג בעומר — אן אמת'ען גוטען פייל־און־בויגען...

.1896

הורמוז און אחרימון.

לויט דעם פערסישען גלויבען, עקזעסטירען צוויי געטער: איינער הורמוז (להבדיל אונזער יצר־טוב) א גוטער גאָט, כאָטש צו א וואונד צוצולעגען. ער באַשאַפט נאָר — ליכט, בארעמהאַרציגקייט, פאַרשטאַנד און נאָך אנדערע גוטע זאכען צום מענשליכען געברויד.

דער צווייטער — אחרימון (אונזער יצר־הרע, נישט אויסגעַרעדט זאָל עס זיין!), א שלעכטער גאָט, וואָס האָט ליעב פינסטערניש, ווי א מוילוואָרף אָדער א פלעדער־מויז, אַן אכזר, ווי א טאַרקוואַמאַדאַ און א גוטער פריינד פון נאַראָנים, וואָס טאַנצען אויף הינטער־פיסלעך. מיט איין וואָרט — פאַר אַזאַ גאָט, זאָל גאָט שומר ומציל זיין!

איהר פאַרשטעהט אליין, אז ווען נישט אחרימון, וואָלט די וועלט געוועזען א גן־עדן: מענשען וואָלטען געלעבט, ווי ברידער פון איין צווילינג, און אפילו מאן און ווייב וואָלטען זיך קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געוואונשען; מענשען וואָלטען ארומגעלאָפען אין די גאַסען און געזוכט, נישט קיין געשעפטען, נישט קיין שווינדעל צו מאַכען, נאָר טאַקע מצוות און מעשים טובים. מען וואָלט גערופען: „ווער איז נאַקעט, וועל'מיר איהם קליידען; ווער איז הונגעריג, וועל'מיר איהם שפּייזען; ווער האָט דורשט — וואַסער, וויין, קאָניאַק... וואָס איינער וויל! גאַנצע פעסער כרמל!"

אויפ'ן היידעלבערגער ביר־פאַס וואָלט געשטאַנען אויפגעשריבען „כל דכפין ייתי ויכול". פונקט, להבדיל, ווי אין אונזער הגדה.

און די ווייבער וואָלטען נישט געטראַגען אויף די קעפּ קיין פליגעל פון עקסטראַ דאַרויף געשאָסענע פייגעל! עס וואָלט נאָר געוועזען א פראַגע, צי מען מעג שמייסען — — אין באָד!

און פאַרקערט, — וואָלט געוועזען נאָר איין אחרימון,

וואָלט די וועלט געוועזן א גיהנום, וואָס וואָלט ארומגעשוואומען ווי א שיף אויף א ים פון מענשען־בלוט און וואָלט פארשפרייט א ריח פון געברענטען, געבראָטענעם און געדוויכערטען מענשען־פלייש אין אלע זיבען הימלען...

און, אויב די וועלט איז נ י ש ט קיין גן־עדן און נישט קיין גיהנום, אויב פון צייט צו צייט לעשען זיך אויס די אויטאָ־דאַ־פעען, עס פארשטומט דער קלאנג פון קייטען און די הארמאטען ברילען נישט אהן אויפהער; אויב נישט אלע וועג־ווייזער אויף די טראקטען זענען תליות, און עס מאכט זיך אמאָל אן אסיפה אין האג, וואו מען רעדט וועגען שלום; אויב עס עקזעסטירט אין א י י ן צייט תפיסות און שפיטעלער, חברות פון צער בעלי־חיים און אנטיסעמיטען, וועלט־קאנגרעסען און שאָוויניזם; אויב די בור־רען שיקען איבער די ענגלענדער א גראטולאציאָן צום נייעם יאָהר מיט א „פודינג“ (א מין ענגלישער קוגעל) אין א קארטעטש, — איז עס דעריבער, ווייל הורמוז און אחרימון עקזעסטירען ביידע אין איין צייט, און איינער קליטשעט דעם צווייטען דאָס וואסער און שפייט איהם אין דער קאשע אריין.

דאָס אלץ וויים איך, נישט אזוי פון אלטע פערסישע ביכער אין פארשידענע איבערזעצונגען, ווי פון מיינעם א באקאנטענם מויל, פון אן אלטען פערסער, וואָס וואוינט ווי־זאָ־ווי אין איין הויז מיט מיר: מיט וועלכען איך האָב צופעליג זיך באקענט און מיר האלטען זיך פון דאמאלט אן צוזאמען, ווי צוויי לאנג־געזיגע, וואָס קאָנען גלייך נישט ליידען, ווי הינט בילען... און מיר פלוידערען גאנץ אפט...

ווען איך טרעף מיך מיט'ן פערס, באגריסען מיר זיך גאנץ הערצליך.

— וואָס מאכט אייער א ל ט ע ר? — פרעגט ער מיט א שמייכעל, און איך ענטפער מיט אראָפגעלאָזטע אויגען:

— דערווייל, שטיל! און הורמוז וואָס מאכט?

— ער וועט אויספיהרען! — איז זיכער דער פערס, — ער מ ו ז אויספיהרען! און דער אלטער אפטימיסט שנייצט זיך הויך און מיט א זיכערקייט די נאָז, און ווישט זיך איבער דאָס גאנצע פנים מיט א רויט פולארען טוך, וואָס וואָלט גענוג געוועזן ה ו ר־מ ו ז'ן פאר א פאהן.

איינמאל דאך איז ער נישט זיכער געוועזן.

— ווער ווייס, — זאגט ער, — ווער ווייס! אחרימון איז ביטרע, זעהר ביטרע! פיפיג, ווי עס קאן נאר זיין!... כל־זמן אחרימון האט געפיהרט אן אפענעם קריג מיט הורמוז'ן, ביז איך זיכער געוועזן, אז עס מוז קומען אמאל הורמוז'עס איביג־לאנגער טאג, נאך וועלכען עס וועט קיין נאכט שוין מעהר נישט זיין! איך האב אבער באמערקט — — —

— וואס האסט דו באמערקט?

מיר זעצען זיך אויף א באנק, (עס איז זומער און אין א גאר־טען געוועזען) און דער אלטער פערם זיפצט.

— איך האב באמערקט, — זאגט ער — אז אחרימון האט זיין טאקטיק פארטוישט און איז ווירקליך שוין געפעהרליך געווא־רען... ער שווינדעלט! ער פארשטעלט זיך! ער מאכט זיך פאר הורמוז'ן אונטערטעניג, האניג גיסט זיך איהם פון מויל, און נארט איהם אפ פון קאפ ביז פיס... הורמוז, דער גוטער, לאזט זיך גע־נארען...

— איז עס מעגליך?

— הער, מאכט דער פערם, — איך וויל דיר א פאר ביישפי־לען געבען פון זיין טאקטיק:

אט, למשל, פארצייטענס, אז הורמוז האט געוואלט דער וועלט א גרויס פארגניגען מאכען, אן איבעררעאשונג, און באשאפען א זעל־טען־שעהנע פרוי, פלעגט קומען אחרימון און, להכעיס, אנריהרען זי מיט דער אומרייניגער האנט ביים שטערן, ביי א באק, און גענוג:

— דער שעהנהייט וואקסט שוין דערפון ארויס א הארן, א קרעץ... נאר וואס העלפט עס איהם? הורמוז דערזעהט עס באלד, שיקט א שטראל פון זיין גענאד, דער הארן פאלט אראפ, די קרעץ פאר־היילען זיך, און די שעהנהייט ווערט נאך שענער, נאך ערהאבענער... היינט טוט ער אנדערש: ער טוט, גלייך ער איז צופרידען און גליקליך מיט אלעם, וואס הורמוז טוט!

ער כאפט אויף זיך א פראק און א צילינדער, באווייזט זיך פאר דער פרוי און זאגט מיט א זיסען שמייכעל: מאדאם (אדער פרייליין), איך גראטוליר אייך מיט מיין הער הורמוז'עס גענאד! איהר זייט עס ווערט... די גאנצע שטערבליכע וועלט דארף קניען פאר אייער אומשטערבליכער שעהנקייט!

און שוין! פון דער שעהנהייט ווערט אַ קאַקעטע, אַ קאַלטע הארץ־פרעסעריין...

הורמוז, למשל, כאַפּט זיך אַמאָל אויף און דערזעהט, ווי אַז אַרעמאַן ארבייט שווער און האָט קיין פּרנסה נישט. אַ גוט הארץ האָט ער, געלט אין אוצר פעהלט נישט, כאַפּט ער עטליכע קאַפּי־קעס אין אַ זעקעל און ווארפט אַראָפּ דעם אַרעמאַן...

פריהער פלעגט אחרימון שיקען גזלנים אָדער גנבים, אָדער אַ שרפה, אוועקצונעמען דעם גוטען גאָטס מתנה ביים אַרעמאַן. עס האָט אבער נישט געווירקט: הורמוז הויבט אָן געבען און געבען, און וויל ער, שטעלט ער גאָר דעם מזל ביים אַרעמאַנס טיר, און דער ווערט רייך און גליקליך!

היינט טוט אחרימון אנדערש.

הורמוז האָט געגעבען אַן אַרעמאַן עטליכע קאַפּיקעס, זעהר גוט! ער קריגט זיך נישט מיט'ן עלטערען ברודער! פאַרקערט, ער לערענט זיך נאָך אָפּ פון איהם, ער וויל אויך אַ גוטער ווערען! און ער ווארפט צו דעם אַרעמאַן נאָך אַ פּעקעל — און סאַמע גאָלדענע רענדלעך!

פון אַרעמאַן ווערט אַ גביר, דער זאק מיט גאָלד וואַקסט, און, וואָס מעהר ער וואַקסט, מעהר מאַגנעט ווערט ער, מעהר ציהט ער צו זיך צו! און דער געמאַכטער גביר צווישען סאַמע אַרעמע לייט, קאַן נישט זיין גליקליך! ער קאַן אפילו נישט רוהיג שלאָפען... די אַרעמע לייט ארום שלאָפען אוודאי נישט!...

הורמוז וויל עמיצען געבען אַ גוטע זאַך, למשל — גבורה, אַ הארץ פון אַ לייב! — אַזוינער קומט צו נוץ יעדעם פאָלק, יעדער צייט! —

פאַרצייטענס פלעגט אחרימון וועלען אַזוינעם אומברענגען, קוילען — פלעגט ער איהם אָנשיקען גאַנצע מחנות מיט רוחות און שדים, זיי זאָלען איהם כאַפּען און עס זאָל פון איהם קיין זכר נישט בלייבען. נאָר הורמוז פלעגט נישט לאָזען: געגען די מחנות פון שדים און רוחות שיקט ער מחנות מלאכים, זיי פאַריאָגען די שדים מיט די רוחות צוריק אין גיהנום אַריין און דער העלד בלייבט העלד...

היינט פיהרט זיך אחרימון אנדערש —

הורמוז גיט גבורה, אחרימון דערלעגט נאָך אַביסעל און

פון אונזער באשענקטען פון הורמוז ווערט אן אוואנטורניק, א פרא־אדם, ווייל עס שפארט איהם די קראפט, דער איבערשפאנטער כח, און אויפ'ן ארט פון נוצען, ברענגט ער דעם גרעסטען שאדען!...

די זון געהט אונטער און דאס איז די העכסטע צייט אהיים צו געהן פאר'ן פערט. ער געזעגענט זיך:

— נאך דאס — זאגט ער, אויפשטעהענדיג, — וויל איך דיר זאגען: א מענש דארף עסען, הנאה האבען פון עסען, באשאפט איהם הורמוז א דארם — א קישקע; מען דארף זי נויטיג האבען, אהן איהר איז נישט צו לעבען! וואס טוט אחרימון? ער וועט דאך ביי א מענש די קישקע נישט אויסשניידען — גיט ער צו א ב ל י נ ד ע ק י ש ק ע, נאר א שטיקעל! און דאס שטיקעל איז שוין א געפעהרליכע זאך, דערפון קרענקט מען שוין!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

דער פערט איז אוועקגעגאנגען, און איך האב געקלערט: צי איז ער נישט גערעכט?

הורמוז, אדער דער יצר־טוב, גיט אונז אריין א געפיהל צו ליע־בען אונזערע נאהנטע, אונזער פאלק, אונזער ארעם פאלק, פאר וועלכען מיר ווילען ארבייטען און אפפערען זיך; וואס טוט אחרימון אדער דער יצר־הרע? ער דערלעגט נאך אביסעל געפיהל, עס ווערט פון נאציאנאליזם — שאוויניזם, פון רייכען געפיהל אן עקעלהאפ־טער שארלאטאנען־פאנאטיזם, וואס ווארעמט נישט און לייכט נישט, נאר ברענט אין דער פינסטער און קאן אונז אליין פאר־ברענען!...

אן ארעם פארוואגעלטער נע־ונד'ניק זוכט זיך א דאך אי־בער'ן קאפ, א רוהיג שטיקעל ארט, וואו זיך אנידערצולעגען, וואו די ביינער אויסצורוהען, אום אויפצושטעהן מיט א ל ע ג ל י י ך, צו דער נ י י ע ר ארבייט, — אלע פאר אלע!... דעם געדאנק האט איהם איינגעפליסט הורמוז... וואס טוט אחרימון? ער מאכט פון דאך, פון רוה־בעט, אן אייביגען, הויכען צוועק, אן א י ד ע א ל און מיר...

מיר האבען זיך צוריקגערוקט אויף א הונדערט און צוואנציג יאהר!

און עס איז ווירקליך א שאד די צייט!

.1900

וויסען, אידעען און „איזמען“.

וויסען איז איינפאך ליכט־העלער טאג.

נאר דאס ליכט פילט נישט אוים דעם רוים, דער טאג — די צייט, דאס וויסען — דאס לעבען...

אונזער גאנצע **וויסענשאפט איז א גראשענדיג** ליכטעל אין אן אומענדליך פינסטערער הייל.

אין פינסטערע ערטער, אין **פינסטערע צייטען לייכטען אונז אידעאלען**, פינקלען און שימערען **אידעען, בליצען „איזמען“** און שלאג־ווערטער.

אידעאלען זענען ליכטיגע, הויכע שטערען אין די ווייטע ברייטע הימלען.

דערווייל, **ווענינסטענס, נישט צום דערגרייכען, נישט צום דערלאנגען.**

און דאס מעהרסט איז מען פון זיי נישט צופרידען:

— איך קאן זיי נישט אנטאפען! — קלאגט זיך דער בלינדער.

— נישט צום איינבייסען! — בייזערט זיך דער הונגעריגער.

— וואס פאר א טעם האט עס? — **פרעגט דער פיינשמע**קער, דער בייכיגער בעל־הבית.

— מען זאל זיי ווענינסטענס קאנען אפרייסען און באנוצען אלס קאטיליאן־שטערען אין קארנאוואל, זאגט זיין זוהן, דער טענצער, און דער איינגערער זוהן, דער פעסימיסט, וואס איז שוין גע־בוירען מיט צוקנוידערטע נערוועו און א מאגען־קאטאר, שמייכעלט זויער:

— צי פארמאגט נישט דאסזעלבע יעדער גליה־ווארים? צי בליצט נישט איבער יעדען זומפ, איבער יעדען געמויזעכטס?

און אויך דער פראפעסאר פון מאטעמאטיק וויל בעסער זיין

נאכט־לעמפעל, וואס באלייכט איהם זיינע ד׳ אמות פון „צוויי און צוויי איז פיער“...

נאר די פיהרער פון קאראוואנען אין זאמדיגען סטעפ, פון שיפען אין אקעאן מיט באהאלטענע פעלזען און ריפען, וויסען, וואס שטערען, וואס אידעאלען זענען.

אויפ׳ן שוויס־ און בלוט־פארגאסענעם פעלד צווישען מערב און מזרח שפראצען בלומען־אידעען... זיי שפראצען, בליהען, וואקסען, לעבען, בלייבען שטעהן, פארלירען סעקונדענווייז דעם גלאנץ מיט׳ן זאפט; זיי וועלקען, פארשטויבען און פארשווינדען...

נישט וואר און נישט פאלש זענען אידעען, נאר פריש און אלט, בליהענדיג אדער פארוועלקט.

אז מען טראגט אייך צו אן אידעע, בויגט צו די נאז: פרישע נעמט און שטעקט אייך אויף דער ברוסט, אלטע — ווארפט ארויס. ווער עס איז ווייכהארציג, זאל דערביי לאזען א טרער.

מיינט אבער נישט, אז די פרישע אידעע איז וואר, אז זי איז דער אפגלאנץ פון דער מארגענדיגער זון...

נאר פאר אלטע אידעען — היט אייך!

אויב עס געפעלט אייך נישט דער היינטיגער טאג, האט איהר רעכט: ער זאל זיין דער בעסטער, וואלט ער אויך דער לעצטער געוועזען — האפט איהר אויף מארגען, וואויל אייך: עפעס אינעווייניג זאגט אייך, אז איהר האט נאך וואס צו דערלעבען, נאר זוכט נישט זיין בילד אין דעם נעכטיגען טאג, מאלט אייך נישט דעם „שפעטער“ מיט די שוויס־בלוטיגע פארבען פון דער פארגאנגענהייט; הויבט נישט אויף קיין אלטען לאפען מיסט פאר א הייליגע פאהן און זוכט נישט קיין בלומען אויפ׳ן בית־הקברות...

ווילט איהר בלומען, זוכט אייך פרישע.

טייערע שטיינער זענען „איזמען“, דאס זענען ליכט־פענגער, ליכט־שוואמען. נאר דאס, וואס זיי שלינגען איין, גיבען זיי נישט ארויס צוריק; דערצו ווערט נאך דער שטראל אין די שטיינער פארשידענארטיג געבראכען.

דערפון קומט דער פלעמיג־פינקעלדיגער גלאַנץ, וואָס טרייסט אונזער אויג אין דער פינסטער, וואָס דערמאָנט אָן פארלוירענעם און צוריקגעהאַפטען טאָג; ב א נ ג י ג ע ן זיך מיט דעם ליכט קאָנען אבער נאָר קינדער, ווייבער און לעדיג־געהער...

ביים פיינסטען ברילויאַנט קאָן מען קיין בוך נישט לעזען, קיין בריף שרייבען, קיין ארבייט פארריכטען, — דערצו דאַרף מען דעם טאָג מיט זיין אייגנפאכען ליכט.

.1902

בריף אוים ווארשוי.

א.

איבער ווארשע ווילט זיך שרייבען און עס איז שווער צו שרייבען. ערשטענס איז שווער אויפ'ן הארץ: ווארשע, די גרעס־טע אידישע געמיינדע אויף דער וועלט, האט אזא שוואכען פולס, לעבט אזוי ווענוג, אזוי באהאלטען שטיל, אז טייל מאל דאכט זיך, עס לעבט גאר נישט! און צווייטענס — פרירען די פינגער! דריי רובעל א קערץ קוילען! אמאל פלעגט מען זיך וואונדערען, אז אין ווארשע קאסט ווענינער אויפהאלטען א מענש, ווי א פערד, היינט וואונדערט מען זיך אפילו נישט, אז אויפהאלטען די חיה־רעה — דעם אויוועז, קאסט מעהר, ווי אויפהאלטען א מענש מיט א פערד צוזאמען! עס איז קאלט... דער רייכער לאזט איבער אומגעהייצט דעם סאלאן, א מיטלער בעל־הבית רייסט זיך אפ פון מויל צו פארשטופען דעם אויוועז, און ארעמע לייט געהען גאנץ איינפאך אוים פאר קעלט, און אלע צוזאמען, ארעם, מיטעל און רייך קלערען אלץ און זארגען: וואו נעמט מען קוילען?

— וואו נעמט מען די שווארצע בריליאנטען? פרעגט אויך דער ווארשעווער דאזאר, וואס האט קיין קוילען נישט פאר ארעמע לייט. יאהר־יעהרליך ווערט געזאמעלט צדקה געלט אויף הייצען. די סקלאדניקעס פארקויפען קוילען און דער דאזאר פארטיילט דורך זיינע אפיעקונעס קוויטלעך אויף קוילען, ווער עס באקומט א פוד, ווער צוויי... די קוילען־צדקה איז ווארשע, ווי אלע צדקות אין גרויסע שטעדט, וואו די הילף געהט נישט פון האנט צו האנט, וואו דער געבער זעהט נישט דעם נעמער, וואו נישט דאס הארץ גיט, נאר דער שכל, דער יושר אדער דער כבוד, — איז קיינמאל נישט געוועזען אהן פעהלער, קוילען האבען קיינמאל פאר אלע נישט געניגט, און עס פלעגען זיי באקומען נישט די ארעמסטע

נאָר די צודרינגליכסטע, די וואָס האָבען געקענט חעכער קרעכ־צען, לענגער בעטען, בפרט די, וואָס רייסען אָפּ די פּאָלעס. אַלע זענען אָרעם, אַלע וואָס שטרעקען אוים די האַנט; און אין האַרץ אריין צו זעהען, צו וויסען ווער עס איז אָרעמֶער, ווער עס דאַרף נויטיגער, איז דער אַפּיעקון נישט אימשטאַנד. צעהלט ער די טרע־רען; ווער עס וויינט מעהר, באַקומט מעהר... דערנאָך קומט דער דלות און פאַרקויפט ערשט דאָס באַקומענע קוויטעל!... פאַרוואָס? טייל מאָל איז איהם אין סקלאַד אריין צו ווייט, און דער וועג אהין מיט'ן לערען זאַק און צוריק מיט'ן שווערען, איז מעהר ווערט, ווי דער פוד קוילען; טייל מאָל האָט ער גראָד מיט וואָס צו הייצען. אָדער עס איז א שעהנער טאָג. און עס פעהלט ברויט... און אז מען קומט שוין אָן צום סקלאַדניק, באַקומט ער ערשט א פאַלשע וואָג און שטיינער פאַר קוילען — מיט'ן קוויטעל קאָן דער אָרעמאַן ערגעץ אַנדערש נישט געהן!

ביי די פעהלער, וואָס שטעקען אין דער נאַטור פון גרויס־שטאָדטישער צדקה, פלעגט דאָך אַמאָל א פוד קוילען טרעפען אין איין אָרעמען אויווען אריין... נאָר וואָס וועט זיין היי־יאָהר? עס איז א קריזיס, א שלעכטע צייט! געלט וועט זיין דרייפאַך וועניגער, קוילען דרייפאַך טייערער און נישט צום באַקומען...

עס איז קאַלט, עס פרירען די שפּיץ־פינגער ביים שרייבען, און אין האַרץ ווערט אויך קאַלט, אז מען דערמאַנט זיך אין „אַמע־ריקאַנישען דועל"... אפשר וויסען מאַנכע פון „יוד'ס" לעזער נישט, וואָס פאַר א מין חיה דאָס איז, וועל איך זיי פאַרטייטשען...

ביי אונזערע בעלי־הבתים, די אריער, זענען פאַראַנען אזוינע גרויסע פריצים, וואָס דער עיקר איז ביי זיי דער האָנער! אז איין פריץ באַליידיגט דעם צווייטען, מיט א וואָרט, ווער שמועסט מיט א מתנת יד, וואָס עס טרעפט זיך אויך נישט זעלטען, קען די שאַנד נישט אָפּגעווישט ווערען נאָר מיט בלוט, מוז איינער דעם אַנדערען שיסען. מיר רעדען אצינד פון א געוועהנליכען, אייראָ־פעאישען דועל. איינער, דער באַליידיגטער, רופט ארוים דעם צווייטען צום שיסען, צום דועל. ביים שיסען מוזען זיין סעקונדאַנ־טען, צו צוויי עדות פון יעדען צד, איינער פון די עדות שטעלט אוים די צדדים איינעם געגען דעם צווייטען, צעהלט: איינס, צוויי, דריי, פּיף־פּאַף! מען שיסט, און ווער עס פאַלט, דער בלייבט

ליגען. דאָס איז דער געוועהנליכער דועל און ער האָט פאַרשי־
דענע פעהלער: ערשטענס, פאַרלירט מען דערביי אַ מאַסע צייט,
מען שיקט זיך סעקונדאַנטען, די סעקונדאַנטען פּרואווען מאַכען
שלום, דערנאָך באַשטעלט מען אַן אָרט, וואו מען זאָל זיך טרע־
פען, מוז מען ערשט אַרויספאָהרען הינטער דער שטאָדט אויף אַ
שטילען אָרט, וואו קיינער זאָל נישט שטערען און דערגלייכען...

צווייטענס — האָט מען היזק געלט. איינער נאָר מוז אוועק־
געהן פון דער וועלט, און שיסען מוזען ביידע, על כן — מוזען ביידע
קויפען פּיסטאָלעטען, דריטענס האָט מען אַמאָל היזק אַ מענש;
עס טרעפט, אַז ביידע שיסען צוזאַמען, ביידע טרעפען און דער
האָנער פאַרלאַנגט נאָר איין קרבן, נישט צוויי... פערטענס האָט
מען צו טון מיט אַ פּראָצעס, מיט פּאָליציי און געריכט. דאָ, וואו
פיער מענשען וויסען אַ סוד, ווערט שוין אַ פינפטער און אַ זעקס־
טער געוואָר און עס קומט צו דער פּאָליציי, די פּאָליציי גיט איי־
בער דעם געריכט, און כאַטש דער האָנער איז אַ וויכטיגע זאַך,
ענדיגט זיך אַמאָל דער עסק מיט „אַרעסטאַנטסקע ראָטעס“. —
דאָס אַלץ פאַרשפּאָרט מען ביים אַמעריקאַנישען דועל. עס
מאַכט זיך גאַנץ איינפאַך. צוויי מענשען קומען צו דער דעה,
אַז איינער פון זיי איז איבריג אויף דער וועלט. אַז איינער מוז
אָפּטרעטען, נאָר מען ווייסט נישט ווער? ציהט מען קניפּלעך, און
ווער עס ציהט דאָס לעצטע קניפּעל, דער שיסט זיך אַליין, במשך
דער צייט, וואָס מען האָט פריהער אָפּגערעדט. דאָ פאַרשפּאָרט
מען סעקונדאַנטען, דאָ איז מען יוצא מיט איין פּיסטאָלעט, מען
האָט קיין פּאָרכט פאַר פּאָליציי, און האַלטען וואָרט, שיסען זיך
צו דער צייט, הייסט דער האָנער; דערזעלבער האָנער, וואָס ער־
לויבט צו באַנקראָטירען פאַר אַ פּאָר שטיוועל דעם שוסטער, פאַר
אַ פּאָר פּלודערן דעם שניידער, און נויט אָפּצושיקען באַלד פריה
מאָרגען דאָס געלט, וואָס מען האָט ביי נאַכט אין קאָרטען פאַר־
שפּילט... באַדיי אַ משכון צו פאַרזעצען, ווייב און קינד צו פאַר־
קויפען!

צוזאַמען מיט אַלע מעלות טובות האָט אונז די אַסימילאַציע
געבראַכט דעם האָנער, דעם דועל, און דורך אַן אַמעריקאַנישען
דיעל, האָט זיך ערשט נישט לאַנג אין מיט'ן אַלע געשאָסען אַ

יונגער מאַן, וואָס איז ערשט פון דער האַנדעל־שולע ארויס אויף דער וועלט...

איהר קענט עס אפשר נישט פארשטעהן? און דאָך איז עס זעהר לייכט! עס זענען פאראן יונגע לייט, וואָס הענגען, דאַנק דער ערשט נישט לאַנג מאָדע גענוארענער ערציהונג אין דער לופט צווישען צוויי וועלטען, און געהערען נישט אַהין, נישט אהער!... פון איין וועלט זענען זיי ארויס, צו דער צווייטער קע־נען זיי נישט קומען... פאר זיך האָבען זיי א גן־עדן מיט עולם־הזה, נאָר דער טויער איז פארמאַכט און מען האָט קיין בילעט אויפ'ן באַל... און הינטער זיך א וועלט, צו וועלכער עס ווילט זיך נישט צוריק — א פארוויינטע, פינסטערע וועלט... זי באָדט זיך אין אייגענע טרערען, אין אייגען בלוט! און הענגען אין דער לופט איז אויך נישט גוט, א מענש דאַרף האָבען עפּעס פעסטעס אונטער די פיס...

לעבען פאר זיך אליין קאָן אן אַלטער אויסגעדאַרטער מאַן, א קראַנקער, צוגעשלאָגען צום בעט... זיי זענען יוצא דערמיט, וואָס זיי האַלטען די ציטעריגע הענט ארום דער קליינער לעבענס־פלאַם, עס זאָל זי דער ווינט נישט לעשען... יונגע לייט מיט בלוט אין די אָדערען, קראַפט אין די פליישען, געפיהל אין הארץ און געדאַנקען אין מוח, קענען פאר זיך אליין נישט לעבען, זיי מוזען געהערען א וועלט, זיי מוזען האָבען א פאָלק, וואו צו ווירקען, פאר וועמען צו לעבען און צו שטערבען און ווער עס האָט עס נישט, דעם איז נמאס דאָס לעבען, וועניגסטענס האָט עס פאר איהם אַ'אַ קליינעם ווערט, אז ער קען עס לייכט פארשפּילען אין קאָרטען פארטוישען אויף עטליכע פליישיגע קוש פון א מויד, אָדער א קניפּעל פון אן אמע־ריקאַנישען דועל!

דער נייער קרבן האָט זיך נאָך געאיילט! צוויי יאָהר צייט האָט מען איהם געגעבען, און ער האָט זיך מקיים פּסק געווען דעם פינפטען צו דעם זעקסטען טאָג! אויף וואָס האָט ער געזאָלט וואַרטען? אין זיין לערען לעבען האָט שוין די צייט נישט גע־האַט וואָס אריינצוגיסען!

דער צופאַל, פון וועלכען מיר האָבען גערעדט, האָט גערירט דעם ווארשעווער „איזראַעליט": ער זעהט דערינען א ביטערען סימן, אז עס געהן אונז אויס די כחות, אז מיר פארלירען די לוסט צום

לעבען... אויב דאס הייסט בילדונג, — זאגט דער „איזראעליט“ אין לעצטען נומער פון נײנצעהנטען יאהרהונדערט—איז בעסער צו זיין אומגעבילדעט, ווי אונזערע אלטע זיידעס זענען געווען. נאר דער „איזראעליט“ האט אומזיסט אנגעריהרט די בילדונג, אומזיסט געוויזען דאס אויער איבער די פלייצעס. ער ווייסט, ווי דאס קינד הייסט, נאר וויל עס נישט אנרופען ביים נאמען — דאס קינד הייסט „אסימילאציע“, נאר דער „איזראעליט“ האט מורא. דער „קראי“ זאל נישט נאך אמאל באמערקען, אז די בעסטע מענשען אין דער אידישער געמיינדע זינגען נישט מיט איהם דעם זעלבען מה יפית, אז זיי האבען נאך א פיינערן נוסח...

דער ארעמער „איזראעליט“, עס געהט דער צוואנציגסטער יאהרהונדערט און ער הענגט נאך אלץ צווישען צוויי וועלטען. הענגט נאך אלץ אין דער לופט, נישט אהין און נישט אהער...

און דאך ריהרט עס זיך! די צייט שלעפט מיט זיך אפילו דעם פוילסטען... אין דערזעלביגער נומער „איזראעליט“ קלאגט זיך הערר נ. ס. אויפ'ן באגריף פון „היימיש“ און „פרעמד“... ער טייט מיט די פינגער אויף די ווארשעווער מיוחסים, וואס קוקען מיט אויגען פון פרעמדע אויף אייגען פלייש און בלוט, וואס קומט פון יענער זייט ראגאטקע. טייל האלטען פאר אמת'ע ווארשעווער נאר די, וואס זענען געבוירען אויפ'ן הייליגען גרזשיבאוו, די נאלעווקים אפילו זענען שוין נישט היימיש, זענען שוין פאר זיי פרעמד... די צייט רוקט זיך און אפילו אן ערשט נישט לאנג געשטארבענער ווארשעווער גביר האט איבערגעלאזט אכט און פופציג טויזענט רובעל פאר א קרן קימת צו העלפען די, וואס וועלען עמיגרירען אין דער פרעמד אריין! קיין אפריקא, קיין אמעריקא, בכלל „אויף יענער זייט ים“ (אצעאן).

אויב די חובבי ציון וועלען זיך וועלען באנוצען מיט דער צואה, וועלען זיי מוזען אויסגראבען א ים (אצעאן) צווישען ווארשע און ארץ ישראל, אדער פיהרען די עמיגראנטען, ווי מען האט אמאל גערעכענט, איבער ארגענטינא, אבי איבער א ים... דאס אלץ קען געשעהען שוין אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט...

מיט שרעק לויפט אין צוואנציגסטען יאהרהונדערט אריין דער נע־ונד'ניק, דער „וויעטשני זשיד“ אויף הירשענבערג'ס בילד, וואס איז אויסגעשטעלט איצט אין ווארשע... א וואלד מיט צלבים, מיט

גרויסע הילצערנע צלבים... אויף דער ערד פיעל געהרג'טע, אומגע־קומענע אידען. דאָס פרישע בלוט איז נאָך נישט איינגעזאַפּט אין דער ערד, און אַן אַלטער שרעקליך דערשראָקענער איד לויפט! ער לויפט — מיט איין האַנט פאַרשטעלט ער זיך די זון פאַר די אויגען, ער וויל זעהען ווייט, ווייט, צי ענדיגט זיך אַמאָל דער וואַלד מיט די הרוגים, מיט'ן זידענדיגען בלוט. די צווייטע הויפּט ער ווי צום הימעל מיט אַ געבעט, און די אויגען זענען ווייס פאַר שרעק, פאַר יאוש, כאַטש עס דאַכט זיך אונז, ער לויפט אין צוואַנ־ציגסטען יאהרהונדערט אריין.

ב.

נישט איינער פון די לעזער מיינט, אַז אויסטראַכטען ווילדע מעשיות קען נאָר שמ'ר און די אַלע, וואָס שרייבען „אַזוי ווי שמ'ר", „בעסער ווי שמ'ר" וכדומה. עס איז אָבער פאַלש. דער בעסטער אויסטראַכטער איז דאָס לעבען אַליין, בפרט דאָס לעבען אין די גרויסע שטעדט... אין די גרויסע שטעדט דרעהען זיך ארום גרויסע שרייבער און זוכען מעשיות — טעמאַטען צום שרייבען, און אויף יעדען שריט און טריט וואַלגערען זיך ארום מעשיות, וואָס בעטען זיך אַ שרייבער, נאָר די שרייבער מיט די מעשיות טרעפען זיך זעלטען... דעריבער ווייסט דער גרויסער עולם זעלטען פון די שרייבער וואָס מליצען איהם איבער דאָס אַלטע שטרוי, און נאָך זעלטענער פון די אמת'ע פאַקטען, פון די אמת'ע טעמאַטען, וואָס דאָס לעבען גיט און איבער וועלכע אַ מענש דאַרף זיך אָפּשטעלען און איבערקלערען: און טאָמער דאַרף טאַקע זיין אַנדערש?

צו ר' „זיינוועלען", דעם עלטסטען פון די וואַרשעווער רבנים, איז אין לעצטען פורים אריינגעקומען אַ משולח און געבראַכט איהם שלח־מנות, אַ בעל־הבית האָט עס געזאָלט שיקען, ר' זיינוועלע מאַכט אַ צופרידען פנים, די רביצען נעמט איבער אַ געגנוג גרויס, פיין־געפלאָכטען קיישעל, מיט אַ פיין געשניצט שטאָלערן שליסע־לע... דער רב מיט דער רבי'צין נעמען זיך צו עפענען דאָס קוי־שעל, דער משולח וואָס וואַרט אויף טרונק־געלט, העלפט מיט.

דאָס קיישעל ווערט געעפענט באַהיטזאַם: אפשר פיין גלאָז,

אפשר געבעק; זי שטעלט עס אויפ'ן טיש — פון אויבען באווייזט זיך א שורה וואטע, ווייסע, פיינע וואטע און אונטער איהר — א פיער־וואכענדיג קינד;

אויפ'ן העלזעל הענגט א בריעף פון דער מוטער:

— זי מוז אוועק קיין אמעריקא, שרייבט זי, זי האט אין ווארשוי, וואו זי איז פרעמד געווען, שלעכטע געשעפטען געמאכט און מוז אוועק, מיטנעמען דאס קינד אויף אזא ווייטע רייזע קען זי נישט, אין פינדעל־הויז געבען, וויל זי נישט... זי וויל דאס קינד זאל בלייבען א איד...

— זי האפט צו גאט, אז „משנה מקום משנה מזל“ — אז אין אמעריקא וועט זי בעסער מאכען; אז פון דארט וועט זי געלט שיקען און מיט דער צייט א שיפסקארטע פאר'ן קינד, עס זאל צו א י ה ר קומען — — —

מען האט געמאכט א פראטאקאל אין קהל־שטוב (אזוי רופט מען אין שטאדט דאס געמיינדע־הויז, דעם „זארזשאנד“) און די גע־מיינדע האט איבערגעגעבען דאס פארלאזטע קינד צום ערציהען...

זאגט אליין, — א שלעכטע התחלה פאר א ראמאן אלא שמ'ר?

נאט אייך נאך איינע:

צו אן ארעמען שוסטער קומט אריין א פאר־פאלק; זי האלט א זויגענדיג קינד ביי דער ברוסט, און איז נאך בלאס, ווי א פרישע געווינעריז... א שטיל קינד, עס זויגט און שמייכעלט אין שלאף... עס איז אביסעל גרינלער. נאר דעם שוסטערס א כ ט קינדער זעהען אויך נישט בעסער אויס... דאס פאר פאלק איז געקומען דינגען זיך א ווינקעל, וואס דער שוסטער האט אפצוגעבען... מען דינגט זיך און מען דינגט, ביז עס איז געבליבען צוויי רובל א חודש. דאס פאר פאלק לאזט איבער א רובל האנט־געלט מיט'ן שלאפענדיגען קינד, געהט נאך די זאכען און — קומט שוין מעהר נישט צוריק... דעם שוסטערס ווייב האט באקומען דאס ניינטע קינד, נאר שוין אהן וועהען...

ווארשעווער קהל האט איבערגענומען נאך א קינד, שוין א מיידעל.

א מענש, וואס באשעפטיגט זיך מיט קהל־זאכען, אז אמת'ער מתעסק בצרכי הצבור, קען זיך ביי די פאקטען אפשטעלען; קלע־רען, אז ביי אונז האט געמוזט עפעס אנדערש ווערען; ערגער

ווערען ווי אַמאָל; אז דער בלאַנקעדיגער שפּיגעל פון אונזער פּאַ־מיליען־לעבען האט עפּעס פלעקען, אויב נישט שאַרפע ריצען אויף שפּאַלטען, באַקומען. נאָר אַן עכטער ראָמאַנען־שרייבער אַלא שמ״ר, אָדער בעסער ווי שמ״ר, וועט געוויס בעסער באַנוצען דאָס מאַטע־ריאַל... איין קינד וועט ער לאָזען ביים שוסטער, דאָס צווייטע וועט ער איבערגעבען אַ שניידער; דערנאָך וועט ער אַפּוואַרטען אַכצעהן יאָהר, און וועט זיי ביידע, דאָס אינגעל מיט׳ן מיידעל, צוזאַמענ־פיהרען אין אַ זומער־אָוונט אין זאַקסישען גאַרטען, וואו די לופט איז פול מיט יצר־הרע אַטעם, די בוימער זענען „מאפּיל בטליתם“ און וועט זיי הייסען דעקלאַמירען... ו ו ע נ י ג ס ט ע נ ס דעק־לאַמירען!

האט איהר אַ פּראָלאָג (התחלה) און אַן עפּילאָג (סוף) צו אַ העכסט אינטערעסאַנטען ראָמאַן.

ליידער, נישט נאָר אונזערע שרייבער שטעהען ווייט פון לע־בען, נאָר אפילו אונזערע סוחרים; די וועלט־מענשען! זיי האָבען אויך מיט׳ן לעבען וועניג וואָס צו טון...

אַלץ געהט צו ווי אין אַ סטאַדע, אַלץ זעהט אויס ווי אַ מגפה... האט איינער פאַרדינט פון צוקער, שפּעקולירט די גאַנצע אידישע וועלט מיט צוקער, קויפען דיינים, מלמדים און בעלפער קוויטאַנ־ציעס אויף צוקער... פלוצים ווערט אַ געשליפעריי אויף דער „אונ־טער־בערזע“ מיט אַקציעס, דערנאָך געהען הייזער, פלעצער באַהן־רעקלאַמאַציעס!... אַלע פאַרדינען, דערנאָך קראַך! באַנקראָטירען אַלע... דאָס רעדעל דרעהט זיך, היינט אַ גביר, מאָרגען קצבה־מאַן... היינט פאָהרט מען אויף גומי־רעדער, מאָרגען פלטה, באַהאַל־טען צווישען זעק אין אַ אידישער בויד! אבי געלעבט, דאָס הייסט אבי געלעבט מיט פאַרמאַכטע אויגען...

אין קורצען וועט זיין אין וואַרשע אַ מלחמה, בעסער געזאָגט אַ דועל, צווישען גאַז און עלעקטריציטעט! די רעגירונג האט באַ־שטעטיגט עלעקטרישע באַלייכטונג, און די נייע געזעלשאַפט, וואָס נעמט איבער די עלעקטרישע באַלייכטונג, וועט קאָנקורירען מיט דער אַלטער געזעלשאַפט, וואָס באַלייכט ביז אַהער מיט גאַז. אַ מלחמה וועט זיין אַ שווערע, אַ שטאַרקע! דער גאַז האט זיינע

פעהלער. ער לייכט נישט אזוי העל ווי עלעקטריציטעט, און, אנ־געטאן אין „אויערם העמדלעך", גיט ער ווייס, בלאנק ווייס ליכט. נאר ער שאדט צו די אויגען! עלעקטריש ליכט האט דאַ־געגען צוויי מעלות, עס שאדט נישט פאר די אויגען און גיט א העל, אנגענעם ליכט. נאר די גאז־געזעלשאפט, וואס האט שוין פון לאנג איהרע אנשטאלטען, איהרע רעהרען, איהרע לאמפען, וועט קאנען אפלאזען פון פרייז, ביליג מאכען די באלייכטונג פון גאז, און אויב די קאנקורענץ וועט עס פארלאנגען, וועט זי דאס נוצנגעלט פון איהרע איינריכטונגען גאר נישט רעכענען, ווארים זי האט שוין געגוג פון זיי געלט ארויסגעצויגען.

דאגעגען די נייע עלעקטריציטעט־געזעלשאפט, וואס מוז ערשט אריינשטעקען פרישע סומען אין איינריכטונגען און אנשטאלטען, וועט נישט קענען געבען איהר באלייכטונג אזוי ביליג, און וועט זיך מוזען אין אנהויב וועניגסטענס באגניגען מיט רייכע לייט, ביי וועלכע דער אונטערשיד פון פרייז וועט קיין גרויסע ראלע נישט שפּילען...

מיט דער צייט, איז צו רעכנען, וועט די עלעקטריציטעט גובר זיין, נאר די מלחמה וועט זיין אויף א לאנגע צייט; און פאלען אין דער מלחמה זאל פריהער נאך דער נאפט! ווארים ביים ביליגען פרייז פון גאז־באלייכטונג וועט קיינער נישט ברויכען זיך צו באַ־גנוגענען מיט'ן אומריינעם קאפּטשענדיגען נאפט...

אזוי זאגט דער עולם... טייל אבער דריקען די אקסעל און גלוי־בען אין דער מלחמה נישט! פארקערט, זאגען זיי, ביידע געזעל־שאפטען וועלען זיך בלייבען גוטע פריינד! זיי וועלען שותפות מאכען אויף דער פרעמדער קעשענע, ביידע וועלען האלטען דעם פרייז. עלעקטריציטעט וועט זיין פאר גאר רייכע, גאז פאר גע־וועהנליך רייכע און נאפט וועט בלייבען נאפט פאר אזעלכע, וואס קאנען זיך נישט ערלויבען אויף א בעסערע באלייכטונג.

דערפון רעדען אונזערע סוחרים גלייך מיט אלע, גלייך מיט אלע וועלט־מענשען; זיי רעדען, ווי פון א פרעמדער זאך, פון א פרעמדען עסק, וואס קאן זיי וועניג וואס אינטערעסירען! די געזעל־שאפטען פון גאז און עלעקטריציטעט זענען צו גרויסע העכט, אונ־זערם א קליין סוחר'ל זאל קאנען איינפאלען, ארויסצוכאפען ביי זיי א ביסען פון מויל!... און דאך...

און דאך איז שוין אין אויסלאנד באקאנט א נייע ערפינדונג, צו באנוצען אויערם העמדלעך צו דער געוועהנליכער נאפט־באלייכטונג; די נייע־ערפונדענע לאמפ איז כמעט אזוי איינפאך און כמעט נישט טייערער, ווי די געוועהנליכע נאפט־לאמפ, וואס מיר נוצען ביז היינט און דאס ליכט זאל זיין אזוי העל און אנגענעם!

צי וועט איינפאלען אונזערם א סוחר צו באמיהען זיך צו באקומען פון ערפינדער א פארטרעטונג אויף ווארשוי?

נאך וואס? ווי נעהמט מען עס ארויס פון דער סטאדע? און די סטאדע הויבט אן צו ס פ ע ק ו ל י ר ע ן איבער טארף! איבער טארף, וואס וועט אמאל זיין! איבער קוויטאנציעס פון טארף לעתיד לבא!

דער ווארשעווער גענעראל־גובערנאטאר האט ארויסגעגעבען א וויכטיגען באפעהל, מען זאל צוריק איינפיהרען ראט־מענער אין די פוילישע מאגיסטראטען. על פי דין דארף יעדער מאגיסטראט האבען, צום בירגערמייסטער צו הילף, אויסגעקליבענע ראטמענער די פוילישע מאגיסטראטען. על פי דין דארף יעדער מאגיסטראט נוהג איז מען זיך אין אונזערע מאגיסטראטען, אויב א ראטמאן שטארבט אדער זאגט זיך אפ, קיין נייעם נ י ש ט אויסצוקלייבען! אין מאנכע שטעדט האט מען שוין גאר אין די ראטמענער פארגעסען, און דער בירגערמייסטער (אין גרעסערע שטעדט: דער פרעזידענט) פיהרט אליין דאס רעדעל און באגעהט זיך אהן די עצות פון די בעלי־בתים.

דער נייער באפעל פון גענעראל־גובערנאטאר איז מבטל דעם שלעכטען מנהג, און הייסט אויספיהרען דעם ריכטיגען דין.

די רעכט פון די ראטמענער זענען נישט קיין קליינע:

פון די ראטמענער מיט'ן בירגערמייסטער צוזאמען באשטעהט דער שטאדט־ראט און דער האט צו פארזארגען: די בעל־בת'ישקייט פון שטאדט, צו מאכען און פארצושטעלען דער רעגירונג צום באשטעטיגען דעם שטאדטישען בודזשעט (דעם חשבון פון הוצאה והכנסה). צום שטאדט־ראט געהערט די אויסערליכע איינריכטונג פון שטאדט (ברוקירען און ריינקייט פון די גאסען, דאס אויסזעהן פון הייזער, איינריכטען שפאציר־פלעצער, סקווע־

רען וכו'), אַכט געבען אויף די שטאַדטישע אַנשטאַלטען (אינסטי־טוציעס: — שפּיטעלער, בעדער וכדומה), ווי אויך צו ענטפערען אויף די פראַגען, מיט וועלכע די רעגירונג ווענדט זיך צום מאַגיסט־ראַט. אויסער דעם, געהערט צום שטאַדט־ראַט צו באַשטעטיגען, ווי אַזוי דאַס שטאַדטישע אייגענטום זאָל ווערען באַנוצט, אַכט צו געבען, דער שטאַדטישער בודזשעט זאָל ווערען ריכטיג אויסגע־פיהרט... אויך צוטיילט ער די אַפּצאַהלונגען צווישען די איינוואוי־נער, קוקט דורך אַלע חשבונות וכו' און ענדליך, ענדע יעדעס יאָהר, האָט דער שטאַדט־ראַט דאָס רעכט פאַרצושטעלען דעם גובער־נאַטאָר באַמערקונגען וועגען דער פיהרונג פון שטאָדט ביז אַהער און פלענער אויף שפּעטער.

איהר זעהט, אַז דער שטאַדט־ראַט האָט אַ גרויסע דעה און אסך צו טון; אַז אַ ראַטמאַן איז אַ וויכטיגע פּערזאָן, וואָס קאָן ארבייטען לטובת הכלל און — מיר בלייבט נאָר צו צוגעבען, אַז אויסגעקליבען ווערען אַלס ראַטמענער קאָנען אַ ל ע אָהן אונ־טערשיד פון גלויבען...

אידישע בעלי־בתים, דאָס לעבען געהט אייך אָקעגען, צי וועט איהר עס אויך אויסמיידען, ווי אונזערע שרייבער און סוחרים?

דער „קוריער ווארשאַווסקי“ האָט באַמערקט, אַז דעם באַל מאַכט אַ מאַסע בלוט!

דער „קוריער וואַרשאַווסקי“ האָט באַמערקט, אַז דאָס באַל האָבען זיי געמאַכט, ד י אידישע שרייבער, וואָס ארבייטען אין אידישע (העברעאיש־זשאַרגאָנישע) בלעטער, מען זאָל חלילה נישט מיינען, אַז אַ ליטעראַט, כאָטש אַ איד, וואָס שרייבט פּויליש, האָט געטאַנצט אויפ'ן באַל, חס ושלום!

אַנדערע, מיט דער „ראַלאַ“ אין דער שפּיץ, האָבען געקריצט מיט די ציין און געשפּריצט מיט שוים: ווי הייסט? צי איז פאַ־ראַן אַ אידישע ליטעראַטור? אידען און שרייבער, אידען און קונסט? אפילו דער ליבעראַלער „פּשעגלאָנד טיגאָדניאָווי“ האָט אביסעל אונטערגעמורמעלט... אידישע מאַסקאַראַדע, הייסט עס!

א י י ן פּוילישע צייטונג האָט פון א י ד י ש ע ן פּורים־

באַל נישט דערמאַנט, זי האָט פון איהם גאַרנישט געוואוסט, דאָס איז דער וואַרשעווער „א י ז ר א ע ל י ט“!

ג.

פון אלע זייטען קומען שלעכטע בשורות.

אין פעלד איז נישט געראָטען, עס וועט העכסטענס זיין ברויט קוים צו דער זאָט; אין פאַבריקען און אין לאַגער ליגען סחורות ווי שטיינער, ווי אידישע השכלה־ספרים... און אויף דער בערזע ליגט א גוסס — דער קרעדיט; ער עקט, ער ווערט בר־מנן...

מיט איין וואָרט: חשך אין אלע ווינקעלעך... און, ווערט אַמאָל ליכטיג, פּלוצים ליכטיג — ברענט א הויז, א קוים צוגע־פּיהרטס צום דאַך; פלאַמט אויף א פאַבריק, פלאַקערט א לאַגער פון סחורות...

עס וואָלט נאָך ליכטיגער געוועזען... שבת צו נאַכטס ביי דער הבדלה, ביי „בורא מאורי האש“, רינט אזש וואַסער פון מויל; די פאַזשאַרנאַ קאָמאַנדאַ שטעהט אבער אין וועג, דער פּראָקוראָר; מען לאָזט נישט לעבען...

אויב א נישט באַהאַרצטער סוחר זיפצט, טראַכט ער אודאי: רבונו של עולם, וואו נעמט מען א דירה לעבען א באַלדיגען נשרף; אין זיין זכות וואָלט איך אויך אפשר אויסגעלייזט געוואָרען...

העל אויפגעפלאַמט האָבען אויך עטליכע פויליש־אַריסטאָקראַ־טישע הערצער... און דוקא נישט צו מיוחס'דיגע רייט־און־שפּאַן־פערד, צו פאַרשידענע האָזאַרדען, לאָטעריע־צעטעל אָדער באַלעט־און טינגעל־טאַנגעל דאַמען. נאָר — צו מצוות און מעשים טובים.

נעמליך עס גרינדעט זיך א חברה גבורים, וואָס וועלען זיך אונטערגאַרטלען די לענדען און אַרויסגעהן מלחמה האַלטען מיט'ן יצר־הרע, וואָס מאַכט א חורבה אין וואַרשעווער יונג־וואַרג.

די שטאָדט ווערט גרעסער פון טאָג צו טאָג און — די צאָהל פון אָרעמע, פאַרלאָזטע מיידלעך וואַקסט פון שעה צו שעה! מייד־

לער פּאריתופּ'טע, מיידלער פּארוואגעלטע, וואָס זוכען ארבייט; נעהטאָרינס, וואָס געהען לעדיג אָדער פאַרדינען „וואסער אויף קאַשע"; באָנעם אָהן שטעלען, דיענסט־מיידלער אָהן ערטער און בכלל מיידלער, וואָס זענען גלייך מיט אלע גבירישע און בעלי־בתישע קינדער פון פלייש און בלוט, און האָבען דאָך קיין האָפנונג נישט געפיהרט צו ווערען בכבוד און מיט פרייד אונטער דער חופּה...

אויף די אלע לאָקערט דער יצר־הרע אין אלע ווינקעלער, אין גאַס, אין הויז, אויף די טרעפּ, אויף שפּאַציר־געגנג, פון אונטער אלע ביימער אין גאַרטען... און דער האנדעל מיט לעבעדיגען פלייש, וואס פאַרזאָרגט היימישע, אמעריקאנישע און אזיאַטישע קאָנסומענטען מיט פרישער סחורה, וואַקסט אויך, ווי אויף הייוועו...

די נייע חברה וויל זיך באַמיהען צו פאַרשאַפען פאַר די אָרעמע קרבנות ארבייט צום פאַרדינען אַ כשר'ן גראָשען; נאָר אַזוי ווי ארבייט פאַרשאַפען איז נישט לייכט, און ווערט נאָך שלעכט באַצאָהלט; אזוי ווי די פאַרשאַפענע ארבייט פאַרגרעסערט די צאָהל פון די ארבייט־הענט און וואַרפט דעם פּרייז פון דער ארבייט צוזאַמען מיט דער מאָראַליטעט פון דעם ארבייטער־קלאַס, — על כן וועט זיין דער עיקר כלי־זין געגען דעם יצר הרע: מגידות! אַ וואָרעם וואָרט מוסר, וואָס זאָל זיך גיסען אין האַרץ אריין; געטרייע פרומע ווערטער, וואָס זאָלען זיך אריינגנב'ענען צו דער נשמה — — — —

און אויסער דעם: כשר'ע און עהרליכע פאַרוויילונגען; טיי וועט מען טרינקען לייכטען, אָהן ראָם; עסען וועט מען ביסקוויטס, אפשר גאָר ברויט מיט פּוטער, טאַנצען וועט מען אונטער דער השגחה פון אַלטע, גרייז־גרויע משגיחים...

ביליג און פרום...

די הכנסה וועט זיין, ווי געוועהנליך, פון נדבות, בעלער, אלערליי פאַרוויילונגען... נאָך אַ בראָקען געוואָרפען פון דער הויך.

איך וואָלט פון נייעם, מאַגערן, פון דער זאַטער הויך אראָפּגעוואָרפענעם בראָקען ניט געערדט, ווען די חברה זאָל נישט ארויסטרעטען אויף'ן אַנטיסעמיטישען אופן; זי, די צדקה־חברה, די גבאי'טע, די צנועה, וויל אויך זיין „אידעןדריין..."

הייסען וועט די חברה: „א ו נ ט ע ר ' ן ג ר י נ ע ם

קריעץ". און אין איינעם פון איהרע ערשטע תקנות שטעהט בפירוש: אז אנגענומענע קאנען ווערען נאר קריסטען...

דער פוילישער שוסטער זאגט, אז דעם איד קען מען נישט נעמען אין צעך ארייז, ווייל ער פארפושט די מלאכה; ער ארבייט אהן ליעבשאפט. און דעריבער פעלשט ער און גיט פאפיר אויפ'ן ארט פון לעדער, כמעט שטרוי אנשטאט שטיפטען; דער פוילישער סוחר שרייט, אז מען דארף אויסרייסען דעם האנדעל פון אידישע הענט, ווייל זיי וואַרפען דעם פרייז און פארקויפען, צוליב דעם, שלעכטע, פארפושטע סחורה, און דער גראף פרזשעזדזיעצקי, איינער פון די ערשטע גרינדער פון דער חברה, שרייבט אין אן אפענעם בריף אין „קוריער ווארשאווסקי", אז מען האט געמוזט פארמאכען די טיר פאר נישט-קריסטען, ווייל זיי פושערן אין דער מאַראַליטעט.

—נישט-קריסטען, — שרייבט דער גראף — קענען זיין עהרליך און מענשליך, אפילו בעלי-צדקה, נאר דאס איז וועניג! צו דער הייליגער זאך, וואס מיר נעמען זיך פאַר, מוז מען צוגעהן מיט'ן גאנצען הארץ, מיט דער גאנצער נשמה; ווער עס וויל מלחמה האלטען מיט'ן יצר-הרע, מוז זיך קענען מוסר-נפש זיין, מוז ארבייטען לטובת הכלל אין גאָטס נאָמען. דאמאלט ערשט וועט ער ארבייטען בשלמות, וועט ער האבען התלהבות און דבקות...

איהר באמערקט אפשר, אז די ווערטער קלינגען גאנץ אידיש, דערמאנען אין אונזערע מוסר-ספרים?...

דאס אייגענע באמערקט אויך דער ווארשעווער „איזראעליט". וואס וויל נישט איינזעהן, אדער, וואס מאכט זיך נישט וויסענדיג, אז דער שוסטער מיט'ן סוחר, מיט'ן גראף זאגען דאסזעלבע, נאר יעדער אין זיין ענין מיט זיינע ווערטער, אז די גאנצע געזעלשאפט איז פון אונטען ביז ארויף ריין אנטיסעמיטיש, און מאכט זיך תמ'עוואטע און דרוקט א לייט-ארטיקעל, א דרשה, מיט וועלכער ער וויל באווייזען, אז דער גראף פרזשעזדזיעצקי האט, לא עליכם, א טעות; אז מוסר, התלהבות און דבקות זענען עכט אידישע סחורות, א ריינער סיני-עקספארט...

אויך א סיסטעם...

די פראגע איז נאר, — וואס וועט זיין, אז די נייע חברה וועט באשטעטיגט ווערען און וועט אנהויבען מאכען בעלער?

צי וועט מען שיקען בילעטען אין רייכע אידישע הייזער?

צי וועלען אונזערע אריסטאקראטיש־אידישע הייזער נאר אפּ־שיקען געלט פאר בילעטען, אדער נאך געהן און אויסבעטלען א טענצעל מיט'ן גראף פרזשעוזיעצקי און זיין גלייכען פאר א שעהנ־חנ'ודיג אידיש כלה־מיידעל?

ווער ווייסט?!

נאך א פראגע: צי איז נישט א יושר נאכצומאכען? אויך גרינדען א חברה מיט ביליגען טיי און נאך ביליגערען מוסר?

דערמיט זאלען זיך באשעפטיגען די אלע, וואס האבען נאך נישט פארלארען דעם צוטרוי צו דער אלטער מעדיצין מיט אפּ־שפרעכען. מיר קענען נאר באמערקען, אז אזא מיטעל (ארבייט צו פארשאפען נאר אהן מגידות), אזא כלי־זיין מלחמה צו האל־טען מיט'ן יצר הרע, האט אויך דער ווארשעווער „דאזאר" אין דער האנט.

אויך א „בראקען פון דער זאטער הויך געווארפען..."

איך מיין די ווארשטאטען פאר ארעמע אינגלעך און מיידלעך, וואס דער דאזאר האט אויף דער שליסקא־גאס נומער 28.

לויט דעם אויספיהרליכען באריכט, וואס דער דאזאר האט איצט ארויסגעגעבען פאר'ן יאהר 1899, מיט ציפער און חשבונות פאר דער צייט 1892—1899, איז דער צוועק פון די ווארשטאטען אויסצולערנען ארעמע קינדער א מלאכה, זיי זאלען זיך שפּעטער, אז זיי וועלען עלטער ווערען, קענען פארדינען זייער ברויט מיט עהרליכער נוצליכער ארבייט.

די ווארשטאטען זענען פאר אינגלעך און מיידלעך, נאר גע־לערענט ווערען זיי נישט דיזעלבע מלאכות. אינגלעך לערענט מען: טישלעריי, דרעקסלעריי, שלעסעריי, גיסעריי, בלעכעריי, בערשטען מאכען, רימען האנטווערק, שניידעריי און שוסטעריי; מיידלעך לערנט מען דערוויל נאר קערב פלעכטען און איינבינדעריי.

ערשט אצינד נעמט מען זיך איינצוריכטען פאר מיידלעך נאך א מלאכה — בלומענמאכעריי.

די וואַרשטאַטען פאַר מיידלעך עקזיסטירען איינגאַנצען זעקס יאָהר און זענען נאָך דעריבער וועניג אַנטוויקעלט.

לויט באַריכט האָט מען אין די וואַרשטאַטען אין יאָהר 1899 איינגאַנצען 187 אַרבייט־טעג, ווייל אויסער שבתים און ימים טובים. האָט מען נישט געאַרבייט אויך די זונטאָגס, געוויס ווייל די לעה־רער זענען קריסטען.

אין די 187 טעג האָבען געאַרבייט טעגליך אַמווייניגסטענס 2, אַממעהרסט 13 שילערינען. געענדיגט די מלאכה האָבען אין יאָהר 1899 איינגאַנצען צוויי מיידלעך.

לויט באַריכט זאָל די אַרבייט זיין געשמאַקפאָל און פיין. און ווערט פאַרקויפט אין גאַנץ רוסלאַנד.

דער חשבון פון הוצאה והכנסה שטעלט זיך פאַר גאַנץ אָרעם. דער אינווענטאַר (כלים, מאַשינען) האָט אין יאָהר 1899 באַטראָפען 312 רובל; מיט 49 רובל מעהר ווי אין 1898.

געקאָסט האָט דאָס לערנען:

געהאַלט פאַר לעהרער — — — —	932	רובל	(קאָפּעקען
וואַרפען מיר אַוועק) די וואוינונג —	200	"	
באַדינונג, באַלייכטונג, פאַרהייצונג —	140	"	
געקויפט מאַטעריאַל צו דער אַרבייט —	1132	"	

צוזאַמען: 2404 רובל

הכנסה איז געוועזען:

פון פאַרקויפטער גאַלאַנטעריע — —	517	רובל	
פון פאַרקויפטע קערב — — — —	292	"	
פון פאַרקויפטע מאַטעריאַל (?) —	133	"	צוזאַמען 942 רובל

עס וואַלט געפעהלט — — — — — — — — — — 1462 רובל

נאָך דעם אונטערשייד, מיט אַ רעשט פון 218 רובל האָבען געדעקט די נדבות, איינמאַליגע — 220 רובל, אָפּגעזאָגט אין אַ ירושה 1450 רובל.

פיעל בעסער שטעלען זיך פאַר די וואַרשטאַטען פון איינגלעך. וואָס עקזיסטירען שוין פון 1879, און ווירקען אין אָרדנונג פון 1892, מיר שטויסען זיך עס דערפון, וואָס אין באַריכט געפינען זיך געניוע חשבונות נאָך פון 1892טען יאָהר אָן.

ווי געזאָגט, אין די וואַרשטאַטען ווערט געלערנט אומזיסט; אינגלעך באַקומען נאָך עסען און קליידער, ווי ווייט עס גענוגען די נדבות.

די מאַטעריעלע זייט פון די וואַרשטאַטען אנטוויקעלט זיך גאַנץ פּאַמעלעך:

אין יאָהר	האָט דאָס פאַרמעגען פון די וואַרשטאַטען בעטראָפען (רובל)	דער אינווענטאַר	געלייזט האָט מען פאַר אויסגעאַרבייטע סחורה
1892	6677	5451	760
1893	6825	5777	1873
1894	7734	9193	2348
1895	8823	6628	2096
1896	8882	6749	2973
1897	9395	6632	3245
1898	10177	6799	5802
1899	10161	7480	6101

דערביי מוזען מיר באַמערקען, אַז די אָרעמקייט און דאָס פּוילע וואַקסען פון די צאָהלען שטאַמט דערפון, וואָס מיט די וואַרשטאַטען אינטערעסירען זיך נאָר די געבילדעטערע קלאַסען, בעת די פרומע וואַרשעווער בעלי־בתים זענען יוצא מיט חדרים צו פאַרזאָרגען די נשמה און גיבען אויף די וואַרשטאַטען כמעט קיין גראָשען.

נאָר נישט בעסער שטעלט זיך פאַר די טאַבעלע פון לעהרלינגע:

אין יאָהר	האָבען זיך פאַרשריבען	זיך געלערנט האָבען	דורכשניטליך געענדיגט האָבען
1892	431	150	6
1893	375	167	5
1894	236	141	7
1895	367	148	7
1896	251	133	6
1897	219	140	4
1898	181	133	11
1899	168	116	4

מיר זעהען, אַז פון יאָהר צו יאָהר פאַלט, מיט אייניגע אויסנאַמען:

1) די צאָהל פון די, וואָס פארשרייבען זיך (אויסער 1895).
2) די צאָהל פון די, וואָס לערנען זיך, און —
אז די צאָהל פון די, וואָס ענדיגען די ווארשטאַטען האַלט זיך (אויסער 1898) צווישען 4 און 7!

אז דורכשניטליך ענדיגען 6½ אויף 141 שילער, וואָס האָבען ג ע א ר ב י י ט און 278½ — פארשריבענע...

דאַכט זיך ווייניג?

די סבות, וואָס לאָזען די ווארשטאַטען זיך נישט שטארקער אנטוויקלען, זענען, ווי מען קען זיך משער זיין, פארשיידענע.

1) אסך קינדער קענען נישט באזוכען, בפרט ווינטער, די ווארשטאַטען, ווייל זיי האָבען נישט אין וואָס צו קומען און זיצען נאַקעט און באָרוועס אין דער היים. ריכטיג באַמערקט דעריבער דער קאָמיטעט, אז ווען די נדבות זאָלען געניגען, מען זאָל שפּייזען און קליידען א ל ע שילער, וואָלטען די ווארשטאַטען בעסער געשטאַנען. נאָר ריכטיג איז עס נאָר אזוי ווייט, אז ביי פריי האַלטען אלע קינדער מיט עסען און קליידונג וואָלטען זיך מעהר קינדער פארשריבען, עס וואָלטען דורכשניטליך אויך מעהר קינדער געארבייט, בפרט ווינטער־צייט, ווען די הילף איז נויטיגער, נאָר מען מוז מודה זיין, אז דער פּראָצענט פון די, וואָס ענדיגען די לעהרע, געגען דער צאָהל פון פארשריבענע, וואָלט וואַרשיינליך נאָך מעהר געפאַלען, ווייל —

2) די צווייטע סבה שטעקט זיכערליך דערינען, וואָס דאָס רוב עלטערען שיקען נישט די קינדער אויסצולערנען א מלאכה; זיי ווילען זיי בעסער האַלטען אין א חדר אָדער שיקען אין א לערנ־שולע, נאָר זיי ווילען איבערקומען די שווערע ווינטער־צייט אָדער אזוי א שלעכטען חדש, ווען די קינדער ליידען הונגער און נויט... אויך —

3) האָט די אָרעמקייט נישט קיין צייט צו ווארטען עטליכע יאָהר זיך אויסצולערנען א מלאכה... קוים קען דאָס קינד, וואָס עס איז ארבייטען, צוהעלפען, מוז עס שוין פארדינען און צושטייער געבען דער גאנצער פאַמיליע. דיזעלבע סבה ווירקט נישט נאָר אין די ווארשטאַטען, נאָר אויך ביי לעהראינגלעך, וואָס ארבייטען פּריוואַט ביי בעלי־מלאכות; זעלטען זיי זאָלען אויסהאַל־

טען די באשטימטע צייט; די נויט יאָגט אַרויס פאַרדינגען די פאַר גראָשען נאָך איידער מען האָט זיך ריכטיג אויסגעלערנט די מלאכה.

4) ביי גרעסערע מיטלען, וואָלטען די וואַרשטאַטען געקאָנט זיין א ריכטיגע שולע, דאָס הייסט: א חדר (פאַר אידישע זאַכען), א שולע (פאַר אַלגעמיינע) און א וואַרשטאַט (אויסצולערנען א מלאכה) צוזאַמען. דאַמאָלט וואָלטען די וואַרשטאַטען באַקומען א דאָפּעלטען ווערט, זיי וואָלטען געווען נישט נאָר א צדקה זאַך און נישט נאָר פאַר וואַרשוי, נאָר אַן אַלגעמיינע אידישע אינ־סטיטוציע, צו פאַרשפּרייטען א ריכטיגע ערציהונג פאַר בעלי־מלאכות; און דאָס וואָלט וואַרשע, דער גרעסטער אידישער קהל אויף דער וועלט, געדאַרפט האָבען. ליידער אָבער איז דאָס אוממעגליך 1) כל זמן עס אינטערעסירט זיך מיט די וואַרשטאַ־טען נאָר די ג ע ב י ל ד ע ט ע אידישע קלאַסע, בשעת ווען די אָרטאָדאָקסישע איז יוצא מיט פאַרזאָרגען די נשמות מיט ח ד ר י ם און לאָזען איבער די זאָרג פאַר'ן גוף דער השגחה־פּרטית... און 2) כל זמן די וואַרשעווער קהלס־לייט וועלען זיך באַנוגענען מיט וואָלטעטיגקייטען און שרעקען זיך פאַר פאָלקס־אַרבייט... און ווען נישט זעהען ווייטער, ווי זייער, ווען אויך גענוג לאַנגע, קהלש'ע נאָז...

דאָס פאָלקס־געפיהל זאָל זיין שטאַרקער, וואָלטען די מניעות, וואָס לאָזען נישט פון די וואַרשטאַטען מאַכען ריכטיגע שולען, אוועק־געפאַלען און די נדבות וואָלטען פיעל גרעסער און מעהרער געווען...

* * *

דערמאָנענדיג דעם באַריכט איבער די וואַרשטאַטען, ווינשט זיך דער העכסט־ליבעראַלער „פשעגלאָד טיגאָדניאָווע“, אז דער קאָ־מיטעט, וואָס פיהרט די וואַרשטאַטען, זאָל באַשטעהן מעהר פון אַזוינע לייט, וואָס ווייסען און פיהלען דאָס געברויך פון ל אַ נ ד; ווען ווינשען זאָל העלפען, וואָלט איך צוגעגעבען; און דער עיקר פון ז י י ע ר פאָלק...

מיר דערמאנען נאך אמאל: ווארשעווער קהל איז דער גרעס־טער אידישער קהל אויף דער גאנצער וועלט, און — וואס גרעסער טען איז, מעהר פליכטען האט מען...

נ. ב. דאס מיניסטעריום האט ערלויבט דער ווארשויער אי־דישער געמיינדע צו מאכען אן אנלייהע אויף דריי הונדערט טוי־זענט רובעל אויף ענדיגען דאס נייע שפיטאל.

ד.

איך האב אייך שוין לאנג גארנישט מודיע געוועז פון ווארשוי; איך האב נישט געהאט וואס. זומער זענען געוועז שטארקע היצען. נאר זיי זענען געוועז אין יעדען קרעה־ווינקעל — בכל תפוצות ישראל! די געשענקטע צייט, דאס שעהנע וועטער סוכות און נאך סוכות, האבען אלע געהאט און אומעטום האבען זיך די בארוועסע תלמוד־תורה־קינדער דערקוויקט מיט דער ווארעמער, טרוקענער ערד. דערנאך אז עס האבען זיך געמאכט פלוצים קעלטען און רע־גען, האבען זיי קיינעם נישט געפעהלט; נישט זיי, נישט די קינ־דער־קרענק — קאקלוש, קרופ, און שקארלאטינע, מיט וועלכע די קראנקע וועלט וויל זיך באפרייען פון איבריגע מיילער...

האב איך אויך געזאלט מודיע זיין, אז עטליכע יונגע לייט האבען זיך לעבעדיגערהייט באפרייט פון תרי"ג מצוות, אדער, ווי אנדערע זאגען: פארטווישט דאס רענדעל? דאס זענען ביי אונז וואכעדיגע זאכען! אין מאנכע קלאסען האלט מען עס פאר א גוט געשעפט: פאר דער בכורה האט מען אמאל געגעבען אביסעל רויטע לינזען און מען טרעט זי היינט אפ פאר פרנסה אויף א גאנץ לעבען, דער כלל־ישראל מאכט אבער אויך נישט קיין שלעכט גע־שעפט דערביי — „קלענער דער עולם, שענער די חתונה", זאגט דער עולם; איז נישט אזוי ענג אין גימנאזיום און אוניווערזיטעט...

אמת, עס האט זיך א דינסט־מיידעל נאך סוכות געהאנגען; די בעל־הבית'טע האט זי חושד געוועז אין א גנבה, זי האט זי גע־

שראַקען מיט פּאָליציי און קרימינאַל... נאָר פון דינסט־מיידלעך שרייבען האָט קיין שיעור נישט; אַ שטיק צוועלף ווערען יעהרליך געהרג׳עט, אַראָפּפאַלענדיג פון דריטען און פערטען שטאָק, ביים וואַשען די פענסטער. — מאי כולי האי? דינסט־מיידלעך פעהלען נישט!

אויף דער ליסטע פון די, וואָס האָבען באַנוצט מעסער אין געשלעג און באַשטראָפט געוואָרען פון וואַרשעווער גענעראַל־גובערנאַטאָר מיט אַרעסט ביז דריי מאָנאַט, שיינען עטליכע אידישע נעמען; נאָר צוצופיהרען זיך דעריבער האָב איך דאָך נישט געקאָנט; דאָס זענען, חלילה, קיין בעלי־בתישע לייט; סאַמע המון עם, גראָבע יונגען, ווייס איך!

איין פאַקט איז יאָ געווען אַ וואונדערליכער, דהיינו, אַ ווייבעל, וואָס האָט געוואָלט פּטור ווערען פון מאַן און דער מאַן האָט איהר בשום אופן נישט געוואָלט געבען קיין גט, האָט אָפּגענאַרט דעם רב און גענומען אַ פאַלשען גט פון אַן אונטערגעשטעלטען מאַן; נאָר דער פאַקט איז צו קאָמיש, ער זאָל פּאַסען פאַר מיין ש וו ע ר געמיט; וואָס אַ נארישע אידענע קאָן!

האָב איך טאַקע געשוויגען, ביז איך האָב נישט באַקומען עטליכע ציפערען, איבער וועלכע עס לוינט צו שרייבען.

דער וואַרשעווער דאָזאָר (די הנהגה פון דער אידישער קהלה) האָט אַרויסגעגעבען (אין וואַרשעווער איזראַעליט) זיין קאַסע־באַריכט פון יאָהר 1899.

די הכנסות באַשטעהען:

1) פון עטאַט (די סומע, וואָס דער דאָזאָר צולעגט אויף די אידישע איינוואָוינער פון 2 ביז 375 רובל), וואָס האָט אין 1899 איינגעבראַכט 126,696 רובל.

2) הכנסות פון פּראָגער שול און מקוה (צירקאַ פערטהאַלבען טויזענט רובל).

3) אָפּצאַהלונגען אויף מנינים (צו 5 און 10 רובל — 1290 רובל).

4) פראצענט פון לעגאטען (קרן קימת'ן, א 13 טויזענט רובל).

5) נדבות (קנאפע 45 טויזענט רובל).

6) פון צדקה פושקעס (א רובל טויזענט).

7) % פון זאפאסנע קאפיטאל (דריטהאלב טויזענט רובל).

8) פון כתובות פארקויפען און נדבות פאר חופות געבען (קנאפע טויזענט רובל) און —

9) פון שטראפען, מיט וועלכע דאס געריכט באלעגט פאר נישט מאכען מעטריקעס צו דער צייט (202 רובל).

די הוצאות זענען געוועזען.

א) אויסהאלטען דעם ראבינאט (געהאלט פאר דינים 9380 רובעל), דאס ביורא אויף גרזשיבאוווסקא 26, געהאלט פאר א אידי־שען געלעהרטען ביים ווארשעווער גענעראל גובערנאטאר (900), אויפהאלטען די קהל'שע מקוה און שול אין פראגע א. ד. גלייכען— נישט פארגעזעהענע אויסגאבען — — — — — — 27,785,42 רובל.

ב) אויף ערציהונג דהיינו: א תלמוד תורה (16,213.05), עלעמענטאר־שולען (29,540), וואר־שטאטען (17,842,09), פריאוטען (6147,30), שכר למוד פאר ארעמע קינדער אין פריוואט און רעגי־רונגס שולען (1,108,50), צוזאמען — — — 70,850,94 רובל.

ג) שטיצע: דעם אידישען שפיטאל אין וואר־שע (18,000 רובל), דעם הויז פאר אלטע און יתומים (—מושב זקנים ויתומים — 6950), קוראַ־ציאנס־קאסטען פאר ווארשעווער ארעמע לייט אין פראווינץ, שטיצע פאר שפיטעלער אין פראווינץ (831,33) — — — — — — — — — — — 27,781,33 רובל

ד) אויפהאלטען דאס בית־עלמין — — — 19,883,21 "

ה) אויפהאלטען דעם לאמבארד (כשר'ע הלואה) — — — — — — — — — — 1,529,56 "

ו) צדקה: מאשינען און אינסטרומענטען פאר ארעמע בעלי־מלאכות (1067,74), נדבות אין באר (14714,02), אויף פסח־געלט און מצה־מעהל פאר

ארעמע לייט און ארעסטירטע (7733,27), הייצען אויף ווינטער — (קוילען — 3592,34), קליידונג (הלבשת ערומים) פאר ארעמע לייט און תלמוד־תורה קינדער (4703,21), הילף פאר קראנקע (9282,97) א. ד. ג. — — — — — — — — — 42,538,38 „

ז) „לקיים דברי המת" — אויסהאלטען ארעמע קרובים, מאכען אזכרות נשמות לויט צוואות 8,222,67 „

ח) ניט שטענדיגע הוצאות: צוקויפען א פלאץ פאר'ן פראגער בית־עלמין, (22,750,74) % פון דער הלואה אויפ'ן נייעם אידישען שפיטאל (18,000) 40,750,74 „

בס"ה — 254,187,55 „

דער עודף פון דער הוצאה אויף דער הכנסה, (10,000) האט מען גענומען פון זאפאסנעם קאפיטאל. —

מיר זעהען גרויסע ציפערען. נאר א ר ע מ ע ציפערען לויט דער באפעלקערונג פון ווארשוי... א היבשער פראצענט געהט, ווי עס דארף צו זיין, אויף „למוד" און „חנוך". נאר, ווי עס איז באקאנט, פארזארגט ווערען ווער ווייס אויב 40 פראצענט ארעמע קינדער; די צדקה ציפערען זענען נאך ארעמער...

אין ווארשע האבען מיר לערך 40 טויזענט אידישע פאמיליען. פון זיי לכל הפחות 15,000 פאמיליען אהן דער מעגליכקייט צו ערציהען קינדער און 10 טויזענט כמעט אהן ברויט...

אויסער דעם דאזאר זענען פאראנען פיעל צדקה חברות, וואס העלפען פריוואט, לויט דער מעגליכקייט פון קליינע, שטילע חברות. נאר דאס אלץ קלעקט זעהר ווייניג. איבערהויפט באמערקט זיך די ארעמקייט פון דער ווארשעווער געמיינדע שוין דערינען, אז די געמיינדע האט נאר איין שול אין פראגע, די קארשול אין ווארשוי איז א פריוואט־אייגענטום פון רייכע לייט, דער רעשט זענען מנינים, פון וועלכע מען צאהלט דעם דאזאר 5 צו 10 רובל א יאהר!

די גרעסטע אידישע געמיינדע אין איירפא האט קיין אייגענע שול!

פון דעם גאנצען רייכטום פון גרויסע ציפערען שיינט ארויס דאָס אידישע דלות!

די „געזעלשאפט געגען בעטלעריי" האט איינגעפיהרט אין ווארשע באוועגליכע קיכען, וואָס פאָהרען ארום אין די גאסען, שטעלען זיך אָפּ ביי פאבריקען, ווארשטאטען און דערגלייכען, און פארקויפען ביליג היים עסען... אין דער געזעלשאפט זענען אידען פאראן, ר י י כ ע אידען צאהלען — נאָר פון די באוועגליכע קיכען קענען ארעמע אידען נישט נוצען; די געזעלשאפט זאָגט: עסט! ארעמע אידען זאָגען: נישט כשר, מען טאָר נישט! שלינגען די סלינע און געהען פארביי...

און די ארעמע און רייכע לייט טרייסטען זיך.

— אז משיח וועט קומען, טרייסטען זיך ארעמע לייט, וועט אונזער רעליגיאָן זיין אָפיציעל אין אונזער לאנד, און אלע וועלען דארט מוזען עסען כשר אָדער פארהונגערען, ווי מיר היינט

רייכע זאָגען:

— גוט וועניגסטענס, וואָס מען לאָזט אונזער געלט אסי־מילירען.

נישט אלע דאָך זאָגען; מאנכע טראָגען שוין אין דאָזאָר אריין נדבות, מען זאָל איינריכטען א אידישע כשר'ע באוועגליכע קיך...

— פאַר וועמען? — פרעגען אנדערע — וואו האָט איהר אי־דישער ארבייטער אהן א היים?

נאָר די צדקה־געבער ווייסען, אז מאסען אידישער טרעגער שטעהען א גאנצען טאָג אין גאס און לעבען גאנצע טעג אָהן „א לעפעל ווארעם וואסער"; אז מאסען אידישע מיידלעך און אינגלעך ארבייטען פון זיבען, אכט אין דער פריה ביז צעהן און עלף ביי־נאכט אין פאבריקען און ווארשטאטען, באקומען קיין צייט נישט אויף אהיים געהן מיטאג עסען און מוזען זיך באגנוגען מיט טרוקע־נעם ברויט... אז די ארעמע תלמוד־תורה קינדער, וואָס געהען פון אלע ווארשעווער ווייטע עקען אין די צוויי אידישע ביליגע קיכען אויף ביליגע און פרייע מיטאגען, געהען ווינטער אויס אויפ'ן וועג פאר

קעלט... (זומער באקומען זיי דערוויייל קיין מיטאגען נישט), אז ווינטער צייט לעבען מאסען אידישע פאמיליען אהן ווארעם עסען, ווייל עס איז נישטא מיט וואס אונטערצוהייצען, ווייל קוילען ווערען יעדעם מאל טייערער...

פון בריעף וועלען עס אפשר אויך אנדערע ויסען?... צי לע־זען רייכע אידען דעם ארעמען אידישען „יוד"? ווער ווייס? פון דאקטוירים און אדוואקאטען, וואס לעזען אידיש, לאזט זיך שוין הערען; אויף באנקירען און גרויסע סוחרים וועט אויך אפשר קו־מען אמאל א צייט...

ה.

פייל פון בויגען איז אריבער אל־דאס־גוטס.

עס איז אריבער דער זומער מיט זומער־וואוינונגען, מיט טיפע, שטילע און קלארע אווענטען, מיט גרינע וועלדער, גאלדענע פעל־דער... כאטש פרעמדע!

פארקלונגען זענען אויך די ווייכע הארציגע סיני־נגונים, די שטאל־און־אייזערנע פיוטים, דאס הייליגע שופר־בלאזען, צוזאמען מיט'ן האניג און מיט די זיסע מעהרען אין סוכה...

און הושענא־רבה איז אויך פארביי... מען וועט ווייטער שמיי־סען, נאר שוין נישט מ י ר, און נישט מיט ה ו ש ע נ א 'ם און נישט אויפ'ן ה י ל צ ע ר נ ע ם ש ט ע נ ד ע ר... אויב מען וועט שמייסען, וועט ווירקליך בלוט רינען!

און דאס הושענא־רבה־קוויטעל האט מען אין קעשענע, נאר לעזען קען מען עס נ י ש ט. אויף הימעל־פאפיר מלאכים־כתב! מי ינוח ומי ינוע? ווער וועט זיין א געשלאגענער, ווער אן אנט־לאפענער? ווער א פארברענטער, ווער נאר אן אפגעברענטער? און ווער וועט זאמלען נדבות: איך פאר יענעם, יענער פאר מיר?.... און מיט א פארקלעמטען הארץ ווארפט מען א זייטיגען בליק אויף ווייב און טאכטער...

און ווייט, ווייט איז צו אלעם גוטען!

ווייט איז דער הימעל, ווייט — פאלעסטינא, ווייט איז אפילו אוגאנדא, וואס שרעקט שוין פון ווייטען מיט'ן וועקסעל־פיבער:

א מענש געהט אין גאס און פאלט פלוצים אנידער און שלאָפט איין... ערגער, דאכט זיך, ווי היישעריק... ווייט איז אפילו צו חנוכה, צום האלבען יום־טוב מיט דער טייערער גרויסער אקע און שפּאַט־ביליגער, קליינער אילומינאציע און נאָך ביליגערע, כאַטש פלאם־פייערדיגע, רעדען איבער פּאַלעסטינא, אוגאַנדא, אָדער אי־בער סדום, וואס דארף זיך איבערקערען, ועמורה, וואס זאָל איינגע־זונקען ווערען...

און די טעג ווערען וואס אמאָל קירצער, טרויעריגער, פייכ־טער און וואס אמאָל א ו מ נ י צ ל י כ ע ר.

און אַז אונטערגאַנג געהט ארום אויף קינדער, אויף די אָרעמע שעפעלעך... ווענינסטענס, קריינקט מען אַהן אַז אונטערשיד פון גלויבען, אַהן פּראַצענט...

קאַלט, טרויעריג, נאַס און אַז אונטערגאַנג אויף אומשולדיגע קינדער, נאָר א טייל פון דער פוילישער פּרעסע, דער פ ר ו מ ע ר טייל, מיין איך, איז גאַנץ לוסטיג און לעבעדיג!

אויף דער לאַנקע, וואו עס גראָזט דאָס אמת'ע פיה, דאָס אמת ריינע, פרומע און כשר'ע, איז די פּאַשע פעט און נאָך באַשפּריצט פון נחת־בלימלעך — א פּאַרשמעקעניש צו דער נאָז, א פרייד צו די אויגען!

נאָך לאַנג, לאַנג וועט מען ברויכען די אַנטיסעמיטישע פּרעסע! עס ווייזט זיך אוים, „אַז די וועלט פּאַרמאַגט צעהן מיליאָן אידען און די העלפּט דערפון וואַלגערט זיך ארום אין טשערטאַ"! פינף מיליאָן אידען וועלען געוויס זיך אַזוי גיך נישט אויסטויפען, נישט אַזוי גיך אַסימילירען... מען וועט זיי אַזוי לייכט נישט פּאַרדייען... הכלל — געשעפט בלייבט געשעפט! ווי עס איז, פּאַראומערען דאָס לעבען וועט מען זיי שוין!

„און די אינטענדאַנטסטווא, לעבען זאָל זי, האָט אַנגעהויבען קויפען פוראַזש דירעקט ביי די פּריצים; אידישע פּאַדריאַטשיקעם און פאַקטוירים וועט מען שוין, גאָט זיי דאַנק, פּטור ווערען"! כדי אבער די אידעלעך זאָלען נישט שווינדלען, און אונטערשטעלען פּריצים אַלס פּאַרקויפער פאַר זייער תבואה, „פּאַרלאַנגט די קלוגע אינטענדאַנטסטווא פון יעדען, וואָס שטעלט צו א פּאַרטיע פוראַזש, א באַווייז, אַז די תבואה איז אויף זיין אייגענעם פעלד געוואַקסען"! מען דארף נישט די תבואה זאָל זיין מיט אייגענע הענט געזייהט

און געשניטען; גענוג דאס פעלד זאל זיין אייגען. און אויף רעליגיאן פרעגט אייגענטליך די אינטענדאנטסטוואָ נישט, דאס ברויכט זי נישט... גוטבאזיצער אידישע איז פאראן ווייניג (אז מען דארף, שרייט מען, אז צופיעל), ארענדאטארס אפשר מעהר. זיי הויבען אבער אויך שוין אן צו פאלען אין דער צאהל: דער גרעסטער גוטבאזיצער, דער גראף זאמאיסקי, וואס האט ביז אהער, לויט מען פלעגט שרייבען, ליעב געהאט, אויסער פערד און שאנ־סאנעטקעס, נאר אידישע ארענדאטארס אין זיינע פאלווארקען, און פאר דאס פיינט געהאט גלחים און קלויסטער, איז היינט, גאט זיי דאנק, א בעל תשובה געווארען. די קלויסטער, וואס ליגען אין די גרעניצען פון זיינע שטעדט און פאלווארקען, ווערען פאריכט און פיין־געשטעלט אויף זיין אייגענעם חשבון. גלחים ווערען צו יעדער צייט פיין אויפגענומען, מיט אלערליי כבודים... דערפאר אבער, וואו עס ענדיגט זיך א אידישער קאנטראקט, היידא, געהט שוין אויף זיין ארט אריין א קריסט! נאך צעהן פאלווארקען און צוויי און צוואנציג מיהלען זענען אין אידישע הענט, נישט אויף לאנג: אויסגעלייזט מוז ווערען די ערד! איהר זעהט? אומעטום די זעלבע אידעאלען — גאולת הארץ!

און נישט די ערד אליין דארף אויסגעלייזט ווערען, דער האנ־דעל אויך! דער אמאליגער, נארישער פריץ האט זיך געשעמט מיט׳ן האנדעל (אויסער׳ן האנדעל מיט אונטערגעפעלשטע פערד). היינט קומט דאס דארף אין שטאדט אריין און צושפרייט מיט די הענט, און שטופט ארויס דעם איבעריגען, דעם פרעמדען... אויף די נאלעווקעס, פאר׳ן אייזערנעם טויער, אויפ׳ן גרזשיבאָוו אפילו, מעהרט זיך די צאהל פון ריין־קריסטליכע געשעפטען און אפילו דאס געלט־געשעפט האט אויך אויפגעהערט צו זיין א מאנאפאל אין אידישע הענט. מיר פארמאגען שוין עטליכע קריסטליכע באנק־הייזער, אצינד האט זיך נאך איינס געעפענט: ברזאסקא עט קאמפ... א פיין חנוכת הבית געוועזען, עכט עהרליך און פרום...

און דאך איז דאס ארויסצושטופען, איבער דער גרענעץ ארי־בערצואווארפען נישט אזוי לייכט. די אידישע עמיגראציע וואקסט אפילו פון טאג צו טאג, אבער דאך נישט אזוי געשווינד, ווי דאס דארפישע פרומע הארץ פארלאנגט עס! און די דארפישע עלענ־בויגען בויגען זיך אמאל איין, נישט אויס... בעסער וואלט געווען

עס זאָל בטל ווערען די „טשערטא אָסיעדלאָסטי", אידען זאָלען זיך צושיטען אויף גאַנץ רוסלאַנד, צוזייהט און צושפּרייט זאָלען זיי ווערען... אומעטום זאָלען זיי זיין, נאָר אין ערגעץ נישט די מער־הייט, אין ערגעץ נישט קיין קראַפט... וואָס וועניגער אידען אויף איין אָרט, איז געזינטער!...

עס איז דאָך נישט אַזוי לייכט — קרעכצט מען — פון אידען פּטור צו ווערען. פאַראַן אַ קאַפּעליע אין פילהאַרמאָניע, מוזען זיין, אויסער דייטשע און פראַנצויזישע, אויך אידישע קלעזמער! גע־מאַכט אַן אויסשטעלונג אויף צעלניק — אידעלע מוז אריין מיט זיין סחורה! און אין פּאַביאַניצע, אין אַ שטאָדט, וואו דער אַנטי־סעמיטיזם וואַקסט ווי אויף הייוועז און ציהט זיך ווי אַ שטריק אויפ'ן אידישען האַלז, וואו מען האָט שוין אַ ריין קריסטליכע קרעדיט־געזעלשאַפט, און מען עפענט נאָך אַ צעלניק־קראָם: „יעדנאָשטש", פאַרשטעהט זיך. אַ ריין קריסטליכע קראָם, געהט זיך פונדעסטוועגען אַ אידעל און בויט זיך אַ דריי־שטאָקיג הויז, גלייך ער וואָלט גאָר אויף משיח'ן נישט געוואַרט, גלייך ער רעכענט, אַז זיינע אייניקלעך נאָך וועלען דאָ פאַרפּעסטען די לופט מיט ציבעלעס און קנאָבעל!

און נישט אַזוי וועיט שולדיג איז די האָק, וואָס האַקט אויס די בוימער, ווי דער וואַלד אַליין, וואָס גיט די שטיל צו דער האָק! אין וואַרשוי איז פאַראַן אַ אידישע געווערב־שול, לערנען קריסט־ליכע מייסטערס די אידישע קינדער אַרבייטען! און אין פּאַביאַנ־ציע, ווער בויט דאָס אידישע הויז? פאַרשטעהט זיך, די קריסטליכע מוליאַרעס! און וואָס קומט אַרויס דערפון? מען לאָזט דעם איד וואַקסען, און מען פאַרלירט דערביי די וועלט און יענע וועלט! ווייל אַזוי דער קריסטליכער מייסטער אין דער אידישער געווערב־שול אין וואַרשע, ווי דער מוליאַר, וואָס בויט אין פּאַבינאַציע דאָס אידישע הויז, מוזען האַלטען שבת! און ווייטער דאָס אייגענע! די זעלבע אידעאַלען — „גוי ששבת" איז ביי זיי אויך סכנת נפשות...

צווישען די קליינע, נאַרישע העצערייען געפינט זיך אָבער אויך עפּעס וויכטיגס: ווי, למשל, די פראַגע פון שחיטה...

פאַראַן אין וואַרשוי, ווי אומעטום, אַ חברה „צער בעלי־חיים". וואָס ווייסט שוין נישט, וואָס מיט זיך צו טון... אַרומלויפען אין

גאַס און כאַפּען דראַשקאַרעס, וואָס שמײַסען צו שטאַרק די פערד, אָדער שפּאַנען אײַן קראַנקע פערד, אָדער איבערלאַסטען די פערד. ווילט זיך נישט... דאָס טוט יעדער סטראַזשניק! אין דאָרף, מיט'ן פּויער אַנצוהויבען, איז דאָך געפעהרליך, מען קען לײַזען אַ גוט וואָרט אונטערגעשפּאָרט מיט אַ זעץ אין פּלײצע... וואַרפט זיך, נע־בעך, די חברה ווי אַ שלאַנג, מען מוז דאָך האָבען עפּעס צו טון. מען מוז שאַפען מאַטעריאַל, צום פאַרשרײַבען אין די יעהרליכע חשבונות, וואָס געהען אין די הויכע פענסטער און וואָס דאַרף איבערגעהן צו דער געשיכטע!... געהט זי, נעבעך, די חברה און נעמט, למשל, אויף זיך די הינטשלעגערײַ אין די גאַסען, דאָס אָפּ־רײַניגען די גאַסען און אַרויספיהרען די נבלות פון געפּגרטע הינט און קעץ... איז נאָך ווייניג, נעמט זי זיך אַצינד נאָך צו שחיטה. שחיטה, זאָגט די חברה, איז איין עולה! קײלען מוז מען, נישט שעכטען! אין שעכט—בעסער געזאָגט: אין קײל־הויז פאַלען נישט דערשלאַגענע אָקסען, נאָך פאַר יציאת נשמה ציהט מען פון זײ אַראָפּ די הויט.

נאָר מיט די העקער־יונגען וויל די חברה נישט אָנהויבען; מיט אידען איז לײַכטער. אויך האָט מען דאָ אַ גרײטע ליטעראַ־טור. ווייניג האָט מען געגען שחיטה געשריבען? מען דאַרף נאָר איבערזעצען און פאַרשטעלען, וואו מען דאַרף...

וואָס מען האָט פּ אַ ר שחיטה געשריבען, האָט אפילו דער הויך־געלעהרטער „פּשעגלאָנד־טיגאָדניאָווי" נישט געלעזען! און דעריבער פרעהט ער זיך אַזוי, וואָס די חברה צער בעלי חיים נעמט זיך צו אַזאַ ניצליכע זאַך, ווי מבטל זײַן שחיטה.

„ערשטענס, איז אַ י ד ו ע ל כ ל — שרײַבט ער — אַז שחיטה איז נישט מענשליך". די מענשליכקייט פאַרלאַנגט: קײַ־לען! אַ האַק אין קאָפּ אַרײַן, איז אײנער צו ווייניג — נאָך אַ זעץ... ביז צום דריטען און פערטען מאָל... די הויט דערווייל מעג מען שינדען.

צווייטענס, האַלט דער „פּשעגלאָנד" זעהר פון די אויסלענ־דישע פרייע לענדער און אַז מען האָט אין דער שווייץ גע'אַסר'ט שחיטה, קען ער איהר קיין גוטער פרײַנט נישט זײַן!

און אידען — זאָגט ער — וועט מען אויך דערמיט קיין רעה נישט טון. צו טרפות איז זיך זעהר לײַכט צוצוגעוועהנען, אַ

והא ראיה: אין דער שווייץ האָט מען זיך שוין צוגעוועהנט! אויסער, נאַטירליך, די זעהר פרומע נאַראַנים, וואָס ברענגען זיך פלייש פון עסטרייך...

„דערפאַר — שרייבט ווייטער דער „פשעגלאָנד" — וואַלט רעגולירט געוואָרען דער האַנדעל מיט'ן פיה". וואָס פעהלט דעם האַנדעל מיט פיה און ווי אַזוי מען קען איהם העלפען? שרייבט ער נישט, נאַר — אַז ער זאָגט, זאָגט ער... טרויעריג איז אָבער, וואָס די היינטיגע רעגירונג וועט נישט אָנריהרען קיין רעליגיעזען געברויך.

צי איז ווירקליך די גאַנצע געזעלשאַפט דורך און דורך פאַרסמ'ט מיט'ן נאַרישסטען האַס צו אידען? ווער ווייסט? אפשר שוויינען נאַר די גוטע?

ז.

קיין סך נגונים האָט קיין שאַרמאַנקע נישט. און געהט יעצט דאָס ליעדעל „גוי ששבת", וועט עס געהן און געהן צום דול ווערען.

שטשעפּאַנאָוו איז אַ דאָרף. אַז שטשעפּאַנאָוו איז אַ דאָרף, האָט עס אַ פריץ, האָט דער פריץ — אַ ווינט־מיהל, דינגט די ווינט־מיהל אַ איד, שטעהט די ווינט־מיהל שבת, דרעהט זי זיך זונטאָג!

און שטשעפּאַנאָוו איז נישט אין ארץ ישראל, נישט אין אוגאַנדאַ; אפילו נישט אין ענגלאַנד, וואו מען חלש'ט אַ איד צו פאַרזאָרגען, אפילו ניט אין פראַנקרייך, וואו מען יאָגט די הייליגע שוואַרצע מענשעלאַך און עס האַלט כמעט ביי פאַרמאַכען די קלויסטער. שטשעפּאַנאָוו איז אַ דאָרף אונטער לאָמזשאַ, לאָמזשאַ איז אַ שטאָדט אין פוילען, וואו עס הערשען די „ראָלאַ", און די „קראַניקאַ ראָדזשינאַ" און דער „פשעגלאָנד קאַטאָליצקי", און די „ניוואַ פאָלסקאַ", וכדומה...

פאַר וואָס דרעהען זיך די פליגעל פון דער קאַטוילישער ווינט־מיהל אויף דער קאַטוילישער ערד אום זונטאָג און שטעהען שבת? ווייל די קאַטוילישע ווינט־מיהל אויף דער קאַטוילישער ערד האַלט אַ איד. פאַרוואָס האַלט זי אַ איד? ווייל ער האָט געגעבען אַ רובל שכירות מעהר. פאַרוואָס האָט ער געגעבען אַ רובל מעהר?

צי ווייל ער האט דעם פריץ ליעבער? א קלאג איז דער ליעב־שאפט! ווען זיי זאלען ליעב האבען דעם פריץ, וואלטען זיי נישט גערעדט פון פאלעסטינא. אפשר ווייל א איד דארף ווייניגער און וויל ווייניגער פארדינען? חס ושלום. א איד דארף מעהר! רעכענט: געפילטע פיש אויף שבת, ווייסע חלה אויף יום־טוב, אויף פורים — מיט זאפרען, חדרים פאר קינדער, מקואות פאר ווייבער, הײנט — קהילה־געלט פאר שוחטים און רבנים אין דער נאהנטער שטאדט אריין, שקל־געלט פאר׳ן ד״ר הערצל קיין וויען, אונטער־צושטיצען די האקאטע אין בערלין... אלא מאי? טאקע להכעים! נישט מעהר ווי לחכעים דעם קלויסטער! דעם גרעסטען נחת האט א איד, אז ער זעהט, ווי א קאטוילישע ווינט־מיהל דרעהט זיך אום זונטאג און שטעהט אין זיין הייליגען שבת...

דאסזעלבע איז מיט דער שמידעריי פון זעלבען פריץ, אין זעל־בען דארף. ווי קומט א איד צו א שמידעריי? זינט דער רבונו של עולם האט פארשאלטען אדם הראשון און זיינע קינדער מיט דער ארבייט, באמיהט זיך דער איד אלץ אינאיינעם, די גאנצע קללה זאל פאלען אויף גוי׳שע קעפ און ער זאל אוועק־קויפען דאס גאנצע ביסעל נאפט אין באקו אדער האנדלען מיט אלטע הויזען. עשו האט געארבייט אויף דער בכורה, יעקב האט זי אויסגענארט פאר אביסעל לינזען. פון מצרים, וואו מען האט געמוזט ארביי־טען, איז מען אנטלאפען אין מדבר אריין, וואו מען קריגט, אהן א שפור פון ארבייט, מן און שלו פון הימעל און וואסער פון שטיין. אין ארץ ישראל האבען געארבייט די פלשתים מיט גבעונים און אידעלעך האבען זיך געשפאצירט „עולי־רגל“... דערנאך איז זיי דאס אויך נמאס געווארען, און איבערגעקויפט טיטוס׳ן, ער זאל זיי פארטרייבען, ער זאל חרוב מאכען דעם בית־המקדש, וואס האט פארלאנגט קרבנות, מיט׳ן לאנד, וואס האט פארלאנגט ארבייט, זיי זאלען האבען לייכטע פרנסות — נאפט אין באקו, אלטע הויזען, פאלשע לאזען וכדומה... נאר אז דער „בית־המקדש“ וויל להכעים טון דעם קלויסטער, געהט א איד און שטעלט זיך אפילו פאר א קאוואל! פארשווארצט ער זיך די ארבעל און קאוועט דעם פריץ׳ס פערד, פארשטעהט זיך אום זונטאג, ווארים א גאנצע וואך האבען דאס פערד ווי דער פארנאל קיין צייט נישט!... און זונטאג, די גלאק קלינגט און דער אידישער האמער קלינגט אינ׳ם גלאק אריין!

אָבער שבת — חס־ושלום! שבת שטעהט די קוזשנע אין שטשעפּאַנאָוו, פּונקט ווי אין באָגושיצע, אין זורזשעשטש, און גאָט ווייסט וואו נאָך עס ארבייטען אידישע קאָוואַליעס — פאַרהאַמערט, כאָטש האַק און בראָק, כאָטש ברען און בראָט, שבת ארבייט ער נישט!

און פאַרקערט, וואו מען קען שאַדען א קריסט מיט חלול־שבת, איז מען מחלל שבת. דער רב כלומרשט בייזערט זיך, קהל שרייט, דאָס איז אָבער נאָך לפנים; מען מיינט עס נישט ערנסט פּאַרקערט, מען ווייסט, אז אנדערש וועט דער אידישער מסחר, געגען דעם קריסטליכען, קיין קיום נישט האָבען!

אַז מען האָט פאַלשע מאָס און וואָג, שלעכטע סחורה און הויכע פּרייזען, מוז מען שפּעקולירען אויף דער צייט, אויף די טעג, ווען די קריסטליכע געוועלבער און קראָמען זענען געשלאָסען. און ערשט ניט לאַנג, — ווייסט די „גיווא פאָלסקאַ" — האָט זיך אָפּגעשפּילט אויף דער מאַרשאַלקאָווסקאַ גאָס אַזאַ מין קאָמעדיע:

צו א כלומרשט גאַנץ אָרענטליכען אידעל, וואָס האָט אָפען דאָס געוועלב אום שבת, זענען אריינגעקומען דריי כלומרשט גאַנץ אָרענטליכע אידען פון גאָס און האָבען זיך איהם געבויגען און גענייגט מיט א שעהנעם „גוט מאָרגען!" און אזוי געזאָגט: „ר' איד, נאָך וואָס פארזינדיגט איהר אייער נשמה און האַנדעלט אין הייליגען שבת? צי איז אייער נשמה א וויסקראָביק פון א פרעמדער מולטער און איז נישט געשטאַנען ביים בארג סיני און נישט געהערט, אז זעקס טאָג האָט גאָט געאַרבייט און באַשאַפען די וועלט, און דעם זיבעטען טאָג האָט ער גערוהט?"

דערויף האָט זיך דער כלומרשט שעהנער איד, וואָס האַלט אָפען דאָס געוועלב אום שבת, צוריק גענייגט און מיט א שעהנעם „גוט יאָהר" צוריק געבויגען, און געענטפערט און אזוי געזאָגט: „רבותים, נעמט די פיס אויף די פּלייצעס און געהט צו אַל'די שווארצע יאָהר"... און אזוי זאָגענדיג האָט ער גאָר פריינדליך געשמייכעלט.

און די דריי כלומרשט אָרענטליכע אידען זענען ארויסגעגאַנגען פון קראָם און האָבען אויך געשמייכעלט, און איינער צום צווייטען האָט געוואונקען מיט נחת: יוצא געווען געגען גאָט און

געגען קהל — ער וויל נישט, און אז ער וויל נישט, קענען מיר אויך נישט וועלען...

און פיעל, פיעל אידישע געוועלבער לייזען אום שבת און דעריבער מוזען די קריסטליכע סוחרים האלטען אפען די קראם אום זונטאג!...

נעבעך!

און פונדעסטוועגען הויבט זיך דער קריסטליכער מסחר. אט דער זייפען־זידער פון וואלסקא גאס נומער 13. די „ראלא“ ווייסט, וואס אידען קאנקורענטען האבען אויסגעארבייט אונטער־צוברענגען דעם קאטוילישען זייף. עס איז זיי אבער נישט געראַ־טען... דער זייפען־זידער וואקסט און וואקסט און שטעלט שוין צו זייף אין די שפיטעלער אריין...

דערפאר אבער וואקסען ביי אונז אנדערע פרנסות. אמאל פלעגט מען זיך דרעהען ארום דער באנק און — לעבען דערפון. האט מען עס פארוועהרט. מען פלעגט האבען שענקען, אויף יעדען ווינקעלע א שענק — מאכט זיך א מאנאפאל! מען פלעגט האנדלען מיט פראצענט, היינט, אויסער בסוד סודות — חס ושלום, מען זעצט איין! אידישע זייפען־זידעריי וועט אויך פאלען, וואל־סקא נומער 13 וועט זי אודאי איינשלינגען... זיין ליבער נאמען שיקט אבער די רפואה פאר דער מכה: אויפ׳ן ארט פון דעם אלעם וואקסט די ליטעראטור!

א גאסט איז ביי מיר געווען, א ווייטער קרוב, לא עליכם, אן ארימאן.

— איך בין אייך געקומען בעטען אויף א חתונה...

ער מאכט חתונה די זיבעטע טאכטער. נדן האט ער שוין באלעגט, חתונה די זיבעטע טאכטער, די „פאפירען“ זענען פאר־טיג, די סאליע און קלעזמער געדונגען, נאר אויף א סעודה פעהלט איהם. כאטש עטליכע פונט פיש...

— נעמט איהר כאטש, פרעג איך, אן איידעם א פרנסה־געבער?

— נאך ווי הייסט, זאגט ער, א פרנסה־געבער!

ער אליין איז נאך פון דער אלטער וועלט, ער וואלט געהאט אמונה און בטחון, ער ווייסט, אז גאט פארלאזט נישט.

— אט, זאגט ער, ווי איהר קוקט מיך אן, לעב איך שוין

א יאָהר 40 אהן א קאָפּיקע! און קיין פּאָר איז דער האָנט האָב איך אויך נישט, איהר ווייסט דאָך, און, זעהט איהר דאָך — איך לעב!

ווי אזוי ער לעבט, דאָס איז שוין אַן אנדער שאלה...

די טאָכטער אָבער איז שוין א היינט־וועלטיגע, זי וויל דוקא א פּאַרטיגען פּאַרשוין, א פּרנסה־געבער... און ער האָט איהר גע־פונען... עס האָט אפילו לאַנג געדויערט, זי האָט זיך אביסעל געעל־טערט, די טאָכטער; נאָר געפונען, וואָס איהר האַרץ האָט געגלוסט, האָט ער.

— וואָס איז ער, אייער קינפטיגער איידעם? — פרעג איך.

— א שרייבער! — ענטפערט ער שטאָלץ.

— אין א וואַלד?

— חס ושלום... פאַר וואָס אין וואַלד? א קראַנקער איז ער, חס ושלום, וואָס?

— אין שטאָדט, אין א געשעפט?

— אין שטאָדט, אָבער ניט אין א געשעפט, א גראָבע זאַך וואָלט מיין טאָכטער נישט געוואָלט. זי איז אפילו נאָר א נעהטעריז, נאָר א איידעלען געשמאַק האָט זי, היינטיגע צייטען — א שריי־בער איז א צייטונג איז ער!

— ווי הייסט ער?

ער זאָגט מיר א ווילד פרעמדען נאָמען.

— א פּרישער טאַלאַנט?

— אָבער גאָר א נייער. צאַפּעלדיג פריש פון דער נאָדעל... ער לערנט זיך נאָך צו אביסעל גראַמאַטיק מיט אויסלעגען. נאָר מען שלאָגט זיך שוין איבער איהם. סאָקאָלאָוו רייסט איהם ביי דער פּאָלע צו דער ענציקלאָפּעדיע. „אחיאסף" שרייט, זי קאָן אהן איהם ניט ענדיגען דעם „לוח", „האור" וויל איהם פאַר א סעקרעטאַר; זאָל זיך נאָר לייזען, — שרייבט מען איהם — וועט זי איהם צאָהלען א רובעל פערציג א חודש, לכל הפחות! היינט גיט רייזען אַרויס א זאַמעל־בוך, וויל ער כאָטש א נאָוועלע. ווי הייסט, זאָגט ער, דו ביסט א יונגער, מוזט דו אַרבייטען מיט יונגע. אַנים, וויל ער כאָטש א שיר'ל, א פּיצעל באַדיי, אבי צום באַשמעל־צען!... היינט דער „העולם" — צוויי טויזענט פינף הונדערט רובל

האבען זיי שוין, קוים וועלען זיי האבען דרייסיג טויזענט, מאכען זיי איהם פאר א רעדאקטאר! גאר פשוט!

— און דערווייל? — האק איך איבער די גליקען.

— איך האב דאך אייך געזאגט: דערווייל לערנט ער צו גראמאטיק מיט אויסלעגען...

— בא, — גיט ער צו מיט א זיפץ, — ער זאל שוין קענען גראמאטיק מיט אויסלעגען אויך, וואלט ער זיך געלאזט אפגיל־טען... וואלט איך צו איהם נישט געקומען; ער וואלט איינגענומען די וועלט!

— און ווי אלט איז ער? — פרעג איך.

— א יאהר ניינצעהן.

— מען וועט איהם נאך צונעמען צום מיליטער?

— חס ושלום, — זאגט ער — א קאליקע!

ז.

דעם טאג, ווי שעהן ער זאל זיך נישט אנהויבען, דארף מען ניט גלויבען. ער הויבט זיך אמאל אויף מיט א פנים פון א רחמנות'דיגען מליץ־יושר, און געהט אונטער — אל־דאס־בייז זאל אזוי אונטערגעהן.

דער גרויסער דיכטער אסיאן האט עס אמאל געזאגט בדרך משל:

א יעגער — האט ער באשריבען — האט זיך אמאל אין א שעהנעם העלען פריהמארגען געלעגט אפרוהען אויפ'ן שמעקענדיגען גראז, אין פרישען, גרינעם, זינגענדיגען וואלד, אונטער א בוים — א קדמון. וואס האט איהם איינגעשלעפערט מיט'ן זיסען גערויש פון זיינע פרישע בלעטער, און איינגעפליסט די בעסטע חלומות מיט'ן געזאנג פון צווישען זיינע צווייגען, — ווי נאר א מוטער קען איינוויגען און איינשלעפערען איהר איין־איינציג קינד מיט איהר זיס־האניגדיגען וויגען־ליעד...

נישט לאנג האט עס געדויערט!

דעם יעגער האט אויפגעוועקט א דונער! און, אז ער האט

די אויגען געעפענט, איז ער שוין כמעט געשוואומען אין א טייך פון רעגען־וואסער פון די אַרומיגע בערג...

און איז אייך אַסיאַן ווייניג, נעמט א מעשה פון האַמעל:

די, וואָס דאַרפען אַלץ זעהען פאראויס, האבען נישט די טבע הויך אַרויפצוקוקען, און האָבען נישט געזעהן דעם פאַגראַם, כאָטש ער האָט שוין געשוועבט איבער׳ן שטעדטעל אין דער לופטען, ווי אַ גייער, וואָס קרייזעלט אַרום, אויסקוקענדיג זיין רויב פון דער הויך! נאָר די אידישע הערצער האבען שוין געצאפּעלט. זיי האבען געפּיהלט, אַז עס קומט א צייט, ווען א „גשם אלהים" וועט זיין, נישט קוקענדיג אויף זיין שענקייט, א געפערליכע זאַך, און אויפוועקען קנאה־שנאה!

און וואָס דאַרף איך אסך ראיות? אַן אַלטער פּיליסטער האָט אַמאָל געזאָגט: גלויב נישט דעם שענסטען טאָג! און פון דאַמאָלט אָן געהט קיין עכטער בעל־הבית אָהן א רעגען־שירם נישט פון שטוב אַרויס...

איך בין אייך נאָר געקומען זאָגען, אַז איך אַליין האָב אויך איבערגעלעבט אַזאַ טאָג, א טאָג וואָס האָט זיך געעפענט ווי א שמאַלץ־גרוב פון נחת, און פאַרשלאָסען טאַקע—ווי אַן אמת׳ער קבר.

און דעם נחת האָב איך באַלד אין דער פריה נאָך אין בעט אפילו געהאַט, דען איך בין געוואוינט דורכצוואַרפען די פּאָסט: בריף און צייטונגען אין בעט, און טאַקע די לעצטע האבען מיר געבראַכט די ישועות ונחמות.

ערשטענס, האָב איך פון קיינעם קיין מאַהן־בריף נישט באַקומען, כאָטש שולדיג בין איך איבער׳ן קאָפּ, ווי עס פּאַסט פאַר א קליינעם סוחר... אָדער מיינע נושים זענען צו רייך געוואָרען, און עס פּאַסט זיי נישט צו מאַהנען; אָדער — צו אָרים און האבען אויף קיין פּאָסט־געלט נישט געהאַט, אָדער זיי האבען מיך שוין לאַנג אַרויף־געשטעלט אויף דער קאָנטאָ פון היזק און אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט — — —

צווייטענס — אַן אַנגענעמע דעפּעשע אין „קוריער וואַר־שאַווסקי", ווי אויך אין אַנדערע, זיינע קאָנקורענטען. און נישט די דעפּעשע איז אַזוי אַנגענעם, ווי דאָס, וואָס עס פּעהלט אין דער דעפּעשע.

ביי די לעצטע וויבאָרעס אין פּויזען, האָט א איד בשום אופן

נישט דערלאזט, עס זאל אויסגעקליבען ווערען א פוילישער פרע־
זידענט; ער האט זיך איינגעשפארט און וויל דוקא א דייטש...
און אצינד שטעלט אייך פאר, אז, א חוץ עטליכע אפען־אנטיסע־
מיטישע בלעטער, האט קיין איינציגער נישט פארגעסען אויסצו־
שטרייכען די אידישקייט פון די אויסקלייבער!...

עס פאלט מיר אויף קיין סעקונדע נישט איין, אז די בלעטער
האבען אזוי געטראכט: „אויב מען פארלאנגט, על פי דין פון אסי־
מילאטארישען שלחן ערוך, פון אידען, זיי זאלען נישט האבען קיין
אייגענעם פאטריאטיזם נאר דוקא א פרעמדען, מוז, לעבען דעם
אידיש־פוילישען, אויך א אידיש־דייטשער פאטריאטיזם עקזיסטי־
רען, ווי אויך אן ענגלישער, פראנצויזישער, אמעריקאנישער א. ד.
גלייכען, היינט שוין א אידיש־פאנאמישער פאטריאטיזם אויך! איז
עסטרייך מוז גאר זיין א פערמישעניש פון אלערליי אידישע פאט־
ריאטיזמען. נאר וואס־זשע זאלען מיר ארויסשטעלען דעם א י ד?“
ווי געזאגט, איז מיר דאס גאר נישט איינגעפאלען! דאס וואלט
שוין געווען צו עהרליך און צו קלוג פאר טעגליכע גאסען־בלעטער
פון געוויסען סארט. זייער עהרליכקייט טרעט ארוים נאר געגען
שטארקערע, וואס לאזען זיך נישט בייסען נאר בעטען, און זייער
חכמה איז א בלימעל, וואס וואקסט קיינמאל נישט העכער פון
זוים פון בארג, וואו די בהמות פאשען... אלא מאי? מען רעכענט
זיך מיט'ן אידישען אבאנענט! דאס איז אויך שוין א גוטע זאך,
א סימן, אז מיר שטארקען זיך און, לעזענדיג א בלבול, זאגט מען
שוין ניט: „דאס מיינט מען יענעם, דעם מאוסען איד, און נישט
מיך, ווייל איך בין א שעהנער“! מען ווייסט שוין, אז אלע
זענען שעהן פאר זיך און מאוס פאר פרעמדע! אפילו אין דער
דייטשער שול, דערצעהלט מען, ווערט ביים „לייענען“ שטיל אפ־
געערדט, וועלכע בלעטער מען זאל שטיצען, און וועלכע עוקר מן
השורש זיין... נישט וואר — א נחת?

דריטענס, איז מיר אין דער האנט אריינגעפאלען אן אנאני־
מער צירקולאר, וואס ראט: מיר, אידען, זאלען מאכען יד אחת,
און אפזאגען דעם „קוריער ווארשאווסקי“! כאטש איך ווייס פא־
זיטיוו, אז דער „קוריער ווארשאווסקי“ איז נישט ערגער און נישט
בעסער פאר זיינע חברים; כאטש איך ווייס גאנץ זיכער, אז דער
צירקולאר קומט נישט ארוים פון אונזער צד, נאר פון „קוריער

וואַרשאַווסקי'ס" קאָנקורענטען, וואָס ווילען דאָס אידיש וואַסערל זאָל געהן אויף זייער מילכעל, פּרעה איך מיר דאָך! פּרעמדע חאַל־טען אונז פאַר א קראַפּט! מחוץ למחנה גלויבט מען אין אונזער סאָלידאַריטעט! און, ווייסען ווייס איך, אז נישט א י י ן גוטע זאַך האָט מען ביי אונז ארויסגעריסען פון דרויסען! דער ערשטער ציוניסט, למשל, איז געווען א פּראָקוראָר, וואָס האָט דערצעהלט פון אַפּענע גרענעצען!

איך נעהם מיך צוריק צו די בלעטער און ווער געוואָר, אז די אָפּענע אַנטיסעמיטען האָבען, נישט פאַר אייך גערעכט, א גרויסען מכשול געהאַט. אַן אַנדערער וואָלט שוין דעם האַלז גע־בראָכען. זיי, וואָס שטיצען זיך אויפ'ן פאָלק מיט'ן קלויסטער, וועלען עס אויך נישט אַזוי לייכט איבערקרענקען. און די מעשה איז א שעהנע: זאָלץ אין די אויגען איז זיי פון אייביג אויף די „גאַזעטאַ האַנדלאָווא", וואָס שטעקט ווי עס איז אין אידישע הענט, און כאָטש זי טרעט ארויס געגנוג שאַרף געגען ציוניזם און (אידי־שען, נאַטירליך!) נאַציאָנאַליזם, רעדט זי פאָרט אַמאָל א גוט וואָרט פאַר די „בירגער פון מאָזאאישער קאָנפעסיאָן" און האָט נאָך גאַנץ אָפּט א מאוס'ן ריח פון אידישער חוצפּה. אידישע חוצפּה האָט זי, למשל, באַוויזען ערשט נישט לאַנג, ווען עס איז גע־גאַנגען וועגען א פּאַטריאָטיש ביין אָפּצולעקען. דער וואַרשע־ווער מאַגיסטראַט האָט באַקומען אַן אויסלענדישע הלואה פון דריי און דרייסיג מיליאָן אויף שטאָדט־זאַכען, האָט די פּרעסע פאַרלאַנגט, זי זאָל זיין פאַרגעשטעלט אויף די אסיפות וועגען די חשבונות פון דער הוצאה והכנסה. ערשטענס, איז עס כבוד, צוויי־טענס א מין שטיקל פּריוויהייט. דריטענס, ווי געזאָגט — א ביין צום אָפּלעקען: נאָך אַזוינע אסיפות דערלאַנגט מען צו פאַרביי־סען! און פיערטענס — וואו חשבונות, קאָנען אריינפאַלען טעותים, טעותים דאַרף מען פאַרגלעטען און מוז פאַרגלעטען און העלפען פאַרגלעטען לעבט נישט איין פּובליציסט... וואָס טוט די „גאַ־זעטאַ האַנדלאָווא"? אין סאַמע־ראָדנער היץ פון זיך מקריב זיין לטובת הכלל, טרעט זי ארויס מיט א קאַלטער עצה טובה פאַר'ן מאַ־גיסטראַט, ער זאָל זיך נישט לאָזען כאַפּען אין דער גראָבער נעץ פון פּאַטריאָטישער חניפה, און נישט רופען די עם־הארצים צו אסיפות וועגען זאַכען, פון וועלכע זיי האָבען קיין באַגריף נישט! פאַר־

שטעהט זיך, אז אלע „פעדער-בייסער", „בראטען דרעהער", פאטרי־אטיזם-הענדלער און אנטיסעמיטען, אזוי אפענע, ווי באהאלטענע, וואס פארקויפען די סחורה, ווי אויסלענדישע ציגארען בסוד סודות פון באהאלטעניש ארויס, און גלאטע „הויט-שינדער", וואס לעבען האלב דערפון, ווייל די אנדערע העלפט נעהמט צו דער סטיליסט, אז די אלע זענען ארוים פון די כלים! הונדערט נמרוד'ס האבען זיך געלאזט געגען איינציגען אידישען פוקס, און די „גאזעטא האנדלאווא" האט זיך, — א וואונדערליכע זאך! — נישט דער־שראקען. פארקערט, זי האט נאך די העזה געהאט ארויסצוטרע־טען מיט א בייזען ארטיקעל געגען דער הנהגה אין שפיטעלער.

דער שרייבער פון ארטיקעל איז מיט דער הנהגה אין די קראנקען-הייזער זעהר נישט צופרידען. מען באהאנדעלט דעם קראנקען לויט דער אלטער מאדע, לויט דער אלטער פילאזאפיע פון איוב'ס חברים נאך, וואס האט געגלויבט, אז יעדע קרענק איז איין אנשיקעניש, א שטראף פון גאט, וועניגסטענס אז אפקומעניש פאר שווערע זינד.

וואס בלייבט ביי אזא איבערגלויבען דעם קראנקען צו טון? תשובה טון, אין הארץ אריין זיך קלאפען, מוסר הערען פון גוטע און פרומע לייטס מויל, און אין איין וועגס וידוי זאגען, קלאפען זיך על-חטא און אויסשטרעקען די האלז געגען מלאך המות'ס חלף...

היינט — מיינט דער שרייבער — זענען אנדערע צייטען. מיט'ן קראנקען האבען מיר מיטלייד, מיר ווילען איהם היילען, שטארקען, אפשוואכען וועניגסטענס דעם וועהטאג, הויבען דעם הומאר, צוויאגען די מרה שחורה, פרייער און לעבעדיגער מאכען. אין שפיטאל איז אבער אלץ פארקערט. אלץ ווארפט אויפ'ן קראנ־קען פחד און מרה שחורה. ערשטענס, איז דאס שפיטאל א מין תפיסה, מיט „סווידאניעס" איינמאל אין וואך פאר די נאהענטסטע קרובים. צווייטענס, איז אלץ, וואס רינגעלט ארום דעם קראנקען, פאר'מרה-שחורה'ט, גרוי אדער שווארץ, פון דאקטאר ביז צום פעלדשער, פון די ווענט, ביז דער הייליגער שוועסטער אפילו ביז'ן שווארצען קרייץ אין זאל.

דאס האט שוין איבערגעוואויגען אלעס! סטייטש, א איד האט די העזה אונז מוסר צו זאגען, אפיקורסות צו לערנען און נאך א דעה זאגען וועגען דעם קאליר פון קרייץ?

וואָס לאָזט זיך אָבער אויס ? די אָפענע אַנטיסעמיטען האָ־בען אַ מכשול געהאַט. עס איז גאָר קיין אידישער אַרטיקעל נישט געווען, עס זענען געווען, ווי עס האָט זיך אויסגעוויזען, איניציאַ־לען — ראשי תיבות — פון אַן אמת קריסטליך־פוילישען שריי־בער פון אבות־אבותיו, אהן אַ טראָפּען אידיש בלוט אין די אָדע־רען...

און פון דעם מכשול שעפּ איך אויך נחת. מען האָט גע־וואָלט אונזער איינציג אידיש־אַסימילאַטאָרישע צייטונג ווייטער אָפּקרעלען ווי אַ ד ב ר א ח ר, נאָ דיר — עס איז גאָר אַ קריסט!...

נחת האָב איך געהאַט אפילו פון „פשעגלאָנד טיגאָדניאָווי", כאָטש ער האָט פון אַ קורצער צייט אָנגעהויבען ציטערען, מען זאָל איהם נישט האַלטען פאַר אַ פילאָסעמיטיש בלאַט, און דאָך געפיז איך דאָרט אַ ידיעה, אין וועלכער איך שמעלץ מיך, ווי אין סמע־טאַנקאָוועז פּוטער. „די בעסטע פוילישע דעקלאַמאַטאָרקע — שרייבט דער פשעגלאָנד — האָבען מיר שוין פאַר עטליכע יאָהר געזאָגט (און דער „איזראַעליט" האָט אודאי מיט גרויס נחת איבערגעשריבען), איז העלענאַ אַרקאָווין, און אויב עמיץ קאָן מיט איהר קאָנקורירען, איז עס נאָר מאַריע גלאָס". און ווייסען ווייס איך, אַז ביידע, אי העלענאַ אַרקאָווין, אי מאַריע גלאָס זענען אי־דישע טעכטער. אמת, קיין איינציגע פון זיי וועט אפשר נישט קענען און נישט וועלען דעקלאַמירען עפּעס פון ביאַליקען אָדער ראָזענפעלדען, אָבער — אַ כבוד איז דאָס ! אַן אַסימילאַטאָר דאַרף פון דער הויט אַרויסשפּרינגען !

היינט עטליכע קליינינקייטען : ערגעץ אין דער פּראָווינץ זע־נען צוויי פּריצות געווען אויף אַ אידישער חתונה, ביי אַ נגיר'ם אַ זוהן צי אַ טאָכטער, און זענען, דער „ראַלאַ" צו צוזעצעניש, געשטאַנען ביי דער חופּה מיט הבדלות אין דער האַנט ! איך גלויב, אַז ווי דאָס פּאָר פּאָלק וועט נישט לעבען, די פּלעמעלעך פון די חופּה־הבדלות, אין קריסטליכע הענט וועלען זיי באַשיינען און באַלייכטען דעם וועג פון מענשליכען לעבען — פון „ויסעו" ביז „ויחנו"...

היינט האָבען דריי פּריצים זיך צוזאַמענגעלעגט און מנדר געווען הונדערט און פופציג רובל אויף די קרושנעוויצער שול. די דייטשע שול אין וואַרשע האָט נאָר די זכיה צו נדבות און מתנות

פון פריש גע'טובל'טע, דארט — פון אמת'ע און געווים עהרליכע קריסטען. און ווייטער דאסזעלבע: די „ראלא“ פלאצט!

נאך מעהר: אין קאמיטעט פון מלאווער פילהארמאניע איז אויסגעקליבען געווארען א איד אויך, און די „ראלא“ ציטערט, ער זאל נישט באהערשען די גאנצע פילהארמאניע און נישט הייסען זינגען און שפילען מה־יפית.

און די ווארשעווער פילהארמאניע? צווישען די וועלט־ארטיס־טען, וואס זי ברענגט היי־יאהר אראפ, צו באלעבען דעם מוזיקא־לישען סעזאן, וועט זיין א גרעסערער פראצענט אידען ווי צווישען די מעסער־לייט פון דזשיקא גאס!

וואס נאך זאל איך אייך דערצעהלען?

דער „בעל כרחו יענה אמן“ איז אויך מקוים געווארען. דער אנטיסעמיטישער „וויעק“, וויל פאר ניי־יאהר זיך אינטערעסאנט און לעבעדיג מאכען און נים א גאנצע רייהע ארטיקלען וועגען דער אידישער פראגע.

און וועמען געטרויט דער אנטיסעמיטישער „וויעק“ זיין לעצט מיטעל פאר'ן ניי־יאהר? אונזער איינעם אין די הענט אריין! „אהר“ האט עס איבערגענומען און גיסט, און גיסט כמעט יעדען טאג „לויט באפעהל“ — א איד טוט אזוי זיינס, אזוי וואס מען הייסט איהם, בשלמות, מיט'ן גאנצען הארץ!

און נאך: פאראן א האפנונג, אז פון ניי־יאהר וועט די צאהל פון ווארשעווער גאסען־פערד פארמינדערט ווערען. ערשטענס, פארגרעסערט זיך די צאהל פון אויטאמאבילען און, צווייטענס, זאל מען אויסשפאנען די פערד פון די טראמוויים און באוועגען זיי מיט עלעקטריציטעט אדער אפשר ג ע ד י כ ט ע ר לופט, וואס ווארשע פארמאגט אויפ'ן העכסטען גראד...

אזוי האט זיך אנגעהויבען דער טאג, נאר ווי אזוי ער האט זיך געענדיגט, וויל איך אייך אויך דערצעהלען. ארויסגעגאנגען פון שטוב בין איך א געהויבענער, צוריק געקומען — אויף אלע שונאים געזאגט!

נישט ווייט פון דער היים, באלד אויף דער „וואַרימער“ גאס, בין איך שיעור נים ארויס פון די כלים.

א סצענע אין מיט'ן גאס:

א רעדעל פאר דער פאבריק פון אייזערנע בעטען.

אין מיט'ן רעדעל שטעהט א פרוי מיט א שווארץ פער־שמירטען, — אַן ארבייטער מיט א דערשראָקענעם, — און א גאראדאוואי מיט א „שאלת־חכם" אויפ'ן ברייטען פנים. דאָס רעדעל ארום זענען קריסטען. אידען געהען פארביי איילענדיג; וואו עס מאַכט זיך א גערעדעל, איז א אידיש פנים געפעהרליך. איך האָב, גאָט זיי דאַנק, א טאטאריש פנים, שטעל איך מיך אָפּ און הער וועגען וואָס עס געהט!

און געהן געהט דאָס וועגען א שמיר מיט שווארצע הענט פון אייזען איבער א ווייס דאַמען־געזיכט.

די דאַמע שרייט: וו אוטשאסטאַק!

דער ארבייטער מיט דער פאַלע אין גאראדאוואָיס האַנט בעט זיך אָפּ. ער איז נישט שולדיג. ער האָט געמיינט, עס איז א אידיש קינד.

די דאַמע שרייט נאָך העכער: „וו אוטשאסטאַק"; אצינד האָט ער זי נאָך מעהר באַליידיגט. צי איז זי דען עהנליך צו א אידי־שער טאָכטער? פאר וואָס זאָגט ער, אַז ער האָט געמיינט?

דער גאָרדאָוואָי איז נוטה צו גלויבען, אַז עס איז „א טעות גוי מותר" —

דער עולם קוקט אַראָפּ אויף דער דאַמע, פּרובענדיג צי האָט זי באמת נישט קיין עהנליכקייט צו א אידישער טאָכטער — — —

פלוצלונג גיט דער גאראדאוואי א געשריי: וואָס פאַר א רע־דעל מאַכט זיך עס? אַלע רוקען זיך קוים, קוים און פאַמעלעך אָפּ, און איך האָב מיך פלוצלונג דערשראָקען און אַנטלאָפען און ווייס עד היום נישט, מיט וואָס די מעשה האָט זיך געענדיגט. רחמנא לצלן, אמאָל קומט די נשמה אין די פיס אריין!

אַנטלאָפען בין איך אויף דער טווארדע גאַס און האָב מיך אָפּגעשטעלט מיט דער נשמה אין די ציטערדיגע פיס ביי דער סטאַנציע פון געלען טראַמוויי. באַמערק איך א שכן, דאַכט זיך, נישט משלנו, און זידעלט זיך „פשא קרעוו", און גערעכט איז ער. אויפ'ן געלען איז זיך זעלטען צו דערוואַרטען. פאַלט מיר איין א געשעפט: צוזאַמען צו נעמען א דראָשקע. מיין שכן באַשטעהט, נאָר מעהר ווי זיבען קאָפּ. וויל ער נישט צו שטייער געבען, אויך צאָהלען וויל ער! פאַר וואָס? ווייל ער פאָהרט נישט אויף די נאַלעווקעס, וואו איך, פאַרשטעהט זיך, דאַרף, נאָר ווייטער.

מיין כפרה, נאָ דיר דרייצעהן קאָפּ. א דראָשקע פאָהרט אונטער, ער שפרינגט אריין, איך געה איבער אויף יענער זייט און זיץ.

— איך בין, — זאָגט מיר מיין שכן, — קיין אנטיסעמיט נישט, דערוויילֿ נישט, מען דארף אייך נאָך אויף לאַנגע יאָהרען מיט אייער שפּריט, נאָר אויף אייערע נאַלעווקעס, זייט מיר מוחל, קריג איך דעם קאַטער!

איך באַנוץ מיך דערמיט, וואָס דער דראָשקאַר פאַריכט עפּעס ביי'ם געשפאַן, און שפּרינג צוריק אראָפּ צום טראַמוויי, מיט דריי־צעהן קאָפּ. ווערט מען נישט געבוירען...

קוים איך האָב מיך דערוואָרט און פאָהר... פּלוצלונג — סטאָפּ! וואָס איז? דער טראַמוויי קען נישט געהן, — א לויה. איך הויב מיך אויף — א שוואַרצע, אנגעפּראַפּטע גאַס, פון פאַרנט אַן אָרון...

מיינס א שכן זאָגט: א אידישע שוואַרצע לויה!

א צווייטער באַמערקט: געוויס אַן עושר, א בעל־צדקה!

— דאָס איז די מעשה, שרייט עמיץ מיט כעס, וואָס מען האַלט מלחמה מיט זייערע אָרעמע לייט. דער עושר בלייבט און העלפט! מען דאַרף זיך צו די עשירים נעמען...

— אבער ווי הייסט נעמען!

— געוויס!

דער אידישער דריי־פיערטעלֿ טראַמוויי שווייגט און דער פּור־מאַן באַמערקט פון זיין זייט:

— וואו באַקומט מען דאָ א חלק ירושה?

— אַז מען נעמט נישט, האָט מען נישט!

אויך ניט שלעכט, וואָס?

אבער דעם לעצטען און פעטסטען ביסען האָב איך ערשט פאַרנאַכט איינגעשלונגען.

עס איז געוועזן אויף מיין צוריק־רייזע, אויך אויף א טראַמוויי, פון דאַרף וואָלאַ, וואו איך האָב מיינע טעגליכע געשעפטען יאָ פאַרזאָרגט און נישט פאַרזאָרגט, מיילער האָבען צוגעזאָגט און אויגען — געלייקענט...

פאָהרען פאָהר איך שוין אין צווייטען קלאַס, צווישען אידען. נאָר פאַר מיר זיצט א קריסטליכע געזעלשאַפט: א קאַנאַניק מיט א פרוי. פון קאַנאַניק זעה איך נאָר א פעטען רויטען קאַרק, וואָס

וואלט אויף קיין שום חולה (אויסער אויף א אידישען) קיין שלעכ־טען איינדרוק ניט געהאט; די דאמע האט געמוזט זיין פון אויס־לאנד אדער פון דער פראווינץ, ווייל דער קאנאניק האט איהר אויף שריט און טריט געגעבען באשייד: דאס איז דאס, דאס איז יענעס...

— און דאס — וועקט ער מיך פון מיינע פרנסה־געדאנקען אויף — איז דער וואלער קלויסטער.

— פריש געבויט? — הויבט זיך די דאמע אביסעל אונטער.

— און וואס פאר א צרות — קרעכצט דער קאנאניק, און דער קארק לעגט זיך איהם אין פאלדען, — איך האב ביים געלט זאמלען געהאט... עס איז איהם גאנץ שווער צוגעגאנגען. בא, איז טייל הייזער האט מען איהם די טיר פאר דער נאז פארמאכט. וואס טויג — זאגען זיי — קלויסטערס? דאס זענען אלטע זא־כען! מען דארף שפיטעלער, נאכט־אזיל־הייזער, איבערהויפט שו־לען...

א זאראזע — קרעכצט די דאמע — אין פראנקרייך ווערט דער קלויסטער געיאגט און געפלאגט.

— אויך פראנקרייך איז נישט שולדיג. פראנקרייך איז דעם קלויסטערס ערשטע און ליעבסטע טאכטער... שולדיג זענען די אי־דעלעך, וואס פארשפרייטען זייער אפיקורסות אזוי דא, אזוי דארט! און מיינסט, מיין טאכטער, זיי ווייסען נישט דעם אמת? א פארקערט פאלק, אלץ להכעיס! נאר נישט אייביג וועט זיין זייער יום־טוב...

— ווי אזוי?

— אין פראנקרייך וועט זיין א רעוואלוציע! אידעלעך — חיק! ער מאכט א צייכען ביים האלז.

— און דא?...

די תשובה האב איך נ י ש ט דערהערט, נאר פיהלען פיהל איך זי.

ח.

קישינעוו האט געווירקט אויף ווארשוי, ווי א דונער אין שעה־נעם העלען טאג פון שטילסטען, קלארסטען הימעל.

ווארשוי איז פארציטערט געווארען. אויף דער בערזע, אין טע־

אַטער, אין צירק, אויף קאָנצערטען און אין גערטלעך — פון שו־לען און גאַסען נישט צו רעדען — האָט מען מעהר נישט געהערט.
ווי „אמת“ ? „אמת“ ! און אין די אויגען פון דעם, וואָס האָט גע־פּרענט, איז פאַרלאָשען געוואָרען דער לעצטער פונק פון דער לעצ־טער האָפנונג. צו הערען: עס הויבט זיך נישט אָן!

דערנאָך האָבען אַלע באַקומען א תאוה, א קרענקליכע תאוה, צו וויסען אַלץ, אַלץ, מיט'ן פּינטעלע, מיט'ן שפּרענקעלע; אויס־צוטרינקען דעם סם ביז'ן לעצטען טראָפּען, און דער „קוריער וואר־שאַווסקי“, דער איינציגער ברונען, פון וועלכען וואַרשוי שעפּט אַלץ, וואָס זי ווייסט, האָט אָבער געשוויגען, געוואָלט, צי געמוזט שווייגען, און אפשר ביידע צוזאַמען...

דערוויילע האָט דאָס צוזודערטע וואַרשוי איהרם געטאָן: אַרויסגעשיקט קיין קישינעוו צוואַנציג טויזענט רובעל געלט און צוויי אידישע רעדאַקטאָרען... געלט האָט אפשר וואַרשוי געקאָנט שיקען מעהר; רעדאַקטאָרען מעהר האָט זי נישט; דערווייל נישט...

דאָס געלט איז אין קישינעוו, מן־הסתם, צונויץ געקומען, די רעדאַקטאָרען אפשר אויך. איינעם איז גאָר באַשערט געווען צו געפינען אַן אַלטען כתב און אָפּצודרוקען אויסער קאָרעספּאָנדענ־ציעס. דער צווייטער האָט אָנגעפּילט א גרויס בוך מיט זכרונות, אַן אוצר אויף לאַנגע יאָהרען... נאָר פון דעם האָט וואַרשוי אויך אַ נוצען געהאַט: אויף דעם צווייטען, וואָס איז אייגענטליך דער ערשטער, האָט מען טאַקע געוואַרט, ווי מען וואַרט אויף משיח'ן...

עס איז שוין, נישט פאַר אייך געדאַכט, געקומען צו חרפּות ובושות.

דער לייטישער עולם, דער צילינדער־עולם, די מזרח־וואַנט פון דער „דייטשער שול“, די נעהנטסטע קרובים פון אַזוינע גרוי־סע און הויכע לייט, וואָס דערזעהן שוין נישט קישינעוו, אפילו די כנסת ישראל נישט... אַזוינע, וואָס רעכטען זיך היינט־מאָרגען אפילו אויפצוהערען צו צאָהלען עטאַט און באַגניגען זיך מיט אַלע פּאַדאַטקעס — די אַלע האָבען פּלוצלונג דערפיהלט, אַז זיי האָבען באַקומען זייערם אַן אייגען עגמת־נפש, אַן אייגענע שרעק. אַן איי־גענע לעבענספראַגע, איבער וועלכע דער „קוריער וואַרשאַווסקי“ וועט נישט ענטפערען... פון וועלכער ער וועט נישט רעדען, און אויב יאָ, וועט דאָס זיין ווען הערענדיג...

נאָר וואו ווערט מען עס געוואָר?

א טייל האָבען זיך בסוד סודות געכאַפּט צו די „נאָוואָסטי"; אַנדערע, וואָס האָבען אַמאָל אין א חדר געלערענט, האָבען מיט א פאַרבלוטיגטען האַרץ און פאַרביסענע ליפּען באַלעגערט דעם אידי־שען צייטונגס־טרעגער אין גאַס... מען כאַפּט די „הצפירה", א היי־מיש בלאַט. אַנדערע, וואָס ווילען ביליגער מיט א קאָפּיקע, שטרע־קען אויס די האַנט נאָכ'ן „הצופה", נאָך אַנדערע, וואָס האָבען ווייניגער געלערענט, אָדער מעהר פאַרגעסען, פאַלען, — לאַ־עליכם — מיט נאָך א שטאַפּעל טיפער און ציהען אַרויס דעם „פריינד"...

און מען לויפט, און מען לויפט מיט א צאַפּעלדיגען האַרץ אַהיים. און מען פאַרשליסט זיך בחדרי חדרים און מען לעזט, און ווער עס האָט קיין חדרי חדרים נישט, און ציטערט פאַר'ן ווייב, און שעמט זיך פאַר דער באַנע, צי פאַר דער דינסט, כאַפּט דאָס בלאַט מיט זיך אין גאָרטען אַריין, פאַרשלאָגט זיך אין אן אָפּגעלעגען ווינקעלע און טרינקט דעם סם... אָדער שפּרינגט אַריין אין טראַמוויי און לאָזט זיך פיהרען קיין פראַג. אויפ'ן וועג טרעפען זיינע אויגען די היימישע ווייקסעל און ער דערקענט זי נישט, עפּעס איז זי איהם אַנדערש, ווייניגער היימיש.

ווי עס איז, מען לעבט. די האַנט, וואָס האַלט דאָס בלאַט, ציטערט; די אויגען, וואָס קוקען אַריין און האָבען מורא אן אות צו פאַרלירען, פינטלען, און ווייסע ליפּען ציטערען: באַזשיע, באַזשיע!

אינמיטען כאַפּט מען אַרויס דעם זייגער, מען וואַרפט אן אויג אויף דער דאַטע פון אָנהויב בלאַט, צי האָט מען קיין טעות נישט אין דער צייט! אז אַנדערער בייסט זיך אַריין אין דער ליפּ — צי עס איז קיין בייזער חלום נישט...

נאָר זאָט דערפון איז מען נישט געוואָרען...

מען פיהלט, אז עס מוז זיין מעהר! אז עס איז פאַראַן א זיפּ, וואָס לאָזט נאָר דורך דאָס שיטערע, דאָס געדיכטע פאַרהאַלט זי ביי זיך... זאָל דער רעדאַקטאָר קומען, דער אמת'ער רעדאַקטאָר!...

און, איידער ער קומט, פאַרגיט מען איהם אַלע זינד געגען די אַסימילאַציע, געגען „איזראַעליט", געגען די דייטשע שול וכדומה. זאָל ער קומען, זאָל ער נאָר דערצעהלען...

ווי געזאָגט: געהאָפּט, ווי אויף משיח'ן...

און ד ע ר משיח האט נ י ש ט געלאזט לאנג אויף זיך וואַרטען.

ער איז געקומען און האט גערעדט.

א נייער ירמיהו, א נייער חורבן, א שפּאַגעל־נייע איכה... א נייער שבט־מוסר, מיט א נייעם ברענענדיגען גיהנום!

פּאַרטריקענטע הערצער הויבען אן בלוטיגען... גאָט ווייסט, אין וועלכען אש־ווינקעלע עס האט זיך געוואַלגערט א פונק אידיש־קייט, און עס האט אויפגעפלאַקערט און צופלאַקערט זיך דורך די אויגען ארויס... האר אויפ'ן קאפּ שטעלען זיך קאפּויר, שטייף־גע־וואַקסענע, הויך־געהויבענע וואַנסען צודרעהען זיך און פאַלען אראָפּ אין פאַרשטעלען די פאַרציטערטע ליפּען... איבער בלאַנשירטע דאַ־מען־פּנים'ער ציהען זיך גאַנצע שנירלעך שוואַרצליכע פּערעל פון די ארומגערענדערטע אויגען ארויס...

און דער אָטעם שטאַקט. הערצער שטאַקען און בלייבען שטיל! — —

די קינה האט זיך געענדיגט און זי קלינגט נאָך אין דער לופט... און טרויעריג, ווי מיט שטילע פליגעל קלאַפּט זי און שלאָגט זיך נאָך ארום ביי די ווענט, באַריהרט דערשראָקען די פּאָרטרעטען פון פּוילישע מלכים, שווייצאַרישע בערג, ריין־געגענדען און אנדערע קונסטווערק — —

און פּלוצלונג האט די וואַרשעווער פאַרזאַמעלטע כנסת־ישראל אויפגעהויבען דעם קאפּ, און פון אלע געעפענטע מיילער איז ארויס א געבריל:

— א ו ו ע ק מיט'ן „קוריער־וואַרשאַווסקי"!

און דער „קוריער וואַרשאַווסקי", האט זיך דערשראָקען...

און דאָס איז געוועזען שוין דער דריטער באַיקאָט.

דער ערשטער איז געווען אויף א געוויסען סאָרט טיי, דער צווייטער געגען א געוויסער פאַבריק פון פּאַפּיראָסען, דער דריטער ערשט אויפ'ן „קוריער וואַרשאַווסקי"...

און אלע דריי באַיקאָטען האָבען אזוי לאַנג געדויערט און אזוי־

פיעל געווירקט, וויפיעל אַלע פוילישע באיקאָטען געגען דייטשע סחורות...

און דער „קוריער ווארשאווסקי" האט זיך אליין געהאָלפען...

פּלוצלונג, אין א שעהנעם העלען זומער־טאָג, האט ער אָפּגע־דרוקט דעם קראָנשטאטער כהן־גדול'ס ווערטער... אביסעל האט ער זיך פארשפעטיגט, דאָך „בעסער שפּעט איידער קיינמאָל נישט"... דערנאָך, אז עס איז פאָרגעקומען אין דער ווארשעווער סודעבנאיא פּאַלאַטאַ דער פּראָצעס פון טשענסטאָכאווער פּאָגראָם, און א טייל אדוואקאטען האט פארטיידיגט די פאר'משפט'ע דער־מיט, אז אין פוילען איז קיין אנטיסעמיטיזם נישט פאראן, נאָר, אז מען האט געהערט, ווי מען האט געשלאָגען א פויערשע דאמע, האט דער ריצאַרסקי האָנער פארלאנגט, מען זאָל אויסהאקען עטליכע אידישע שויבען פון די פענסטער און ציין פון די מיילער, בשעת, ווען דער צווייטער טייל אדוואקאטען האט געזאָגט: לא כי! גע־ווען אנטיסעמיטיזם און עס וועט זיין, און עס מוז זיין, ווייל די אי־דען שווינדלען, ראבעווען, נאָגען אויס דאָס פאָלק, ביז עס ווערט פארביטערט און שלאָגט — האט דער „קוריער ווארשאווסקי" אָפּ־געדרוקט נאָך די ערשטע רעדען. געגאָסען נאָך דעם זיס־וויינינגען שלאָף־געטראנק און פון דער רעשט א קלוגען שוויג געמאכט.

ווי איהר זעהט, האט זיך דער „קוריער ווארשאווסקי" אליין אנגענומען ביי די אויערען און ארויסגעצויגען פון דער בלאָטע... בנוגע צו טיי און פּאַפּיראָסען, האט שוין געמוזט ארויסטרעטען דאָס ווארשעווער ראבינאט!

אַלץ רוקט זיך, די רבנים אויך!

אמאָל איז א רב געווען כמעט סאמע רוחניות... איך זאָג „כמעט", ווייל די רבי'צין האט פון רח"ש צי פון די הייוועז, דאָך אמאָל אָפּגעקאָכט א וויעטשערע און דעם רב'ס גוף האט אויך גע־מוזט אביסעל וואקסען... און גאָר איינגאנצען אין הימעל אריין האט גלאט א רב נישט געקאָנט, ווייל באלד איז געקומען א באהעלפער און אראָפּגעצויגען דעם רב ביי דער פּאָלע, צי דער פּיפּיק איז כשר... אבער אין גאס אריין איז א רב נישט געקומען. ערשטענס, איז אין גאס א בלאָטע, און פוילישע רבנים האָבען געהאט א מאָ־נאָפּאָל, אחוץ אויף די כשר'ע הייוועז, נאָך אויף בארועס־געהען

אויך... און גלאַט, ווי קומט מען עס גאָר אַריין, נישט קענענדיק קיין צורת מטבע?...

מיט דער צייט איז אַלץ אַנדערש געוואָרען... היינטיקע רבנים זענען וועלט־מענטשן... לויפן אַרום אין די „סאַנדעס" אַפּנעמען שבועות און האַקן אין רוסישן אַריין, ווי אין אַ קרויט... קאָרעספּאָנדירן מיט אויסלענדישע רבנים, צי מען קאָן נישט אַמאָל אַסר'ן טייל סערדינקעס ווען אַ חשש פון חזיר־שמאַלץ, און מתיר זיין אַנדערע, וואָס ווילן האָבן אַ הכשר מיט אַ השגחה פּרטית... ווען פּוטער פון גראָז מוז מען שואל בעצה זיין ביי אַ כעמיקער... און אַז עס ווערט אַ סכסוך ווען פּסח'דיקן טיי און — אַ מחלוקת פון אַ סכסוך, קומט מען מיט די שאלות ותשובות אפילו אין די צייטונגען אַריין אויך... שווימט מען אַרום אין בלעטער. אין נישט מיט רש"י כתב, וואָס און אַזוי ווי די רבנים פּלעגן שרייבן ווען עגונות און עבור־יאָהרען, נאָר טאַקע אויף דער פיערטער זייט צווישען די מודעות און מיט גרויסע, געוואַלט־שרייענדיקע מרובע־אותיות, גלייך מיט „מאַנאַ־וואַנאַ"־פּאַפּיראָסען, שמעקענדיקע שטורקאַצען, קאַלירטע ראָקעטען, אָדער מודעות וועגן באַנעס און דינסטען וכדומה...

היינט מוזען זיי זיך נאָך אַריינמישען אין באַיקאָטען...

און זיי האָבען זיך אַריינגעמישט, און אויך אַרויסגעלאָזט אַ מודעה וועגן מחילה און גוטסקייט, און ליעבשאַפט, און זיי, דאָס בין איך אייך ערב, וועלען קיין חרטה נ י ש ט האָבען...

1900—1903

די לויה.

אין אזא גרויסער שטאָדט ווי ווארשוי, מוזען זיין גרויסע לייט; און אז גרויסע לייט שטאַרבען, זענען גרויסע לויות.

אין יענער וואָך זענען דאָנערשטאָג און פרייטאָג גרויסע לויות געוועזען!

לער זענען געוועזען די גאסען, די רעסטאָראַנען, קאָנדיטאָ־רייען, קאפעען; אין די גערטען האָט מען געקאָנט עובר זיין אויפ׳ן גאנצען שלחן־ערוך, אונזערען צי זייערען, אָהן עדות; פאר דאָס איז פול געוועזען דאָס בית־עלמין, עס האָט געווימעלט אויפ׳ן בית־החיים.

און ווער האָט זיך דאָרט דאָנערשטאָג און פרייטאָג נישט געטראָפען?

דער ווירט מיט׳ן לאָקאַטאָר, דער מלוה מיט׳ן לוה, דער ברויט־נעמער מיט׳ן ברויט־געבער — אַלע האָבען זיך אָנגעקוקט און אָפּגעקרעכצט:

— וואָס איז ווערט — האָבען זיי געטראַכט — אונזער פריינדשאַפט און אונזער האָס, אונזער קאָנקורענץ און אונזער הילף, אונזערע טענות, סכסוכים, קאָנטראַקטען און וועקסלען?

פלוצלונג האָבען זיך אַלע אלס מענשען דערפיהלט! נאַטירליך נישט אויף לאַנג! נישט אויף לאַנג „נעמט זיך אַ לעבעדיגער צום הארץ״! דאָס לעבען איז אייזען און שטאָל, די מאָראַל „הויך — ווייך און אַנגעבלאָזען!״. אין טויער פון בית הקברות קומט אמאָל אריין אַ מענש, נאָר ארויס געהען שוין צוריק חיות רעות...

גוט איז דאָך אַ ליכטיגע מינוט ביי ווילדע משוגעים! אַ לויה, אַ יום־כפור, אפילו אַ יום־כפור־קטן!

דאַרף איך אייך זאָגען, וועמעס די גרויסע לויות זענען גע־

וועזען ? „קינד־און־קייט" ווייסט. אז „נתבקש בישיבה של מעלה" איז געוואָרען ר' זיינוועלע, דער עלטסטער ווארשעווער דיון, כמעט ווארשעווער רב, און איז געקומען צו קבר־ישראל ד'אנערשטאג !...

צורודערט זענען געוואָרען די מתים :

— ווער פאַרטרייבט אונז — קלאָגען זיי זיך — דעם זיסען שלאָף אָהן חלומות, און הרהורים־רעים, פון די אויסגעגעסענע אויגען־לעכער ?

— צי האָט זיך עמיץ פון אויבען באוויזען און אונטער זיינע טריט ציטערט אזוי די ערד ?

— וואָס טאַנצען, ווי שכור, די מצבות ?

— און וואָס טרעט צווישען די קברים, צי געהט מיליטער אויף ערגעץ אַ מלחמה ?

אזוי פרעגען די מתים, און דער הספד ענטפערט זיי :

— ר' זיינוועלע געהט צו אייך, ר' זיינוועלע !

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— מען מוז איהם גוט אויפנעמען — טראַכטען די מתים !

אַ קלייניגקייט פיערציג יאָהר „כמעט מרא־דאתרא" אין ווארשוי !

וויפיעל קדושין האָט ער מסדר געוועזן !

וויפיעל גט'ן, עכטע כשר'ע גט'ן האָט ער אין קהל־שטוב און ביי זיך אין דער היים אויסגעריכט !

וויפיעל מאָל איז ער אויף כסא־של־אליהו געזעסען ! וויפיעל חליצות האָבען פאר איהם געשפּיגען !

און וויפיעל דין־תורה'ס האָט ער גע'פסק'ענט, וויפיעל פּשרות געמאַכט, און וויפיעל נולדים ונפטרים אוים — און איינגעשריבען !

און ווער וועט איבערצעהלען, וויפיעל הכשרים ער האָט ארויס־געגעבען ! פאַר פסח—אויף מיהלען, אויף בעקער־אויוועז, אויף מצה־מעהל, אויף מצה־געוועלבער, אויף פאַפּירענע מצה־טעצלעך וכדומה און אַ גאַנץ יאָהר — אויף ווייגען, פליישען און אפילו אויף פּוטער פון פאַרשידענע קרייטעכצער !

און וויפיעל נשים, און וויפיעל טעפּעל־לעפעל האָט ער גע'־אסר'ט און מתיר געווען !

נישט קיין לעבעדיגער, נישט קיין טויטער, וועלען עס באַרע־
כענען. צעהל איבער די שטערען אין הימעל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דער מספיד קלאָגט:

„די שחיטה האָט ער געהאַלטען ביד רמה!"

„נישט געלאָזט, אַז וועך עס איז, פון וואַנען עס איז, זאָל קר־
מען מיט אַ סמיכה אפילו פון מאה־רבנים און אויסציהען אַ חלף!"

„כל־זמן ער האָט געלעבט, האָט אַ וואַרשעווער איד געוואוסט,
וואָס ער עסט, וועמעס פלייש ער עסט!"

און —

„אידישע קינדער האָט ער מיט מלמדים פאַרזאָרגט... אסך
מלמדים! אסך תורה, ווענינ תורה! אַבי נישט קיין ליטווישע
עברי — ווער מלמד! און מלמדים האָבען זיך געמעהרט כחול־הים,
קינדער האָבען זיך אויסגעלערענט דאַוונען און חומש לערנען און
אידען האָבען פרנסה געהאַט!"

„און אַ מרוצה־לקהל איז ער געוועזען!"

אַ לב־טוב, אַן עין־טוב — פאַר אַלעמען גוט!

פאַר אַלע האָט ער געהאַט אַ פריינדליכען בליק אין די ליב־
טיגע אויגען, אַ זיסען שמייכעל אויף'ן גלאַנצענדיגען פנים, אַ גוט
וואָרט אויף דער גלאַטער צונג און אַן אויסגעצויגענע, ווייכע, וואַ־
רעמע האַנט — פאַר אויסגעקיהלטע דייטשען, ברענענדיגע חסידים,
אויסגעטריקענטע מתנגדים, — דעריבער זענען אַלע צו דער לויה
געקומען, און ווען אַלע טרערען זאָלען אריינשווימען אין קבר,
וואָלט דער אָרון, וואָס מען וועט אריינלאָזען, ארומגעשוואומען! —

און די מתים פון עולם־אמת זיפצען: אמת, אמת!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

צווישען איין הספד און דעם צווייטען האָט זיך איבערגע־
דרעהט אַ מת מיט נאָך גאַנצע זייטען צו זיינע חברים און גע־
פרעגט:

— אַלערליי קולות הער איך, פאַרוואָס הער איך נישט די
קולות פון תנוקות של בית־רבן, פון תלמוד־תורה־קינדער?

און נאָך אַ פרישער מת, כמעט נאָך נישט אַן אנגעריכרטער,
ענטפערט:

— די קונדייסים נעמען צו אַ לויה?

זיי וואָלטען זיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און געשפּילט אין „ציגעל־מיגעל“, זיי וואָלטען זיך גע׳ממית׳ט, מיט שטיינער געוואָרפען און אין מטה אריין, צו דעם היילינגען מת געטראָפען!

און פון בית־הקברות וואָלטען זיי א תל געמאַכט! זיי וואָלטען אויף די קברים ארומגעטאַנצט, איבער די מצבות „קאַזשיאָלקעס“ געמאַכט...

און, וואָס דער עיקר איז, עס איז א חרפה און א בושה פאַר דער פּאָליציי — אָפּגעריסען, אָפּגעשליסען, אויסגעהונגערט...

אזוי האָט געזאָגט דער פרישער מת!

און ווער ווייס, וואָס נאָך פאַר א בלבולים דער מת וואָלט אויסגעטראַכט אויף די אָרעמע תלמוד־תורה־קינדער, ווען נישט, וואָס דער צווייטער הספד האָט זיך אָנגעהויבען.

„בשמת אחד מן החבורה, ידאגו כל בני החבורה“ — אויף דעם האָט זיך דער מספיד געשטעלט.

עס איז א גמרא, א בפירוש׳ע גמרא, און א בפירוש׳ע גמרא איז הפקר; אויף איהר מעגען זיך אַלע שטעלען, איבערדרעהען, איבערניצעווען, אויסטייטשען מיט׳ן קאָפּ אראָפּ און מיט די פיס ארויף, בפרט פאַר וואַרשעווער קהל...

און דער הספד־מאַכער טייטשט:

— אז עמיץ געהט אוועק פון דער חברה, מוז די גאַנצע חברה זיינע געשעפטען פאַרזאָרגען...

— אמת! אמת! — שאָקלען ווייטער די מתים מיט די ביינערנע קעפּ: מען מוז זיך צוטיילען מיט די גדולים ונפטרים, מיט די שוחטים, מיט׳ן סנדקאות, מיט אַלערליי הכשרים — —

אמת! אמת!

דאָס אַלץ איז געוועזען דאָנערשטאָג.

פרייטאָג האָבען די מתים כמעט גאָרנישט געהערט.

עס איז צו קבורה געקומען א אידישער גביר, א באַריהמטער בעל־צדקה — וואָוועלבערג!

נאָר די הספדים זענען געזאָגט געוואָרען אויף פּויליש, און א

איך, אז מען לעגט איהם, ווי עס דארף צו זיין, אין דער ערד אריין, הערט ער אויף פוילישׁ צו רעדען, און צו פארשטעהן!

האָבען זיך די מתים, נעבעך, פארטראכט, און אַזוי געטראַכט:

— דער מענש איז אַ גרויסער, נאָר אַן אומגליקליכער מענש געוועזען; ער האָט אסך געזייהט, נאָר וויפיעל וועט אויפגעהן און וויפיעל וועט אוועקטראָגען דער ווינט? !

דער מענש האָט געהאָט גאָלד, נאָר גאָלדענער, ווי גאָלד, איז געוועזען זיין הארץ און הארטער, ווי שטיין, זיין מזל:

שלום האָט ער געוואָלט, און איז אין דער סאַמע רעכטער מלחמה געשטאָרבען! און איז אוועקגעגאַנגען פון דער וועלט אָהן האָפנונג, אז עס וועט אמאָל זיין אַ שטילשטאַנד, אויב שוין נישט קיין שלום!

און ווייטער קלערען די מתים:

— וויפיעל אידען וואוינען אין וואַוועלבערג'ס ביליגע הייזער?

— וויפיעל פראָצענט אידישע קינדער וועלען לערנען אין זיינע שולען?

— וויפיעל אידען, און וויפיעל נישט־אידען, פרעמדע און היי־מישע, געהען נאָך זיין מטה?

— וויפיעל פון זיינע מיליאָנען וועלען בלייבען אויף דער זייט און וויפיעל וועלען אריבער אויף יענער זייט?

— און ווער — קלערען ווייטער די מתים — וועט זיינע געשעפטען פארזאָרגען?

רבנים וועלען נישט פעהלען; פון אַלע זייטען וועלען זיי אָנ־קומען, מיט גרויסע און קליינע בערד, מיט פּראָטעקציע פון חסידי־אומות־העולם, דורך די שפּאַרעס וועלען זיי זיך אריינרייסען, דורך פענסטער און קוימען קומען — און מען וועט זיי אויפנעמען, מען וועט זיי מוזען אויפנעמען, נאָר אַזוינע וואַוועלבערגס, מיט זייערע גרויסע מעלות, און גרויסע טעותים, אַזוינע וואו נעמט מען?

אַזוינע גאָלדענע הערצער דארפען וואַקסען אויף שטיינער, ליידער וואַקסען שטיינער אויף גאָלדענע הערצער!

צוויי גרויסע, גרויסע לויות געווען!

און גרויסע לייט פארנעמען אסך אָרט, אי ביים לעבען, אי

ביים טויט! פיער ארעמע לויות האט מען דעריבער געמוזט אפּ־לעגען אויף מוצאי־שבת, נאך הבדלה! די גרויסע האבען פאר־לעגט דעם וועג צום עולם־האמת!

צי איז דערויף קיין עצה נישט פאראן?

די וואוינונגען פאר לעבעדיגע גרויסע האבען צווייערליי גענג:

א פּאראדנעם, א ליכטיגען גאנג — אין גרויסע הייזער אויס־געלעגט מיט פּערסישע און טערקישע דיוואנען, רעכטס און לינקס אויסגעשטעלט מיט די פיינסטע געוויקסען; דא ארום קומען פיינע געסט, רייכע געסט; געסט, פאר וועלכע דער גרויסער האט ווין און אלערליי לעקער־ביסען און אמת'ע האוואנא ציגארען —

און א טונקעלען גאנג, א גאנג א שווארצען דורך דער קיך, פאר קרובים, גלאט פאר ארעמע לייט, פאר וועלכע מען האט אמאל א הארטען דרייער, גאנץ אפט אן אנווייזונג אין הימעל אריין: דער, וואס שפּייזט ווערים, וועט דיך אויך שפּייזען, מעגסט עסען ערד; אדער אמאל א גוט ווארט: געה גלאט צו אל־די־שווארצע־יאהר!

פארוואס זאל דאס בית־הקברות קיין צוויי גענג נישט האבען? ארעמע לייט איילען זיך אזוי אין זייער רוה אריין, פארוואס זאל מען זיי פארהאלטען, איבער שבת לאזען?

מאכט צוויי גענג!

איינעם אן אויסגעפלאסטערטען, א ברייטען פאר רבנים, ראשי־קהל, בעלי־צדקה און גלאטע גבירים און פאר האלב ווארשוי (אלס באגלייטער, מיין איד!), מיט א גרויסען, גרויסען טויער און דערנאך מיט גאלדענעם זאמד אן אויסגעשאטען וועג גלייך צו די אויבען־אן־שטעדט און פאמיליען־קברים!

און א צווייטען וועג, א בלאטיגען, א שמאלען (אינגאנצען פאר אן אלמנה צי אן אלמן, מיט עטליכע יתומים, צוויי־דריי שכנים!), מיט א קליינעם טויער, מען קאן יוצא זיין מיט א לאך אין צוים — פאר ארעמע לייט!

און ווילט איהר, די לויות זאלען זיך נישט אויסמישען אויפ'ן בית הקברות, האט איהר דאך אויף יעדען ווינק א „קארדאן" פון „העלע קנעפּ" — מאכט א מחיצה! דיזעלבע, וואס היטען אייך

שמחת תורה צו הקפות און יום־כפור, צו כל־נדרי אין דער „דייטשער שול״, וועלען אייך היטען די קברים אויך!

און אצינד הערט א מעשה:

מה בין בני לבן חמי? — בשעת ווען דער אידישער גביר וואוועלבערג האט פאר אידישער ליטעראטור כמעט גארנישט געזארגט, האט, זכרונו לברכה, ר׳ זיינוועלע קלעפפיש אסך פאר איהר געטאן!

וכך הוה:

אמאל איז געווען א רב אין א שטאדט, אויב איך בין מיך נישט טועה — אין פלאצק. איז דער רב א מחבר געוועזען און דערצו אן ארעמאן, פארשטעהט זיך, א דאפעלטער — אלס רב און אלס מחבר, און האט זיינע חדושי־תורה, אויב נישט מוסר־זאכען, נישט געקאנט דרוקען...

מילא, כל־זמן א מענש לעבט, לעבט ער מיט האפנונג; פאר דער פטירה אבער האט זיך דער רב געהייסען אויפשרייבען אויף דער מצבה א צוזאג, אז ער וועט א מליץ־יושר זיין, דאס הייסט, אז ער וועט זיך מיהען אין הימעל פאר די, וואס וועלען זיך פאר איהם מיהען דא אויף דער ערד און וועלען אפדרוקען זיינע חבורים...

און דאס האט ר׳ זיינוועלע געטאן; ער האט געלט געזאמעלט און געדרוקט!

ביי ר׳ זיינוועלע׳ס אלמנה זענען אפילו פון דעם געלט געבליבען 60 רובעל, און זי זוכט צו געפינען נאך מאנוסקריפטען (כתבי־יד, מיין איך, פון פלאצקער רב׳ס מאנוסקריפטען) און וויל זיי ברענגען לבית־הדפוס...

* *
*

ר׳ זיינוועלע, זעהט אויס, האט שוין זיכער עולם־הבא!

דריי מאל אין טאג „אשרי״ האט ער געזאגט; פאר מאכלות־אסורות און שחיטת־חוץ פיערציג יאהר דורכאנאנד — גאנץ וואר־

שוי באהיט; דוחק־הקע, צוזאַמען מיט די ציוניסטען, איז ער נישט געוועזען, און דער פּלאָצקער רב, זיין מליץ־יושר, איז אויך עפּעס ווערט; און דעריבער, אז איך מאַך די אויגען צו, זעה איך בחוש, ווי ר׳ זיינוועלע׳ס ווייסע נשמה פליהט אויף תּפלין׳דיגע כנפי־יונה גלייך אין הימעל אריין, אין גן־עדן אריין, צום כּסא־הכּבוד צו!

נאָר וואָס וועט זיין מיט וואָוועלבערג׳ס נשמה?

זיין צדקה האָט אַזויפיעל פּעהלער געהאַט!

און גלאַט, ווער ווייסט צי מען קאָן זיך קויפען עולם־הבא פאַר געלט, און ווען אפילו פאַר צדקה־געלט?

1902.

דער זכות.

אין קראשינסקי'ס גארטען. צוויי יונגע לייט. ביידע רעדען אידיש. נאר איינער ליטוויש — דער צווייטער פויליש־אידיש. דער ערשטער פרעגט, דער צווייטער ענטפערט.

— נו, איהר זייט נאך אלץ נישט קיין ציוניסט?

— ניין.

— אנטי?

— חלילה, פארוואס אנטי? מורא האבען פאר דער „גאזעטא פאלסקא"?

— וואס דען?

— איך וויים צו ווענינ!

— דהיינו?

— אט... איך פלעג אמאל ערנסט דאוונען... און דאס דאוונען איז — ירושלים און ירושלים! ארץ־ישראל און ארץ־ישראל!

וויים איך אבער נישט, צי האט מען ירושלים און ארץ־ישראל דעריבער נישט פארגעסען, ווייל מען דאוונט אזויפיעל; צי מען האט נאר דעריבער נישט אויפגעהערט צו דאוונען — ווייל מען קאן אן ירושלים און ארץ ישראל נישט פארגעסען?!

אין חדר פלעג איך לערנען: „ארץ זבת חלב ודבש" — א לאנד — האט מיר דער מלמד געטייטשט — וואס פליסט מיט האניג און מיט מילך — האניג און מילך האט א קינד ליעב דאס לעבען! וויים איך? אפשר האב איך מיך דעריבער דערפרעהט, אז איך האב געהערט פון חבת ציון?

איך געדענק מיך גאנץ גוט אינגעלוויז... די שפעטערע צייטען באמיה איך מיך צו פארגעסען... קיין גרויסע האפנונגען אויף שפעטער האט מען אויך נישט... און, אז עס ווערט נישט גוט אויפ'ן הארץ, אנטלויפט די נשמה צו די קינדער־יאהרען, ווי א טויב אין

טויבענשלאג אריין... איך ווייס נישט, אויב אלע טוען אזוי, איך טו עס, און עס העלפט אמאל און פארטרייבט די מרה־שחורה... גע־דענק איך, ווי אלע מיינע חברים פלעגען מיט שמחה וששון נאכ־לויפען דער פאלקאוואי מוזיק. בכלל דעם מיליטער. אין ווארשוי זעהט מען עס זעלטענער, איז עס מעהר אינטערעסאנט — קינדער לויפען... מען קאן זיך נישט זאט אנקוקען, ווי עס בליצט דורך די „שטיקעס" פון די ביקסען; זאט אנהערען די שטארקע, פעסטע מעשענע קולות, וואס גהען, ווי איינגעמען א וועלט. איך איינער. געדענק איך, פלעג מיך נישט פרעהען. עס האט זיך מיר געדאכט, אז ווען עמיץ באפאלט מיך, מיין טאטע־מאמע, מיינע ברידער און שוועסטער, וועט דאס חיל נישט זעהן, נישט הערען, און ווייטער מארשירען, און ווייטער שפילען, און ווייטער גהען איינגעמען די וועלט... און דערביי פלעגען מיר זיך באוויזען טרערען אין די אויגען... פשוט פאר קנאה: וואו איז מיין מיליטער, מיין מוזיק? אז יענער האט...

איך פלעג, מיט פארמאכטע אויגען און א צורודערטער נשמה, אויסהערען מעשיות פון משיח'ס צייטען. דער „רבי" אין חדר פלעגט דערצעהלען, די באבע אין דער היים, צי אין בית־המדרש — על־טערע אינגלעך. ווי ליעב האב איך געהאט דעם „מלך המשיח"! מיט אלעם גוטען און טייערען האב איך איהם באקליידט און בא־האנגען! ביי א רייכער מומען (זי איז שוין אויפ'ן עולם־האמת) האב איך אפגעריסען די פערעל פון האלז. ביים גענעראל, וואס האט געוואוינט קעגענאיבער — די ווייסע פעדערען פון איבער'ן קאס־קע... ביים כהן־גדול — דעם חושן ואפוד צוגענומען! איך ווייס? נאקעט און בארוועס וואלט איך א וועלט געלאזט! אבער נישט שטענדיג. טיילמאל האט מיך מעהר גענומען משיח בן יוסף, וואס דארף אומקומען, גע'הרג'עט ווערען... און איך האב אויפגעהוי־בען די אויגען צום הימעל: פארוואס? פאר ווען? און נאך וואס זאל איינפאלען די אייזערנע בריק? און איך פלעג טראכטען: ביי יציאת מצרים האט ער די מלאכים נישט געלאזט זינגען: מעשי ידי — זאגט ער — טובעים בים... און לעתיד לבא... אזוי אהן רחמנות? וואס זענען זיי ערגער פאר די מצרים?

— קינדער־געדאנקען!

— עהרליכער, ווי מענשען־געדאנקען, און אמת'ער אויך! דאס

זענען די גאָלדענע פעדים, פון וועלכע עס שטיקט זיך ערשט אויס א נשמה פון א מענש, א פרישע ריינע נשמה...

נאָך געדענק איך: אין דער מערת המכפלה, געקויפט ביי די בני חת, וואָס האָבען מיט גוטע ריידעלעך אויסגעשווינדעלט ארבע מאות שקל כסף... אין דער מערת המכפלה זיצט אברהם אבינו, אָנגעלעהנט מיט'ן קאָפּ אויף דער מוטער שרה'ס שויס... די הגדה דערציילט אזוי... און איך זעה בחוש, ווי די מוטער שרה, מיט א קעפּעל ווי ביי א ציטער־נאָדעל, זיצט און פיהרט מיט לאַנגע, נאָר דינע דורכזיכטיגע פינגער, צווישען אברהם אבינו'ס זילבערנע לאָקען... אזוי זיצען זיי און ביידע האָבען פארמאַכטע אויגען, און עפענען די אויגען וועלען זיי ערשט ביים שופר של משיח, ווען די טערקישע וואַרטע וועט פארשטיינערט ווערען פאר שרעק...

און עס פלעגט מיך ציהען צו דער מערת המכפלה... צום זיידען, צו דער באָבען...

נאָר אויך נישט שטענדיג!

טיילמאָל פלעגט מיך וואונדערען: פארוואָס טראָגט עס אברהם אבינו האָר אחוץ באָרד און פאות?

טיילמאָל פלעג איך גאָר זיין פון הגר'ס צד, און וועלען דער מוטער שרה'ן אָפּטון א שפּיצעל! און איך פאַנטאַזיר הויך צווישען די חברים: איך וועל מיך אויסלערנען טערקיש, אַנטלויפען קיין ארץ־ישראל, שטעלען מיך דאָרט פאר א זעלנער, און אז עס וועט מיר אָנקומען צו שטעהן אויף דער וואַך פאר דער מערת המכפלה, וועל איך ביינאַכט, אז קיינער וועט נישט זעהן, שטילערהייט אוועקשטעלען דעם ביקס, אריינכאַפּען זיך אין דער הייל, אויף די נעגעל צוגעהן און געבען דער מוטער שרה אין נעזעל אריין — — —

נאָר ארויסזאָגען: „א שנעל", האָב איך די העזה נישט געהאַט.

— בעסער א שמעק טאַבאַק! — האָט דאָך עמיץ אונטערגעכאַפּט...

— קונדסים!

— גוטע צייטען געווען!... און וואָס נאָך האָב איך געוואוסט פון ארץ ישראל?

צום כותל מערבי, האָב איך געהערט, קומט מען צוזאַמען מארבע פנות העולם וויינען. די וואַנט איז גליטשיג פון טרערען...

און איך האב געגלוסט צו דעם כותל מערבי... דארט א תשעה־באב! צווישען אן עולם מארבע פנות העולם ווארפען בערעלער!

טיילמאל איז מיר בעסער געפעלען די אילומינאציע אויף ר׳ שמעון בן יוחאי׳ס קבר! ווייבער ווארפען פון די אקסעל אראפ די טייערסטע פארשידענפארביגע טערקישע שאלען, טונקען איין אין פעסער שמן־זית און צינדען אן! — — אחוץ אזוי הבדלות, ליכט און קאלירטע פאפירענע לאמטערען! א!

נאך ביי אונז אויפ׳ן הויף — מיר האבען דאמאלט אויף דער פראנציסקאנער גאס געוואוינט — האט געוואוינט אויך א שוחט, אברהם מאנים האט ער געהייסען, א שם־דבר איז ער געווען דער אברהם מאנים. ווען ער פלעגט מיך טרעפען, פלעגט ער מיך קניי־פען אין בעקעל; איך בין א שטיקעל עלוי געווען און ער — אן אלטער מתמיד! דעם נאמען אברהם מאנים, געדענק איך. נאר פאר־שטעלען קאן איך מיר איהם שוין נישט. פארמאך איך די אויגען, זעה איך נישט מעהר, ווי א ווייסע לאנגע, זעהר לאנגע באָרד; זי איז געווען די לענגסטע אויף דער פראנציסקאנער גאס, די לענגס־טע אין גרויסען מנין. טיילמאל זעה איך נאך א רויטען האלז־און־נאקען פון הינטען, מיט א שטיק באוואקסען האריץ פון פארענט — ער איינער פלעגט נאך טראגען אן אפען העמד מיט נאכגעלאזטע בענדלעך... מעהר זעה איך שוין נישט... אט דער אברהם מאנים איז מיט דער צייט שוואך געווארען אויף די אויגען, אוועקגעלעגט דעם חלף און געקליבען זיך קיין ארץ ישראל.

אין מנין איז געווען א רעש. לומדים האבען געקלערט, צי מעג מען אויסמיידען משיח׳ן, מען האט אויפגעמישט הונדערטער גמרות און ספרים, אהין און אהער, — מען האט זיך צושוויצט, צואמ־פערט... נאר אזוינע וכוחים פלעגען זיין ווענען אן על חטא ביום כפור שחל להיות בשבת, און פלעגען אזוי לאנג דויערען, ביז אן אלטער מנין־איד האט זיך אויפגעשטעלט און פאר׳ן עולם עדות געזאגט, ווי אזוי מען האט זיך נוהג געווען פאריאהרען! און אזוי איז געבליבען דא אויך! דער מנהג איז, אז ווער עס וויל פארשפא־רען גלגול מחילות, פאהרט קיין ארץ־ישראל...

צווישען אונז אינגלעך איז אויך געווען אן אנדער מין וכוח... מען האט זיך אנגעשמעקט מיט השכלה... איינער פון מיינע חברים האט געלאכט: „וואו מען מעג ווערען יעדנעראל דארט איז ארץ־

ישראל" — יאָ! איהם פלעגט זיך שטענדיג חלומ'ען א רייט־פערד מיט עפּאָלעטען!

און אין דערהיים ביים ווארעמעס האָט מען געקלערט: ווי אַזוי וועט אברהם מאנים, דער אַלטער בטלן, מיט די האַלב בלינדע אויגען, טרעפען קיין ארץ ישראל? די מאמע פרעגט: ווי ארום פאָהרט מען קיין ארץ־ישראל... דער טאַטע זאָגט: מן הסתם איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל.. און וואו ליגט קאָנסטאַנטינאָפּאָל? ווייט, ווייט! און מען האָט געשפּונען אַ מאָדנע געאָגראַפּיע איבער טאָל און בערג, נאָר די אַלטע מירל האָט זי איבערגעריסען. די אַלטע מירל איז געווען אונזער דינסט און האָט געזאָגט, ארייננברענגענדיג דאָס ציבעלע פלייש, אז אויפ'ן הויף זאָגט מען אויף זיכער, אז „ראָני" די אברהם־מאַניסיבע פאָהרט מיט... „ראָני" וועט טרעפען, זאָגט די מאַמע. אַלע זענען מודה, אז „ראָני" וועט אויפ'ן פייער נישט פארברענט ווערען!

דעם נאָמען „ראָני" געדענק איך דורך אברהם־מאַניס'עס א גלייך־ווערטעל. אז ער פלעגט פון שחיטה־הויז אהיים קומען שפּעט, פלעגט ער אַנקלאַפּען: קומי רוני בלילה!

און ליעב האָט זיך דאָס אַלטע פאַר־פאָלק געהאַט. נאָך ווי ליעב!

אברהם־מאַניס איז אונזער בעל־תקיעה געווען — —

און דאָס אַנטוו פלעגען זיי, אפּנים, האַלטען אויף איין בענקעל... און איינמאָל, ראש־השנה, איז אברהם מאַניס געקומען צו די תקיעות אין ראָני'ס א העמד במקום א קיטעל! און האָט נאָך געשמייכעלט: „ניש־קשה אַזאַ טעות, ראָני איז א צדקת!" נאָר פאַרשטעלען ראָני'ן קאָן איך מיר אויך נישט; איך געדענק נאָר: א קליינע, א פרעהליכע, א דורכזיכטיג פּאַפּירען נעזעל מיט א קול פון א פויגעלע. נאָר „ראָני איז א לייט, מיט איהר וועט ער זיך שוין דורכשלאָגען!"

קעגען וואָס דערצעהל איך עס?

יאָ... ראָני איז צוריקגעקומען פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל...

זי איז קראַנק געוואָרען פאַר בענקעניש, און פּלוצים פּחד באַקומען פאַר'ן ים... אברהם מאַניס איז ווייטער געפאָהרען...

ראָני האָט איהם פאַרלאָזט!

אז זי האָט צוריקוועגס דערזעהן די ווייקסעל, האָט זי געוויינט

פאר פרייד! אין גאס האט זי ממש געטאנצט — דערנאך איז זי געלאפען אויפ'ן בית־עולם ארויס און געפאטשט אין די הענטלעך: מיינע ליעבע קברים, מיינע טייערע קברים!... און עליה השלום, דער באבען מיינע, האט זי מיט גרויס נחת און מיט טרערען איז די אויגען דערצעהלט, אז, געלויבט איז זיין ליעבער נאמען, וואס זי האט זוכה געווען מיט איהרע אייגענע הענד אנצוריהרען די שיף, וואס איז אוועקגעשוואומען גלייך קיין ארץ־ישראל...

זי האט אנגעריהרט די וואנט פון שיף און די האנט געקושט, ווי ביי א מזוזה!

— ווייבערישע זאכען!

— ניין, דו ביסט צו טרוקען, דו פארשטעהסט עס נישט: א ווייבערישע צי א מענישע, נאר א האלבע נשמה דא, א האלבע דארטען...

— מען רעדט דאך אבער נישט פון אלטע אידען און אידע־נעס, וואס אנטלויפען פאר גלגול מחילות... נישט פון שטארבען, פון לעבען רעדט מען!

— איך ווייס? דאס איז געווען גירסא דינקותא... חדר־זא־כען... און היינט, וואס ווייס איך? וואס גיבען מיר די „בלעטער"? איך לעז, וואס עס לאזט זיך לעזען... איך אליין אויף פאלי־טיק פארשטעה מיך נישט... נאר אזוי, וואס הערט זיך דארט?

איינער זאגט: יק"א און ראטשילד הרג'נען די קאלאניעס מיט זייערע שווערע פליגעל, וואס זיי האבען איבער זיי פארשפרייט... דאס אפוטרופסות איז סם המות! עס וואלט שוין לאנג דארט פתום ורעמסס — טפו! ווי דאס גלות האט זיך איינגעגעסען, איך מיין „איש תחת גפנו" געווען, און ווי ווייטער שטעהט... קומט א צווייטער און זאגט: ניין, דער חסרון איז, וואס מען וויל איבער נאכט מאכען פון א סוחר א פויער... אומגעלערענט מאכען... אז אגראנאם־שולע דארף מען. עפענט אן אגראנאם־שולע, וועט זיין ששון ושמחה... קומט דערנאך א דריטער, א כתוב השלישי און זאגט: וואס ווילט איהר? פויגעל־מילך? עס געהט על צד היותר טוב! א מחיה! און באותו הרגע, ווי איך לייען עס, קומט אריין אן ארע־מאן... ווער ביסט דו? א געוועזענער קאלאניסט אין ארץ־ישראל...

ער האט דעם „חלב ודבש", אפנים, נישט פארדייעט!

זיי שווייגען אווילע, און דער ליטוויש־רעדנער זאגט:

— עס האט זיך געמאכט א נייע חברה צו שטודירען, אויס־צופארשען ארץ־ישראל...

— בא! וואלט געווען אן עסק... קלארע דבורים!...

דען נאך אמאל דאסזעלבע: אויף פאליטיק פארשטעה איך מיך נישט... אדיע!

— **אדיע!**

.1902

עטרת יתומים אין ווארשוי.

פערזאנען:

א בעל־בתישער מענש — האלב דייטש געקליידט. די אויגען דערמאנען אן קעלבערנס, דאס בייכעל — אן קארלסבאד. זיצט ביי זויער־מילך מיט שווארץ ברויט. קוקט אויףביידע, ווי א קינד אויף א רפואה און פארקרימט זיך ביי יעדען ביסען.

א חברה־מאן — איינער פון די געפעהרליכע מענשען, וואס צאפען געלט פון דער וואנט — פאר יתומים, אלמנות, תלמוד־תורה׳ס, נשרפים, אפגעפאלענע משפחות וכדומה.

סצענע: ביי דער מליעטשארניע אין קראסינקים גארטען.

דער בעל־בתישער מענש — דערזעהענדיג, אז דער חברה־מאן קומט צו, פארקרימט זיך, פרואווט אויסדרעהען דאס בענקעל. דער חברה־מאן האט איהם אבער שוין דערזעהן.

בעל־הבית (צו זיך). וואו מען זייהט נישט!...

חברה־מאן (צו זיך). ר׳דא, דער פויגעל. (הויך.) מאיען!

בעל־הבית (זויער). מאיען! (רוקט אפ דאס נישט דערעסענע, וויל קלינגען און באצאהלען).

חברה־מאן (נעמט איהם אייליג דעם לעפעל פון האנט ארויס, קלינגט, צום בעל־הבית). איך וויל אייך ווייזען א שעהנע זאך. איילט נישט! (צום ארויינקומענדיגען מילך־מיידעל.) זויער־מילך און ברויט!

בעל־הבית (צו זיך). אריינגעפאלען!

ח ב ר ה ־ מ א ן. זעהט! (דערלאַנגט איהם אַ פּעקעל פאָטאָ־גראַפּיען).

ב ע ל ־ ה ב י ת. פּאָסט־קארטען־בילדער? הכנסה אויפ'ן נאַציאָנאַל־פאָנד? שוין געקויפט — עטליכע זעכציג שטיק... וואָס זאָג איך, עטליכע זעכציג — איבער הונדערט! אחוץ אַזוי מאַרקען!

ח ב ר ה ־ מ א ן (מיט אַ נישט־גלויביגען שמייכעל). זעהר פיין פון אייער זייט! (ערנסט.) דאָך קוקט, עס איז גאָר עפּעס אַנדערש. פאַר קוקען צאָהלט מען נישט!

ב ע ל ־ ה ב י ת (נעמט אומגערן, באַקוקט, פאראינטערעסירט זיך). דאָס פאָטאָגראַפירט די פּאָליציי?

ח ב ר ה ־ מ א ן. פאַרוואָס גראָד די פּאָליציי?

ב ע ל ־ ה ב י ת. וואָס איז, איך קען נישט דעם עולם? פון פּאַטשיעיאָוו, פון די האַלען, וואו נאָר מען שטופּט זיך! אַט דעם בחור (ער ווייזט אויף אַ פאָטאָגראַפיע.) קען איך! אַ שעהנער פויגעל! מיר אליין ארויסגעשלעפּט אַ נאָז־טיכעל! אפילו געכאַפּט ביי דער האַנט, נאָר פונקט ביי דער לינקער, און מיט דער רעכטער האָט ער דערווייל איבערגעגעבן דאָס טיכעל אַ צווייטען... אַן אויסלענדיש טיכעל געוועזן! פאַרפאַלען! געוואָרען פלוצים אַ גע־פייפעריי — האַ, האַ! גאָט געדאַנקט, כ'בין אַנטלאָפען — אַלע, זעה איך, אַזוינע בחורים (זיפצט.) — אַ חלול־השם, אַ חלול־השם!

ח ב ר ה ־ מ א ן. אודאי!

ב ע ל ־ ה ב י ת. עפּעס האָט מען מיר געזאָגט, אַז עס איז פאַראַן אין וואַרשוי אַ הויקער, וואָס קלייבט צוזאַמען אַלע יתומים. רחמנא לצלן, און נעמט זיי אויף דער לערען... אַ פּאָר טעג לערענט ער די מלאכה, און דערנאָך מוז יעדערער יעדען טאָג עפּעס אַהיים ברענגען — אַניט, קריגט ער געשלאָגען! אויף די סטאָוועקעס, זאָגט מען, וואוינט ער... ווער עס ברענגט אָבער די פיינסטע גנבה, קריגט לעקעך און בראַנפען! פאַר גאָלדוואַרג צאָהלט ער צו עטליכע גראָשען! (וואַרפט צוריק די פאָטאָגראַפיען.) א ל ע אַזוינע פנים'ער... דאָס וועט אַמאָל אונטערצינדען, מיט מעסער שטעכען, כ ' ו ו י י ס וואָס... פון רבי'נס אוניווערזיטעט!

ח ב ר ה ־ מ א ן. נאָר מוז איך אייך זאָגען, אַז „רבי“ באַקומט אַ גרויסע קאָנקורענץ!

בעל־הבית. מײַן כּפּרה!

חברה־מאַן. עס איז נישט אײַער כּפּרה! (דערלאַנגט איהם אַ צװײט פּעקעל פאָטאָגראַפיען.)

בעל־הבית. שוין דערװאַקסענע גנבים און גזלנים?

חברה־מאַן. זעהט!

בעל־הבית (באַקוקט). אױך אינגלעך — דאַכט זיך, די אײגענע גאַר, יאָ?

חברה־מאַן. יאָ.

בעל־הבית. נאָר עפּעס אַנדערש געקלײדט?

חברה־מאַן. כמעט ערענטליך. טײל זאַכען אפילו אַלטע, נאָר איבערגעמאַכט!

בעל־הבית. עפּעס זעהען זײ זאַטער אױס...

חברה־מאַן. זײ קריגען צו עסען און צו טרינקען!

בעל־הבית. און אױף װאָס שטודירען זײ?

חברה־מאַן. אױף בעלי־מלאכות!

בעל־הבית. איהר מאַכט חוזק?

חברה־מאַן. חס־ושלום! דעם „רבי'נס" קאָנקורענט איז אַ חברה.

חברה־מאַן. יאָ — „עזרת יתומים" הײסט זי.

בעל־הבית. אַ! עפּעס געהערט!

חברה־מאַן. איך קאָן אײך געבען עטליכע דאַטען! די חברה האָט ביז הײנט אָפּגעגעבען קינדער (נעמט אַרױס אַ צעטעל און לעזט.) אײן און צװאַנציג צו קאַמאַשען־מאַכער, נײַן צו שוסטער, נײַנצעהן צו שנײַדער, עלף צו שאַכטעל־מאַכער, דרײַ און צװאַנציג צו טישלער, אַכט צו אײַנבינדער, פינף צו גאָלדשמידען, נײַן צו היטעלמאַכער, פינף צו האַנט־שוהמאַכער, צװײ צו מעכאַניקער, נײַן און צװאַנציג האָט די חברה אַרײַנגעגעבען אין פאַבריקען!

בעל־הבית (אַביסעל אומגעדולדיג). ובסך הכל?

חברה־מאַן (געלאַסען). לײכט צו באַרעכענען: הונדערט אײן און פיערציג אינגלעך! דערװײל!...

בעל־הבית (װײל אומצופרידען זײַן): אַלץ אינגלעך און אינגלעך! װײל ס'איז דאָ אַזױפיעל תלמוד־תורה'ס, שולען פאַר

בעל־מלאכות... נאר א חברה! מ י י ד ל ע ך יתומות, וואָס זאָלען טון?

חברה־מאַן. מען פאַרזאָרגט מיידלעך אויך. נאָר ווייניג, עס פעהלט געלט!

בעל־הבית. אזוי... (וויל קלינגען.)

חברה־מאַן (נעמט איהם ווייטער דעם לעפעל פון האַנט אַרויס). וואָס איילט איהר? מען וועט מיר ברענגען, וועט איהר צאָהלען...

בעל־הבית (פאַרלעגען). איך איל מיך!

חברה־מאַן. יאָ, ביי וואָס האַלט איך? אהאַ! פאַר א צייט איז צו אונז געקומען א יונגע דאַמע —

בעל־הבית (פאַרטראַכט). אַ יונגע דאַמע — —

חברה־מאַן. אַ יונגע דאַמע, פיין געקליידט, גאָר פיין... פּערפומירט, אַז עס האָט איין אַלע שטובען געשמעקט...

בעל־הבית. און וואָס האָט געוואָלט די דאַמע, א גרויסע נדבה געבען?

חברה־מאַן. פאַרקערט. זי האָט מיטגעפיהרט א מייד־דעלע פון א יאָהר צוועלף, „אָדער — זאָגט זי — נעמט זי דאָ ביי מיר צו, אַניט וועט זי זיין ווי איך...“

בעל־הבית. אהאַ! פון יענע לייט! א נאַכט־פויגעל?

חברה־מאַן. אַ נאַכט־פויגעל —

בעל־הבית. און איהר האָט צוגענומען דאָס מיידעל?

חברה־מאַן. מען האָט געמוזט, נאָר עס פעהלט געלט! אינגאַנצען טויזענט צוויי הונדערט און פופציג מיטגלידער —

בעל־הבית. וואָס צאָהלען?

חברה־מאַן. פון דריי ביז צוועלף רובעל א יאָהר! זעלטען איינער פיער און צוואַנציג, גאָר זעלטען זעקס און צוואַנציג...

בעל־הבית. שעהן געלט!

חברה־מאַן. אויף ציגאַרען גיט מען אוים מעהר!

בעל־הבית. איך ניִשט, איך רויכער ניִשט...

חברה־מאַן. איז אודאי גוט...

בעל־הבית. וואָס איז די גוטסקייט? מוז מען פאַהרען קיין קיסינגען!

חברה־מאַן. אַז מען קאָן, פאַרוואָס ניִשט!

ב ע ל - ה ב י ת. מען מוז — א מענש איז געפּעהרליך!
ח ב ר ה - מ א ן (מיט אַ שמייכעל). מען זאָגט, אז צדקה איז אויך אַ רפואה — פאַרשרייבט אייך!
ב ע ל - ה ב י ת. לייכט צו זאָגען — אַזויפיעל אַרעמע קרובים אויפ'ן קאָפּ.
ח ב ר ה - מ א ן. גוט מען האָט אַ קאָפּ! און אַ קעשענע דערצו. פאַרשרייבט אייך.

(דאָס מילך־מיידעל ברענגט דעם חברה־מאַן עסען).

(דער בעל־הבית פאַרהאַלט זי און צאָהלט. שטעלט זיך אויף).

ב ע ל - ה ב י ת. אדיע! (ציהט אויס די האַנט.)
ח ב ר ה - מ א ן (ציהט זיינע צוריק). מען האָט דאָך גע־רעדט פון פאַרשרייבען?
ב ע ל - ה ב י ת. מהיכא־תיתי... נאָר אַצינד אייל איך מיך! איהר האָט דאָך אודאי אַ לאָקאַל, אַ קאַנצעלאַריע, כ'וועל קומען, אודאי קומען... אדיע! (רוקט זיך אָפּ אָהן די האַנט געבען.)
ח ב ר ה - מ א ן. איהר ווייסט דאָך נישט די אַדרעסע.
ב ע ל - ה ב י ת (פון ווייטען). געוואָר ווערען, געוואָר ווערען!
ח ב ר ה - מ א ן (שרייט איהם נאָך). קאַרמעליצקא זיבען און צוואַנציג! קאַרמעליצקא זיבען און צוואַנציג! (צו זיך.) דער כלב! (נעמט זיך צו עסען נאָכ'ן דריטען לעפעל.) והוה דן את כל אדם לכף זכות — אפשר אַ קבצן!

1902.

געגען האַקאַטאַ.

די סצענע שטעלט פאָר אַ באַנק אין זאַקסישען גאַרטען, וועלכע איהר ווילט.

ז י — מיט אַ פּנים פון אַ חצי־זכר'טע, זיצט אַביסעל פאַר־טראַכט און אפשר נישט.

ע ר — אַ שפּיציגער יונגער מאַן; אַ שפּיציגער הוט, אַ שפּי־ציגע נאָז, צוויי פליהענדיגע קראַוואַט־שפּיצען, צוויי איבער־געבויגענע קאַמאַשען־שפּיצען וכדומה. מן־הסתם האָט ער שפּיציגע אויגען אויך. נאָר דער פון פאָרענט פאַרשפּיצטער ראַנד פון שפּיציגען הוט פאַרשטעלט זיי. ער געהט איבער דער אַליי, דערזעהט זי, פאַרקרומט זיך, וויל זיך מאַכען כלא־ידעה און פאַרבייגעהען — עס איז אָבער שוין צו שפּעט.

ז י (האָט איהם שוין באַמערקט, רופט איהם צו מיט אַ שמייכעל, וואָס וויל און דאַרף זיין זיס, און קומט אַרויס זויערליך). אַ... הער! (זי רופט איהם ביים נאָמען; עס קומט אָבער אַנגעבלאָזען אַ ווינטעל, רייסט איהר דעם נאָמען פון די דינע ליפּען אַראָפּ און שליידערט איהם אַרויף אויף אַ בוים — עס ווערט אַ שטיקעל געריודער צווישען די פויגעלעך — נאָר דאָס געהערט שוין נישט צו דער סצענע.)

ע ר (מיט אַ פיערטעל גענעץ). אַ... מאַדמואַזעל... (ער רופט זי אויך אָן ביים נאָמען; עס בלאָזט ווייטער אָן אַ ווינטעל, כאַפּט דעם נאָמען און פאַרוואַרפט איהם צווישען די בלומען... די לעזער, כאָטש זיי שפּילען נישט מיט, מעגען, פאַרלירענדיגביידע נעמען, גאַנץ דרייסט — אַפּזיפצען.)

ז י. זעצט אייך...

ע ר. דאַנקע, (זעצט זיך.) אַ שעהן וועטער...

ז י (באַליידיגט, אַז מען הויבט אָן מיט איהר שמועסען פון וועטער). דומהייטען; האָט איהר שוין געלעזען...?

ע ר. וואָס?

ז י. נו — דאָס נייעסטע נייעס... גאַנץ וואַרשוי רוישט...

ע ר. געבוירען געוואָרען אַן אינדיק מיט צוויי, דריי קעפּ און אפשר גאָר אַהן אַ קאָפּ? אפשר האָט זיך באַוויזען אַ דבוק אין פּראַגאַ?

ז י. פון לי—טע—ראַ—טור רעד איך...

ע ר. פון אַ ליטעראַרישען אינדיק?

ז י. אַך, וואַ! פון דר. רונדשטיינס...

ע ר. זי מיינען דעם דר. רונדשטיין, דעם געוועזענעם שטילען גרויס־רעדאַקטאָר פון קליין־שרייעדיגען ציוניסטיש־גאַליציש־וואַרשעווער „ווסכוד", וועלכער האָט זיך אַי־בערגעוויקעלט צום ריין וואַרשעווער „איזראַעליט", און אין אינוועגס געשטעלט זיך פּאָר אַן אויסלענדיש־וואַסער־טרעגער אין „פּשעגלאָנד־טיגאָדניאָווי"?...

ז י. געשריבען האָט ער עס אין איזראַעליט....

ע ר. און וואָס האָט ער געשריבען?

ז י. אַ באַריהמט אַרטיקעל! כמעט די גאַנצע פּוילישע פּרעסע האָט עס איבערגעדרוקט!...

ע ר. דאָס מוז שוין זיין אַ מאכל! דאָס וועט שוין קיין „קוּיקעל" נישט זיין. ניין! אונזער דר. האָט שוין געמאַכט אַ קאַצען־שפּרונג... דאַכט זיך — אַזאַ „נעבער", און אַז מען דאַרף, שפּריינגט ער, — אויף וועמען איז ער אַרויפגעשפּרונגען?

ז י. אַך, דער טאַן אייערער! דער אייביגער גאַלגען־הומאָר...

ע ר. וועגען וואָס שרייבט ער?

ז י. וועגען פּויזנער אידען...

ע ר. וואָס וויל ער פון זיי? שטילע מענשען... מען שטופּט זיי, מאַכען זיי שטילערהייט פּליטה קיין בערלין... די קהלות פאַלען אָפּ... נאָר שטיל!

ז י. נישט וועגען דעם רעדט ער... פאַרקערט, ער ערלויבט זיי אפילו צו בלייבען אין פּויזען, און צו זיין, ווי זיי זיינען, דייטשען, עכטע דייטשען!

ע ר. ער, דער ציוניסט — ערלויבט, אידען זאָלען זיין דייטשען?

ז י. ער איז דען נאָך ציוניסט?...

ע ר. קאָן זיין נישט — נאָך אַ ק ו י ק ע ל, צי אַ קאַצענ־שפּרונג — אַ יונגער מאַן, פאַרוואָס נישט ?!... הכלל — זיי מענען, זאָגט ער, זיין דייטשען...

ז י. נאָר קיין האַקאַטיסטען נישט !...

ע ר. נו, דומהייטען! וואַסער־געדראַשען! דער שוואַכער ט אַ ר ק י י נ מ אַ ל נישט האַלטען מיט'ן שטאַרקען געגען שוואַכען !... קינדער אין די וויגען, ווייסען עס!

ז י. ער זאָגט: זיי ז ע נ ע ן !

ע ר. האָט ער פאַקטען ?

ז י. אויסטראַכטען וועט ער נישט...

ע ר. קאָן זיין, מוחל! אין אַ גרויסער פאַמיליע טרעפען זיך אידיאָטען אויך! נאָר צי האָט ער באַרעכענט, וואָס עס איז פאַראַן מעהר: פוילישע אַריסטאָקראַטען־פּריצים, וואָס פאַרקויפען זייערע גיטער דער האַקאַטאַ, דייטשען צו באַזעצען, אָדער — אידישע האַקאַטיסטען ?

ז י (אָפּגעפאַלען ביי זיך). ניין... קיין פאַקטען, בפרט קיין ציפערען איז אין אַרטיקעל נישט דאָ!

ע ר. וואָס דען איז דאָ ?

ז י. עס איז דאָ געניוג! (מיט שטוינענדיגער ווארעמקייט.) אַ טאָן, אַ סטיל, אַ באַגייסטערונג...

ע ר (אין איהר טאָן). הייס־פּוילישער פּאַטריאָטיזם פאַר אַנדערטהאַלבען קאָפּיקעס די שורה ?

ז י (פאַרוואונדערט). מעהר נעמט ער נישט ? (דערמאָנט זיך.) אַך — שלעכטער מענש! אַלץ אויסגעלאַכט, אַרונטערגע־ריסען...

ע ר. פאַרקערט — איך האַלט דעם אַרטיקעל פאַר זעהר נ י צ ל י ך...

ז י (מיט אַביסעל נצחון, דאָך אומרוהיג). אַ—האַ!

ע ר. נאַטירליך — נאָך אַזאַ אַרטיקעל איז לייכט צו ווערען פּראָפעסאָר אין לעמבערג, אין קראָקוי... ווילענדיג צי נ י ש ט ו ו י ל ע נ ד י ג, געהט אַ מענש אין גלייכען וועג צו דעם, וואָס ג ו ט איז...

ז י. פוי...

ע ר. שלעכט אַדרעסירט, מאַדמואַזעל... שיקט ווייטער!

ז י (טראכט א ווײלע: י א באלײדיגען זיך, נ י ש ט באַ־לײדיגען... ווארפט אויף איהם א בליק פון דער זייט; פלוצלונג לעב־האפט). אבער די צ ו ו י י ט ע העלפט!...

ע ר. דער ארטיקעל האט נאך א צווייטע העלפט?!

ז י. געווים, און א זעהר ראדיקאלע, אבער גאר שטארק ראַ־דיקאל! ארויסגעטרעטען געגען קאפיטאליזם...

ע ר. מיט'ן פינגער אין שטיוועל — געשאקעלט?

ז י (אומגעדולדיג). געגען בורזשואזיע. (היציג.) ער זאגט, אז כל־זמן אידען וועלען דינען צום גאלדענעם קאלב, כל־זמן אידען וועלען זיך וואלגערען אין בעל־בתי'שען רינשטאק...

ע ר. וועלען זיי זיין אסימילאטארען...

ז י. אך, ווא! האקאטיסטען וועלען זיי זיין!

ע ר. קאפיטאליזם — האקאטא — סיידען צוזאמענגעבונ־דען מיט א ציצה!

ז י. אך, נאר חוזק געמאכט... די צווייטע העלפט איז זעהר שטארק! און ריהרענד אויך! ער פאררופט זיך אפילו אויף אידישע געבעטען...

ע ר. אויפ'ן סדור'ל זיך געשטעלט? א! נאך א ש ט א ר־ק ע ר קויקעל!...

ז י. אידען, זאגט ער, בעטען אויף שלום; אויף שלום צווי־שען מענשען און פעלקער... זיי בעטען, עס זאל אויפהערען קריג, פארשווינדען קנאה־שנאה... זיי — ט א ר ע ן נישט זיין קיין האקאטיסטען...

ע ר. ריכטיג, מאדמואזעל... קיין האקאטיסטען טארען זיי זיכער נישט זיין... נאר וועגען ארטיקעל אליין, זעהט איהר, האב איך א טעות געהאט; עס איז גאר אינגאנצען א ו מ נ ו צ ל י ד! א ברכה לבטלה: אומזיסט, הייסט עס זיך אין טאטען אריין גע־שאלטען!

ז י: וואס ווייטער?

ע ר. זעהען זי — די פויזנער אידען, וואס זענען, און מעגען, לויט דר. רונדשטיינ'ס ארטיקעל, זיין דייטשען, זאגאר עכטע דייט־טשען, לעזען דעם פוילישען „איזראעליט“ נ י ש ט... פאר זיי איז עס פארלוירענע שטראף־רייד... און קיין פראפעסאר אין לעמבערג צי אין קראקוי וועט דר. רונדשטיין וועגען דער צווייטער העלפט

ארטיקעל נ י ש ט ווערען... דער פּאטריאָטיזם פון דער ערש־טער העלפט, זעהט איהר, איז ג ו ט, זעהר ג ו ט! דאָס האָט מען ליעב... ביי אַן ארעמען פּאָלק, ווי מיר אָדער די פּאָליאקען זענען, איז פּאטריאָטיזם א גאנגבארע מטבע... אפילו געמאכטער — אָלץ בעסער ווי גאָרנישט. אָבער די צווייטע העלפט — אנטי־קאפּיטאַ־ליזם, נייע אידעען מאכען אלץ צו שאנדען! דאָס איז שוין סם... א טרפות פאר גאַליציען — ניין, ער וועט קיין פּראָפעסאָר נ י ש ט זיין... אויסער...

ז י (האַלב פאַראינטערעסירט, האַלב באַליידיגט). א ו י ס ע ר וו א ָ ס?

ע ר. אויסער, אז ער וועט די צווייטע העלפט אָפּרופען... א יונגער מאן — וועט ער מאכען נ אָ ך א קויקעל... נ אָ ך א קאצענ־שפּרונג... וועט ער א פּ ש ר בלייבען אויף די פיס!...

ז י (במעט מיט אָפּשיי). זי, שלעכטער מענש... נאָר מיט גאַל, נאָר מיט גאַל געשפּיגען!

ע ר (מיט אַ האַלבען גענעץ). בא! א גאַל האָט מען, שפּייען גאַנץ אָפּט—מוז מען! אַדיע!

ז י (קאַלט). אַדיע... (בלייבט זיצען).

ע ר (געהט ווייטער, געהענדיג, פּייפט ער אַ גריכיש ליעדעל).

פּענעלאָפּא, די עגונה,
ארבייט האָט זי פולע הענט...
שפּינען, שפּינט זי גאַנצע טעג —
און ביינאַכט ווערט אויפגעטרענט...
פּענעלאָפּא, די עגונה...

(עס יאָגט אָן אַ ווינטעל, צויאָגט דאָס פייפען איבער'ן גאַנצען זאַקסישען גאָרטען)

.1902

פּאָלעמיק.

(דר. רונדשטיין אַלס ציוניסטען־קריטיקער)

1.

דער רעדאַקטאָר פון וואַרשעווער „איזראַעליט“ האָט איבערגעהאַקט זיין גאַנג אַרטיקלען איבער’ן ציוניזם, וועגען דער מינסקער פאַרזאַמלונג און האָט אַרויסגעלאָזט אויף דער בימה דעם דר. רונדשטיין, דעם באַריהמטען ערפינדער פון אידישער „האַקאַטע“ אין פויזען, און געגעבען איהם דאָס וואָרט, ער זאָל באַטראַכטען די **אידישע** פאָלקס־באַוועגונג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישען שטאַנדפונקט!

און דר. רונדשטיין, וואָס האָט געשטעלט איין פוס אויף די פויזענער אידענס קעפּ, שטעלט אַצינד דעם צווייטען אויפ’ן ציוניזם און בלייבט אַליין הענגען אין דער לופט, מלחמה צו האַלטען, ווי ער זאָגט, מיט די מליצה’דיגע לופט־שלעסער פון **איצטיגען** ציוניזם!

לויט דר. רונדשטיינס מיינונג, מוז יעדע פּאַרטיי געגרינדעט ווערען אויף אַן עקאָנאָמישען פּראָגראַם. אַלץ מוז געבויט ווערען אויף אווירטשאַפטליכען יסוד, און דאָס, צו זיין באַדויערען, טוט דער ציוניזם **נישט**.

די עקאָנאָמישע פראַגען ווערען אַוועקגעלעגט אַן א זייט, פון געגענוואַרטס־פּראָגראַם ווערט גאָרנישט, אָדער **וועניג** גערעדט און **שלעכט** גערעדט. דער לאָנדאָנער קאָנגרעס האָט אפילו אויפגעשטעלט „אַ מין פּראָגראַם פאַר די געגענוואַרט“, נאָר „דעם ווירטשאַפטליכען פּראָגראַם האָבען געמאַכט אינזשענירען אָדער דאָקטוירים“, מען האָט זיך אפילו נישט קלאָר געמאַכט די

תנאים, ביי וועלכע דאָס אויספיהרען פון דעם כלומר'שטווירטשאַפטליכען פראָגראַם וואָלט מעגליך געווען.

מען האָט גערעדט פון חברות פאַר לעבענסמיטעל און אויס־אַרבייטען און דר. רונדשטיין אַנטדעקט צו פינפצעהנטען מאָל אַמעריקא, אַז ווען דער ציוניזם זאָל אויף דעם אופן אָרגאַניזירען די אידישע אַרבייטס־קראַפט, וואָלט ער באַלד פאַרלוירען אַלע קליין־הענדלער און קרעמער, ביי וועלכע ער וואָלט צוגענומען די פּרנסה... און מיינט, דאָס דערמיט שלאָגט ער נישט זיך און זיין פאַרלאַנגען, אַז דער ציוניזם זאָל בויען אויף עקאָנאָמיע.

אין דער אַסיפה אין מינסק איז יאָ געוועזען אַן עקאָנאָמישער רעפעראַט פון אַן עקאָנאָמישען ספּעציאַליסט דר. גורעוויץ. נאָר דער פאַקט שטעלט דעם דר. רונדשטיין נישט צופרידען. ערש־טענס, האָט די פאַרזאַמלונג אויסגעהערט דעם רעפעראַט גאַנץ קאַלטבלוטיג, כמעט פאַרשלאָפען, בשעת „די קולטור־פראַגע האָט אַרויסגערופען מינוטען, מיט וועלכע דער ווינער פאַרלאַמענט וואָלט זיך נישט געשעמט". (?)

צווייטענס, רעכענט דר. רונדשטיין דעם רעפעראַט אַליין פאַר גאָר נישט, אָדער כמעט גאָרנישט.

דעם דר. גורעוויטש'עס מיינונג, אַז „ביי אידען שניידען זיך די קלאַסען שאַרף נישט אָפּ, ווייל מען פאַלט גלייך אַראָפּ צום לומפּען־פּראָלעטאַריאַט" איז נישט אמת. (און אַז דר. רונדשטיין זאָגט, איז גענוג!) די פראַגע: „מען דאַרף מאַטעריאַליזירען דעם אידישען גייסט" איז נאָך קיין ווירטשאַפטליכעס פּראָגראַם נישט, און „די פּראַקטישע פאַרשלאַגען, וואָס דר. גורעוויטש האָט געמאַכט, זענען חלומות", נישט צום אויספיהרען. די אַרטעלען און שותפות־חברות זענען נאָך נישט דאָס לעצטע וואָרט פון דער וויסענשאַפט. קורץ און שאַרף!

פון וואַנען נעמט זיך עס? עס קומט, — מיינט דר. רונד־שטיין, — דערפון, וואָס „די ציוניסטישע אַרכיטעקטען זאָרגען מעהר פאַר די דאַך־שפּיצען, וואָס דינען מעהר צו אַן אילומינאַ־ציע פון מליצות, איידער פאַר די פונדאַמענטען פון דעם גאַנצען געבוי".

און אַזוי בויען טאָר מען נישט. „אַ געבוי אָהן פונדאַמענטען, צופאַלט זיך, ווי אַ קאַרטען־שטיבעל ביים ערשטען בלאָז".

און דער פונדאמענט מוז זיין א ווירטשאפטליכעס געגענ־װארטס־פראגראם. ווייל „א סאציאלע פארטיי („סאציאלע" איז שטילערהייט אריינגע'גנב'עט) וואס וויל אויספיהרען איהרע אי־רעאלען אין דער צוקונפט, מוז לעגען איהר זאמען אין דעם ניי־לאנד (?) פון דער געגענווארט". „לופט־שלעסער און חלומות זע־נען שלעכטע פונדאמענטען פאר א געבוי, וואס זאל ארויפשיסען צום הימעל מיט מיסטישע (?) בלומען־בעכער!"

די משלים פון בויען און זייהען מישען זיך אפילו צופיעל אוים, כמעט אין יעדען זאץ ווערט געבויט און געזייהט. נאר נישט ווענען סטיליסטישע פעהלער געהט עס.

דר. רונדשטיין האט אריינגערוקט נאר א קליין ווארט „סאַ־ציאלע" — א קליין שטיינדעלע, וואס דער לעזער קאן לייכט נישט באמערקען און שטרויכלען דעריבער, און פאלען דעם הויך־פילא־זאפישען קריטיקער אין שוים אריין...

דער ציוניזם וויל און מוז זיין א אידיש פ א ל י ט י ש ע פ א ל ק ס־באוועגונג. דר. רונדשטיין מאכט פון איהם כלאחר יד א ס א צ י א ל ע באוועגונג, וואס מוז ווירקליך געבויט ווערען אויף א געוויסען ווירטשאפטליכען פראגראם און מוז ווירקליך „אנגעהויבען ווערען א ו נ ט ע ן, ביים פ ו נ ד א מ ע נ ט".

„די נידעריגסטע פאכען פון לעבען מוז מען באלייכטען; די קרעפטען, וואס ארבייטען און שאפען, אנטפלעקען; קלאר ווערען ווענען געוועב פון אורזאכען (סבות), ווארים „די ווירקליכקייט לאכט פון חלומות און פאנטאזיעס און זי ווארפט ארויס די הארפע פון פאעטם האנט".

די ציוניסטען אבער טוען עס נישט, זיי האבען קיין פעסטעס ווירטשאפטליכעס פראגראם נישט.

„זיי פארבלענדען נאר מיט אן אילומינאציע פון מליצות און באטויבען מיט הויך־קלינגענדיגע, נאר הוילע ווערטער, ווי: ארץ ישראל, קאלאניאל־באנק, קולטור... אדער באשעפטיגען זיך מיט „האלב־מיטעל", מיט ווארעם וואסער פאר בלוטיגע וואונדען, מיט פלאסטער פאר הילצערנע פים"...

אזוי רעדט דר. רונדשטיין פון „יעצטיגען", פון היינטיגען ציוניזם פון בעל־בתי׳שען מאָמענט. „ווען די באוועגונג וויל ווייס זיין, ווי שניי, און אומשולדיג, ווי א טויב", און קאָן קיין פרייעס, ערענסטעס וואָרט נישט ליידען!

און געמיינט האָט ער, אז „אידען", דאָס באריהמטע מח־פאָלק, וועט אָנהויבען די אומאנדערשונג פון זיין לעבען מיט דער גרויער, וואָכענדיגער, נאָר פונדאַמענטאַלער ארבייט" און וועט זיך „צו אַלעם ערשטען נעמען איבערצואַנדערשען די עקאָנאָמישע לאגע".

און, לויט דר. רונדשטיין, וואָלט עס זעהר לייכט געווען צו טון.

מען האָט נאָר געדאַרפט — זאָגט ער — אָננעמען איינעם (וועלכען עס איז?) פון די הערשענדע עקאָנאָמישע פראָגראַמען אָדער באַשאַפען פאר זיך א נייעם!

פון א קליין, שטילערהייט ארייגנע׳גנב׳עט ווערטעל „סאָציאַלע" באוועגונג, איז אַרויס א גאַנצער שפאָגעל נייער חוב! דער ציוניזם איז מחויב צו באַשטעטיגען, וואָס עס איז פאר א ווירטשאַפטליכעס פראָגראַם, אָדער צו שאַפען א נייעם! אַלע ציוניסטען, מזרחי, פראַקציאָניסטען, חירות (אויב זי לעבט נאָך!) און די מיטעל־פאַרטיי, אַלע זאָלען זיך די הענט געבען און אָננעמען!

און באמת באַקומען מיר א פונק־נייע מיסיע! עס איז נאָר געזאָגט, אָננעמען א „הערשענדען פראָגראַם"! די הערשענדע ווירטשאַפטליכע פראָגראַמען זענען קלאַסען־פראָגראַמען... און דער ציוניזם, אַלס פאָלקס־פאַרטיי, קאָן זיך מיט איין קלאַס נישט באַגניגען! ער וואָלט צוגאַנגען, ווי שניי אויף דער זון! אפשר איין פראַקציע וואָלט געבליבען! אויך נישט די גאַנצע! מוז מען טאַקע באַשאַפען א נייעם פראָגראַם! און עס וועט זיין דאָס אכטע וועלט־וואונדער, א ווירטשאַפטליכעס סיסטעם פאר גרויס־ און קליין־הענדלער, קאַפּיטאַליסטען, בעלי־מלאכות, פאבריק־ארבייט (אביסעל איז פאָרט פאַראַן) איבער אַלע קלאַסען און פאר אַלע קלאַסען! — פאר אַלע און מיט קיינעמס שאָדען!

און אויב מען וועט דאָס פּראָגראַם געפינען, וועט שוין די גאַנצע וועלט געניסען! מיר האָבען געהאַט א שווערע מיסיע צו פאַרשפּרייטען די אמונה און אחדות הבורא, דר. רונדשטיין זוכט אונז א צווייטע!

און אויב נישט, באשטעהט דר. רונדשטיין, אז דער ציוניזם זאָל זיך באגניגען מיט איין קלאַס!... זאָל ער נישט זיין קיין פאָלקס־באוועגונג! לויט זיין רעצעפּט דארפען די ציוניסטען ארויסטרעטען אלס סאָציאַל־פּארטיי, און באגליקען מיט'ן ווירט־שאַפטליכען פּראָגראם נאָר „די גרויע דערשלאָגענע מאסע, וואָס ווערט פון היינטיגען, בעל־בתי'שען ציוניזם געטריבען צו דער פינסטערער רעאַקציע!"

ווענען „רעאַקציע" ווילען מיר נאָך רעדען! אצינד שטעלען מיר נאָר די פראגע:

ווי ווערט אויסזעהן דר. רונדשטיינס צוקונפט־ציוניזם פאר דער גרויער מאסע אָהן ארץ ישראל, קאָלאָניאַל־באַנק און אידישע קול־טור... וואָס ווערט אין איהם זיין צ י ו נ י ס ט י ש !

2.

מיר מוזען אבער דעם דר. רונדשטיין שטעלען נאָך א פראגע: מיט וואָס פאר א מיטעל רעכענט ער אויסצופיהרען דאָס ווירט־שאַפטליכע פּראָגראם, ווען עס זאָל געגעבען אָדער אָנגענומען ווערען?

ער לאַכט אויס די ציוניסטען, וואָס רעדען זיך איין, אז די ווירטשאַפטליכע פראגען ווילען פארענטפערט ווערען ערשט אין אייגענעם לאַנד, אין ארץ ישראל, און האָבען — ווי ער זאָגט — פאר'ן געגענוואַרטס־פּראָגראם נאָר האַלבע מיטלען. און דאָך איז גאַנץ לייכט איינצוזעהן, אז דאָס פארענטפערען מיט אידישען ווילען, מיט אידישער קראַפט, וואָס עס איז פאר א ווירטשאַפט־ליכע פראגע, באַזונדער פאר אידען אליין, נישט ארבייטענדיג פאר אַלע און גלייך מיט אַלע, איז שוין מעהר, ווי לופט־שלעסער בויען. דאָס איז איינפאַך טפשות! דער ציוניסט האָט א לאָגישען אויס־וועג: כל־זמן מען איז נישט פריי, קאָן מען זיך אינגאַנצען נישט העלפען. מיט געבונדענע הענט קאָן מען קוים דעם שטריק אויפ'ן האַלז לויזער מאַכען, ער זאָל נישט ווערגען! קודם כל — באפרייען די הענט! דער אָפּטימיסט גיט נאָך צו: דאָס פאָלק, וואָס האָט אמאָל געהאַט שבת, שמטה, יובל און אַנדערע מענשליך איידעלע איינריכטונגען, וועט נעווים געהן אין דעם זעלבען וועג ווייטער

ביז צו די העכסטע מדרגות. אדער: דאָס פאָלק, וואָס האָט אזוי פיעל געליטען און געהונגערט, וועט וויסען, וואָס ליידען און הונגער איז! דערוויילע מוז מען אבער טון, וואָס מען קאָן, און מוז מען זיך באנניגען מיט האַלב־מיטעל, זאָל עס זיין א געגענוויכט פאר אנטי־סעמיטיזם, פאר באשרענקונגען א. ז. וו. ... ווער עס וויל אבער דאָ, באַלד אויף אָן אָרט און שטעל, אינגאנצען אומאנדערשען די אי־דישע לאגע, מוז עס טון אויסערהאלב דעם ציוניזם.

דער ציוניזם, אלס פאָלקס־, נישט קלאסען־באוועגונג, אלס פאָ־ליטישע, נישט עקאָנאָמישע פאַרטיי, פאראייניגט און ארבייט פאר'ן גאנצען פאָלק; קיינעם נישט אויסגעשלאָסען. די אידישע פאָלקס־פראגע און די אלגעמיינע ארבייטס־פראגע שטעהען זיך נישט אקעגען און דעקען זיך נישט. איין פראגע קאָן פארענטפערט ווערען אהן דער צווייטער. נאָך מעהר — די ארבייטער פראגע קאָן פאר־ענטפערט ווערען, די אידען קאָן נאָך דערפון ערגער ווערען, אויב צום רעכט אויף ארבייט — דאָס העכסטע ארבייטער־פארלאנגען — וועט צוגעגעבען ווערען: אויסער אידען! וועט ערשט פון דער אי־דען־פראגע ווערען א לעבענס־פראגע! נישט קיין „נויט“, נאָר א ברויט־פראגע! און מערקווירדיג! — וואָס פאר אלעמען און ביי אלעמען איז קלאָר און פארשטענדיג, ווערט ביי אונז און בנוגע צו אונז פארקניפט, פארקריפעלט און אויסגעדרעהט נישט צו דער־קענען.

צי וואָלט דר. רונדשטיין געראטען דער פוילישער פּאָליטישער פאָלקס־באוועגונג אין פאָזען, אדער דער רוטענישער אין גאלי־ציען, זיי זאָלען זיך איבערניציוווען אויף א פארטיי מיט א ווידט־שאפטליכען פראָגראם? אויף אן אלט אדער אויף א ניי באשא־פענעם?

צי וועט עמיץ פארלאנגען פון די אירלענדער, וואָס בארען זיך פאר'ן פּאָליטישען לעבען געגען ענגלאנד, אדער די ארמענער, וואָס האבען דיזעלבע נאציאנאל־פאָליטישע חשבונות מיט טערקיי, — זיי זאָלען זיך איינמאל פאר אלע מאל ערקלערען פאר אדער געגען מארקס?

צי ווייסט איהר נישט, דר. רונדשטיין, אז די ציוניסטישע אדער אידיש־נאציאנאלע ארבייט וואָלט זיך שווין צו גליקליך גע־שעצט, זי זאל ברענגען דאָס אידישע פאָלק צו דער מדרגה, עס זאָל

האבען זיין אייגענע, באזונדערע פראגע פון „מיין“ און „דיין“, פון „ארבייט“ און „לוין“: פאר זיך אליין, ביי זיך אין דער האנט! מען זאל קאנען צוגעהן און קלערען איבער איהר מיט׳ן אייגענעם פרייען ווילען?

צי ווייסט ער נישט, אז נישט נאר גאנצע פראגראמען זענען אצינד נישט צום אויספיהרען פאר און דורך אידען באזונדער, נאר אז אפילו די קלענסטע תקונים, — איך וויל שוין נישט באנוצען דאס קלינגענדיגע ווארט „רעפארמען“, — קליינע פארבעסערונגען, וואס ליגען הארט ביי דער גרענעץ פון צדקה, מצוות ומעשים טובים, בא! אז אפילו צדקה, מצוות און מעשים טובים אליין זענען ביי אונז נישט אין דער האנט?

און ווייסט דר. רונדשטיין פון אן א ו י ס פ י ה ר ל י כ ע ן געגענווארטס־פראגראם אויף א צ י נ ד, אויף שוין, — וואס שווייגט ער? פארוואס ווארט ער, די ציוניסטען זאלען עס אויפסניי ערפינדען?

3.

דאס לעבען איז א י י ן לעבען, און פארשידענע לעבענס־פראגען באריהרען נאר פארשידענע זייטען אדער פארשידענע פונקטען פון לעבען. ווי די פראגען, אזוי די פארטייען! די פארטייען באשעפטיגען זיך מיט פארשידענע פראגען, און באריהרען זיך, גלייך מיט זיי ארום און ארום אויף אלע גרענעצען. „באריהרען“ איז אבער נישט „דעקען“. צוויי פראגען, וואס דעקען זיך, אדער וואס ווארטען אויף איין ענטפער, זענען נאר א י י ן פראגע, נישט צוויי! צוויי פארטייען, וואס זוכען דעמזעלבען צוועק און ווילען איהם דערגרייכען מיט דיזעלבע מיטעל, זענען נישט קיין צוויי, נאר א י י ן פארטיי! אזוי אויך דער ציוניזם. אלס אידישע באוועגונג, וואס באהאנדעלט די אידישע לעבענס־פראגע, באריהרט ער און איז, צו אלעם ערשטען, אפהענגיג פון דער אלגעמיינער לעבענס־פראגע (דער פונקט, וואס איז ליידער זעהר וועניג באשפראכען!) און באריהרט נאך אויסער דעם אלערליי נעבען־און הילפס־פראגען, ווי קולטור, גלויבען, היגיענע, ווירטשאפט, קונסט א. ד. ג.

א ציוניסט קאן זיך באשעפטיגען מיט דער קארסעטפראגע, צוליעב דעם געזונט פון אידישע פרויען... און דאך איז דער ציוניזם קיין קולטור־פראגע, קיין רעליגיאן־זאך, קיין ווירטשאפטס־פראגראם, קיין קונסט, פונקט ווי ער איז קיין קארסעט־ און קיין אנטי־קארסעט־פראגע... ווייל פראגען, וואס באריהרען זיך, צי זיי ווירקען געגענזייטיג אויף זיך מעהר אדער וועניג, גלייך צי קאפויר — דעקען זיך נישט! און דער ציוניזם, ווי ער זאל נישט פיהלען די באריהרונג מיט דער ווירטשאפטליכער פראגע, קאן נישט נעמען אויף זיך צו היילען די סאציאלע וואונדען, פארקערט — יעדער ענטפער אויף יעדער ווירטשאפטליכער פראגע מוז צושלאגען די ציוניסטישע פארטיי און ארויסווארפען פון דער פאלקס־באוועגונג ד י ק ל א ס ע ן, וועלכע דער ענטפער וועט שעדיגען צוליעב אנדערע! קיין ר א ד י ק א ל ע ר גאנצער ענטפער קאן עס שוין געוויס נישט זיין!

עס איז פארשטענדליך, אז דער פאליטישער ציוניזם, וואס וויל און מוז זאמלען די מיטלען אויף אויספיהרען זיין לעצטען צוועק ביים גאנצען פאלק און מוז זיך דעריבער ארגאניזירען אי־בעראל, בשעת דאס אויספיהרען אליין מוז ליגען אין די הענט פון איינצעלנע מענשען און אויף א געוויסען פלאץ, — אז זייענדיג אין אזא לאגע, מוז דער פאליטישער ציוניזם געבען יעדען קעמערל פון צושפרייטען ארגאניזם, יעדען רעדעל אין דער צוזאמפענער מאשין עפעס צו טון. און זעהט, ווי „רעדער“ און „רעדלעך“ פארנעמען זיך מיט נאהנט־ליגענדיגע הילפס־פראגען, ווי אידישע קולטור, אידישע קונסט, ארגאניזאציאן פון אידישע ארבייטער, וכדומה... אניט וואלטען די „קעמערלעך“ פארשטארט און אפגע־שטארבען, די רעדלעך זיך צולאפען, און דער „קאפ“ איז ווין וואלט קיין הענט און פיס און וועמען צו באפעהלען נישט געהאט! אויך איז זעלבסטפארשטענדליך, אז וואס ווייטער די הילפס־פראגען ליגען פון מיטעל־פונקט (פון באזעלער פראגראם), וואס וועניגער די פראגען, פאר וועלכע די פארטיי־מענער אגיטירען אין ציוניסטישע גרויסע פארזאמלונגען, באריהרען דעם א י י נ ע נ ט ל י כ ע ן ציוניזם, וועט אלץ וועניגער איינהייט זיין צווישען די פארזאמעלטע, און וואס שארפער עס וועט זיין דער אונטערשיד, אלץ פלא־

בער און מיטעלמעסיגער וועט ארויס די החלטה... נאָר דערמיט מוז מען זיך באַגניגען! עס קאָן אַנדערש נישט זיין!

דאָס האָבען מיר געזעהען אויף אַלע קאָנגרעסען בנוגע צו קול־טור, און דאָסזעלבע זעהען מיר אויך איצט בנוגע צום ווירטשאַפט־ליכען פּראָגראַם. ווי געלעהרט עס איז נישט געווען דר. גורעוויטש'עס פאָרטראַג אויף דער מינסקער אסיפה, זענען אַלע זיינע פּראַקטישע עצות נישט מעהר געווען, ווי בעלי־בתי'שע האלב־מיטלען...

נאָר פון דאַנען איז נאָך נישט געדרונגען, ווי דר. רונדשטיין וויל, אַז דער ציוניזם מוז זיך בויען אויף אַ פעסטען ווירט־שאַפטליכען סיסטעם; פאַרקערט, געדרונגען איז, אַז דער ציוניזם, וואָס וויל און מוז זיין אַ פאָלקס־באַוועגונג, טאָר נישט בויען אויף אַ ווירטשאַפטליכען סיסטעם, וואָס קאָן העלפען נאָר איין קלאַס מיט'ן שאַדען (ווען אפילו מיט'ן עהרליכסטען) פון אַנדערע!

די ציוניסטישע פּאַרטיי, אַלס אידישע פאָלקס־פּאַרטיי, מוז זיך שטעלען איבער די אידישע קלאַסען, ווי שאַרף זיי זאָ־לען זיך נישט אָפּשניידען איינע פון דער צווייטער און ווי פאַר־שידען און ווידערשפּענסטיג עס זאָלען נישט זיין זייערע אינטע־רעסען! דער ציוניזם האָט נישט דאָס רעכט צו פאַרווערען זיינע מיטגלידער צו ווירקען אויסערהאַלב דעם ציוניזם. אויף איי־גענער פּערזענליך פאַראַנטוואָרטליכקייט לויט זייער אייגענעם גע־וויסען און איבערצייגונגען; אָבער אין ציוניזם אַליין קאָן נאָר אָנ־גענומען ווערען אַ געוויסער אומשולדיגער קערן פון וואָס עס איז פאַר אַ ווירטשאַפטליכען פּראָגראַם, און נאָר מיט'ן צוועק, דער אידישער אַרבייטער זאָל נישט פאַלען נידעריגער פאַר'ן אָרגאַניזירטען נישט־אידישען!

שטעלען זיך, ווי דר. רונדשטיין וויל, אויף אַ סאָציאַלען פוס, הייסט פון ציוניזם מאַכען אַ גאַנץ אַנדער פּאַרטיי; נישט קיין אי־דיש־פּאָליטישע, נישט קיין נאַציאָנאַלע, נאָר אַ פּאַרטיי מיט גאָר אַנדערע צוועקען!

דר. רונדשטיין פאַרלאַנגט אָבער נאָך מעהר. עס איז איהם וועניג צו פאַרלאַנגען, דער ציוניזם זאָל זיך גרינדען אויף אַ סאָ־ציאַל־ווירטשאַפטליכען קלאַסען־פּראָגראַם. ער וויל נאָך דעם איינ־

ציג נאַטירליכען פּאַרטיי־פונדאמענט — דעם נאַציאָנאַליזם אַוועק־שאַפען.

„בשעת דער נייער מענש — זאָגט דר. רונדשטיין — שטרעבט זיך צו באפרייען פון נאַציאָנאַלען אַבערגלויבען און באַמיהט זיך אַראָפּצוּוואַרפען פון זיך דעם שאָוויניזם (די פאַלשע נאַציאָנאַלע גאוה), ווילען די אידען (ציוניסטען?) גרינדען אַן אייגענע אָרגאַ־ניזאַציע אויף דעם אָפּגעלעבטען נאַציאָנאַליזם! דאָס אידישע פאָלק, וואָס וויל דאָס פעהיגסטע זיין צו די אַלגעמיין מענשליכע אידעאַלען, פאַרבלאַנדזשעט, צו דר. רונדשטיינס באַדויערען, אויף די פאַלשע וועגען פון אַ ועקינצעלט אונטערגעהאַלטענעם נאַציאָ־נאַל־געפיהל, וואָס איז געגען פּראָגרעס און גאַנץ אָפּט שעדליך (פאַרגלייך „ניווא פּאָלסקאַ“, „גאַזעטאַ פּאָלסקאַ“ וכדומה).

מיר האָפען, אַז דר. רונדשטיין מיינט עס אין אַלגעמיינעם. אַז ער מעסט אַלע נאַציאָנאַליזמען מיט איין מאָס... אַנדערע טוען נאָך אַנדערש! פרעמדע נאַציאָנאַל־שפּראַכען, פרעמדע מדות, אַנ־דערע פעלקער־זעלען, אַלערליי היסטאָרישע טיפּען זענען כשר, אַפּילו הייליג, און פאָדערנען, אַפּילו פון אונזער זייט, אויף מסירת נפש, און נאָר אונזער אייגענער נאַציאָנאַליזם איז אַלס א י ד ע ע — געגען פּראָגרעס, אַלס פּאָליטיק — געפעהרליך! נאָר א י ד י ־ ש ע אייגענאַרט, א י ד י ש ע קונסט, אידישע שפּראַך, גע־וואוינהייטען און מנהגים זענען „אַלטע לאַפּען אויף'ן מיסט אַרויס־צוּוואַרפען“... און דעם דר. רונדשטיין מוזען מיר ענטפערען, אַז די אַלגעמיינע מענשהייט איז געשטאַלט פון אַ וועלט־סטאַדע פון איינצעל־פּערזאָנען איז שוין אין שוסטער־גאַס באַקאַנט אַלס קאַמי־וואָיאַזשער אידעאַל! די מענשהייט, אַלס העכסטער אָרגאַ־ניזם, מוז באַשטעהן פון פרייע און זאַטע פעלקער, ווי פעלקער — פון פאַמיליען, און די לעצטע — פון איינצעל־פּערזאָנען. אַז דער „פּראָגרעס“ פאַרלאַנגט נישט די פאַרניכטונג פון פעלקער, אַזוי ווי ער פאַרלאַנגט נישט די פאַרניכטונג פון איינצעלנע אָרגאַניזמען. אום אויפצולעבען און צו באַפרייען די איינצעלנע „קעמערלעך“ אין לייב! דער פאָרטשריט געהט נישט אַזוי פלאַך! ער פאַרלאַנגט נישט נאָר אַ ב ר י י ט, נאָר אויך אַ ה ו י ך און ט י ף לעבען. און צו דעם צוועק מוזען זיך פאַרבינדען וואָס אַמאָל העכערע אָרגאַ־ניזמען!

און פון *נאַציאָנאַליזם* ביז *שאָוויניזם* איז ווייט! מען טאָר זיי אונטער דער האנט נישט אויסמישען, נישט פאַרבייטען, ווי מען טאָר עס נישט טון בנוגע צו *גוטע* און *שלעכטע*, *קלוגע* און *נאַרישע* מענשען! עס וועט קיינער נישט זאָגען: פאַרניכטעט א מענש, ווייל ער קאָן ווערען שלעכט! מען זאָגט: זוכט מיטעל, ער זאָל גוט זיין!

בפרט אידישער נאַציאָנאַליזם, וואָס האָט קוים קראַפט זיך צו שיצען, און *קאָן* קיין בייזע חלומות נישט האָבען!

מיר זענען אַרויסגעטראָטען געגען דר. רונדשטיין נישט אָלס גואל־הדם פון ציוניזם; דערצו האָט דער ציוניזם נאָהענטערע קרובים, נאָך ווייניגער צו פאַרטיידיגען דאָס בעל־בתי'שקייט אין דער ציוניסטישער פאַרטיי... מעהר איז אונז געגאַנגען וועגען נאַציאָנאַליזם, און נאָך מעהר — וועגען אמת, וואָס דר. רונדשטיין פאַרטונקעלט און פאַרשמירט מיט מכלומר'שט געלעהרטע פראַזען און קלינגענדיגע ווערטער מכלומר'שט אין דער מלחמה געגען פראַזען און קלינגענדיגע ווערטער!

.1902

ווענען אידישער חוצפה.

עס איז פשוט משוגע צו ווערען!

ווארים באמת — וואס טוט מען?

געלט אויף בעלער, ווערט וואס אמאל ווייניגער! נייע שאנ־סאנעטקעס, מען זאל קאנען האבען און אוועגט יצר־הרע פאר א רובעל, קומען נישט. נייע קלאאונען — דער ציריק זאל אינטערע־סאנטער ווערען, באווייזען זיך נישט, און פאר דער פאליטיק געהט זיך אן די גרינע גאל...

וואס איז היינט פאליטיק? גארנישט!

אין פאריז געהט א סדרה — אסומפציאניסטען; ווייסט דער טייוועל וואס פאר א שווארצע חברה דאס איז!

דער „פשעגלאנד־טיגאדניאווי", וועלכען די „ראלא" האלט פאר א אידיש בלאט, זאגט, אז די אסומפציאניסטען זענען א באַ־האלטענע חברה פון גלחים־אינטריגאנטען, וואס ווילען איבערקע־רען די גאנצע פראנצויזישע רעפובליקאנישע שיסעל, און אונזער „קוריער ווארשאווסקי", לעווינטאל'ס, דעם געוועזענעם אפוטרופוס פון אידישען שפיטאלס בלאט, זאגט להיפוך: די אסומפציאניסטען זענען ווייסע שטילע טויבען, וואס האלטען זיך אין דער הויך אויף די שפיצען פון קלויסטער און מען הערט נישט זייער פארע...

און געה, וויים!

פון אפריקא הערט זיך נישט מעהר, נאר ויסעו ויחנו. אהין גערוקט, אהער גערוקט, צוויי בורען געפאלען, פיער ענגלענדער געפאנגען. — עס ווערט נמאס ומאוס!

ענגלאנד האט זיך פארקייכט אינמיטען איינשלינגען דעם בור; נישט ארויסצוווארפען, נישט אראפצושלינגען!

וואלטען כאטש די בורען אונטערגעלעגט יאהאניסבורג, איז דער לופט זי אויפצורייסען! וואלט כאטש געפאלען א הייסער דימאנטענער רעגען...

פון כינא קומען אזוינע שקרים, אזוינע גוזמאות:

אז, ווען נישט, וואס אויף דער קראקעווער פארשטאדט איז פאראן אן אפען געוועלב מיט א שילד מיט כינעזישע אותיות — ווען נישט, וואס דארט שטעהט א בפירוש'ער לעבעדיגער כינעזער, מיט אן אמת כינעזישען צאפ, אויף וועלכען די ווייבער קוקען מיט וואסער אין מויל און אויגען פאר קנאה, ווען נישט, וואס ער שטעהט א גאנצען טאג און פארקויפט, ווי ער אליין זאגט, ריינעם כינעזי־שען טיי מיט א צולאג, וואלטען מענשען געזאגט: „איוב לא היה ולא נברא!" — עס איז קיין מלחמה נישט פאראן, קיין כינא נישט דא! עס איז א חלום, אן אויסגעטראכטע מעשה; ווי די דריי פראנצויזישע ברידער „גלייכהייט, פרייהייט, ברידערשאפט", מיט וועלכע מען האט א לאנגע צייט צו נארען געמאכט דעם עולם.

הכלל — פוסט, תהו ובהו!

וואס דען טוט מען? פון וואס שרייבט מען אין צייטונגען!

האט מען זיך טאקע אזוי לאנג געבראכען דעם קאפ, ביז מען האט באקומען פון וואס צו רעדען, מיט וואס די צייט צו פאר־ברענגען; אבי נישט פון זיך אליין צו קלערען, אבי פטור צו ווע־רען פון נאציאנאליזם, ציוניזם און אלערליי געטא־געשפענסטער, וואס שרעקען די ווארשעווער לייט בייטאג און ווערגען זיי ביי־נאכט... א נייע עסק האט מען געפונען: די — א י ד י ש ע ח ו צ פ ה!

עס איז אפילו נישט קיין נייע זאך! נאר אפילו ווארט, דער גרעסטער שניידער פון פאריז, וואס שאקעלט מיט גאנץ ווארשוי, ווי מיט א לולב, איז אויך נישט מחויב, אפילו נישט איין מאל אין יאהר, אויסצוקלערען א נייע מאדע; ער נעמט אן אלטע, און פרישט זי אויף, און די אלטע מאדע ווערט ניי, צוריק שעהן, און ווערט צוריק א מאגנעט, וואס ציהט אויס ביי די ווייבער דאס הארץ און ביי די מענער דאס ביסעל מטבעות...

די פראגע וועגען אידישער חוצפה איז זעהר אלט; אזוי אלט, ווי די אידיש־פוילישע, אדער די פויליש־אידישע אסימילאציע, מיט איהר אלטען פראגראם, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין איין ווארט: „שא! שא!" שטיל זאל זיין! דיין קול זאל מען נישט הערען! דיינע תנועות זאל מען נישט זעהן! קיין פאה, קיין פאלע, קיין אידיש ווארט! בפרט אין א „צוקערניע".

אזוי האָט עס געהייסען!

טראָגען א לולב מיט אן אתרוג אין גאס — פוי, אידישע חוצפה! יענער מיט די אָנגעצונדענע ליכטלעך און בעזעמלעך,— מעג! אן איבערגעשפּאָלטען פוטערען מיצעל, צוזאַמענגעבונדען מיט בענדלעך, איז א מחיה; א „פּריוועסאָווקע" — זאָל גאָט היטען! א העזה זיך צו ווייזען דערמיט אין גאס! ווער שמועסט רעדען א וואָרט אידיש אין גאס, אין טראַמוויי, אין וואַגאָן פון אייזענבאהן. — דאָס איז שוין שפּיץ־די־שפּיץ חוצפה!

א צייט לאַנג האָט א אידיש־פּויליש־ער, אָדער א פּויליש־אידישער משכיל גאַנצע טעג און נעכט געשפּיגען מיט „חוצפה"...

אַלץ ווערט אבער נמאס און די חוצפה איז אויך נמאס געוואָרען! מען האָט אַן איהר פאַרגעסען... אַצינד, אין דער שלעכטער צייט, האָט מען זיך אַן איהר דערמאָנט, מען האָט אַרויסגערוקט פון אַלטען אויוועז א צובראָכען ערדערען טעפּעל מיט'ן פאַרגליווערטען, פאַרשימעלטען חוצפה־מאכל, מען האָט איהם אויפגעפרישט, דערוואַרעמט, צוגעזאַלצען, צוגעפעפערט... און, נאָט אייך, איינגלעך און מיידלעך און עסט! פאַרשטופּט אייך די מיילער און רעדט נישט פון געטאָ, ציוניזם, נאַציאָנאַליזם, קייט נישט און שלינגט נישט די האַרטע זאַכען, פון וועלכע א פּויליש־אידישער, אָדער אידיש־פּוילישער מאָגען פאַרדאַרבט זיך אויף אייביג, אַז קאַרלסבאַד וועט איהם נישט העלפען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און צוריק די אַלטע שאלה: צי איז פאַראַן אידישע חוצפה צי ניין?

איינער זאָגט: יאָ, אַן אנדערער: ניין, א דריטער מיינט: אַמאָל איז געוועזן און היינט איז נישט דאָ!

און אַלע צדדים ברענגען ראיות, פאַררופען זיך אויך פאַקטען. נאָט אייך עטליכע:

עס איז פאַראַן אין וואַרשוי א „צדקה גדולה". נישט קיין אידישע, נישט קיין קריסטליכע, נאָר בכלל א צדקה גדולה, הייסען הייסט זי: „וואַרשאַווסקע טאָוואַרזשיסטוואָ דאָבראָטשיננאָשטשי" פאַרשרייבען דער צדקה־גדולה הייזער, קאַפּיטאַלען, מעג יעדער, אפילו דער גרעסטער חוצפה'ניק — א איד! דער „סטרוזש" פון הויז, וואָס געהט פון צייט צו צייט אַרום פון טיר צו טיר מיט א

רשימה אויף נדבות פאר דער צדקה גדולה, מאכט אויך נישט קיין חלוק, ווען ביי וועמען פסח געפאלט! ווער עס גיט, דעם פאר־שרייבט ער, ביי דעם נעמט ער.

הכלל—די חברה נעמט ביי אלע; גיבען, זאגט מען, גיט זי נישט אלע... און עס איז קיין וואונדער נישט! מיר האבען ערש־טענס, אונזער „קהל־שטוב", מיר האבען אונזערע בעלער און קאנ־צערטען אויף צדקה, אונזערע „שניי־קוילען" אפילו פאר אידישע ארעמע לייט! אויף דעם גרינדען מיר א נייע א י ד י ש ע „צדקה גדולה", וואס די רעגירונג האט שוין ערלויבט...

און צ ו ו י י ט ע נ ס, ווייזט אויס די „ראלא", די „ניווא פאלסקא" און דערגלייכען עהרליכע בלעטער, אז צדקה קומט פון לויטער ליעבשאפט, און — אויף ליעבשאפט האבען די קריסטען א מאנאפאל; על־כן, איז די צדקה גדולה, וואס איז געבויט אויף ליעבשאפט צו ארעמע לייט, א ק ר י ס ט ל י כ ע חברה... איי וואס? אידען גיבען אויך אמאל געלט? אויף וואס גיבען זיי נישט?

הכלל — עס איז פאראן א צדקה גדולה, וואס נעמט ביי א ל ע, גיט נ י ש ט אלע — א פאקט!

דער עיקר איז, אז וואו עס איז פאראן א חברה, מוזען זיין גבאים, און וואו עס זענען פאראן גבאים, מוז זיין א קלפי... איז דער עיקר שאלה נישט, ו ו א ס די חברה טוט, — צי בויט זי הייזער, צי טיילט זי פאר ארעמע לייט, וכדומה, נאר — ו ו ע ר ד א ר ף א ר ו י ס פ ו ן ק ל פ י?

כל־זמן אידען האבען זיך צונויפגענומען ביי דער קלפי און געמאכט יד־אחת מיט די ליבעראלען, וואס האבען, פ א ר ד ע ר קלפי און נ א ך דער קלפי (דאס הייסט: כמעט א גאנץ גע־הענדיג יאהר, ווייל חברות און קלפי'ס איז דא אסך!) צו די איד־לעך געשמייכעלט און צוגעוואונקען, איז גוט געווען, האבען די ליבעראלען געהאט די חברה אין דער האנט!... דאס יאהר אבער זענען וועניג אידען געקומען צו דער קלפי, זענען ארויס כמעט סאמע ווייסע מיוחסים און שווארצע ארטאדאקסען...

ווערט א מחלוקת:

זאגען טייל, אז עס איז א העזה געווען פון אידען, נישט צו קומען קאפ אויף קאפ צו דער קלפי און איבערלאזען די ליבע־

ראַלען אַהן הילף, און אנדערע זאָגען: פאַר א שמייכעל, וואָס איז שוין פארגליווערט געוואָרען אויפ'ן אלטען ליבעראַלען פנים, האָבען שוין אידען די חוצפה נישט געהאט צו קומען צו דער קלפי... זיי ווייסען שוין, אז די האַלב גע'פגר'טע קאַץ וועט שוין פאַר זייערטוועגען מיט'ן עק נישט ריהרען...

נומער צוויי:

עס איז פאַראַן אין ווארשוי א חברה, וואָס גיט בעלי־בתים קרעדיט אויף הייזער...

אידישע בעלי־בתים איז פאַראַן אין ווארשוי א דריטעל; די־רעקטאָרען האָט די חברה דריי. האָבען זיך די נאַלעווקעס מיט'ן גרזשיבאָוו געוואונדערט, פאַרוואָס זענען אַלע דריי דירעקטאָרען נישט קיין אידען... און, אז איינער פון די דריי דירעקטאָרען איז נפטר געוואָרען, האָבען זיי זיך מישב געווען, פּרוּווען אָפּצו־געבען שטימען פאַר א איד...

געראָטען איז זיי נישט... נישט אַלע אידישע בעלי־בתים האָבען געוואָלט א איד; אסך האָבען מורא געהאט פאַר א „אידישען טשינאָווניק"...

זאָגען טייל: אז די אידען האָבען די העזה נישט געהאט צו מאכען יד־אחת, אויסצוקלייבען א אידישען דירעקטאָר; און אנ־דערע זאָגען, אז עס איז א חוצפה געווען, אזוינס גאָר צו וועלען!...

נומער דריי:

עס זענען פאַראַן אין ווארשוי אידישע סקולפּטאָרען, אסך אידישע סקולפּטאָרען, האָבען זיי זיך צוזאַמענגענומען מיט עטליכע קריסטליכע חברים, געמאכט אן אסיפה, און מען האָט אָפּגעקלערט: היות די סקולפּטאָרען האָבען עד היום נאָך קיין צעך נישט, זאָל מען מאכען א צעך.

מען האָט אָנגעגעבען וואו מען דאַרף, א בקשה; עס איז גע־קומען אן ערלויבניש, און דער מאַגיסטראַט האָט פארבעטען די סקולפּטאָרען אויף א זיצונג, מען זאָל עפענען דעם צעך.

דאכט זיך, אַלץ אין דער בעסטער אָרדנונג; דער באַאמטער פון מאַגיסטראַט עפענט די פאַרזאַמלונג, לעגט פאָר, מען זאָל אויס־קלייבען עלטסטע, א קאַסירער, א סעקרעטאַר... שפּרינגען אַרויס די עטליכע קריסטליכע סקולפּטאָרען און זענען מודיע דעם באַאמ־

טען פון מאגיסטראט, אז זיי קאנען מיט אידען צוזאמען, בשום אופן, קיין צעך נישט מאכען, אז די אידען קענען נישט די ארבייט. זיי זענען פושער, מאכען און פארקויפען טאנדעט און אזוי ווייטער. ווי אין „ראלא“ שטעהט, ווי אין „גיווא פאלסקא“ שטעהט, און — ווי אלע גוטע, פרומע קריסטען זאגען...

און — די קריסטען האבען פארלאזט דעם זאל...

א ו נ ז ע ר ע אידישע סקולפטארען האבען נישט געוואלט גרינדען דעם צעך אהן די קריסטליכע חברים, האבען זיי די אסיפה אפגעלעגט... אנגעהויבען איבערערדען, טענ'ען, געבען צו פאר־שטעהן; באשר בכן — עס איז נישט גלייך, נישט מענשליך! אי־דען — א נוצליך פאלק, אידישע סקולפטארען — נוצליכע בעלי־מלאכות; אז אנטיסעמיטיזם איז א פאסקודנער בלבול, וכדומה... און דערמיט איז דערווייל אוועק א צייט...

און דיזעלבע צייט, וואס די אידישע סקולפטארען האבען באנוצט צו פארשווארצען ביי די קריסטליכע חברים דעם אנטיסעמי־טיזם, האבען די קריסטליכע סקולפטארען באנוצט אביסעל קלי־גער: זיי האבען זיך באמיהט און איינגעגעבען א בקשה, און באקומען אן ערלויבניש אויף א קריסטליכען צעך, און דערמיט אליין איז אפגעפאלען די ערשטע א ל ג ע מ י י נ ע ערלויבניש...

דאמאלט ערשט הויבען אן אונזערע אידישע סקולפטארען צו קלערען וועגען א באזונדערען אידישען צעך! זאגען טייל, עס איז א וואונדער, וואס זיי האבען די העזה נישט געהאט צו בלייבען אויף דער ערשטער אסיפה, און צו גרינדען דעם צעך אהן די קריסט־ליכע חברים...

אנדערע אבער זאגען, אז עס איז א אידישע חוצפה, היינטיגע צייטען צו גרינדען אין פ ו י ל י ש ע ן ווארשוי א א י ד י־ש ע ן צעך...

וואס דען? ווארטען דארף מען!... דער אנטיסעמיטיזם וועט דאך אמאל אונטערגעהן... ער וועט מוזען אונטערגעהן!

און אז דער אנטיסעמיטיזם וועט אונטערגעהן, וועט מען ארייג־נעמען אידישע בעלי־מלאכות אין די קריסטליכע צעכען! אי וואס? די קריסטליכע צעכען האבען קריסטליכע הייליגע פענער; יעדער צעך האט זיין קריסטליך־הייליגען פאטראן, זיינע קריסטליכע ימים־טובים, — וועט זיך דאך דער אידישער גאט נישט בייזערען, אויב

די אידען וועלען דאָס אַלץ מיטמאַכען! הלמאי, עס האָט נאָך קיי־נעם קיין דונער נישט געטראָפען ביי אַ יאָלקע! און אַז נישט, וועלען די אידען נ י ש ט האַלטען די ימים־טובים פון צער, נ י ש ט טראָגען די פאַו. מאי כולי האי? ווענינ באַגעהן מיר זיך אָהן פע־נער, אָהן ימים־טובים?!

און, אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט אונטערגעהן — וועט מען נישט האָבען קיין צרות מיט דער נייער סעקציע פון בעלי־מלאכות, וואָס וויל זיין ריין פון אידען, וואָס פאַלט חלשות פאַר אַ ריח פון אַ קנאָבעל אָדער אַ ציבעלע...

און אַז דער אַנטיסעמיטיזם וועט בטל ווערען, וועט מען אָנ־נעמען אידישע דאָקטוירים צו דער „פאַגאָטאָוויע ראַטונקאָווע" („גיכע מעדיצינישע הילף"), וועט כאַטש זיין איין פוהר פאַר כשר'ע זופּ ביי דער „געזעלשאַפט געגען בעטלער", און אויף אַ סימן פון כשר וועט מען נישט טרומייטערען, נאָר בלאָזען שופר...

זאָל נאָר דער אַנטיסעמיטיזם בטל ווערען! זיפצט דער עולם...

און, האָט מען אַנגעהויבען רעדען פון אידישער חוצפה, וועט זי שוין אַזוי געשווינד פון צונג נישט אַראָפּ!... דאָס האָבען שוין אין זיך אַלע אידישע פראַגען, אַז זיי ציהען זיך, ווי אַ סמאָלע, נישט אָפּצורייסען! און עס איז אַ פּשוט'ע זאַך: דאָרט וואו מען טוט, ווערט אַמאָל אָפּגעטאָן, אַבער וואו מען רעדט און מען קאָן נישט מעהר נאָר רעדען, — איז טאַקע פון די „ניין מאָס רייד" נישט פּטור צו ווערען! דערמאָנט מען זיך, אַז ערשט נישט לאַנג האָט איינער פון אונזערע אידיש־פּויליש־ע אָדער פּויליש־אידישע שריי־בער, אַ געוויסער „אָהר נומער 2", געשטעלט אין אַ בראָשורע די פראַגע: פאַרוואָס האָבען מיר נישט ליעב די אידען? און האָט געענטפערט: דורך דער א י ד י ש ע ר ח ו צ פּ ה!...

אין דער געזעלשאַפט דערצעהלט דערווייל עמיץ אַ מעשה:

ער האָט געקויפט אַ בילעט אויף דער אייזענבאַהן און איז אַריין אין וואַגאָן, וואו ער האָט זיך אויסגעקליבען אַן אָרט, אָנ־דערגעלעגט דאָס פּעקעל, און איז צוגעגאַנגען צום פענסטער נאָך אַמאָל זיך געזעגענען מיט באַקאַנטע.

אז דער צוג האט גערירט, איז ער צוריקגעגאנגען און גע־וואלט זיך זעצן. נאר דער פלאץ איז שוין געווען פארנומען און דאס פעקל זיינס האט זיך געוואלגערט אויף דער ערד.

— מיין הער, — מאכט ער, נאטירליך אויף פויליש, צו א קריסט, וואס האט איהם דעם ארט פארנומען, אבער...

הערט א קלארע תשובה: פאשאל וואן!...

ווערט ער שוין אביסעל אין כעס, זאגט ער נאך אמאל, ווי הייסט? עס איז זיין ארט, זיין פעקעל געלעגען...

ענטפערט יענער, שוין מינז א ווארט מעהר:

— פאשאל וואן, זשידזשיע!

זאגט ער: ווי הייסט? באצאהלט האב איך גלייך מיט דיר; האב איך דאס זעלבע רעכט, ווי דו... וכדומה...

הויבט יענער אויף א האנט...

רוקט ער זיך אפ פאר דער יד, און ווארט אויפ'ן קאנדוקטאר.

אין איינוועגס קוקט ער זיך אום און זעהט, אז אין וואגאן איז דא אסך אידען און גאנץ ווייניג קריסטען.

„פאר'ן ערגסטען פאל"... טראכט ער...

דער קאנדוקטאר קומט דערווייל אריין; הערט איהם אויס, און פרעגט דעם עולם, ווי אזוי איז עס געוועזען? צי עס איז אמת, וואס דער איד זאגט?

דער קריסט, וואס האט דעם ארט פארנומען, שווייגט און שמייכעלט פיינ־יונגעריש.

די אידלעך אין וואגאן שווייגען אויך. נאר די עטליכע קריס־טען רופען זיך אן, דאכט זיך, שלא ממין הטענה:

עס איז מיט די אידען — זאגען זיי — נישט מעגליך צו פאהרען צוזאמען אין איין וואגאן: שטענדיג אומרוהען, שטענדיג האבען זיי טענות, טשעפען זיך אן, ווי א סמאלע... מען דארף פאר זיי האבען עקסטרא וואגאנען, ווי פאר פיה...

דער קאנדוקטאר, וואס איז גארנישט געוואר געווארען, געהט נאטירליך ארויס מיט גארנישט...

די קריסטען רעדען ווייטער, ווי אוממעגליך עס איז צו פאה־רען מיט אידען צוזאמען; די אידען שווייגען, איינער פון זיי האט דאך נישט אויסגעהאלטען! עס איז געוועזען א איד, לויט דער נאז, נאר א קריסט, לויט די וואנסען!

— אמת אידישע חוצפּה! — האָט ער אויסגערופען אויף אַן עכט אידיש־פּויליש לשון, — א לאַדע וואָס, מאַכט מען א געשריי!

און אַז אַנדערער האָט דערצעהלט אַן אַנדער מעשה:

— איך געה, — זאָגט ער, — אין גאַס, טרעף איך א באַ־קאַנטען פון פּראָווינץ, אַמאָל ביי מיר געוועזען! איך האָב׳ן גע־קענט אַלס סוחר, אַלס גרויסען סוחר; גרויסען קרעדיט געהאָט!... ביי מיר טאָקע געקויפט... געהאַנדעלט — נישט קשה... געדונגען זיך, נאָר געצאָהלט צו דער צייט.

פּלוצים האָט ער אויפגעהערט צו קויפען... רעכען איך, ער איז איבערגעגאַנגען צום קאָנקורענט... ווייל איך איהם שרייבען... היות... עס פּאַסט נישט... איך וועל איהם העכערען דעם קרעדיט... קלע־נערען די פּרייזען... וכדומה... האָב איך אָבער פאַרגעסען... פאַר־נומען, ווי איהר ווייסט...

אַז איך טרעף איהם אָבער אין א גאַס, דערמאָן איך מיך, א זכרון, ברוך השם, האָב איך! געה איך צו, שלום עליכם!... ווי אַזוי רעדט מען מיט א איד פון פּראָווינץ?

שלום עליכם... געשעפט איז געשעפט!...

איך זעה, ער איז אָפּגעריסען! ביי מיר איז ער געוועזען אין בעל־בת׳ישע קליידער; רעכען איך, אַז דאָס איז ער צו מיר געקו־מען אין גאַנצע קליידער, אָבער אין גאַס, — א פּראָווינץ אידעל, — טראָגט ער זיך, ווי אין דער היים!... פּראָווינץ־גבירים, ווייסט מען שוין, געהען אָפּגעריסען, נעכטיגען אין אָרעמע גאַסט־הייזער, עסען אין די ביליגע קיכען... אַזאַ טבע האָבען זיי.

הכלל — „שלום עליכם!“ — „עליכם שלום!“...

קלער איך מיר אַזוי: אהיים פיהרען, איז א בושה פאַר׳ן לאַקיי; פאַרבעט איך איהם אויף שוואַרצע קאַווע... מן־הסתם אויף די נאַלעווקעס, צו קאַנאַריק׳ען...

פאָהרען מיט איהם אויף א דראָשקע, פּאַסט נישט; געהען מיר צופוס, כאָטש, איהר ווייסט, אַז די פיס ציטערען מיר... נאָר — איבערגעקומען!

מיר זיצען שוין ביי דער קאַווע... זאָגט ער מיר, ער איז הונ־געריג!

היים איך עפּעס דערלאַנגען... זעה איך, — ער פרעסט!

טראכט איך — א פראווינץ אידעל, פרעמד געלט, שלינגט ער!... נאר, — ער וועט שוין באצאהלען דערפאר!

איך שפרינג שיער נישט אוים דער הויט, נאר אויסהאלטען מוז מען... ענדליך, איך אטעם אפ! ער האט, מיט גאטס הילף אפּגעגעסען, אפגעווישט זיך די וואנסען מיט דער פאלע...

פרעג איך איהם: וואס הערט זיך? און וויל צושלאגען צום געשעפט.

זיפצט ער!

פרעג איך: „וואס זיפצט איהר?"

ענטפערט ער, אז ער האט שוין דריי יאהר באנקראטירט, זיצט אהן פרנסה... וואלגערט זיך ארום אין ווארשוי, זוכט א שטעל...

א העזה פון א קבצן!... ענטפערט ער מיר „שלום עליכם!", געהט ער מיט מיר אויף שווארצע קאווע! איהר הערט א חוצפה! ער פרעגט מיך נאך, וואו איך וואוין! ער וויל נאך צו מיר קומען!...

און נאך און נאך אזוינע מעשיות דערצעהלט מען וועגען **א י ד י ש ע ר ח ו צ פ ה!**

1901.

דער פּאַקט און די פּרעסע.

געשעהן איז דער פּאַקט אין ווארשוי, אויף דער קראַקויער פאַרשטאַדט, אין אַ אידישען באַנק־געשעפט.

די געשיכטע איז געווען אַן איינפאַכע, נאָר ווי פאַרשידענ־אַרטיג און פאַרשידענפאַרביג האָט זי זיך אָפּגעשלאָגען אין דער פּרעסע.

געשעהן איז די סצענע אין אַ שעהנעם העלען פאַרמיטאַג. אין באַנק־געשעפט זיצט פליגעלמאַן, קלערט הוריות און וואַרט אויף אַ קונה. אין צווייטען צימער זיצט דער בוכהאַלטער זומער־שפּרענ־קעלע און קלערט, מיט דער פעדער אונטער׳ן אויער, ווי אַזוי צו פאַרשרייבען עפּעס אַ שפּעקולאַציע אויף אַ ווערט־פּאַפּיר. אין דרויסען, ביים שוי־פענסטער, וואו עס ליגען אויסגעלעגט אַלערליי גאָלדענע, זילבערנע מטבעות, באַנק־צעטלעך, בילעטען און ווערט־פּאַפּירען פון גאַנץ אייראָפּאַ, האָט זיך אָפּגעשטעלט וואַשלאַפּסקי. ער באַטראַכט דאָס פאַרשידענע געלט און נעמט זיך רעכט און עפענט די טיר פון געשעפט. ער גריסט שטאָלץ, ווי אַ „שלאַכ־טשיץ". פליגעלמאַן בויגט זיך דאָפּעלט אונטערטעניג אַלס איד און אַלס סוחר. וואַשלאַפּסקי פאַרלאַנגט אַ ווערט־פּאַפּיר פון אַ גע־וויסען פּרייז. זומערשפּרענקעלע דערהערט אין צווייטען צימער די באַשטעלונג און באַווייזט זיך אויף דער שוועל. טאָמער וועט זיין פאַר איהם אַ שליחות אין אַ צווייט געשעפט אַריין; אין דער אייגענער קאַסע, ווייסט ער, ליגט נישט פיעל מעהר, ווי אין שוי־פענסטער און גאַנץ אָפּט מוז מען אַריינברענגען פון ערגעץ אַנ־דערש. וואַשלאַפּסקי באַמערקט נישט דאָס זומערשפּרענקעלע. סוחרים געהען שטיל, בוכהאַלטער — נאָך שטילער. דאָס פּאַפּיר פאַר דעם פּרייז, וואָס וואַשלאַפּסקי האָט פאַרלאַנגט, איז גראַד געוועזען, פליגעלמאַן דערלאַנגט עס און וואַשלאַפּסקי בעט, מען זאָל איהם אויסשטעלען אַ רעכנונג. פליגעלמאַן בויגט זיך איבער׳ן

טיש און וויל שרייבען, נאָר אין דער זעלבער סעקונדע כאַפּט וואַש־לאַפּסקי ארויס פון בוזעם־טאַש א פּיסטאָלעט. אינסטינקטיוו לאָזט זיך פליגעלמאַן אראָפּ אונטער׳ן טיש, וואַשלאַפּסקי שיסט דער־וויל און טרעפט, אויף׳ן אָרט פון דער ברוסט, צו וועלכער ער האָט געצילט, פּיעל העכער, נישט ווייט פון געלענק פון דער האַנט, אויף׳ן אָרט, וואו עס ליגט די שעלקע. די קויל האָט זיך אריינגע־טריבען, פאַרוויקעלט אין דער שעלקע, נישט זעהר טיף אין לייב. אין דער זעלבער סעקונדע לויפט אונטער זומערשפּרענקעלע, כאַפּט אַן פּאַרטומעלט וואַשלאַפּסקי׳ן ביי דער לינקער האַנט און שטאַ־מעלט: וואָס טוט איהר? (נאַטירליך אויף פּויליש) און וואַש־לאַפּסקי ענטפערט איהם, שוויינענדיג, מיט א קויל אין שטערן אריין... וואַשלאַפּסקי אנטלויפט מיט׳ן ווערט־פּאַפּיר, זומערשפּרענ־קעלע רוקט זיך צו צום שוי־פענסטער מיט׳ן בלוטיגען קאָפּ, און בלייבט שטעקען אין פענסטער — און פליגעלמאַן, וואָס האָט דאָס אלץ אונטער׳ן טיש נישט געזעהן, כאַפּט זיך פּלוצלונג אויף, שפּרינגט אריבער איבער׳ן טיש, און לויפט פון געשעפט ארויס, נאָכיאָגען וואַשלאַפּסקי׳ן. וואַשלאַפּסקי לויפט איבער דער גאַס, פליגעלמאַן נאָך; וואַשלאַפּסקי שפּרינגט אריין אין א דראָשקע, פליגעלמאַן נאָך; וואַשלאַפּסקי שפּרינגט ארויס, לויפט ווייטער, שטרויכעלט איבער א שטיין און פאַלט, פליגעלמאַן לויפט צו, ווי אויך פּאָלי־ציי, וואָס האָט זיך דערוויל געפונען, און ליגענדיג אויף דער ערד, דערלאַנגט זיך וואַשלאַפּסקי די דריטע קויל אין מויל אריין...

עס איז אָנגעקומען די „געשווינדע רעטונג" און האָט אוועק־געפיהרט אזוי וואַשלאַפּסקי׳ן, ווי זומערשפּרענקעלע אין א שפּי־טאָל אריין. דעם בילעט אויף א פּאָר טויזענט האָט פליגעלמאַן אָפּ־גענומען און האָט נאָר געהאַט א היזק אין שוי־פענסטער, וואו פאַרשיידענע ווערט־פּאַפּירען זענען איבערגעוואַשען געוואָרען אין בלוט פון זומערשפּרענקעלע׳ן.

פליגעלמאַנ׳ען האָט מען לייכט און ביי איהם אין דערהיים אָפּערירט. דאָס שטיקעל שעלקע מיט׳ן קיילעכעל האָט די פאַמיליע באַהאַלטען לזכרון. שבת האָט פליגעלמאַן „הגומל" געבענשט, און דאָס ווייב איין דער הויך, אויף׳ן ווייבערשען באַלקאָן, האָט זיך צוויינט אויף א קול, וואָס מען האָט שוין לאַנג אין דער דייטשער שול נישט געהאַט. דערנאָך האָט זי באַקומען מיגרען — —

די רעשט וועט איהר געוואר ווערען פון דער פרעסע.

מיר מוזען נאך צוגעבען, אז אין שפיטאל, ווען מען האט איהם אויסגעטאן, איז פון וואשלאפסקי'ן אראפגעפאלען א פארוק מיט א פאלשער בארד!

דער „גאסען־לויפער" איז געווען דער ערשטער, וואס האט דעריבער געשריבען, נישט אומזיסט איז ער „גאסען־לויפער": ער כאפט, זאגט מען, נייעס, ווי פליגען.

„וואשלאפסקי — האט ער מודיע געווען, — איז קיין געבוירענער מערדער נישט, ער שטאמט פון אן אלט־שטעדטישער עהרליכער פאמיליע און האט באקומען אן ארענטליכע ערציהונג. נאכ'ן ענדיגען פון פיער קלאסען, האט מען איהם אריינגעגעבען אין א געשעפט, פון וואנען ער איז איבערגעגאנגען צו דער באהן־בירא, וואו ער האט זיך לעצטענס פארדינט ביז הונדערט רובעל א מאנאט. געהייראט האט ער די טאכטער פון זיין פארגעזעצטען, וועלכען ער איז געפעלען מיט זיין כאראקטער, ווי אזוי מיט זיין עהרליכער און געטרייער ארבייט. געלעבט מיט'ן ווייב האט ער די גאנצע צייט פון דריי פיערטעל יאהר זעהר גליקליך. זי איז איינע פון די שענסטע דאמען אין ווארשוי. א בלאנדינע, מיט העלשעהנע האר און הימעל־בלויע אויגען, אביסעל מאגערליך, א דורכזיכטיגע הויט, פון די אויגען אבער פאלען אויף דער הויט א לייטזעליג קינדישער, גליקליך ליכטיגער שמייכעל. עס זענען געווען אלע שאנסען, וואשלאפסקי זאל גליקליך זיין, נאר די וועגען פון דער השגחה פרטית זענען וואונדערליך און טיף, אין וואשלאפסקי'ס נשמה איז א שרעקליכע קרענק, וואס ער, ווי אלע אזוינע קראנקע, האט זיך באמיהט צו באהאלטען פאר דער פאמיליע, בפרט פאר די חברים. צו פארטומלען זיך און צו באטויבען האט ער אנגעהויבען טרינקען, צום הייס־געליעבטען ווייב האט ער אנגעהויבען רעדען מיט אראפגעלאזטע אויגען און גאנץ אפט נאך מיט ביטערקייט אין דער שטימע. אין בירא פלעגט ער זיצען שטונדען לאנג פארטראכט, בייסענדיג די פעדער אדער פוצענדיג זיך, מכלומר'שט, די נעגעל. אפט פלעגט ער פארפאלען ווערען און באווייזען זיך אין א צייט ארום פארשטימט, צושטערט מיט ברוינע בלויע ארומגערענדערטע אויגען. דעם לעצטען טאג איז ער גאר אין בירא נישט אריינגעקומען. עטליכע קאלעגען האבען זיך מיט איהם געטראפען אין גאס און האבען איהם באגריסט, נאר ער האט זיי נישט געענטפערט... ווער עס איז אזוי ליובט-

זיניג געווען און אזא פאַרשטערטען מענש געבאָרגט פון דער האנט אַרויס אַן אָנגעלאָדענעם פּיסטאָלעט, איז נאָך נישט באקאנט...

די „אייזערנע שער" האָט איבערגעדרוקט פון „גאסען־לויפער" דעם באריכט מיט די באַמערקונגען און נאָך צוגעגעבען:

לויט מען דערצעהלט, האָט הער וו. (די „אייזערנע שער" שרייבט דעם נאָמען נישט אַרויס) נישט גלייך געשאָסען צו פליגעלמאַנ'ען. ווען ער צילט צו איהם, וואָלט ער געטראָפען. ווי ער איז באריהמט צווישען זיינע קאָלעגען אלס דער בעסטער שיסער. פאַר־יאָהרען, אין א סילוועסטער אָווענט, האָט ער נאָך א שאַרף אָוועגטברויט, מיט לחיים'ס אָהן א צאָהל, געשאָסען צעהן מאָל און ניין מאָל געטראָפען אין אָם פּיק. געשאָסען האָט ער פאַרווירט אויף אלע זייטען, דער פּיסטאָלעט האָט אַכט קוילען געהאט. איינע האָט געלעכערט משה־מאַנטיפיאָרע'ס פּאָרטרעט, וואָס הענגט אויף אלע אידישע ווענט, און פונקט אין דעם אַלטענס נאָז אַריין; צוויי קוילען האָבען געלעכערט צוויי שויבען אין פענסטער אין צווייטען צימער אריין, איינע האָט באקומען פליגעלמאַן, איינע זומערשפּרענקעלע, איינע ער אליין, און די רעשט צוויי קוילען האָט ערשט אויסגעשאָסען דער פעלדשער אין שפּיטאָל. אז וו. איז צו זיך געקומען און האָט באַמערקט, וואָס ער האָט אין שגעון געטאָן, איז ער אנטלאָפען און אין טעות מיטגעכאפּט א באנק־בילעט, אין וועלכען ער האָט איינגעהילט דעם פּיסטאָלעט; אַז מען האָט איהם געכאפּט, האָט ער פריהער אָפּגעגעבען דעם בילעט און דערנאָך זיך געשאָסען. זאַך־פאַרשטענדיגע זאָגען, אַז דאָס געשעהענע אומגליק וואָלט נישט אַזוי גרויס געווען, ווען נישט, וואָס ביידע אידעלעך פליגעלמאַן און זומערשפּרענקעלע, זענען אזוינע פּחדנים! צו קראַנק לאכען איז, אז אזוי ווי מען האָט ארויסגענומען דעם פּיסטאָלעט, זענען ביידע ווי שטום געוואָרען און נישט געשריען „געוואַלט!" — וואָס א איד טוט ביי דער קלענסטער קלייניגקייט. נאָר פליגעלמאַן איז ארונטער אונטער'ן טיש און זיין הינטיש־געטרייער בוכהאַלטער איז געלאָפען ראַטעווען דאָס געלט אין שוי־פענסטער, (דאָס ערשטע איז ביי אונזערע אידעלעך—געלט!) און איז שוין דאָרט געבליבען!"

אַלס צולאַג:

„פליגעלמאַן, אלס רייכער מאַן, האָט זיך קורירט אין דער היים ביי זיך. דער געוויסער ד"ר... האָט איהם באַלד ארויסגענומען די קוילען, געווים איז פליגעלמאַן פאַרזיכערט פאר אן אומגליקליכען צופאל און ועט

נאָך פון עסק עפּעס פאַרדינען. וו. נעבעך, און זומערשפּרענקעלע ליגען אין שפּיטאָל און די דאָקטוירים זוכען אין זיי אַרום די קוילען און קאָנען זיי נישט געפינען".

דער „טעלער-לעקער" דערצעהלט נאָך די מעשה און לויבט די באמערקונגען פון „גאַסען-לויפער" מיט דער „אייזערנער שער" און האָט זיין אייגען שטיקעל מוסר אויך.

„מערדעריי — זאָגט ער — ליגט נישט אין דער סלאַווישער נאַטור. מיר זענען פון דער נאַטור צו ווייך, צו גוטמוטיג און אונזערע נשמות זענען צו לייטזעליג בלוט צו פאַרגיסען, בפרט וועגען געלט. דאָס שמעקט מיט סעמיטיזם, מיט אַזיען! און דעריבער, אויב וואַשלאַפּסקי איז נישט קראַנק אויף די געהירען, ווי די ציימונגען שרייבען, און דער שפּיטאָל-דאָקטאָר, ווי מיר האָבען געהערט, לייקענט אָפּ, און אויב, ווי וואַשלאַפּסקי'ס קרובים פאַרזיכערען, עס שטעקט אין זיין בלוט קיין איינציגער פּרעמדער טראָפּען, האָט די געשיכטע פאַר אונז גאָר אַן אַנדערע געשטאַלט. מיר זענען זיכער, אז פליגעלמאַן האָט וואַשלאַפּסקי'ן באַלוידיגט. אונזערע געשעפטס-לייט באהאנדלען אַלע גראָב, קוקען פון אויבען אַראָפּ אויפ'ן קונד, בפרט פליגעלמאַן מיט זיין אידישער אַראָגאַנץ (חוצפה). מיר האָפען, אז קיינער וועט אונז נישט פאַלש פאַרשטעהען און נישט רעכענען אונז פאַר אנטיסעמיטען, נאָר פאַקט בלייבט פאַקט, אראַגאַנט זענען זיי די אידען. זיי זענען מענשען און האָבען מעלות און חסרונות, ווי אַלע מענשען, נאָר חוצפה האָבען זיי מעהר פאַר אַלע פעלקער. די שפּאַניער מעגען זיך ביי זיי לערנען חוצפה. אפילו דער וואַרשעווער „איזראַעליט" לייקענט עס נישט אָפּ. וואַשלאַפּסקי איז מן-הסתם א שלאַכטשיץ און קאָן קיין פּלעק אנדערש, ווי מיט בלוט נישט וואַשען. די אידיאָטישע פראַגע זומערשפּרענקעלע'ס: „וואָס טוסט דו, פּריץ?" האָט איהם נאָך מעהר צוריצט, בפרט נאָך ווען זומערשפּרענקעלע האָט איהם אָנגעכאַפּט, ווי מען זאָגט, פאַר'ן לאַץ — און ער האָט נאָך אַמאָל געשאָסען! דעם צווייטען שאָס קאָן מען שוין אויף זיין חשבון נישט שטעלען! פאַר גרימצאָרן האָט ער שוין נישט געוואוסט, וואָס צו טון!

דאָס אלץ איז ביי אונז זיכער, דאָס אלץ וועט שפּעטער באַשטעטיגען דאָס געריכט. די פראַגע איז נאָר, צי האָט ריכטיג געטאָן פליגעלמאַן, וואָס האָט אויסגעריסען פון וואַשלאַפּסקי'ן נאָכ'ן שיסען זיך פון דער

האלב־פאַרשטאַרטער האנט דעם בילעט... ווער ווייסט, ווען וואַשלאַפּסקי איז באַליידיגט געוואָרען: *פאַר* אָדער נאָכ'ן באַצאָהלען פאַר'ן בילעט? און אפשר איז וואַשלאַפּסקי געקומען אין געשעפט אַריין *פאַרקויפען*, נישט קויפען קיין בילעט?

פליגעלמאַן, הגם אַ איד, קאָן זיין אַן עהרליכער מאַן; עהרליכקייט ווענדט זיך נישט אין דער רעליגיאָן, נאָר אינ'ם כאַראַקטער פון מענש, נאָר ערשטענס, ביי אַזאַ צופאַל! אפשר פיהלט ער זיך גערעכטיג צוצונעמען דעם בילעט פאַר די קאָסטען פון דער אָפּעראַציע, וואָס ער האָט זיך געמאכט פאַר'ן פּאַפּירענעם געלט, וואָס איז פאַרבלוטיגט געוואָרען אין פענסטער, און אפשר פאר די עטליכע חדשים, וואָס ער וועט צאָהלען זומערשפרענקעל'ן אומזיסט געהאלט? אין דעם פאַל וואָלטען מיר דעם געעהרטען פליגעלמאַן אויפ'ן וואָרט נישט געגלויבט, בפרט היינטיגע צייטען, ווען דער אידישער האַס געגען קריסטען האָט זיך אַזוי געשטאַרקט א דאַנק הערצל'ען עט קאָמפּאַניע, וואָס פאַרשפּרייטען דעם ציוניזם...

סיי ווי סיי, די פּאָליציי האָט נישט געדאַרפט דערצו דערלאָזען".

די „היימישע גרין" גיט איבער וואָרט ביי וואָרט דעם „טעלער־לעקערס" ספקות וועגען בילעט און באַמערקט דערצו:

„סיי ווי סיי איז א וואונדערליכע זאַך, ווי די אידישע ממשלה וואקסט אין אונזער וואַרשוי פון טאָג צו טאָג. דער עהרליכער „טעלער־לעקער" פיהלט אויף זיכער, אז דעם בילעט האָט פליגעלמאַן גע'גזל'ט כמעט פון א טויטער האנט, און האָט די העזה נישט אַרויסצוזאָגען עס בפירוש און קאָקעטירט מיט אידען און זייער רעליגיאָן אפילו. נישט אין דער רעליגיאָן און נישט אין בלוט, זאָגט ער, שטעקט עהרליכקייט, נאָר אין כאַראַקטער. אבער, הונט־טייוועל־מענש, פון וואנען נעמט זיך כאַראַקטער, אז נישט פון דער הייליגער רעליגיאָן און אויך נישט פון עלטערען בירושה? נאָר דער „טעלער־לעקער" האָט עטליכע הונדערט אידישע אבאָנענטען און זיי האָט ער מורא צו פאַרלירען: דער איד איז טרפה, אָבער זיין גראָשען איז כשר. און אפשר שטעקט אסך אמת דערינען, ווייל עס איז דאָך באמת אונזער גראָשען... וואָרים וועמעס גראָשען האָט א איד?

אָבער מיר אלס פריי און עהרליך בלאַט, זאָגען אַרויס בפירוש: פליגעלמאַן האָט דעריבער איבערגעלאָזט זיין בוכהאלטער באַגאָסען אין בלוט, ווייל ער האָט געפיהלט, אז מען קאָן כאַפּען א בילעט! וואָס? פרעגט

איהר — פליגעלמאן, דער הויפט־עהרליכער מאן פליגעלמאן וועגען געלד? אוי, נאַרען, נאַרען, קריסטליכע נאַרען! צי ווייסט איהר נישט, אז דאָס גאָלדענע קאלב פאר א גאָט האָט געמאכט אהרן, אהרן הכהן, אהרן, דער כהן גדול, און אז פון דאמאָלט אָן האָט דאָס גאָלדענע קאלב צו שאַפען איבער זייערע אלע נשמות. אז עס ברענט, ראַטעוועט א איד נישט דאָס ווייב, נישט די קינדער, אפילו נישט זיין הייליגע גמרא, נאָר דעם ביטעל מיט געלט!

און אפשר וועט אונזער „טעלער־לעקער" זיך בארוהיגען, ווען פליגעלמאן זאָל שווערען אין קיטעל און טלית, אז דער בילעט איז זיין? מוזען מיר איהם דערמאָנען, אז אין זיבענצעהנטען און גאָר אין אכצעהנטען יאָהרהונדערט, האָט דער ביסקופ אין סאַנדאָרמירזש פאַרברענט אַכטצעהן אידען מיט אמאָל פאר א פאַלשער שבועה!

ווייסט איהר, ועמען מיר וואָלטען געגלויבט? טאַקע דעם אָרעמען זומערשפּרענקעלע און אָהן א שבועה! נאָר ווען? ווען ער לייקענט אָפּ דעם טעות און נעמט אָן אונזער הייליגע קאַטוילישע רעליגיאָן. און זייט די קויל האָט איהם געריהרט די געהירען, וויל ער עס; בענקט ער צום אמת, חלש'ט ער צום אמת! די באַרמהאַרציגע שוועסטער אַנטאַניגאַ כאַפּט ער אלע מאָל אָן ביי דער האנט און קושט זי מיט ברענענדיגע ליפּען און מיט'ן גאנצען האַרץ. „ביי אונז — זאָגט ער — זענען אַזוינע פיינע, עהרליכע און באַרמהאַרציגע מלאכים נישט פאַראַן!" „ביי אייך — זאָגט ער — איז בעסער, אלץ בעסער!" און ער וואָלט שוין אפשר לאנג די זכיה געהאט אויסגעלייזט צו ווערען פון בלויערנער אידישקייט, און די נשמה זיינע וואָלט זיך אויפגעהויבען אויף הייליגע פליגעל צו גאָטס ליעבשאפט און לייטזעליגקייט, ווען נישט דער אידישער פאַנאַטיזם, וואָס טרעט איהם נישט אָפּ א רגע! אָדער פליגעלמאן קומט, אָדער א מוטער, אָדער א שוועסטער, מען לאָזט איהם מיט דער הייליגער שוועסטער קיין רגע נישט אליין...

ווען וועט שוין אויפהערען די אידישע ממשלה אין שטאָדט און זייערווירטשאפט אין אונזערע שפּיטעלער?

גאָר פון אן אנדערען שטאַנדפּונקט פּרעדיגט די אלטע „פּלעדער־מויז":

— „ווייטער א רויב נאָך א מערדעריי, נאָך א קאַטוילישע נשמה האָט זיך פאַרפלעקט אין בלוט און אין הימעל וויינען די מלאכים פאר

זיין ליעבען־נאָמענס שטול: ווען וועט זיין א סוף?

און וועגען וואָס איז עס געגאַנגען? וועגען געלט!

וועגען געלט האָט א קריסט, וואָס דאַרף ליעב האָבען און אַלע מוחל זיין, געשאָסען יענעם און זיך... און דער זעלבסטמערדער ליגט אין שפּי־טאל אין די הענט מיט די שאַרפע נעגעל פון אשמדאי, און די קויל האָט זיך איהם פאַרשטעקט אין די געהירען, ווי א זינד אין א נשמה, און ער קאָן אפילו אויף קיין רגע צו זיך נישט קומען, א קרעכץ טון, אין געדאַנק וועניגסטענס תשובה טון... און דער יצר־הרע לאַכט, און דער יצר־טוב שטעהט אָפּגערוקט פון ווייטען און פאַרשטעלט זיך די אויגען... און דער טייוועל פון גיהנום שטעהט גרייט אויסצורייסען די זינדיגע נשמה פון זינדיגען גוף און צו שלעפּען זי אין גיהנום אַריין אויף אייביגען צער, אויף אייביגע יסורים, אויפ׳ן אייביגען פייער!

אוז מען וועט איהם אפילו נישט קריסטליך באַגראָבען, און מען וועט נישט באַשפּריצען מיט הייליגען שפּרינג־וואַסער זיין קבר, ווי א חיה וועט מען איהם אריינוואַרפען אין אַ זאַק ביי דעם צוים...

און ווער איז שולדיג?

מיינט נישט, אז זיינע חברים, צו וועלכע ער האָט זיין נדן אין קאָרטען פאַרשפּילט, צו די „עופות טמאים“, צוליעב וועלכע ער האָט זיין פרום און כשר ווייב פאַרלאָזט, אָדער טאַטע־מאַמע, וואָס האָבען איהם אַר־בייטען און שפּאָרען נישט געלערענט, און אפילו נישט ער אליין מיט זיין אויסברענגעריי. שולדיג איז דאַרווין! שולדיג זענען זיינע איבער־זעצער! שולדיג זענען די אלע, וואָס האָבען געלערענט, אַז א מענש קומט אַרויס פון אַן אַף, און האָט נאָר אַזויפיעל נשמה, וויפיעל עס האָט א חזיר צי אַן אנדער אומריין טיר. שולדיג זענען די, וואָס האָבען אויס־געלערט דעם הימעל פון גן־עדן, פון מלאכים און אפילו פון גאָט, און געהייסען אפילו דעם רעגען, ער זאָל פאַלען נישט פון הימעל, נאָר פון וואָלקען! שולדיג זענען די, וואָס האָבען אָפּגעריסען דעם געוויסען, די עהרליכקייט, דעם מוסר אינגאַנצען פון דער רעליגיאָן, און געהייסען זיי זוכען ביי זיך אין האַרץ, אין מענשליכען האַרץ, וואו דער טייוועל שטעקט. שולדיג זענען די, וואָס האָבען געזאָגט, אז דער מענש איז נישט באַשאַפען געוואָרען אויף הכנעה, אויף אונטערטעניגקייט, אויף צער און יסורים, אבי גליקליך צו זיין אויף יענער וועלט, נאָר האָבען איהם געהייסען זוכען זיין גליק דאָ, דאָ אויף דער וועלט, אין רינשטאָק פון אַלע תאוות, פון קאָרטען־שפּילען און פרעכע ווייבער! שולדיג זענען די,

וואָס האָבען געלערענט, אז אלע מענשען זענען גלייך, אז אלע ליפּען דאַר־פען טרינקען פון בעכער מיט וויין, אז אלע הענט מעגען גראַבלען אין שיסעל מיט קרעפּלעך — —

זיי זענען שולדיג און אויף זייער נשמה פאלט דאָס בלוט, וואָס ווערט פאַרגאָסען, די זינדיגע שאָטען, וואָס פאַרשטעלען די הייליגע זון פון דער אמת'ער רעליגיאָן...

דאָ, אויף דער וועלט, אויב וואַשלאַפּסקי וועט געזונט ווערען, וועט דער פּראָקוראָר רעדען ווענען איהם; אויף יענער וועלט וועט דער קטיגור רעדען פון דאַרווין, העקעל, באַקל און אנדערע הינט, וואָס האָבען אויס־געביסען די קריסטליכע נשמות"...

און די „טויבע גלאָק" ציטירט די אַלטע „פלעדער־מויז" אין צייטונג־שטימען און באַמערקט מיט גרעסערע אותיות פון איהר זייט:

„גאָלדענע און בריליאַנטענע ווערטער! נאָר וויל פליגעלמאַן איז אַרויס פון געפאַהר, זומערשפּרענקעלע איז נישט געפאַלען טויט אויפ'ן אָרט, זאָגט אונז אונזער קריסטליך האַרץ, אז דער באַרמהאַרציגער גאָט וועט זיין פּאַר וואַשלאַפּסקי'ן פול מיט חסד, און דער טויט וואַשלאַפּסקי'ס (לאַנג לעבען וועט ער שוין נישט) וועט מכפּר זיין אויף זיינע זינד.

אייביג ליידען וועלען נאָר די, וואָס האָבען די וועלט מיט זייער פאַלשער פילאָזאָפיע פאַר'סמ'ט, און אין מדבר אַריין פאַרטריבען".

פעך און שוועבעל גיסט דערפאר דער „סעמיטען־פרעסער":

„מיר זענען — זאָגט ער — נישט אָפּהענגיג פון קיינעם. אויף אונזער געוויסען ליגט נישט קיין איינציגער אידישער פעניג, מיר ווילען און דאַרפען, גאָט זיי דאנק, קיינעם נישט שמייכלען און קאָנען אַרויס־זאָגען דעם גאַנצען אמת. מיר ווייסען נישט און ווילען נישט וויסען, ווער וואַשלאַפּסקי איז, ווי ווייט ער איז געווען פון הייליגען ריינעם גלויבען, ווי אַזוי ער האָט געלעבט אין דער פאַמיליע און וויפיעל חובות ער האָט געהאט אויף זיך. וואַשלאַפּסקי איז שטערבליך קראַנק, און מיר ווינשען איהם „א גוטען שליטסוועג" און גלויבען נישט, אַז גאָט זאָל פון זיינעט וועגען נסים טון און איהם געזונט מאכען, כדי דאָס געריכט זאָל האָבען ארבייט און כדי דער סקאַנדאַל, אז א „סקי" האָט געשאָסען א איד און אפשר נאָך צוגעכאַפּט ביי איהם א פּאָר רובעל, זאָל נאָך אמאָל דורכלויפען די וועלט! דאָס פאַרלאַנגט אודאי דער וואַרשעווער „איזראַ־

עליט״, וואָס וויל דערוועקען רחמנות אויף זיין סטאַדע... און אויב דער בילעט איז וואַשלאַפּסקי׳ס, איז ער פאַרפאַלען, א איד וועט אויף זיין קריסטליכער אלמנה מיט׳ן קריסטליכען יתום, וואָס דאַרף געבוירען ווערען און באקומען בירושה א פיינעם נאָמען, ווי א קין־צייכען אויפ׳ן שטערן, קיין רחמנות נישט האָבען! אָבער נישט אין דעם געהט עס. די זאַך איז וויכטיגער, ווי אַ פאַרלאָזטע אלמנה מיט א יתום אָדער יתומה... און עס איז נישט דער ערשטער און נישט דער לעצטער קריסטליכער גראָשען אין אידישע הענט! וויכטיגער איז דאָס, וואָס די אידישע באַנקירען פיהרען איבער כמעט אלע אונזערע מענער, אלע אונזערע טעכטער און ווייבער! דער אידישער באנקיר פיהרט זיי אראָפּ פון עהרליכען פרומען וועג, בארויבט זיי פון אלע מדות ומעלות טובות, וואָס זיי האָבען מיט דער מוטערס מילך אויסגעזויגט, פון עלטערען אין בלוט באקומען, און דאָס טוט דער אידישער באַנקיר נישט מיט זיין ליכווע, נישט מיט זיין שווינדעל, דאָס געהט באזונדער! טון טוט ער עס מיט זיין שוי־פענסטער, וואו ער לעגט אויס דעם יצר־הרע אין געשטאַלט פון זילבער, גאָלד, באַנקאָ־צעטעל און אלערליי ווערט־פּאַפּירען. אַזאַ שוי־פענסטער אין אַן אָרעמער, פאַרהונגערטער, אויסגעמאַטערטער קריסטליכער שטאָדט, איז ערגער, ווי א געצענדינער־מזבח אין גאָטס הייליגען הויז! און וואו עפענט ער זיין שוי־פענסטער? אין די אומרוהיגסטע גאַסען, וואו עס ווימעלט פון ארבייטער, וואָס געהען אין פאַבריק אריין און קומען צוריק: פון פרויען, וואָס שפּאַצירען, אָדער קומען צוריק פון געבעט: פון אינגלעך און מיידלעך, וואָס איילען זיך אין שולע אָדער צוריק־צו־וועגס... דאָס אלץ פארהאלט זיך ביים אידישען באנקירס שוי־פענסטער און בלייבט שטעהן און ווערט בלאס פאר תאוה, און די אויגען פלאמען אויף, און די ערגסטע געדאַנקען, וואָס זענען יאָהרען לאַנג געשלאָפען, וועקען זיך אויף צום געוועלטיגען, צום הערשען, צום פאַרפיהרען... דער פרומער אַרבייטער געהט אין פאבריק אריין אַרבייטען, און דאָס שוי־פענסטער רוימט איהם איין: מאך שבת! און ער געהט און רעדט אָן זיינע חברים צו אַלעם בייז! אַן אָרעם מיידעל מיט א צוריסענעם שאַלעכעל איבער׳ן קאָפּ געהט אין אפטייק אריין פאר אַן אַלטער קראַנקער שכנה נאָך א רעצעפּט, און דאָס שוי־פענסטער שטעלט זי אָפּ, און רוימט איהר איין: געה צוריק, ווערג די קראַנקע און נעם אַרויס דיין ירושה פון אונטער׳ן קישען. א ווייבעל געהט דורך, אך! וויפיעל בריליאנטען וואָלט זי פאַר דעם געלט געקויפט! און אין די אויגען פלאַמט איהר אויף די זינד!

זי וויסט שוין, ווער עס וועט איהר אַזאַ געלט געבען, דער מאַן מיט די קינדער וואַרטען אויף מיטאָג און זי מאכט אן אומזועג, פאַרשפּעטיגט זיך און קומט אהיים מיט א פאַרברענטער נשמה צום פאַרברענטען מי־טאָג... און אונזערע מיידלעך מיט מוזיק־טעשלעך אונטער'ן אָרעם, דער־הערען דאָ אן אנדער מוזיק, א גיהנום־מוזיק... און אונזערע באַמטע לערנען זיך דאָ צו האַסען זייער אַרבייט פאַר וועניג געלט און אויסצו־שטעלען די הענט אויף מעהר...

דאָס איז דער גיהנום, וואָס יודאַ האָט אונז געעפענט אין אַ קריסט־ליכער שטאָדט און געגויט נאָך אונזערע קריסטליכע באַנקירען זיי זאָלען איהם נאָכטון! מאנכע קריסטליכע שוי־פענסטער געהען נאָך איבער די אידישע! מען קאָן דאָך נישט איבערלאָזען דעם גאנצען געלט־האנדעל אין אידישע הענט, די זאָלען אונז אויסלערען און אַוועקשיקען אונזער גאָלד און זילבער צו זייער גייעם משיח, צום דר. הערצל אין זיין קאָלאָניאל־באַנק אַריין!".

אם שאַרפסטען אפשר איז אַרויסגעטרעטען די „צוואַנג־יאַקע":

— „ווען וועט מען שוין אַראָפּטרייבען די אידישע הענדלער פון קריסטליכען מאַרק? זאָלען זיי צוריק אין געטאָ אַריין און דאָרט איינס דאָס אַנדערע ווערגען!

אַוועק מיט די אידישע קהל'שע שוי־פענסטער! וואָרים, מיינט נישט, אַז דאָס איז פליגעלמאַן צי קוגעלמאַן! מאָרגען וועט איהר זיי טרעפען בעטלען אונטער א מויער. קהל'ס קאָמיסיאָנערען זענען זיי, פון אַליאַנס־איזראעליט, פון אידישען פאָנד, פון קאָלאָניאל־באַנק! נישט אומזיסט איז אין די לעצטע צייטען אַזאַ מאַנגעל אין געלט! דר. הערצל האָט צוריק־געצויגען דעם קרעדיט און זאַמעלט 25 מיליאָן דאָלאר אָפּצוקויפען ארץ ישראל ביים סולטאַן! און ארץ ישראל איז נאָר אַן אויסרייד. מיינען מיינט מען דעם היילינען קבר, וואָס מען וויל שענדען, אָדער באַלעגען מיט אַ אידישען שטייער, ווי זיי האָבען פאַרצייטענס געמאַכט מיט די קלויסטער אין מאלאַ ראָסיע!

דער טאָג איז נישט וויט! דאָס פיהלען מיר, דאָס פיהלען אַנדערע, דאָס פיהלען אלע עהרליכע, נישט פאַרשטעלטע קריסטען! און נישט וויט איז דער טאָג, ווען דאָס אלץ וועט אנטפלעקט ווערען, און דאַמאָלט — וועה צום קהל'שען הויז (גרזשיבאָווסקא זעקס און צוואַנציג), וועה צו אַלע ציוניסטען, צו די נאַטאַנזאָנס, צו די גראָסגליקס!

מיר רעדען, חס־ושלום, נישט אָן צו געוואַלט, נאָר די פאַרביטערטע הערצער פּלאַצען און צו קיין גוטס קאָן נישט קומען". —

אין א פּאָר טאָג ארום האט געשריבען דער „גאַסען־לויפער":

„וואַשלאַפסקי לעבט נישט מעהר!

דער באַרמהאַרציגער גאָט האָט איהם אויסגעלייזט פון ווילדען שגעון!

דער שגעון איז שוין אצינד זיכער, ווי דער טאָג. דער בעסטער באוויז — די קירכע האָט ערלויבט אויף א קאַטוילישע קבורה!...

מיר האָבען ריכטיג געטראָפען!

זומערשפּרענקעל'ס קויל איז נאָך נישט געפונען געוואָרען!" —

1903.

גוטע פריינד.

זאָל איך היטען זיין ליעבער נאָמען פאַר גוטע פריינד!

באַקאַנטע, זעהט איהר, זענען נאָך קיין אומגליק נישט. גריסט איהר איבעריגע צעהן מענשען א טאָג, קאָן עס נאָר שאַטען אייער קאַפּעלוש; אייער נשמה מעג דערפון וויסען אזוי וועניג, ווי וועניג זי ווייסט פון די ברויט־ און זעמעל־קיילעכלעך, וואָס איהר קנעט און קאַלערט, פאַרטראַכטערהייט, איבער׳ן טיש.

פריינד אפילו קאָנען אויך אמאָל נוצליך זיין!

א מענש, וואָס האָט „התבודדות" מיט „חשבון הנפש", קראַצט זיך גאַנץ אָפט מיט די נעגעל אזוי טיף און שאַרף אין דער נשמה, אַז ער מוז זיך אמאָל פאַרבענקען צום באַלזאַם פון א פריינדס געטרייער האַנט, און דער פריינד טוט עס גערן, — „אָפּגעגעבענע זאַכען", טראַכט ער. און ווירקליך, ווען איין מענש זאָל דעם צווייטען נישט העלפען, וואָלט נאָך קיינעם קיין האָן נישט געקרעהט.

אָבער „גוטע פריינד". — —

איך מיין אַזוינע, וואָס זענען נישט מחויב אָנצוקלינגען און זענען יוצא מיט א לייכטען אָנקלאַפּען, ווי רחמנא לצלן, דער מלאך־המות... וואָס דאַרפען, מיט׳ן מלאך־המות צוגלייך, אפילו נישט פרעגען, צי זיי שטערען נישט... וואָס זענען קלאָר אין יעדען ווינקעלע פון דיין שטוב, ווי א איד אין „אשרי" און — פון דיין נשמה, ווי דיין אייגען בייז געוויסען! ד אָ ס, זעהט איהר, איז שוין אַן אומגליק! א קללה, פון וועלכער די „תוכחה" ווייסט נישט, און קיין גוטער איד זאָל נישט וויסען!

און אזוי ווי איך בין געבענשט מיט אַלעם גוטען, בין איך געבענשט מיט גוטע פריינד אויך!

און איינעם, — א גוטען פריינד, הייסט עס, — האָב איך, קומט ער צו מיר א פּאָר מאָל אין דער וואָך, פרעגען אויף קליינ־

געלט! פינף קאפיקעס איז שוין אן הלואה; איבער פינף און צוואנציג געהט שוין זיין השגה נישט, אדער געטרויט ער מיין פריינדשאפט נישט. איינמאל, אז ער האט ביי מיר א נייעם, גע־שליפענעם שפיגעל געזעהן, מיט א גאלדענעם ראם אין קריינדלעך, האט ער געקוקט און געקוקט, און א ישוב געהאט, און מיט אמאל א זאג ארויס געטאן: ד ר י י ס י ג קאפ! און דאס ערגסטע איז — ער גיט אפ! און דער עהרליכער מאן, דער עהרליכער גו־טער פריינד, שלעפט מיך א פאר מאל אין דער וואך אראפ אין דער בלאטע, וואו די קליינע ווערעמלעך לעבען און חלום'ען פון קאפיקעס, פון בייגעל פאר קאפיקעס, העכסטענס — פון א מי־טאג פאר 5 קאפיקעס אין דער ביליגער קיך! איך וויל א וועלט איבערבויען, און ער רעדט פון קאפיקעס...

א צווייטען האב איך, קומט ער נאר משבת לשבת, דערפאר אבער — נישט מיט לעדיגע הענט, א פעקעל ברענגט ער. א גאנצע וואך געהט ער ארום אין גאסען, קאפעען, אין הייזער און גערטנער און קלייבט אויף דאס גאנצע לשון־הרע, וואס מען רעדט אויף מיר, און ברענגט עס מיר לכבוד שבת...

און דאס פעקעל בינדט ער אויף מיט פארציטערטע הענט, מיט א הארץ־רייסענדיגען רחמנות־פנים און ברוינע־בלויע ליפען. ער עפענט דאס פעקעל, און די לשון־הרע־ווערעמלעך צוקריכען זיך אין אלע ווינקעלעך, איבער דער גאנצער שטוב, ביז אויפ'ן וואנט־שענקעל ארויף, וואו מיינע מאנוסקריפטען ליגען, — מיין ירושה, וואס איך וועל איבערלאזען דער וועלט, און — עס ווערט א שטיל, נאר אומאויפהערליך פאפיר־פרעסעריי... און ער שטעהט, פארלעגט די הענט איבער'ן ברוסט־ברעטעל, און זיפצט: א שלעכ־טע וועלט! און ווערט דערנאך בייז, שפייט אויס: פוי! נאטיר־ליך — וואו ער שטעהט און געהט!

א גרויסע נפקא־מינה...

און גאנץ אפט פיהל איך מ י ך א ל י י ן באשפיגען...

און א דריטען האב איך, וויל ער מיך גאר איינגאנצען אומ־ברענגען. עס איז נישט מיין צייט, זאגט ער. און מיט א זיכער־הייט פון גרעסטען נביא אדער פון גרעסטען נאר וויל ער מיר אויסווייזען, אז איך האב געדארפט געבוירען ווערען: אדער אסך פריהער, אדער גאר אסך שפעטער. איך האב געזאלט, אין אברהם

אבינו'ס צייטען, פּאַשען שאָף אין דעם מדבר, אָדער ערשט העט, העט לעתיד לבא, — און ארומשוועבען מיט די דאמאָלטדיגע נאַקעטע נשמות אין די העכסטע לופט־ספערען, אויף לופט־באַלאַנען. און לעקען זאַלץ אָדער קאַנדעל־צוקער פאר וויסט־בלוי און טיף־הויכער זעליגקייט. אַ ניט, מוז איך ארומגעהן מיט א צושפּאַלטענער נשמה אַ־לאַ בערדיטשעווסקי...

און נאָך, און נאָך...

נאָר איינעם האָב איך, באַשטעהט ער פאַר צעהן!

אז ערנסט־בייז־שווייגענדיגער גוטער פריינד. ער קומט, זעצט זיך קעגענאיבער, און שווייגט.

די ברעמען אראָפּגעלאָזט, די אויגען זאָלען די וועלט נישט פאַרברענען; די ליפּען פאַרביסען, אַ ניט, גאָט ווייסט, וואָס פאַר אַ ברענענדיגע דערנער עס וואָלטען פון דאָרט ארויס. און הענט מיט פויסטען; קאַלטערהייט, איז ער גרייט חרוב צו מאכען ש"י עולמות מיט אמאָל!... און אזוי זיצט ער און שווייגט. אונטער זיין שטערן — זעה איך בחוש — וועבט און שפּינט זיך אויס אז „אַבוויניטעלני אקט“ קעגען גאָט און וועלט; ער וועט איהם אמאָל אַרויסדונערען... עס איז אבער נאָך צו פריה; זיין צייט וועט ערשט קומען... דערווייל שווייגט ער, אָדער וואַרפט א פּאַר ווערטער...

און ער זיצט מיר קעגען־איבער און שווייגט. און עס ווערט מיר אומהיימליך פאַר'ן שווייגען, עס פאַלט אויף מיר אַן אומעט, אַ מרה־שחורה. איך פיהל, ווי עס דאַמפּט פון איהם ארויס א שאַטען און איך זאַפּ איהם איין מיט די אויגען... און וואָס מעהר שאַטען איך זאַפּ פון איהם איין, טונקעלער, שוואַרצער ווערט אין מיר, ארום מיר — אַלץ ווערט גרוי, שוואַרץ און אין איינוועגס— פויל און ווערמיג.

איך ווער אמאָל בייז:

— וואָס ווילסט דו פון מיר?

— פון דיר? — ענטפערט ער קוים — גאַרנישט! נאָר פיער און צוואַנציג גראָשען א טאָפּ קארטאָפעל!

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאָט איז מיין עדות, איך עס קיין קאַרטאָפעל נישט. א שוואַכער מענש, דאָקטוירים האָבען פאַרווערט. איך זעה זיי כמעט פאַר

די אויגען נישט. וואָס געהען מיר אָן קאַרטאָפּעל. ווען, וועניגס־טענס — וויינטרויבען!

אָבער וואָס העלפט עס! ער שווייגט, עס דאַמפּט פון איהם גרויליך־פויל, און איך זאָפּ עס און שלינג עס איין!

און איך פיהל, אַז איך מוז מיך וועהרען קעגען שאַטען, קעגען דער מרה־שחורה, קעגען די פוילע ווערעמלעך, וואָס הויבען מיך אָן, שאַרבענדיג, ארומצוקריכען אין קאָפּ...

איך מוז איהם א ל י י ן צורודערען, מיט עפּעס העכערס פאַראינטערעסירען... מיט העכערס און בעסערס, ווי קאַרטאָפּעל, ווי וויינטרויבען אפילו... איך זוך אין די געדאַנקען, אין זכרון דאָס שענסטע, דאָס בעסטע און וויל עס איהם אויסשיטען פאַר די וואַ־סעריג־באַהאַלטענע אויגען מיט די גרויע ווערעמלעך אויפ'ן אָרט פון אויגען־אַפּעל, און זאָגען: נאַ, זעה! שעהן איז דאָך די וועלט! כ אַ ט ש קאַרטאָפּעל זענען טייער! איך וויל איהם צוטראָגען די פיינסטע בלומען צו דער נאָז, — נאַ, שמעק! פאַראַן צדיקים אין סדום... האָניג אויך... קעפּ, וואָס קלערען; הערצער, וואָס קלאַ־פּען; הענט, וואָס ארבייטען... נאַטירליך — לטובת הכלל...

און איך זאָג איהם: טאָקע טייער קאַרטאָפּעל. אָבער אונזער וואַרשעווער „איזראַעליט" האָט זיך איבערגעבעטען מיט'ן וואָרט „זשיד", און האָט עס גע'כשר'ט על פי „לינדע" און אנדערע היסד טאָרישע קוועלען! עס פעהלט אפילו קיין עגמת נפש נישט: ענג־לאַנד האָט חרטה באקומען און צוריקגענומען „אוגאַנדאַ"; די פראַקציע מיט דער סעצעסיע וועלען מוזען זוכען נייע שטיינער געגען דער אָרגאַניזאַציע; דער „חוצפה" האָט זיך צובריקערט און אראָפּגעוואָרפען דעם ערשטען „באַרייטער"... א רחמנות! דער „גאָניעץ", אויף וועלכען מיר האָבען מויערען געשטעלט, האָט זיך צונויפגעשמעקט מיט דער „ראָלע" און געטויישט זיך מיט פּראָס־פּעקטען... אויפ'ן „יריד פון בעל־מלאכות" האָט מען קיין איך נישט אריינגעלאָזט און „שא"! די „פּאַראַדישטע" פּוילישע פּרעסע האָט נישט פּראָטעסטירט. — דאָס אַלץ איז אמת, אָבער פעלדמאַן, דער פון גאַליציען, א ו נ ז ע ר פעלדמאַן, — האָט קונה־שם געווען מיט זיין „שאַטען" (ציען), וואָס מען האָט פאַרגעשטעלט אין טעאַ־טער. עס איז אַסך גערעטענער פונ'ם „צדיק", וואָס מען האָט זומער־צייט אין די גערטלעך געשפּילט. דאָרט האָט געשלאָגען א

נודנע העלקייט פון צדיק׳ס קאַפּאָטע, דאָ איז אַלץ באַדעקט און אַרומגעהילט מיט א היינט־מאָדישען שאָטען...

נישט אמת, וואָס טשעכאָוו׳ס שאָטען האָט דערצעהלט אין „הזמן״, אז פעלדמאַנ׳ס שאָטען האָט קיין אידישען טעם נישט. און, למשל, אז עס האָט נ י ש ט קיין אידישען טעם? אבער פילאָזאָפיע האָט עס? אָנגעפילט מיט פילאָזאָפיע!

פאַקטען — זאָגט פעלדמאַן — געהען נישט לאבוד, — ווער־רען נישט פאַרלוירען, הייסט עס. מען פאַרגעסט זיי אמאָל, אָדער מען מאַכט זיך פאַרגעסענדיג, — קומט אבער די רעכטע מינוט, שווימען זיי אַרויס. פון מעשים־טובים שטראַלט אַן אייביגער נחת, פינקעלט אַרויס א קרוין איבער׳ן קאָפּ... און פון מעשים־רעים — זאָל גאָט שומר ומציל זיין! פון זיי דאַמפט אַרויס א שאָטען, וואָס געהט דיר נאָך טריט ביי טריט, טריט ביי טריט, ביז ער עפענט א מויל און שלינגט דיך איין!... ווי א שלאַנג... לעבעדיגערהייט!...

דו פאַרמאַכסט זיך אמאָל בחדרי חדרים מיט א ניי שפּילעכעל, מיט א נייער האָפנונג, מיט א ניי גליק, און זאָגסט: איך בין עס ווערט! מיין נשמה איז העל, ווי א זילבערנע טויב; ריין, ווי א פריש געפאַלענער שניי און ליעבליך מילד, ווי א לבנה־שטראַל... מאַכט זיך א גוטער פריינד, וואָס האָט א זכרון מיט א נאָז, דער־שמעקט ער און דערמאָנט דיך. קומט ער און עפענט די טיר, און לאָזט אַריין דעם שאָטען, און עס ווערט דיר אַלץ גרוי און פינס־טער און ווערעמיג פאַר די אויגען! און מען קאָן זיך אויך אָהן דעם גוטען פריינד באַגעהן... דו האָסט גאָר דעם שאָטען אין דיר אַליין! פון דער געטאָנענער זאַך בלייבט דיר אַן אָפּזאַץ אויף דער נשמה, און דאָרטען ליגט ער, דער שאָטען, איינגעהויקערט, איינגעקנוילט, ווי אַן אָפּגעגאַנגענער באַנד־וואָרעם... און דאָרט זיצט ער און וואַרט, און לויערט, און לאָקערט... און ווען דו גלייכסט דיך אויס, הויבסט דיך אויף פון מיסט, אויף וועלכען דו ביסט געפאַלען פון קראַנקען בעט, אויף וועלכען דו ביסט געלעגען גרייט צום גוסס׳ן, און שטעלסט דיך אויף דער וועלט א געשריי צו טון: להד״ם! נישט געשטויגען, נישט געפלויגען, איך האָב נישט געזינדיגט! ניין, קיי־נער ווייסט נישט, קיינער וועט נישט וויסען! און דער וועקסעל, וואָס איך האָב אויף גליק און לעבען, איז נאָך נישט איינגעצאָהלט, און דו עפענסט דאָס מויל און ווילסט פריי איינאָטעמען, איינ־

זויגען, איינזאפּען דאס פרייע גליקליכע לעבען, — דאמאלט הויבט ער זיך פּלוצלונג אויף, ציהט זיך אויס, הויבט אן וואקסען... און ער וואקסט און צוואוואקסט זיך און פארשפּרייט זיך אין אלע דיינע אברים, אין אלע ריצען און שפּאלטען פון דיין נשמה... און ער וואקסט אלץ מעהר און מעהר, און גרעסער... און וואקסט דיר פון מויל, אויערען און אויגען ארויס... און קריכט ארויס, און לעגט זיך דיר איבער'ן פּנים, און עס ווערט פארשווארצט; איבער דיין שטוב, און זי ווערט גרוי און וויסט, איבער דער וועלט, און זי ווערט דיר גרין און געל... און דאס לעבען איז שוין קיין לעבען נישט, דאס גליק — קיין גליק נישט... גארנישט... כאטש ווארף זיך אין דער ווייקסעל אריין... א והא ראיה: א מיידעל!

א מיידעל, נעבעך, האט צווישען די שווייצער בערג אן אומגליק געהאט, א ליעבע, הייסט עס... זי האט זיך דארט פארגעסען אביסעל, צו ווייט פארקראכען! נאר קיינער ווייסט נישט. מיט דער צייט האט זי עס אליין פארגעסען... דער שותף פון דער עבירה האט זיך שוין לאנג אראפּגעקאלערט פון א גלעטשער, און עס איז פון איהם קיין שריד ופליט געבליבען... און זי וויל נאך אמאל אויפבליהען. קומט די צייט, שרייט זי: להד"ם! וויל אנהויבען אויפ'ס ניי! נאר פעלדמאן, אונזער גאליצישער פעלדמאן, לאזט נישט. דער שאטען זיינער לאזט נישט... טיר און טויער זענען פארמאכט; קומט א גוטער פריינד, וואס האט א נאז און דערשמעקט, א זכרון און געדענקט און לאזט אריין דעם שאטען, און ער צוואוואקסט זיך, דער שאטען, און שלינגט איין דאס מיידעל מיט'ן להד"ם! פּיף־פּאף — זי שיסט זיך אין קאפּ אריין — — —

פארשטעהסט?

— נישט כדאי — ענטפערט ער — אז צוועלף קאפּיקעס א טאפּ קארטאפּעל!

— — — — — — — — — — — — — — — — —

דאס בלוט איז מיר אנטרונען געווארען! וואלט ער כאטש עפּעס אנדערש אויסגעטראכט! אן אידעע־פיקס, רחמנא לצלן!

איך גיב מיך אבער אזוי געשווינד נישט אונטער! מיט א קארטאפּעל לאז איך מיך נאך נישט דערשיסען! דיר געפעלט נישט פעלדמאן, נאדיר מעטערלינק! מעטערלינק מיט זיין טרופּע... מיט זיין אייגען ווייב, וואס שפּילט אין דער טרופּע... זעהר שעהן און

זעהר פריש איז זי שוין נישט, אָבער עפּעקטפול. דער עיקר, דער שוואַנען־ווייסער האַלז. זי טראָגט זיך טאַקע דעקאָלטירט... זי זאָל א שמאַטשארקע שפּילען, א שמאַטשארקע אין א ווינטער־טאָג, וואָלט זי געגאַנגען אויפגעריסען. דער עיקר איז דער שוואַנען־האַלז. דערנאָך ערשט דאָס שפּיציגע נעזעל, די שפּיציגע גאָמבע... דערנאָך ערשט דאָס פראַנצויזישע שפּילען...

עס איז אפילו צו געשווינד און צו עכט פראַנצויזיש... נישט אונזער היימיש וואַרשעווער באָנע־ און דאַמע־לשון... און די זאכען זענען אביסעל צו טיף, צו הויך און, פאַר אונזער גראָב־היינטיגען בעל־הבית, אביסעל צו נעבעלדיג, און נישט צום גלויבען: בלינדע זעהען מעהר, ווי א קלוגער בעל־הבית מיט אָפענע אויגען; טויבע הערען מעהר, ווי ער מיט אָפענע אויערען אויפ'ן „מיסטישען קאָנצערט" אין פילהאַרמאָניא. נאָר עס מאכט נישט אויס! מעטערלינק, זיין אייגענע טרופּע, זיין אייגען ווייב, איהר שפּיציג־נעזעל מיט'ן ווייסען שוואַנען־האַלז. און — פּאָרט פראַנצויזיש. און היינט דער לייכטער מאַנטעל, וואָס לופטערט זיך אין מאָנא־וואַנא איבער'ן נאַקעטען לייב... סודי־סודות! און ווי וואָלט געווען, ווען עס רייסט זיך ווינטער־צייט אויף א פענסטער אין זומער־טעאטער און עס בלאָזט אריין א משוגע'ן ווינטעל? הא?

און אונזער בעל־הבית לויפט...

פון היימישע מענשען פאַרלאַנגט ער מוסר און צניעות און פאַרקנעפּעלטע קליידער ביז אונטער דער גאָמבע... היינט וויל ער נאָך, עס זאָל אלץ זיין קלאָר און פליטקע, ווי א גענזען־טייכעל, וואָס שעמט זיך נישט מיט'ן זאַמד און נישט מיט די ווערעמלעך צווישען זאמד... פעלדמאַן, נעבעך, כאָטש פיין פויליש, האָט מורא יוצא צו זיין מיט'ן שאָטען אליין און שטעלט צו א גוטען פריינד, א פשוט'ען בשר ודם, וואָס עפענט איהם די טיר, און וואָלט זיך, אייגענטליך, אָהן דעם שאָטען באַגאַנגען... אז ער ווייסט, זאָגט ער אליין אויס! ווייסט ער נישט, — טראַכט ער אויס! אבער מעטערלינק! פון איהם פאַרלאַנגען: וואָס? נישט אינטערעסאַנט?

— אפשר, ווען נישט פיער און צוואַנציג גראָשען א טאָפּ קאַר־טאָפעל!

טראכט איך מיר: אזוי האסט פיינט טעאטער, נא דיר ליד טעראטור! און איך דערצעהל איהם גדולות, עס וואקסט ביי אונז, ווי אויף הייוועז; ווי גורקען אין א דונער־צייט, ווי גערשטען ביי דער לבנה. דער „איזראעליט" איז אפילו אומרוהיג געווארען... א קאנקורענץ געגען פויליש... נאר ווער הערט איהם?! דער „הצופה" וויל איבעריאגען די „הצפירה" און האט זיך איינגעשפאנט מיט'ן „השלוח" ביי איין דישעל, אפילו א חשש פון „כלאים", נאר פאהרען ועט זיך... „הצפירה" וועט יעדען פרייטאג געבען ליטעראטור: הויך און ווייך, ווי א באבעס — אפשר, נאר נישט אזוי פעט! — און דערצו כריין און זענפט פון אלערליי קריטיק... אפשר וועט עמיץ שרייבען „לידידת"... דער „המליץ" וועט אויך אודאי ארויס־שפרינגען פון דער הויט, דער „הזמן" אויך... און די „הצפירה" מיט'ן „הצופה" וועלען, זיי להכעים, נאך אפשר צוזאגען שאטען מיט קאנדעל־צוקער... און אפשר, — אויפ'ן אמעריקאנער אופן — הענטשקעס מיט שטיוועל... און „הילף" מיט הילף פון יענער זייט... און יום־טוב בלעטער, און „לוח אחיאסף" דיק, ווי „טויזענט און איין נאכט"... און דער לוח איז פון סאמעראדנע יונגווארג... און די דין־רויטליכע פינגער צופען, נישט נאר די סטרונעס פון דער הארפע און זינגען מיט גרוים בענקעניש צו ליכט, לופט און אלעם גוטען... נאר אויך אין פובליציסטיק... נא, זעה! מיש איבער די קדושים אויפ'ן פרעמדען לשון, און ביים ווייטער — סאמע שווייצער־קען! בארוכאוו בראקט איין אחד־העם'ן מיט „בערדי־טשעווסקי'ן", ווי צוויי שוואמען אין איין בארשט, און עס קומט ארויס, אז די ליטעראטור אונזערע וואקסט יא און וואקסט נישט. דר. טאן רעדט וועגען דיסציפלין אין פארטיי און באווייזט, על פי קאנט ושאפענהויער, אז פארטייען באשטעהען נאר פון שטיקלעך נשמות, ווייל די רעשט פארטוען מיר ערגעץ אנדערש... דר. נייר־מארק הייסט דעם דר. הערצל, יק"א און אחד־העם, זיי זאלען זיך דערלאנגען די הענט און ער וועט זיי ארומבינדען מיט א כשר'ער ציצה, אבי שלום! ווייל באמת „אלו ואלו דברי אלהים חיים". דאס אומגליק איז נאר „שפעת קלגסים", — וואס איינער פארשטעהט דעם צווייטען נישט... און נאך חכמים —

נאר ער האקט מיך איבער:

— און וואָס זאָגען די חכמים וועגען יקרות אין קאַרטאָפּעל?

— — — — — — — — — — — — — — — — —

און דאָס איז אמת!

קאַרטאָפּעל האָבען מעהר אָנהענגער, ווי פילאָזאָפיע, שלינגען זיך בעסער, ווי די פיינסטע פּובליציסטיק, אָבער — וואָס קער זיך דאָס אָן מיט חכמים? זיי רעדען אפילו נישט פון וויכטיגערע זאַכען. למשל: וואָס וועט טון די וועלט אָהן קייזער ווילהעלם'ס פיין־קלינגענדיגער שטימע? פון וואַנעט נעמען זיך דער יאַפּאַנישער פּלאַט מיט דער יאַפּאַנישער העזה צוזאַמען? זיי לאָזען אפילו קיין וואָרט נישט פאַלען וועגען פּראַצעס פון ענגלאַנד קאָנטרא טיבעט. אפילו נישט וועגען דעם, פאַרוואָס האָט די באַראָנעסין זוטנער נישט באַקומען נאָבעלס נאָגראַדע פאַר פרידענשטיפטעריי? צי דעריבער, ווייל זי געהערט אויך צום אידישען אָפּוועהר, וואָס איז נישט מרבה־שלום? און אפילו נישט וועגען דעם ניי־לייכטענדיגען מעטאַל... דער שאַטען „אוגאַנדאַ", וואָס איז אַרוים פון דר. הערצל'ס אויגען, האָט דאָס אַלץ פאַרדעקט, פאַר'חשכ'ט און דערנאָך מן הסתם איינגעשלונגען...

אָבער, הכלל?

זאָל איך מיך דעריבער, מיין גוטער פריינד, אונטערגעבען?

איז היי־יאָהר — זאָג איך איהם — נישט קיין גערעטעניש אויף קאַרטאָפּעל, געראָטען דערפאַר מצוות און מעשים טובים? ממש פון טאָג צו טאָג! דאָס שפּיטאָל — געענדיגט? עס פעהלען אַלץ נאָר וואַרעמע שטיוועל און קליידער פאַר שווינדזיכטיגע, וואָס דאַרפען זיצען אויף באַלקאָנען צי ביי אָפענע פענסטער, — נאָר ערשטענס, א זון אָהן פלעקען, בפרט א שפּיטאָל אָהן פעהלער — איז נישט פאַראַן. צווייטענס — איז אפשר באַלקאָן און אָפענע פענסטער — לאו דוקא! מיר האָבען איבערגעלעבט פּיאַווקעס און באַנקעס, מיר וועלען דאָס אפשר אויך איבערלעבען. אָבער נ אָ ר אויפהערען צו גלויבען די דאָקטוירים, וואָס פיהרען ויכוחים, רופען צו דין־תורה'ס פאַר קאָלעגען, און אויב די קאָלעגען האַלטען איינעם נישט סאַטיספאַקציאָנס־פעהיג, לויפט ער, ווי דער ערשטער פּוילישער מאַגנאַטעל — מסר'ן... „אחיעזר" און „עזרת יתומים" לעבען, ווי אמת'ע שוועסטער און ברידער, דאָס הייסט: זיי קריגען זיך במעט טאָג־טעגליך, אָבער צו א מעסער כאַפּען און אָפּקוילען קומט עס נישט! און עס וועט מיט גאָטס הילף נישט קומען! היינט האַלט

דר. פאזנאנסקי אין דער „דייטשער שול“ איין מאל אין צוויי וואָ־כען רעדען וועגען אידישער געשיכטע; און נעכטיגע אסימילאטארען וואָס זענען נאך אינגאנצען פון עולם הדמיון נישט ארויס, קומען הערען, און — אזוי גלויבט, וועניגסטענס, דער דר. פאזאנסקי, — עס קאן זיי זיין צו רפואה... און היינט די נייע צדקה־חברה פאר חדר־אינגלעך! און דער קאנצערט, וואָס וועט מיט גאָטס הילף זיין פאר די ביליגע קיכען, און נאך, און נאך...

און איך וויל קיין אפטימיסט נישט זיין, איך זאג נישט, אז די בעל־בת'ישע נשמה האָט זיך, מיר־נישט־דיר־נישט, פלוצלונג צו־גליהט, ווי אין גאָטס וויינגארטען, וואָס ווייסט פון קיין ווינטער נישט... פון דער העלער הויט ארויס צופלאקערט! איך ווייס, אז א בעל־בית צו זיין, איז לייכט. אז מען איז, איז מען! לעבט מען שוין בשלום מיט גאָט און לייט, און מען האמפערט זיך נישט מיט דריי פיערטעל עשרת הדברות... אבער א י י ד ע ר מען ווערט, איידער מען קומט פון „גארנישט מיט גארנישט“ צום זמר פון „מנוחה־ונחלה“! דאמאָלט איז אן אומרוהיגע צייט, פון וועלכער עס בלייבט אן אפזאץ אויף דער נשמה...

און אין דעם אפזאץ ליגט באהאלטען דער שאטען! איינגעהוי־קערט, איינגעקנוילט און איינגעשרומפען, ליגט ער און ווארט, און לאקערט. און זעהט ער, אז דער בעל־הבית וויל פריי אפעטעמען און געהט ביים רויטען שטורקאץ אין זאקסישען גארטען אויף דער גליטש, קריכט ער ארויס... וויל ער זיך, דער בעל־הבית, איבער־שליטלען איבער'ן פריש־געפאלענעם שניי, מיט א „פרעהליכקייט“, וואָס האָט עפעס איבערגעלאָזט צווישען די שווייצער־בערג, אדער עפעס געבראכט פון דארט, צי פון ערגעץ אנדערש, — שפרינגט ער, דער שאטען, ארויס, און לעגט זיך איבער'ן פריש־געפאלענעם שניי, ווי א שווארץ טוך אויף ווייסע תכריכים... און — „צדקה תציל ממות“! דער בעל־הבית האָט אמאָל אין חדר געלערענט צי עמיץ זאגט איהם אונטער... און כדי די שמחה בייטאָג און דער שלאף ביינאכט זאלען נישט געשטערט ווערען, דער מאדאם מע־טערלינק'ס שוואנען־האלז זאָל נישט פארנעבעלט ווערען און — די וועלט זאָל בלייבען וועלט, מוז מען אדער פיף־פאף אדער עפעס טון, גוטס טון... ווארים דער שכר פון מצוות איז אויף ד ע ר וועלט. פרעהליך ווערט, דער שאטען פארשווינדט! כאטש

אויף א ווילע! און אויף דער ווילע ווערט אַלץ דורכזיכטיג און קלאָר, ווי א געזונטען־טייכעל; מען זעהט דעם זאַמד אַרויס, די ליעבע ווערעמלעך אַרויס! און זומער שיינט די זון, אין קארלסבאד אין מאַרינבאד, צווישען די שווייצער־בערג... ווינטער גלאנצט דער שניי און ביבער־קעלנער שליטלען זיך, אָדער גליטשען זיך אויפ'ן אייז, וואו חוה'ס טאָכטער גליטשט זיך אמאָל אויס, פאַלט, און עס ווערט א פרעהליך געלעכטער... כאָטש א נייער שאָטען ווערט באַשאַפען...

און איז נאָך נישט אינגאנצען קלאָר, איז דער שאָטען נישט אינגאַנצען פאַרשוואונדען, האָט די לעבעדיגע זון נאָך פלעקען, געהט מען צו צום ראַנד פון אָפגרונט, און מען לעגט די פלאכע האנט איבער די אויגען, און מען קוקט אַראָפ: צי קומט ער נישט פון דאָרט, דער שאָטען? ! עס שווינדעלט אביסעל, נאָר מען קוקט... און „יגעתי ומצאתי" — אַז מען קוקט, דערזעהט מען! פון דאָרטען קומט ער! אומריין איז דאָרט! נישט געוואַשענע פאָדלאָגעס, קוים נעגעל־וואסער, נישט געקעמטע קינדער... און מען לויפט, און מען דערצעהלט עס אין דער היגיענישער חברה און — ממש תוך כדי דבור, ווערט — שופטים ושוטרים! לאָזט מען אראָפ אין תהום אריין א טוץ „אָפיעקונעס" — אפטרופסים, וואָס זאָלען קוקען אויף ריינקייט, רעדען וועגען וואַשען, רייבען, קראַצען... וועגען גרינעם זייף, און העמדער, נישט דוקא משבת לשבת... און אין דער נעסט פון דער געזעלשאפטליכער מרה־שחורה וועט אָנהויבען בלאנקען און בליצען און שיינען...

און ער האָקט מיר איבער און פרעגט:

— אַבוואָל פיער און צוואַנציג גראָשען א טאָפ קאַרטאָפעל!

און רעד מיט איהם!

אַז אידעע־פיקס, רחמנא לצלן!

.1906

אן אפענער ברית.

(וועגען מילה־סקאנדאל).

מיט א פאר יאהר צוריק וואלט דער מילה־סקאנדאל אזוי־פיעל שלעכט בלוט נישט אנגעמאכט. ביי דער טיר זענען געשטאנען ערנסטערע און וויכטיגערע פראגען און האבען געווארט אויף באשייד... און דער „עולם“ איז געווען פיעל ראדיקאלער, פריידענקישער...

דאס געשריי פון א פאטער: איך וויל נישט, מען זאל מיין טויט קינד באשניידען, קעגען מיין איבערצייגונג... און דער פראטעסט פון א קינסטלער, וואס איז פארציטערט געווארען, הערענדיג פון באשניידען א טויט קינד — ביידע וואלטען זיך געהערט, ווי געפלאצטע פיש־פאכירען צווישען א געפלאצעריי פון באמבען. ווען עס דאכט זיך, אז אט־אט ווערט חרוב די א ל ט ע וועלט און מען טראגט שוין ליים און ציגעל א נ י י ע צו בויען. — אין אזא צייט וואלט נישט נאר די פראגע פון באשניידען א טויט קינד, און צי וועלען זיך די ביז אהער באגראבענע מתים נישט פיהלען באליידיגט, נאר אפילו אין מעריטא — דעם עצם־ענין אפאדער נישט אפשאפען מילה—געמאכט זעהר א קליינעם איינדרוק...

נאר די רויטע פאהן איז פון דער האנט ארויסגעפאלען, די שווארצסטע רעאקציע האט געזיגט אויף דער גאנצער ליניע, פולע תפיסות, פולע קאטארגעס, אין „וויטען מזרח“ בלייכען זיך טויזענטער סקעלעטען — און דער גרויער מענש, דער מיטעל־מענש, די אונטערדריקענדע מאיאריטעט, וואס שמעקט נאר צום פעהנדעל, פון וואנעט דער ווינט בלאזט — אט דער גרויסער, גרויסער עולם האט זיך אווארף געטאן — ר ע כ ט ס...

און — א יום־טוב איז אויף דער רעכטער גאַס... אין דער לינ־קער, אויב מען קרעכצט נישט און מען וויינט נישט, — איז שטיל, בית־הקברות׳דיג שטיל...

און אין דער שטילקייט, האָט זיך דעם טויטען־קינדס פאָטערס געשריי דערהערט, און דער קינסטלער־פּראָטעסט האָט אין אלע מידע הערצער אָפּגעהילכט. עס איז א פראגע געוואָרען: און די רעכטע זייט, דערהערענד א גערופעריי פון לינקס, איז באלד אַרויס מיט דער פויסט. דער גרויער מענש האָט זיך, נישט קלערענדיג, געשטעלט אויף דער זייט פון דער פויסט... און די געלע פּרעסע, וואָס באַדינט דעם גרויען מענש, האָט געעפענט דאָס מויל — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און אָנגעהויבען האָט זיך די טראַגי־קאָמעדיע.

וואָרים זאָגט, וואָס איהר ווילט, זייט אַן אָנהענגער אָדער א געגנער פון מילה, — טראַגי־קאָמיש איז א פאָטער, וואָס גיט אי־בער זיין קינד, און, דאַכט זיך, אַן איינציג קינד — דער ערד צום פוילען, און דראָהט מיט פּאָליציי, אויב מען וועט דאָס קינד נישט אריינלעגען אין דער ערד אריין גאַנצערהייט, אויב עס וועט איהם פעהלען א פּיצעל הויט פון צעהן חדשים׳דיגען קינד...

און טראַגי־קאָמיש איז דער ראַבינאַט, וואָס זאָגט: מיר מוזען זיך מוסר נפש זיין פאר מילה פון א טויט קינד, אויסער, אויסער — אויב די פּאָליציי וועט הייסען באַגראָבען אַזוי, ווי עס איז...

טראַגי־קאָמיש איז די גרויסע גרויע מאַסע, וואָס זעהט אין נישט־מל־זיין פון א טויט קינד א געפאַהר פאר׳ן אידישען פאָלק; בפרט דער אסימילאַטאָר, וואָס האָט מורא, ער זאָל זיין צווייטע העלפט נישט פארלירען: נישט בלייבען פּאָלאַק אָהן „מאָיזעשאָ־וועגאָ וויזנאַניאַ“, אויב ער וועט נישט שטיצען דעם ראַבינאַט...

טראַגי־קאָמיש איז דער אידישער, היימיש געבאַקענער אינטע־ליגענט, וואָס ווייזט ראַדיקאַלע פויסטען דער גאַנצער וועלט, מאַכט באַמבעס פאר׳ן פּאַפּסט מיט אלע קלויסטער, שטריק פאר אלע שדים און מלכים, נאָר אז עס קומט צו איהם אליין, ווערט ער פאַרציטערט...

און טראַגי־קאָמיש איז א פאָלק, ביי וועלכען די פראגע פון

מל זיין אַ טויט קינד, ווערט אַ לעבענס־פראַגע און עס קען קומען צו אַ חורבן פון אַ קהלה...

עס איז מעגליך, אַז אין אַ געוויסער צאָהל פון יאָהרען אַרום, וועט גרזשיבאָווסקא נומער 6 און 28 זיין אַ חורבה, עס וועט נישט בלייבען אַ שטיין אויף אַ שטיין, קליינע שדים׳לעך וועלען זיך דאָרט שפּילען אין זאַמד, און צובלאָזען עס אויף שבעה ימים, אויף אַלע „עק־וועלטען", און תשעה באב, וועט זיצען דאָרט אַ אידענע; שוואַרץ, אין שוואַרצען געקליידט, אויף אַ בערגעל זאַמד מיט אַ צאינה וראינה אין דער האַנט וועט זי זיצען, און וועט ברומען, וויינענדיג ברומען:

איבער ראַד און וואָגען איז חרוב געוואָרען ביתר, איבער אַ הון מיט אַ האָן — טור מלכא, איבער קמצא בר קמצא — ירושלים, און איבער אַ גאָר נישט, אַ כמעט גאָרנישט פון אַ קליין קינד, פון אַ קליין טויט קינד — די גרעסטע אידישע קהלה אין אייראָפּאַ...

און אויף אַן אַנדער אָרט וועט שטעהן אַ פּאַלאַץ... אַ הויכען קוימען וועט ער האָבען, ווי די גרעסטע פאַבריק. דורך די פענסטער וועלען זיך ארויסרייסען פייערדיגע פלאַמען, ווי פון אַ קאַלך־אויווען, איבער׳ן קוימען וועט זיך רינגלען אַ געדיכט פעטער רויך פון מענשען־פלייש, ביינער, מאַרך און בלוט, ווי איבער אַ מזבח — אַ קרעמאַטאָריום וואו מ׳וועט די מתים פאַרברענען...

און פאַר׳ן קרעמאַטאָריום וועלען דענקמעלער שטעהן. דער פאַטער פון טויטען קינד און נאָך עטליכע פריידענקער...

די מילה־פראַגע איז ביי אונז נאָך נישט צייטיג...

פאַראַן נאָך זעהר פיעל, פיעל פאַנאַטישע און אפילו ווילד פאַנאַטישע אידען. זייער גאָט, איז נישט דער גאָט פון ישעיה, ירמיה און יחזקאל, און זייער תורה איז נישט די, וואָס דאַרף ארויסגעהן פון ציון און באַלייכטען די וועלט...

קיין ראַסע און קיין פאָלק איז נישט באַפרייט פון אַטאַוויזם; מיר — אַ פאָלק אָהן זעלבסטשטענדיגער קולטור — געוויס נישט...

און אַ קרבנות־גאָט רעגירט נאָך, אַזוינער, וואָס שמעקט נאָך פעטען רויך... נאַטירליך נישט מולך; גאַנצע קינדער נעמט ער

נישט. לייטזעליג איז ער, און בארמהארציג... ער איז יוצא מיט „אבי וואָס...“

ותקח צפורה צור... אויסגעפּרואווט!

און מאַכט זיך א ברית ראש השנה, איז דער בעל תוקע מוציא אויך... ער רינט נאָך מיט מקוה־וואַסער און כאַפּט דעם שופר אין בלוטיגען מויל אריין — תקיעה... — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און פרומע אידען זענען פאַראַן — אַן אונטערדריקענדע מאַיאָריטעט, און ביים פרומען איד איז אַלץ הייליג. דער קלענסטער דין אין חיי־אָדם, דער קלענסטער, נאַרישסטער מנהג... דער גאַנצער גלות־שטריק, וואָס וויקעלט זיך, פון דורות איבער דורות, ארום זיין האַלז, און דריקט איהם, און ווערגט איהם, נישט אָפּצואָטעמען... איז הייליג! און מען מוז מודה זיין, ווי טראַגיש עס זאָל זיין, אָדער ווי ווילד עס זאָל נישט קלינגען, אַז דאָס פאַרמינדערען פון אָטעם, דאָס איינשלעפערען פון אידישען לעבענס־פולס ביז מינימום, האָט זעהר פיעל געהאָלפען צום אויס־און איבערהאַלטען די קויל־שווארצע און די רויט־בלוטיגע צייטען פון אינקוויזיציעס, עקסאַצען און דערגלייכען יאַמערליכער נויט, וואָס קיין פאָלק האָט נישט איבערגעלעבט...

און וואָס עלטער, איז דעריבער הייליגער דער קניפּ... און מילה איז אזוי אַלט! מ צ י צ ה איז שוין אַלט! דאָס איז א גאַנצע וועלט־אַנשויאונג, א רעליגיאָנס סיסטעם, און נישט אזוי לייכט לאָזט זיך א מענש איינוואַרפען זיין בית המקדש און ארויסטרייבען פון דער חורבה זיין גאָט. דאָס צוזאַמענברעכען פון א וועלט־אַנשויאונג איז די גרעסטע טראַגעדיע. און אַממעהרסטען בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען צוליעב רעליגיאָנס סיסטעמען, מיט וועלכע מענשען און פעלקער ווערען צונויפגעבונדען, צוזאַמענגעוואַקסען...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און — אויב עס זענען פאַראַן „אויך“־און „בויך“־אידען, פאַרוואָס זאָלען קיין סימבאָל־און צייכען־אידען נישט זיין?

מילה איז א סימבאָל; א צייכען, אַז מען געהער צום אידישען פאָלק. אזוי באַגרייפען עס 99 פּראָצענט פון אידישען פאָלק.

אמת, מילה איז עלטער פאַר אידען... נאָר ווער געדענקט די

אלטע גרויסע צייטען ? עס באַשניידען זיך נישט נאָר אידען אליין ; קנאַפּע 200 מיליאָן נישט אידען באַשניידען זיך... דאָס מערהסט אידען לעבען אָבער צווישען נישט באַשניטענע קריסטען !

און דער סימבאָל איד איז גייסטיג אַז אָרעמער, זעהר אָרע־מער איד. ער פאַרמאָגט שוין קיין אידישען אינהאַלט נישט. דער תוך פון זיין אידישער נשמה איז אויסגעוועפּט ; דאָס ליכטיגע פינ־טעלע איד איז באַגראָבען אין פרעמדען אַש, און צופלאַקערט זיך זעלטען אַמאָל ביי אַ פּאַגראָם, אָדער אַזוי — אין אַ יאָהרצייט... אויף קבר אבות...

קיין שבת, קיין יום־טוב, קיין תשעה באב ; קיין אידישע פרייד און לייד. און דאָך לעבט נאָך דער פאָלק־ און ראַסען־אינסטינקט. און פאַר אַפּרייסען זיך פון שטאַם, פאַר גאָר אינגאַנצען אַרויס פון געטאָ. ציטערט מען... און דער סימבאָל איז אַזאַ באַהאַלטענער, און קאָמפּראָמיטירט נישט... און, צום באַרוהיגען דאָס פריי־הייטליבע דענקער־געוויסען : האָט ער אַ דאָקטאָר־שפּריך : פּראָפי־לאַקטיק... און הערט ער עפּעס קעגען סימבאָל, דאַכט זיך איהם, אַז מען רייסט איהם אָפּ דאָס לעצטע העמד פון לייב, און מען שעלט איהם, אַ נאַקעטען און אַ בלויזען אין מיט'ן מאַרק אריין... און ער דערפיהלט זיך נאָך — עלענדער, אָהן טאַטע־מאַמע, אָהן קרובים, און גוטע פריינד...

און נאָך איין מאָמענט איז פאַראַן אינם מילה־סקאַנדאַל... דאָס אַרויסטרעטען קעגען מילה אויף אידיש, אויף מאַמע־לשון... דאָס רעדען עפענטליך, פאַר'ן גאַנצען עולם ! די פּוילישע בראָ־שורע : „אוועק מיט'ן באַרבעריי", די אַרטיקלען קעגען מילה אין פּוילישען „איזראַעליט". נאָך מעהר אַפּיקורסישע אַרטיקלען אין „השלוח", אין אַמאָליגען „השחר", ווער שמועסט אין אַמאָליגען „החלוץ", זענען שאַרפער, פיעל שטאַרקער, פיעל איבערצייגענדער געווען, אָבער — געהאַלטען אין אַ שפּראַך, וואָס איז נישט צו־גענגליך פאַרן ג ר ו י ס ע ן ע ו ל ם. און דעם גרויסען עולם, מיינט אונזער בעל הבית און זיין משרת דער בעל־בתישער אינטע־ליגענט, טאָר מען די אויגען נישט עפענען...

שאַדט נישט, זאָל מאָרגען איינגעפיהרט ווערען אַלגעמיינע וואַהל־רעכט, ווענינסטענס צו אַ שטאָדט־דומע, אָדער ווען נאָר צו אַ קהל־שטוב, וואָלט דער זעלבער בעל־הבית, דער אייביגער פאַר־

וועניו און זיין אינטעליגענט געשטעלט זיך פאַר'ן נייעם פרנסה־געבער און כבודים־טיילער אויף די הינטערשטע לאַפּקעלעך, און אין די הינטישע אייגעלעך וואַלט זיך אנגעצונדען אזא מין איי־בערגעבענהייט, אזא מין געטריישאפט און אזוי פיעל חנופה...

דערווייל אבער איז עס צוקונפטס־מוזיק...

דערווייל האט מען צופיעל שטיקער עולם הזה, וואס מען דארף פאר'ן עולם באהאלטען: נישט ווייזען, עס זאל איהם קיין וואסער אין מויל אריין, ער זאל קיין שלעכט אויג נישט געבען, קיין האנט נישט אויסשטרעקען... און — אזוינע אידען אויך!

בפרט דאס ארויסטרעטען קעגען אזא רעליגיעזען גרונט־געזעץ!

מאסען אהן רעליגיאָן, ווי שרעקליך!

נישט דאָ, אין אן אפענעם בריף, איז דער אָרט צו באטראכטען די פראגע פון סאָציאָלאָגישען שטאנדפונקט: פון וואנען שטאמט מילה — אין אלגעמיין, קודם מתן תורה, און נישט נאָר ביי אי־דען אליין. די פראגע איז נאר: וואס פאר א כאראקטער האט מילה ביי אונז.

ערקלערען מילה מיט פראפילאקטיק איז ראציאנאליזם. מיט סימבאליסטיק — דערצו דארף מען א פארגעבעלטען קאפ. און גאנץ אויסטערלישע אויגען מוז מען האבען, מען זאל זעהען אין דער אפעראציע אליין פאעזיע אדער שעהנקייט.

רעכט האט דער פשוט'ער איד: מילה איז א קרבן.

נביאים זענען אויפגעשטאנען קעגען קרבנות. אבער נביאים, אזוינע וואס גאט האט זיי געגעבען די ווערטער אין מויל אריין, אנריהרענדיג די לעפצען מיט א פייערדיגע קויל. מענשען, וואס האבען געטריבען די אלט־צייטיגע שווארצע וואלקען מיט שטראַ־לען פון שפעטסטען מארגען, וואס האט זיך שוין געדויטעלט אויף זייערע הויכע בערג, ווען די טעלער זענען נאך איינגעהילט גע־ווען אין שאטען. און מענשען זעלבסט־פארגעסענע, וואס האבען געערדט צום פאלק אין נאמען פון הויכע אידעאלען, אין נאמען פון איינציגען גאט...

דאָצו טויג דער מאָדערנער קינסטלער נישט... דער, וואָס קען פון זיך אליין נישט ארויס און נישט אריבער, וואָס וויל זיך גליט־שען איבער לעבן, ווי א לאָכענדיגער ליכט־שטראַל איבער א וואַסער שפּיגעל; דער, ווען ער שטעלט זיך קעגן אַלטע, ריזיג־אַלטע רעליגיעזע מאָמענטע, וועט שטענדיג אויסזעהן ווי א דאָן־קיכאָט, וואָס רייסט זיך מיט פליגעל פון ווינט־מיהלען; אדער, ווי א אינגעל, וואָס כאַפּט זיך מיט א רייט־בייטשעל צו דער לבנה...

די עבט־פרומע, די ערנסט פרומע האָבען געהאַט דאָס רעכט זיך צו פיהלען באליידיגט און געקרענקט...

אָבער פון דער אַנדערער זייט, איז מילה א קרבן, מוז עס זיין א גערנוויליג קרבן: נויטען צו קרבנות קאָן מען נישט, טאָר מען נישט...

נאָר געפערליכער איז אָפּצושטעלען דאָס גאַנצע אידישקייט אויף איין מצוה, — זאָגען אז אָהן דער מצוה, אָדער אָהן דעם סימבאָל, וועט דאָס אידישקייט בטל ומבוטל ווערען, הייסט, נישט מעהר און נישט וועניגער, ווי באליידיגען דאָס העכסטע און דאָס הייליגסטע, הייסט זאָגען: אידישקייט האָט קיין תוך, קיין אינהאַלט נישט, קיין נשמה נישט, —

ווילט איהר אזוי זאָגען?

„איך וואָלט מיין האַנט קעגען מילה נישט אויפגעהויבען" — זאָגט נאָמבערג, און ער האָט פאַר זיך רעכט. בפרט ה י י נ ט, ווען דאָס אידישע לעבען שוועבט צווישען אזוי פיעל געפאַהרען, ווען טויזענטער אַנדערע לעבענספראַגען געפינען פאַר זיך קיין צייט, קיין קאָפּ און קיין האַנט...

נאָר מעהר, כל זמן די גרויסע אידישע מאַיאָריטעט האָלט מילה פאַר אַן אויסשליסליכען צייכען פון געהערען צום אידישען פאָלק, דאַרף, לויט מיין אינערליכע איבערצייגונג, יעדער פריי־דענקענדיגער איד, אַלס איד זיך אונטערגעבען, אום נישט אָפּגעריסען צו ווערען פון שטאַם... דאַגעגען אַלס פריי־דענקער האָט ער דאָס רעכט, און אין גינסטיגערע צייטען די פליכט, קעגען אזאַ

איבערצייגונג מיט דער קראַפט פון איבערצייגטען וואָרט — צו שטרייטען.

און דעריבער—האָט עמיץ גערעדט, טאָר מען איהם נישט צונעמען דאָס וואָרט, און וויל מען אַ קינסטלעריש מויל מיט שמר־ציגע שמאַטעס פאַרשטופּען, מוזען מיר רופען:

שמוציגע ליַיט, די הענט בײַ זיך!

.1908

אויף א מיטינג.

נ י י ן א זייגער פארנאכט האב איך ערהאלטען אן איינ־לאדונג אויף אן „ערלויבטען" מיטינג, וואס האט זיך אנגעהויבען זייגער ז י ב ע ן, דאס הייסט מיט צוויי שטונדען פריהער. איך באטראכט דעם פאסט־סטעמפעל: ער איז נאך פון אייערנעכטען. איך פרעג ביי'ם בריפענטרעגער באשייד, שמייכעלט ער: „פאר־דעכטיגע" בריף הייסט מען אפגעבען וואס שפעטער, ווענינסטענס מיט א טאג שפעטער.

— יא געהן, נישט געהן?

איך קוק ארויס דורכ'ן פענסטער: די גאס איז שטיל. איך בויג ארויס דעם קאפ דורכ'ן לופטשיק: מען הערט נישט מעהר, ווי דאס זעלטענע קלינגען פון שליטען־גלעקלעך — מען שיסט נישט אין די גאסען. אין דערהיים זיצען ווערט שוין איבערדריסיג, מען פיהלט זיך אפגעריסען פון לעבען, פארשיקט, פון אלעמען פאר־געסען, פון גאט און וועלט צוזאמען.

איך געה.

דער שנייערקריפעט עפעס נישט היימליך אונטער די פיס. איבער'ן קאפ א קאלטער, אנגעזעצטער טונקעל־שטאלערנער הימעל מיט א האלבער מאט־זילבערנער לבנה, — אפגעביסען אדער אפגע־שאסען די צווייטע העלפט! און זי וואנדערט ווייטער — א קאַ־ליקע. ערגעץ וואו, ווי פאר שרעק צוזאמענגעשטויסענע הויפענד־לעך שטערן. די גאסען — לער, די לאדען — צו.

ביי א ווינקעל שטעהען צוויי גרוי איינגעהילטע סאלדאטען. עס איז זיי קאלט און לאנגווייליג. זיי טופען מיט די פיס, גע־נעצען און איינער, הער איך, צוקומענדיג, זאגט דעם צווייטען:

— איי, ווי מיר ווילט זיך אצינד אויסשיסען!
— לאַנגווייליג! — איז מודה דער צווייטער.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

גאָט זיי דאַנק, איך בין שוין אויפ'ן מיטינג. קאָפּ אויף קאָפּ. עמיץ — דער צווייטער צי דער דריטער רעדנער — שטעהט ביים בעלעמער און האלט אין מיט'ן דרשה. קלאַנגענדיג — שעלטענדיג געהט דער טאָן:

„הייזער האט איהר געבויט און זייט אין זיי נישט געזעסען... בוימער האט איהר געפלאַנצט, און זייער פרוכט נישט פארזוכט; קליידער האט איהר געוועבט, און פרעמדע האָבען זיי געטראָגען. און אייך האט דורכגענומען די נעץ און די קעלט; קאָרן און ווייץ האט איהר געמאהלען, און קיינמאָל נישט געגעסען צו דער זעט! און אייערע זיהן, און אייערע טעכטער האט מען אייך פון די אָרעמס ארויסגעריסען און צו פרעמדער, שווערער ארבייט געטריבען“...

איך דערקען די „תוכחה“, מיין תוכחה, מיט וועלכער מען האט מ י ך פארשאָלטען, און דאָך מיינט דער רעדנער נישט מיך... און אויך נישט מיך מיינט ער, ווען זיין טאָן ענדערט זיך, ווען עס שלאָגט זיך אונטער'ן באַלקען דער שטאָלענער קלאַנג:

— נאָר אצינד איז אייער טאָג געקומען! איהר וועט די ריכטער זיין... און איהר וועט משפט'ען... מאָס פאר מאָס!

ווי די טראָמפּייטען איבער יריחו'ס מויערן קלינגט עס!

אָבער נישט מ י ך מיינט ער. און איך פארזינק אין מיינע געדאַנקען, און איך טראַכט:

— צי איז ווירקליך אזוי נאָהנט שוין דער טאָג?

מאָסקווא איז שטיל געוואָרען... די באַריקאַדען צושמעטערט... דאָס „שולדיגע“ און „אומשולדיגע“ בלוט איז פארשיט מיט ריינעם, אונשולדיגען שניי. דער ב א ה ן ־ ש ט ר י י ק איז נישט געראָטען, דער א ל ג ע מ י י נ ע ר — נאָך וועניגער. די רענטע איז געשטיגען. די אויסלענדישע פּרעסע ווינשט דעם גראַף ווויטע גליק; זיינע פּאַפּירען זענען אויך געשטיגען! דורנאָוואָ וואַקסט נאָך איבער וויטען! די געפענגענישען זענען איבערגעפילט, אין די שפּיטעלער איז נישט אריינצוואַרפען קיין שפּילקע. פון די צערקלען געהען די קולות עד לב השמים...

אן אמת'ער סדום'ער „הכצעקתה", נאר גאט מיט זיינע מלאכים קוקען נאך נישט אראפ...

צי גלויבט דער עולם דעם רעדנער?

איך קוק מיך אום און קום אויך צום גלויבען.

די צאהל פון די אפטריניגע, פון די איבערלויפער פון יענעם צד באווייזט עם מיר: איידער א שיף געהט אונטער, אנטלויפען די מייז. און דער מיטינג־זאל איז פול מיט אזוינע מייז...

— —

אט די לייט פון דער פרעסע, וואס שטעהען ארום „בעלעמער" און ווארטען אומגעדולדיג אויף זייער צייט צום רעדען, די היינט־מאדישע געלערנטע...

דאס זענען נישט די, וואס וועבען אין דער שטיל די אידעען פאר שפעטערע צייטען; דאס זענען די, וואס ארבייטען אויפ'ן טאג און פאר'ן טאג! איינצעל־פארקויפער... די צווייטע צי די דריטע הענט. פאר דאס אבער מענשען מיט נעז פון כארטען אדער פון האזען, וואס דערשנאפען אויגענבליקליך, פון וועלכער זייט עם הויבט אן צו בלאזען דער ווינט!

דאס זענען גלגולים פון די, וואס דינען שטענדיג דער גע־גענווארט, דעם ערשט־געבוירענעם אצינד. גלגולים פון די, וואס האבען אמאל די קנעכטשאפט פארטיידיגט, וואס האבען אמאל שווארץ אויף ווייס באוויזען, אז גאט האט עם איינגעהענטיג בא־שאפען די סטאדע, און דעם הונט, צו היטען די סטאדע, און דעם פאסטוך, צו שערען די סטאדע; אדער: הערען, קנעכט און די פא־ליציי אין דער מיט.

דאס זענען גלגולים פון די, וואס האבען שפעטער אביסעל דעם בעל־בתישען ליבעראליזם געטראגען, די הייליגע מאכט פון „פריווילעגען" קאנטראקט געפרעדיגט, די גע־רעכט־מעסיגקייט פון קייטען, וואס מען זעהט נישט מיט בלויזע אויגען — פון שווינדעל און שטילען רויב באוויזען; מיט איין ווארט: וואס האבען אלץ־אין־איינעם די בעל־בתישע ברודיגע וועש אין געלערטען זייפען־שוים געוואשען און גערייניגט. און היינט זענען זיי דא! היינטווארפען זיי די בריק פון געלערטען שפינ־

וועבס איבער'ן אַפגרונט צווישען זעט און הונגער, צווישען פינס־טערניש און ליכט... און — זיי ווייסען געווים, וואָס זיי טוען!

———————————————————

רעדנער רעדען; פעד און שוועבעל גיסט זיך זיי פון מויל. מיט ברענענדיגע אויגען און טאָפּעלט־שאַרפע שווערדען טראַגען זיי, ווי אמאָליגע כרובים, די בעלי־בתים פון גן־עדן ארוים! אַפּגע־שאַפט מוז ווערען זייער פּריווילעגיע; די ג ע ד ו נ ג ע נ ע ארבייט... וואָרים „דריי־פאַכיג איז דער פלוך פון דער געדונגענער ארבייט!" „מיט פאַרדרוס ארבייט דער, וואָס באַקומט נישט דעם גאַנצען ווערט פון דער ארבייט". „מיט עקעל און גרימצאָרן ווערט איבערגעפילט דער לעבעדיגער מענש, וואָס מוז ארבייטען, ווי אַ טויטע מאַשין; וואָס איז נאָר אַ צולאָג, אַ צודאַט צו דער טויטער מאַשין! וואָס מוז זיין אונטערטעניג דעם ראָד, דעם טויטען ווערק, אָהן איניציאַטיווע, אָהן ווילען און דעריבער אָהן לוסט צו דער ארבייט!"

און „פאַרפלוכט איז די ארבייט דורך איהר פאַרטיילונג, דורך איהר צוברעקעלטקייט; ווען דער מענש מאַכט אַלץ אינ־איינעם דיזעלבע אויסגעמאָסטענע, פאַרגעשריבענע קליינע באַוועגונג, אַפּט נישט ווימענדיג אפילו, צו וואָס זי נוצט"...

„נידריגער פאַר'ן פיה איז דעריבער געפאַלען דער מענש... מיר ווילען איהם הויבען!"

„הויך דער מענש!" — „נידער מיט'ן בעל־הבית!"

„הויך דער מענש!" — „נידער מיט'ן בעל־הבית!" ברילט דער גאַנצער סאַלאָן. נאָר אינמיטען ברילען פון דער שטורמיגער מאַסע קייקעלט זיך דורך אַ דונער פון גאַס...

אַ פּראָוואָצירטע באָמבע, צי אַ שאָס פעד טעות פון אַ האַר־מאַט?

אָבער דאָס אַלץ שרייט איבער דער רעדנער!

"נאָר דער טאָג פון דער וועלט־גערעכטיגקייט קומט! מ י ר וועלען די ריכטער זיין" — —

און צווישען ארבייטער־עולם זיצען בעלי־בתים, מיט נאַרישע פּנים'ער, נאַריש־אויסגעגלאָצטע אויגען, און הערען זייער שאַנד, און פאַטשען מיט: „בראַוואָ!" —

און עס טרייסלען זיך זיי די בייכלעך, ווי פאר נחת! זיי זענען נאך קיינמאל נישט אזוי העסליך געווען!

„די שקלאפעריי, די נײַ־מאָדישע שקלאפעריי מוז אפגעשאפט ווערען!“

„בראווא, בראווא!“ און הענט מיט גאלדענע רינגען הויבען זיך אין דער הויך און פאטשען בראווא! און די גאלדענע קייטען טאנצען איבער די פלושענע וועסטען פאר גרוים נחת!

און דאס זענען דאך דיזעלבע שטאלצע בעלי־בתים, וואס האבען ערשט נעכטען אינדיווידואליזם און, על פי ניטשע די „הערן־מאראל“ געפרעדיגט, וואס האבען דעם שוויים פון ארבייטער־פאלק נישט געקאנט פארטראגען, וואס האבען זיך געהויבען, ווי די געטער אין וואלקען, הויך איבער׳ן „פעבעל“, וואס האבען געהאלטען יעדען פארלאנג פון א העכערען לוין פאר א דרייסטקייט, דאס פארקירצען פון ארבייטס־טאג — פאר א פארברעכעריש אומפארשעמטקייט, וואס האבען אלע ארבייטער פאר איינפאכע גנבים געהאלטען און געלאזט רעווידירען ביי יעדען אריין־און ארויסגעהן פון פאבריק...

און אצינד? אצינד לויפען זיי איבער! פאטשען זיי בראווא. און ווילט איהר, שלאגען זיי זיך אין הארץ אריין „על־חטא“. עס געהט, אפנים, דער יום הדין, עס געהט!

אט שטעלט מען ווי ערב יום כפור, קערות! פאר געפאנגענע, פאר פארוואונדעטע, פאר פאמיליען פון געפאלענע, פאר פארשיקטע און — אויף געוועהר!

און דער בעל־הביתווארפט מטבעות; אויף זיין אייגענעם „פאהיבעל“ ווארפט ער.

ער איז מיר קיינמאל נישט אזוי נמאס געווען.

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

און די שווארצע לייט קומען אויך.

לאנגזאם און שטיל קומען זיי. פאמעלעך, ווי עס פאסט פאר הייליגע לייט; שלייכענדיגע, ווי אמת׳ע טעמפעל־דינער.

אט געהט איינער צו בעלעמער צו פרעדיגען. קריסטליך־סאציאל פרעדיגט ער.

נעכטען האט ער די באצווינגער געהייליגט. קלוגע שווינדעל־

קעפּ געזאַלבט, באַפּער־הענט געבענשט; איבער בעכער פון בלוט און שוויים ברכה געמאַכט. און היינט?

„מיר האָבען עס שוין לאַנג געזאָגט! לייכטער איז א מויל־טיר צו פּאַסירען דורך אַן אויער פון א נאָדעל, אַלס דעם רייכען דורכצוגעהן דעם טויער פון גן־עדן“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

מיט דער צייט וועלען נאָך וועלט־באַצווינגער קומען און זאָגען: „יענע זענען שוין צו שוואַך; זייער נאַקען שוין צופיל דורכגעפּוילט, און קענען שוין אונזערע שטולען נישט דערטראָגען; א י ה ר זייט פריש און געזונט, בויגט אייך און לאָזט זיי אונז שטעלען אויף אייך“...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלץ וועט קומען מיט דער צייט!

דערוויל, א היים־געהענדיג, פּאַסיר איך דורך טויטע גאַסען.

קאַלט און שטיל איז דער שטאָלענער הימעל, מיט אייז־פינקעלדיגע שטערענדלעך און א האַלב־אָפּגעשאָסענער לבנה...

אומהיימליך סקריפּעט דער שניי אונטער די פיס און אקעגען קומט מיר א וואַקעלדיגער קאָזאַק:

— טי קודאַ שליאַעשסיאַ?!

איך כאַפּ פּאַר שרעק ארויס א פּאַפּיראָס און דערלאַנג איהם.

— ספּאַסיבאָ, באַרין! — ענטפערט ער מיר און וואַקעלט זיך ווייטער.

.1906

פון דער שווערער צייט.

דאס קריסטליכע ווארשע איז פון דער העלער הויט פרום געווארען: איבער טיר און טויער, אין פענסטער און וויטרינעס, איבעראל — הייליגע בילדער. דאס פרומע קריסטליכע ווארשע קריגט פחד פאר'ן הונגעריגען, אפעלירט צום קריסטליכען רחמנות, יושר און ברודערשאפט און ווייזט אז מיט'ן מינדסטען פינגערל צום אידישען שכן; יענער איז געוועהנט דערצו און די שטראף וועט זיין לייכטער...

דערווייל פארשטעהט מען זיך נישט אויפ'ן וואונק.

א דרייצעהן יעהריגער יאשקא מיט אן אפגעריסענעם דא־שעק און א צושפאלטענעם אויער און „זיינם גלייכען" יוסקע מיט לויפענדיגע אויגעלעך און א צוקראצטען נעזעל קוקען נישט אויפ'ן „להבדיל" פון צווישען שתי־וערב און ארבע כנפות, און כאפען ביידע צוזאמען איין פלאש מאנאפאל, אוןווארפען אויף דער געפרווירענער גאס. דאס „לעבעדיגע וואסער", וואס האט גע־קאנט דערקוויקען אזוי פיל פרומע נשמות, שפריצט לחלוטין אומ־זיסט ארויס פון דער צושמעטערטער פלאש, אז אמת'ער „בל־תשחית", און די פלאשען־שטיקער גליטשען זיך קלינגענדיג און פינקלענדיג, גלייך עפעס רעכטס, ווייטער איבער'ן אייז...

א פרומע ווייבערשע נשמה, ארייגעזעצט פון בעל־הרחמים־גאט אין א גוף מיט א געשטופעלט און האלב אנגעשוואלען פנים, טאפט א פלאש אונטער א שאל און לויפט צו א ווינקעל און וויל שווין א ברכה מאכען, — יאשקא און יוסקע האבען עס דערזעהען: שטעה, אלטע מכשפה! מיר זענען קיין גנבים נישט! און מען רייסט איהר אויס פון אונטער דער שאל די פלאש, טראסק! עס שפריצט, עס קנאקט — —

און פאר גרוים שמחה איבער'ן נצחון כאַפּען זיך יאשקא און יוסקע ארום און זינגען, און טאַנצען מיט האַלב־באָרוועסע פים אי־בער אייז און גלאַז...

א גרויסער הויפען געהט. ערנסט. גלייך. „פּריוועסאַווסקים" מיט מיצען און קאַפּעליושען אויסגעמישט, איבער דער גאַס, די אויגען פאר זיך. גלייך!... זיי געהען אפשר א קעגען משיח'ן?

צווישען עולם דערהערט זיך א קול: „עה, גוטע ברידער! וואו־הין געהט איהר? וואס טוט איהר? אויף דער פראנציסקאנער גאַס האָבען אידען א גלח געטויט! קומט!" דער עולם פארצי־טערט א ווייַלע, נאָר עמיץ נעמט די שלאַנג אַן ביי א לאַץ: „אין וועלכער פאבריק ארבייטסט דו, ברודער?" ער שווייגט, און פוים־טען האַגלען אויף זיין קלוגען קאָפּ...

וואס איז געשעהען?

צי איז ווירקליך געגוג געווען, אז אן אַלטער, אַסטמאַטי־שער גענעראַל זאָל, אויפ'ן וועג פון ווילנא קיין פּאריז, אָפּשטעלען זיך ביי דער נעוואַ, און, אפשר אַהן שום כונה, ארויסזאָגען דאָס וואָרט: „צוטרויען" — עס זאָלען ווירקליכע וואונדער געשעהן?

צי האט ער, נישט ווילענדיג, אָפּגעשפּראָכען אן עין־הרע, פאריאָגט א שווערען כשוף, אָפּגערוקט איין אַלף פון שווערען ה א ר ץ? און דער גרויסער עולם איז ארוים פון דער הינער־פּלעט?

אַלץ קאַפּויר: בלינדע זעהען, לאַמיר לויפען, טויבע שרייען...

און אין מיט'ן ווינטער אונטער'ן גרעסטען אייז רודערט זיך, וועקט זיך: אַקסעל צו אַקסעל, ברידער! הויבט אייך, צוואוויגט אייך, צושמעטערט! דער הימעל רופט!

דערווייל איז נישט היימליך, איבערהויפּט אוונט־צייט...

די לערע אָפּגעשטאָרבענע גאַס קוקט דיר אין פענסטער אריין מיט בלינד־אונטערגעשלאָגענע אויגען, מיט אַן איינאיינציגען

לאמטערן, א שריד ופליט פון אלע חברים... און דאס ארעמע פלע־מעל דערינען ציטערט, פלאטערט, ווארפט זיך ווי׳ן א פיבער: פיקט, ביקט, ניקט און טיקט זיך, אט פארשלינגט עס די חיה רעה — די נאכט; און עס שרעקט זיך פאר׳ן טויט, און אין מיטען דער גסיסה גיט זיך עס מיט׳ן לעצטען כח א ווארף, ווי א שלייען פון אונטערן מעסער, און א הייב, א טאנץ — ווי לאנג וועט דויערן די גסיסה?

ערגעץ ווייט, ווייט פלאצט א שויב פון א ווינטאַוועס, — אפשר א שאס? א „צופעליגער"... אין עק הימעל שפריצט ארויס א פייערדיגע צונג פארשווינדט און זינקט איין... און ווייטע פאר־שטיקטע קולות הערען זיך —

נאר טסס!

עס הערען זיך פעסטע, זיכערע טריט איבער דער גאס...

די שטאטס־לאגיק אויפ׳ן דרך הישר געהט, מיט „אותות ומופתים" אין דער האנט... אותות ומופתים ז י כ ע ר ע, ש נ ײ ד ע נ ד י ג ע, פ י י ע ר ד י ג ע...

וואס נאך?

עס צושפריצען זיך די געדאנקען אין מח, ווי די פונקען, ווי די פויגעל אונטערן פרייען הימעל...

עמיץ קלאפט אין טיר?

דאס לעבען? אדער נאר דער „א ו ר ח ח י י ם"?

ביידע נישט.

חברים...

אבער וואס פאר א פנים׳ער ד א ס האט!

— חוזק, — פרעג איך דעם עלטערן, — וויפיעל קווארט עסיג האסט דו היינט אויסגעטרונקען?

חוזק, אין שווארצען העמדעל מיט׳ן גרויסען ביינערנעם קנאפ, מיט די וואסערדיגע אויגען אין פארמעטענעם פנים, זעצט זיך, פיהרט מיט א ציטעריגער האנט איבער׳ן שוואר־און אש־גרוי באוואקסע־נעם קאפ, און זיפצט אפ:

— א ווינטער, פינסטערער חלום!

— וואס איז?

— איך בין, ענטפערט ער, קיין גבור נישט, פארפאלען...

„פאראן גרויסע שטארקע מענשען מיט אייזערנע הענט און שטאָלענע נעגעל, וואָס גהען צו צו פעלזען ביים ים, רייסען פון איהם שטיקער און ווארפען אין הימעל אריין, און ווילען זיך אזויערנאך אראפוואָרפען דאָס טעלערל פון הימעל...

„פאראן קלענערע גבורים, שפילען זיי מיט אייזערנע רעש־לעך, ווי אין באל...

„פאראן נאָך קונצענמאכער, וואָס שרעקען אומזיסט דאָס „געעהרטע פובליקום" און ווארפען מיט פ א פ י ר ע נ ע קוילען, ד ע ק ע ל ־ ק ו י ל ע ן. נאָר הינטער דער סצענע שלאָגט עמיץ אין א בלעך אריין, מיינט מען: דאָס דונערן די קוילען...

„פאראן נאכטוואנדלער, וואָס קריכען מיט בלויזע הענט אויף גלייכע מויערן...

„איך בין עס נישט... נישט קיין גבור, נישט קיין סוראָגאַט פון א גבור...

„איך בין חוזק...

„איך בין א מענש, קאטארי...

„א מענש, וואָס האָט אויך א הארץ און א לונג און לעבער...

„נאָר אז דאָס הארץ טוט מיר וועה, האָב איך קיין נביא'ישע טבע נישט, ארויסצולויפען מיט א קול אין מארק אריין: א רוח אין אייער טאטענס־טאטען־אריין! און, אז די לונג הייבט אָן פוי־לען און די גאל גיסט זיך איבער, האָב איך קיין טבע נישט, ארויפ־צושפרינגען אויפ'ן טורעם פון פייער־וועהר און אראָפּ שרייען: ס'ברענט!... עס ברענט נישט אין ערגעץ, נאָר ביי מיר...

„דאמאלט האָב איך דוקא ליעב התבודדות...

„ליג איך מיר, ווי א בער אין דער בערלאָגע, און ביים מיר פאר הארץ־הונגער די לאָפּעס; גאנצע בערג אָפּגעביסען...

„ערשט אז עס ווערט מיר גרינגער, געה איך ארויס.

„נאָך וואָס? פייפען אויף קהל...

„פיהרען, ווי ישיבה־בחורים־גבורים מיט שטענדער פאר כלי־זיין אין די הענט קעגען ארון־קודש, קען איך נישט... גיט מיר א חברה חדר־אינגלעך, מיט געמאכטע פייקלעך, וועל איך מיט זיי געהן צום ראש־הקהל אויף א קאַץ־מוזיק... דאָס קען איך...

„איך געהער נישט צו דעם, וואָס איהר רופט „לעבען" און

דאס „לעבען" געהערט נישט צו מיר. איך שפּיי אויפ'ן „לעבען". און אויך נאָר פון דערווייטענס...

„צווישען מיר און דעם „לעבען" פ ל י ס ט און אפשר שטעהט א וואסער...

„איבער'ן וואסערל שפּיי איך, איבער'ן וואסערל שטעל איך פייגען ארויס, פיער מיט אמאָל, דאס קען איך! אמאָל — א ווייסע צונג, איהר ווייסט, איך לייד אויפ'ן מאגען...

„אז מען זעהט מיך און הערט מיך נישט גוט, שטעל איך מיך אויף שטאַלצען און פייף... עס איז נישט אזוי נ אַ ט י ר ל י ך, נאָר עס טראָגט זיך ווייט, ווייט... עס הערט זיך!

„און דער עולם שרייט: בראוואָ! ביס!

„נישט דער געטראָפענער — אַנדערע... דער געטראָפענער שילט...

„כאָטש ניט איך בין שולדיג; איך שפּיי אין דער וועלט אריין. שולדיג איז דער ווינט, די השגחה פּרטית... ער אָבער שילט מיך און דער עולם קייכט, פּלאַצט פאר געלעכטער...

„אמאָל פּלאַצט א גבאי...

„ער האָט פון צדקה־פּושקע ארויסגעשניפּט א גאָלדענע מטבע; ער האָט געזעהען, ווי א באַנקיר האָט אריינגעוואָרפען, נישט באַמערקט, אז עס איז א פ אַ ל ש ע מטבע... האָט ער גע'לקח'נט... האָט ער מורא געהאַט פאר באַזוכען און געפינען, האָט ער די מטבע אויף דערווייל איינגעשלונגען... קום איך ארויס אויף שטאַלצען, מיט א יראת־שמים־פּנים און איין ארויסגעשטעקטע צונג, און פיער פייגען אין די הענט. — לאַכט ער, קנאַקט ער, פּלאַצט ער; איין העלפט—רעכטס, די צווייטע—לינקס, די מטבע—אין דער מיט... דערזעהט דער עולם, זי איז פאַלש, פּלאַצט דער ע ו ל ם פאר געלעכטער"...

— נו, אויך מיין עסק! — וויל'מיר איהם טרייסטען.

— „בא — זיפצט חוזק אָפּ — דאס אַלץ איז גוט געווען איבער'ן רוהיגען, שטיל־פליסענדיגען אָדער גרינליך־שטעהענדיגען וואסערל. מען האָט מיך געזעהען, געהערט, און: בראוואָ, ביס!

„צינד — א ים!

„שטעל דיך אויף שטאַלצען, פאַליעס דעקען דיך איבער!

„פייף — ווען א ים קאָכט ...

„שפּיי — ווען ער שפּייט, און גלייך ארויף צום הימעל; טו עפּעס, ווען די וואסער־ריזען צושפּילען זיך, צוזינגען זיך, און שפּארען אין דער וועלט אריין, טראָגענדיג מיהל־רעדער און שטיקער גרעבל אויף די אקסעל...
„טו עפּעס!“...

חוזק פארשטומט, און נישט בעסער, ווייזט זיך אויס אין דעם פּאָעט...
— גם אני בחלומי, זאָגט ער...
„א פוילע זאַך...
„ווארים וואָס בין א י ד? א מענש מיט א פייפערל...
„מיט א פּארכשופ'טען פייפערל...
„פון א פּארכשופּ'טער קאַלינע א פייפערל... פון עק וועלדעל, געבוינען איבער'ן וואסער שטעהט זי, און זאַפּט אין זיך איין דאָס גערויש פון קליינעם שטילען וואסערל, פון קליינעם פארחלומ'טען וועלדעל, פון מחנות פייגעל, וואָס פליהען אונטער בלויען הימעל, שלינגען ווערימלעך און זאָגען שירה, און די ווייסע בייכלעך ציטער־רען פאר נחת, פאר דאנק... פון ד ע ר קאַלינע א פייפערל“...
און א מיידעל האָב איך געהאַט מיט א פויגעל־האַרץ...
זיצען מיר אין שאָטען פון דער קאַלינע, אין עק וואַלד, ביים קלאָרען טייכעל; איך שפּיל און איהר פויגעל־האַרץ צוגעהט, צו־געהט...
שפּארט זיך אָן דאָס זיסע קעפּעל אויף מיין קני, קוקט זי צו מיר ארויף מיט שטיל־זיסע־ברידער־אויגען, וואָס פינקלען מיט שטילען נחת, ווי א פויגעל, וואָס האָט א ווערימעל געכאַפּט, און איך זאַפּ איין דאָס נחת און שפּיל פאר גרויס פרייד, פאר דאנק, וואָס גאָט האָט מיר די פינקעלדיגע אויגלעך מיט'ן זינגענדיגען פויגעל־האַרץ באַשערט, עס איז מיין...
עס ציטערט איהר ברוסט פאר נחת, טרערען קומען מיר אין די אויגען אריין פאר גרויס דאנק און איך שפּיל אויפ'ן פייפערל...
און עס מאַכט א רושם, שטאַרק! — אויף איהר... זי שטרעקט

צו מיר הונגעריג אוים די ווייסע הענט... דורשטיג שווילען מיר אקעגען די קרעלענע ליפלעך!

און נישט נאר אויף איהר...

א ווייסע גאנז שווימט איבער'ן טייכעל און שטעלט זיך אפ מיט א דינעם גרעזעל אין מויל... און זי שלינגט עס נישט איין. פאר־געסט עס און בויגט אוים צו מיר דעם ווייסען האלז און קוקט, און שווייגט...

א יאלאוועס קומט ארוים פון שטילען וועלדעל, מיט עכט פרום־קעלבערנע אויגען, מיט א חז'עוודיגען, צערטליך־רינענדיגען מיילעכל און בלייבט שטעהן ווי פארכשופט, און זעגעלט שטיל מיט'ן זיידען־העריגען עק אין דער שטיל־שמעקענדיגער לופט...

און פייגעל מיט ווייסע און געלע בייכלעך שטעלען זיך אפ אונטער'ן הימעל און צוויטשערען:

— ווער איז דער פויגעל דארט?!

„איך געפעל...

„איך געפעל און ווער גרוים; עס איז צייט צו געהן אין דער וועלט אריין, שפילען פאר דער וועלט... פארכשופ'ן א וועלט, דאס לעבען באצויבערען, ווי דען!

„און אז מיין מיידעל דרימעלט איין, קוש איך זי שטיל צום „אדיע" אין ווייסען שמאלען שטערן אריין — און לעג לאנגזאם איהר קאפ פון מיינע קני אויף א בינטעל גראז אראפ, — זי זיפצט אפ אין דרימעל, עס ריהרט מיך נישט, העכערע צוועקען פיהרען מיך... איך פארשווינד, צו דער וועלט לויף איך מיט מייז פייפערל, מיט מיין פארכשופטען פייפערל, פון דער פארכשופטער קאלינע, פון עק וואלד, ביים שטילען טייכעל"...

— נו, שפיל פאר דער וועלט?

— שפיל! די וועלט שפילט, און נישט אויף א פיי־פערל!

„דאס לעבען אליין גיט קאנצערט!

„נישט אויף פייפערלעך, נישט אויף פלייטען, נישט אויף הילצערנע און געבלאזענע אינסטרומענטען...

„הארמאטען שפילען, קארטעטשען זינגען, טענער — שראפנעלען!

„די לעבענס אָפּערע געהט, א וועלט־פּאָעמא!
„ווי קום איך מיט מיין פייפערל“...
ער האָקט אָפּ און מאַכט אוועק מיט דער דורכזיכטיגער האַנט...
— א רחמנות נאָר אויפ'ן מיידעל, נעבער...

— מיר איז נישט בעסער! זיפצט דער פילאָזאָף...

יאָהרען האָט ער אין דער הויך אין זיין דאַכשטיבעל פאַר־בראַכט... ביי קאַרגע שטראַלען דורך פארגרינטע שייבלעך ביי טאָג ביי א ציטעריגען חלב'נעם ליכטעל ביינאַכט, איז ער א גאַנץ לעבען אָפּגעזעסען, קלערענדיג און גריבלענדיג, וואָס „גלייך“ איז...

און אז ער איז שוין גרוי און אַלט געוואָרען, אז די צייט האָט איהם אויסגעצויגען דעם מאַרך פון די ביינער און אויסגע־זויגען די פאַנטאַזיע פון קאָפּ, איז ער ערשט געפאַלען אויף דער המצאה, אז „גלייך“ איז דאָס, וואָס עס איז נישט קרום...

און ער האָט געוואָלט אויפשפּרינגען פאַר פרייד, נאָר די קני האָבען אָנגעהויבען קנאַקען!

אַלץ איינס! אבי נישט אומזיסט אזוי פיעל יאָהרען, אזוי פיעל לעבען געוואָרגען און געשטיקט! ער האָט ארויסגעפישט א פּערל פון תהו ובוהו־דיגען ים... און ער איז א גוטער, נישט פאַר זיך אליין האָט ער זי געפונען, ער וועט זי שענקען דער וועלט... ווי קראַנק און עלענד ער איז, וועט ער באַשענקען א וועלט...

און ער געהט קוים אראָפּ פון די טרעפּ, אָפּט קריכענדיג אויף אַלע פיער; די ביינער קנאַקען... נאָר, געלויבט איז זיין ליעבער נאָמען, אָט איז די גאַס...

— רבותי, הויבט ער אָן — —

זיין קול אָבער ווערט דערשטיקט...

פאַליעס מענשען שלאָגען איבער דער גאַס, טויזענטער צונגען רופען:

— מיר ווילען! מיר ווילען!

„ווער פרעגט וואָס גלייך איז?“

מיר אַלע פאַרשווייגען... יעדער פון אונז פיהלט די לאַסט.

זיי — פון שווערע געדאַנקען, איך — פון די יאָהרען...

עמיץ קלאפּט!
אהאָ? דאָס לעבען?...
נײַן... עס האָט זיך נאָר געדאַכט!
שווערע, נאָר זיכערע טריט אין גאַס, די שטאָטס־לאָגיק געהט,
מיט אותות ומופתים געהט זי... פעסט, שטײַף, אײַזערען...

1906.

פּראָמעטעאוס.

רציחה'שע נקמה!

דאָס שטאָלענע געטליכע האַרץ!

אַ נאַקעטען, האָט ער מיך מיט קאַלטע אייזערנע קייטען צום קאַלטען פעלזען צוגעשמידט.

און פון דער פייכט־קאַלטער הויך לאָזט זיך אַן אָדלער, אַ שוואַרצער, ברייט־פליגעלדיגער אָדלער, מיט אַן אומבאַרמהאַרציג־קאַלטען בליק אין אויג...

און דאָס קאַלטע אומגעהייער, דער קאַלטער פעלז וועט פון מיר זאַפּען און זאַפּען די וואַרעמקייט פון האַרץ, און דער מער־דערישער אָדלער וועט עסען פון מיר די לעבער...

און אייביג, אייביג וועל איך ליידען!

דער מערדער — —

די געטליכקייט האָט ער מיר נישט צוגענומען, די אומ־שטערבליכקייט — נישט! אייביג זאָל שלאָגען דאָס האַרץ, דער פעלז זאָל האָבען פון וואָס צו ציהען. און אייביג וועט צוריק און צוריק וואַקסען די לעבער, דער אָדלער זאָל האָבען אייביג צו פרעסען!

אזוי וויל ער, יופּיטער —

אַזוי איז ער זיך נוקם!

און פאַרוואָס?

ליכט האָב איך ביי איהם גע'גנב'עט, ליכט — אַ פונק פייער פאַר אָרעמע מענשען!

אַלץ וויל ער זאָל זיין איינגעזונקען אין פינסטערען תהום און פון דאָרט אַרויפקוקען מיט באַגייסטערט נאַרישע אויגען צו די

געטער אויפ'ן אָלימפּ, צו די, וואָס זיצען איינגעהילט אין פּרעכ־טיגען ליכט, עסען אמבראַזיאַ און טרינקען נעקטאַר.

און ער וועט זיך פון צייט צו צייט אראָפּלאָזען אין פינסטערען תהום אריין, אין געשטאַלט באַדיי פון אַ קוה — ארויסצוכאַפּען אַ שעהנע און אַ טייערע פּערל פון ים...

און איך האָב זיי ליכט געבראַכט —

כאַ—כאַ—כאַ — עס איז גענוג אַ פונק ליכט! ביי אַ פונק ליכט, זעהען די געטער, זעהט דער אָלימפּ אנדערש אויס — און יופּיטער, וואָס קאָן שוין די קוה־פעל פון זיך אינגאַנצען נישט אראָפּוואַרפען...

וואָס לאָזט זיך דער אָדלער אזוי לאַנג אראָפּ?

וואָס באַמייטען די רעדער, וואָס ער מאַכט אין דער לופט אין דער הויך?

וויל ער מיך פריהער נאָך שרעקען — איז נישט די שרעק גרעסער פאַר דער ערגסטער שטראָף?

האַ — ווי שאַרף עס ענטפערט די לופט אויף יעדען ריהר פון די שוואַרצע פליגעל, אויף יעדען שניט פון די שפּיציג־שוואַרצע ברייטע מעסער...

און ער שווימט און שווימט...

גאָט אין הימעל איז עס נישט — — —

וואָס?

עס איז דאָך אוממעגליך!

פאַרוואָס? פאַר אַ פונק פייער! אין פייער און פלאַם איינ־געטונקטע געטער זאָלען קאַרגען אַ פונק פייער! יופּיטער, וואָס דונערט ביי יעדער לייכטסטער געלעגענהייט, אויף יעדען געבורטס־טאָג פון דער אינגסטער אָלימפּישער סוברעטע, ביי יעדער מאָל־צייט, טיילמאָל פאַר זיך אליין ביי יעדען הויך — זאָל קאַרגען אַ פונק?

און וואָס וועלען זיי, די אָרעמע מענשען, מאַכען פון אַ פונק?

פייער וועלען זיי מאַכען, כאַ, כאַ, כאַ! קעלבער וועלען זיי בּראָטען, פאַר זיך, פאַר דיר אויך, יופּיטער!

און אז ס'וועט דיר ארויס פון האלז, וועט דיר שמעקען אבי־סעל געבראָטענן קעלבערנער רויך!

ניין — נארישע מענשען, נארישע געטער!
קעלבער בראָטער, קעלבער פרעסער...
פאר וועמען, פון וועמען וועל איך ליידען...
ניין — טויזענט מאָל ניין!
עס איז א מיראזש, א וויסטער חלום — מען דארף נאר די אויגען אויפרייסען!
געווים א שטיק שווארצער, פארגליווערטער, טויטער וואָלקען בלאנדזשעט פארוויסט ארום אין דער לופט — נישט קיין אדלער — וואָס פאר א פעלז, כא—כא—כא! קיצלען לאָזט ער זיך, קראצען, איך שייל איהם, ווי א קעכין א קארטאָפעל — א ווייכער נארישער פעלז...
און די קייטען —
כא—כא—כא!
שטרוי, פויערישע שטרויענע שטריק — —
שפרינג אויף פראָמעטעאוס!
דו האָסט פון דיין אייגענם א שווארצען חלום געליטען... קיין פעלז, קיין קייטען, קיין אדלער, קיין יופיטער, קיין אָלימפּ...
וואו האָסט דו א פונק פייער גענומען!
הא, וואָס!
פראָמעטעאוס — כא—כא—כא!
געווים אויך א חלום — — —
א וואהנזיניגער חלום, א ליגנער א גרעקס אויסגעטראכטע מעשה — ווער פראָמעטעאוס, וועז פראָמעטעאוס —
וואָס פאר א פונק פייער...
עס איז פינסטער, נאכט.
א א א — —
נאָר אביסעל שלאָפען!
צי בין איך נישט א פורים־רב נאָר אן איבעריגען גלעזעל?

1906.

דער טאג.

דער מאניפעסט איז, וואס אנבאלאנגט צו דער אידישער לאגע, נ י ש ט קלאר. איז וויטע׳ס ערקלערונג — וואקעלדיג... די רעגירונג וועט שטרעבען צו גלייכבארעכטיגען אלע איינוואוינער אין דער אימפעריע. קיין צייט דערויף איז נישט באשטימט, און וויטע, ווי מיר ווייסען פון די בלעטער, האט פולע הענט ארבייט און אויסער דעם נאך אפענע טירען פאר דער פרעסע, אפענע אויערען פאר אלערליי פארשטעהער; כמעט ער שלאפט נישט!... צי קלינגט עס נישט ווי: משיח וועט קומען, ער מוז קומען, נאר ווען?

און אנטשיידען וועט די דומע. זי וועט פיליכט, ווי אמאל די פוילישע געזעצגעבונג, זאגען: אדרבא, אידען קומט גלייכבארעכטיגונג, נאר זיי מוזען זי פארדינען, אומזיסט טרינקט מען וואסער, און אויך נאר אין קליינע שטעדטלעך; און — אויב די פאות זענען שוין אפגעשניטען; אומגעשוירענע בערד טראגען רוסען אויך, לאנגע רעק אויך, דארף מען נאר פארלאנגען, זיי זאלען דאווענען אויף רוסיש!

האט מען טאקע געקלאפט א טעלעגראף צו וויטען מיט אן אנפראגע, צי איז די אידישע גלייכבארעכטיגונג פארזיכערט, האט ער — א פארנומענער מענש — נאך נישט געענטפערט... פאר דאס האבען אויף זיין ארט געענטפערט אנדערע: די כוליגאנעס, די שווארצע מאות, די באסיאקעס, רופט זיי, ווי איהר ווילט נאר; די באהעלפער און אונטערשטיצער פון דער הערשענדער פארטיי, וואס מוז און וויל פארט נישט אראפ, און שפרעכט אפ איהרע שלעק מיט׳ן אלטען שפרוך: פון מיין קאפ אויפ׳ן אידישען קאפ...

די אלטע שפיצלעך, פון וועלכע פארטשריטס־פארטייען לאכען און מיר, אידען, וויינען. יענע קייקלען זיך פאר געלעכטער

און מיר פאַר שאַנד, שפּאָט און וועה, און פאַרגיסענדיג אונזער בלוט, אונזער האַרציג בלוט אין דער בלאָטע אַריין...

און די אַלטע אידען, וואָס מיר האָבען אין אונזערע חלומות לאַנג באַגראָבען, לעבען נאָך און געהען אַרום אין די גאַסען; הײַנט מעג מען; מען כאַפּט אײַנעווענינג אַ ציטער און מען געהט כלומר'שט מיט אַ פּנים פון פראַנק־און־פרײַ אויף אַ הפקר־וועלט...

— פאַגראָמען! שרײַ איך אַזאַ אידען אין אויער אַרײַן; איך וויל וויסען, צי ער לעבט באמת, צי ער געהט אַרום אויפ'ן עולם־הדמיון.

— אין רוסלאַנד: ענטפערט ער מיר שטאָלץ.

פרעמד בלוט, הײסט עס, פאַרגיסט זיך.

איך פאַרלאָז דעם אָפּגעשטאָרבענעם און געה ווײַטער איבער דער מאַרשאַלקאָווסקי גאַס... מאַסען געהען. בײַ יעדען אין מח בוירערט די פראַגע: מען וועט שיסען, צי נײן? און געהן געהט מען. עס געהען באַגײַסטערטע פּאַרטײ־מענשען, וואָס זענען ווירק־ליך גרייט אַרײַנלאָזען אין זיך דעם ערשטען בעסטען באַיאָנעט, אויפ־צורײַסען זיך די ברוסט פאַר דער ערשטער בעסטער קויל... עס געהען אויך מענשען, וואָס ווערען מיטגעריסען מיט דער מאַסע, מענשען, וואָס האָבען גאָרנישט זײַער אײגענס און ווערען צוגער צויגען פון דער קראַפט פון דער מאַסע, גלײַך אײַזען־שטויב פון אַ מאַגנעט. און וועלען זיך אויך צופליהען, ווי דערזעלבער שטויב בײַם ערשטען טראַמפּלען פון באַריטענע פערד, פון ערשטען הילך פון אַ שאָס אין דער לופט, אַפילו פון אַ הויכען פּאָליציאַנטען־געשרײ, גאָר פאַרגעסענדיג, אַז הײַנט רעגירט עמיץ אַנדערש איז דער גאַס, אַז דער ערשט־נישט־לאַנג אַלײן הערשענדער פּאָליציאַנט איז געפאַלען! און נאָך אַז אַנדער סאָרט מענשען געהען... אײנ־ציגווײַז געהען זײ, שטיל, ווי גנבים, אויסקוקענדיג, ווי דאָס ערג־סטע אומרוהיגע געווײסען און מיט בליצען פון שלאַנגען־גיפט אין די אויגען — אַגענטען פון דער אַלטער אָרדנונג געהען...

עס הערט זיך געזאַנג, עס באַווײַזט זיך אַ רויטע פאָן, עס

ווערט א געשריי: היטלען אראפ! און דער מענש פון דער מאסע, פאר ליעבשאפט, פאר פרייד און גאנץ אפט פאר בלויזער געוועהנ־הייט צו פאלגען, כאפט זיך צום היטעל, נאר אויב עס איז א קריסט, הערט ער הינטער זיך:

— חויב נישט! עס איז א א י ד י ש ע פאן... א אידישער געזאנג!

און איינער פון די אונטער־זאגער געהט צו צו זיין חבר און פרעגט:

— אפשר אנפאלען?

— ניין, מיר זענען צו ווייניג! — הער איך א תשובה.

עס קומט צו צו מיר איינער א האלב־לעבעדיגער, האלב־טויטער איד און פרעגט:

— צי קאן זיין אין ווארשוי א פאגראם?

און איך קריג אויף איהם, אויפ'ן האלב־טויטען, האלב־לעבעדיגען, קוים אטעמדיגען ווארשעווער איד, רחמנות און זאג איהם: ניין.

— זיכער? — גלאצט ער אויף מיר די אויגען אויס.

— זיכער, דער היגער פראלעטאריאט איז אנטוויקעלטער; די צאהל פון לומפענפראלעטאריאט — קלענער. דער געווערב־מאן טרינקט פיעל ווייניגער, צו די געהיימע אגענטען האט מען קיין צו־טרויען נישט, און הער! מען שרייט: יעדנאשטש! ניעך זשיע יעדנאשטש! אויסערדעם — צוויי גרויסע אנטיסעמיטען האבען אויף א וויץ פארזיכערט, אז עס וועט נישט זיין, זייער אנטיסע־מיטיש עהרען־ווארט געגעבען...

און עס קומט אין איהם אריין א חיות, א ניי לעבען, דאס פנים שיינט, די אויגען לייכטען, ווער איך פלוצלונג בייז אויף איהם און זאג:

— און א פ ש ר יא... קיין נביא בין איך נישט!

און ער איז צוריק האלב־טויט, האלב־לעבעדיג געוואָרען... ער שטאַרט! ער פאַלט...

אפשר פאַרבעטען איהם צום זעלבסט־שוץ?

רויטע פענער — מאַסען באַגייסטערטע פּנים'ער, פלאַמענדי־גע אויגען — העלדען... אייערע און אונזערע צוזאַמען! יעדנאָשטש! און אין מיר אַרעמען, נאָך לעבעדיגען איך דרעהט אין אַלטען קראַנ־קען האַרץ די פראַגע:

— צי וועלען זיי מיר אויך העלפען?

עס געהען פאַרטייען נאָך פאַרטייען, פענער נאָך פענער — מיינע, ביז אין דער לעצטער מינוט חיים־געליעבטע פענער: פריי־הייט! אַכט־שטונדיגער ארבייטס־טאָג! עס לעבע דער פּראָלעטאַ־ריאַט!... און דאָך איצט, אין דער מינוט, ווען פּאַגראָמען שטעהען אין דער לופט, זענען זיי מיר נ י ש ט אַזוי היימיש, נ י ש ט אַזוי הייס געליעבט... דאָס איז מיר איצט פיעל צו־ווענינ!

צווי געהען פאַרביי און איינער פון זיי לערענט דעם צווייטען:

— דער קלאַסען־קאַמף מוז זיך אריינמישען אין נאַציאָנאַלען קאַמף, נאָר אויף אַזוי ווייט, ווי עס אינטערעסירט דעם קלאַסען־קאַמף — — —

ווי ווייט עס קאָן אינטערעסירען, האָב איך נישט געהערט.

עס האָט אַ דונער געטאָן: יעדנאָשטש! הייזער ציטערען...

איך אָבער ציטער אויך...

מיין טאָן איז נישט געפעלען געוואָרען. „סטייטש, אין היינ־טיגען מאָמענט, ווען די וואַנט פאַלט, די טירען פון תפיסות סקריי־פען און ווילען זיך עפענען, און וועלען זיך היינט־מאָרגען עפע־נען, ווען די צייטונגען געהען אַרויס (אין די רעזידענצען) אָהן „דאָזוואָלענאָ צענזוראָי“, ווען צעהן מאָל אין טאָג פאַרזאַמלען זיך מיטינגען, און מען רעדט וועגען אַלץ פראַנק און פריי אין די אוי־גען פונ'ם אַלטען טשינאָווניק... היינט רעדסט דו פון קאַפּעלושען?“

רבותים, זייט מיר מוחל... זייט מיר מוחל, וואס איך האב מיינע אויגען, און אויף זיי מיינע אייגענע ברילען און קאן נישט, און וויל נישט זעהן אויף אייערע אויגען, קל וחומר — אויף אייערע ברילען! און אז איך זעה אין דער לופט ארומשוועבען קאפעלושען — מוז איך געבען א משל מיט א קאפעלוש... און אין דער לופט זעה איך שווימען ארום קאפעלושען אהן קעפ, אהן מענשען... א טראגי־קאמעדיע זעה איך, א פורים־שפיל!

אין קאפ דרעהען זיך מיר, ווי פליגעל פון א ווינט־מיהל, רעס־קריפטען, מאניפעסטען, מיטינגען, פארזאמלונגען, סאמע גוטע זא־כען, און פול בין איך „גאלגען־הומאר“... איך זעה אן עולם געהט אין באד, זיך כלומר'שט אפוואשען, און האט אפילו א בעזעמעל צום שמייסען זיך אין די הענט, נאר אהן פרישע וועש! ארויסגע־הענדיג פון דער היץ, פון פלוצלונג'דיגער התלהבות, וועט ער צוריק אין אלטען העמד, אין דער אלטער ברודיגער וועש... א נייער טאג, זאגט איהר, — איהר גלויבט, און איך גלויב נישט! צי האט איהר דאס רעכט צו פארלאנגען פון מיר אמונה?

און נישט איהר אליין, לעזער, פארלאנגט אמונה...

די אלטע וועלט, וועלכע איהר האט שוין, ווי אייך חלומ'ט זיך, אין קבר אריינגעלעגט, מיט ערד באשיט און איהר, ווי עס דאכט זיך אייך, געהט צוריק פון דער לויה און רייסט גראז און ווארפט צוריק אויפ'ן קבר — די אלטע וועלט האט פארלאנגט אמונה...

אויף א הויכער פאלקע פון האלץ־ווערים צופרעסענעם שראנק איז געשטאנען אן אלטער, דריי־פיערטעל אויפגעגעסענער ספר, און האט פארלאנגט אמונה. און איהר לעבט נאך אין זיין צייט, און דארפט אייך נאך פיהרען לויט זיינע עצות...

דער רב און דער צדיק האבען פארלאנגט אמונה, אז פאר זיי איז אפען ד ע ר הימעל, וואס איז פארשלאסען פאר א י י ך...
דער דאקטאר, ביים בעט פון קראנקען, האט פארלאנגט אמונה אין זיינע סודות, אין זיין באהאלטענער קבלה־מעדיצין, וואס ער טאר נישט אויסזאגען, נישט דעם קראנקען, נישט זיינע נאהנטסטע

קרובים. דער סוחר בכלל, דער רייכער און דער קאַפּיטאַליסט בפרט, האָבען פאַרלאַנגט אמונה, אַז יעדער גראָשען איז עהרליך פאַרדינט; דער ביוראָקראַט האָט אודאי פאַרלאַנגט אמונה! איהר מוזט איהם גלויבען, אַז ער ווייסט אַלץ, טוט אַלץ צו אייער בעסטען, בפרט ווען איהר באַצאָהלט דערפאַר, און קוים האָט איהר אָנגעהויבען מסופק צו ווערען, איז ער, גאַנץ עהרליך, בייז געוואָרען און אַז אַ טאַטע ווערט בייז, שמייסט ער; פון דעם האָט נאָך שלמה המלך געוואוסט...

און אויב די ניי־געעפענטע וועלט פאַרלאַנגט אויך אמונה, זאָג איך אייך, אַז די נייע וועלט איז קיין נייע נישט, אַז דאָס איז אַ מלמד, וואָס האָט זיך פּורים לשם מצוה, איבערגעקנעפּעלט אויף גוי׳ש, פון רעכטס אויף לינקס, און געמיינט, אַז מען וועט איהם נישט דערקענען...

וואָרים נישט נאָר איהר, לעזער, פאַרלאַנגט אמונה...

די בעלי־בתים, וואָס פאַרפּלייצען די מיטינגען און הערען אויס די זיסע רייד פון פאָסטעמפּאָווער דעמאָקראַטיע, וואָס בליהט אַלץ אויף גערעכטיגקייט; די פייערדיגע אויסגעשרייען פון דער נאַראָדאָווער דעמאָקראַטיע, וואָס טראָגט די ווייסע פאָן; די שטענדיגע, בייסענדיג־ברענענדיגע רייד פון פּראָלעטאַריאַט־רעדנער און נאָך און נאָך אַלערליי פאַרשידענע רעדען, און פּאַטשען נאָך יעדער רעדע „בראַוואָ!“, ווילען אויך, מען זאָל זיי גלויבען; גלויבען, אַז זיי האָבען: ע ר ש ט ע נ ס, פּאָליטישע איבערצייגונגען, צווייטענס, בלויז געפיהל פון גערעכטיגקייט, כאָטש זיי באַנוצען זיך מיט׳ן אַרבייטער־בלוט פאַר זייערע צוועקען, און דריטענס, אַז זיי האָבען באמת אהבת נפש ליעב דעם שטרייקענדיגען פּראָלעטאַריאַט, וואָס שטעהט פאַר זיי און פּאַטשט זיי און שמייסט זיי מיט אייזערנע ריטער און שפּייט זיי נאָך דערצו אין פּעטען פּרצוף אַריין...

און די רעדנער, די פּאַרטייען־פאַרשטעהער?

אַט שטעלט זיך אויף אַ אידעל מיט וואָנסען און שיט פייער און פלאַם, ער זאָגט, אַז ער איז אַ געבוירענער פּאָליאַק, אַז אין דער שטוב, וואו זיין וויג איז געשטאַנען, האָט מען גערעדט פּויליש, אַז דאָס ערשטע ליעדעל, וואָס ער האָט געהערט, איז געווען אַ פּויליש ליעדעל — אַז זיין גאַנץ פאַרלאַנגען, דאָס ציל פון זיין גאַנצען לע

בען, זיין איינציגע האָפנונג איז צו פאַרדינען דעם טיטעל: „אַבי־וואַטעל פּאָלסקי"...

און דערביי פאַרלאַנגט ער אַ קליינינקייט; ער פאַרלאַנגט, אַז איך און די אַלע, וואָס זענען געזעסען ביים טיש פאַר דער פּרעסע, און דאָס גאַנצע פּובּליקום אין סאַלאָן פון פילהאַרמאָניע זאָלען האָבען אין איהם אמונה, און גלויבען איהם, אַז ער רעדט אין נאָמען פון „בּונד", אַז דער „בּונד" האָט'ם געשיקט, אַזוי צו זאָגען, אַז זיין פּראָגראַם איז דעם „בּונדס" פּראָגראַם...

און אַ פאַרטרעטער פון ס. ד., וואָס וויל אפילו קיין באַזונדערע קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג פאַר פּוילען נישט, פאַרלאַנגט, מען זאָל איהם גלויבען, אַז ער איז אַזאַ גוטער היים־ברעגענדיגער פּאָליאַק, ווי דער, וואָס וויל דאָס גאַנצע פּאָליטיש אויפגעבּרויזטע, פּאָליעס־שלאָגענדיגע וואַסער צוציהען צו זיין מיהל, עס זאָל דרעהען דאָס איינציגע רעדעל פון „באָזשע צאַש פּאָלסקי".

און אַ פאַרטרעטער פון פּ. פּ. ס., וואָס וויל אַ קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג עקסטרא פאַר וואַרשוי און דערמאָנט נישט אַ וואָרט וועגען ליטאַ, מאַלאָראָסיע, ליפלאַנד א. ד. גל., פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז ער וויל, ערשטענס, בשום אופן זיך נישט אָפּטיילען פון רוסלאַנד, אַז ער איז, צווייטענס, גערעכט פאַר אַלע פעלקער אויף דער וועלט, און דריטענס, אַז עס איז מעגליך אַ קאָנסטיטואירענדע פאַרזאַמלונג אין פּעטערבורג, די צווייטע אין וואַרשוי און אַז ביידע וועלען אויספיהרען גראַד דאָס זעלבע, וואָרים דאָס לעבען וועט שוין ווייזען, ווי אַזוי!

און אַ אידעל מיט אַ נאָז אַ לאָ פינטשעוו, אפילו מיט אַ באָרד, פאַרטרעט די פּוילישע נאַציאָנאַל־פּאָסטעמפּאָווע דעמאָקראַטיע, און זאָגט, אַז די וועלט מוז שטעהן אויף פרייהייט און גערעכטיגקייט גלייך פאַר אַלע, און דעריבּער מוז אין גאַנץ פּוילען, וואָס האָט איין דריטעל אידישע באַפעלקערונג, הערשען נאָר די פּוילישע שפּראַך, קאָנען עקזיסטירען נאָר פּוילישע שולען, און מאַכט זיך אפילו נישט וויסענדיג, אַז דאָס אידישע דריטעל, מיט'ן אויסנאָם פון אַ גאַנץ קליין ביסעל אָפּטריניגע, וואָס האָבען איינגעזאָפּט דאָס „פּוילישע ליעדעל נאָר אין דער וויג", וויל אידישע שולען, דאָס אַנערקענען פון דער אידישער שפּראַך, וועניגסטענס אין איינגענע אָפּגעזונדערטע אַנגעלעגענהייטען, — דאָס משה־רבינו־פּערדעל פאַר־

לאַנגט פון מיר אמונה, אַז ער האָט אַ לאַגישען קאָפּ, אַז גערעכט איז פּויליש פאַר פּאָליאַקען און אומגערעכט—אידיש פאַר אידען...

און אונזער איינער, וואָס בויט זיין ירושלים אויפ'ן אידישען נאַציאָנאַליזם, וויל: איך זאָל איהם גלויבען, אַז דאָס צובּרעקלען פון גרויסען רוסישען לאַנד אויף קליינע לענדער, וואָס מוזען זיך מיט דער צייט אָפּרייסען גאָר אינגאַנצען, וועט נישט צוברעקלען די אידישע מאַסע אין לאַנד, און אַז עס וועט קיינמאָל נישט קומען די צייט, ווען דער ליטווישער איד מיט'ן פּוילישען, וואָס לעבען אַזוי אויך נישט ווי אַמבעסטען, וועלען זיך נישט זיין אַזוי פרעמד, ווי דער דייטשער איד מיט'ן פראַנצויזישען, און נישט קוקען אויף זיך, ווי קאַץ און מויז!

און אפילו דער טיש פאַר דער פּרעסע, וואָס פאַרלאַנגט גאָר גוואַלטיג דאָס פרייע וואָרט און וועדט שיער נישט משוגע פאַר כעס, אַז מען רעדט קעגען ליעדעל „באָזשע צאַזש פּאָלסקי“ און טאַפּעט מיט די פיס, און שרייט, ווי אין אַ דול־הויז: אַראָפּ! אַראָפּ! פאַרשטאָפּט איהם דאָס מויל! אפילו דער טיש פאַר דער פּרעסע פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דאָס פאַרלאַנגען די פריי־הייט פון וואָרט איז ביי איהם אַן ערנסט און ער מיינט עס פאַר אַלע...

און די, וואָס געהען מיט מיר צוזאַמען אַרוים פון וויעץ, פאַר־לאַנגען אויך פון מיר אמונה, איך זאָל גלויבען, אַז די רעזאָלוציע פון וויעץ, מען זאָל פאַרלאַנגען גלייכבאַרעכטיגונג פאַר אידען, דאַרף מיך אינגאַנצען באַרוהיגען, כאָטש פאַר דער רעדאַקציע פון „גאַ־ניעץ“ שטעהט אַ גרויסער פּוילישער פאָלקס־מיטינג און שרייט, צווישען אַנדערע געשרייען: פּרעטש ז זשידאַמי... און כאָטש די שוואַרצע מאַה רעגירט פראַנק און פריי איבעראַל, אידישע פּאָגראָ־מען צופּלייצען זיך אומעטום און — צוויי פּוילישע גמינעס האָבען שוין פאַרלאַנגט, מען זאָל אַרויסטרייבען די אידען...

און אַלע בעלי־בתים, זייערע און אונזערע, פאַרלאַנגען פון מיר אמונה, אַז עס איז אַ יושר, דער פּראָלעטאַריאַט זאָל ברענען, און זיי זאָלען אויפ'ן לעבעדיגען פייער בראָטען גע'גזל'טע קאַר־טאָפעל; אַז עס איז אַ יושר, דער אָרעמער אַרבייטער זאָל זיין אין דער פינסטערער נאַכט אַ לעבעדיגער שטורקאַץ, ביי וועלכען זיי

וועלען צעהלען זייער געראַבעוועט געלט און אונטערשרייבען זיינע פאַרשווינדעלטע וועקסעל...

און די וואַרשעווער פּאָליציי וויל, איך זאָל איהר גלויבען, אַז דער מאַניפעסט איז מאַניפעסט פאַר איהר אויך, בשעת, ווען זי שטעכט און שיסט די נישט־באַוואָפענטע מענער, אַלטע לייט, ווייבער און קינדער אין די גאַסען... אַז איהר גאַנצער מיין איז, עס זאָל זיין שטיל און רוהיג אין גאַס און דעריבער מוז זי שטעכען און שיסען; בשעת, ווען זי לאָזט דורך פראַנק און פריי די גרעסטע מאַניפעסטאַציעס פון דער שוואַרצער נאַראָדאָווע דעמאָקראַטיע...

און פּעטערבורג פאַרלאַנגט, אַז דער מאַניפעסט, וואָס מען האָט באַקומען דורך געשרייען, פּראָטעסטען און סטרייקען, קאָן ערפילט ווערען ערשט דאַמאָלט, ווען די געשרייען, פּראָטעסטען און סטרייקען וועלען אויפהערען! דאָס גאַסען־גערודער שטערט דער רעגירונג ביי דער ארבייט!

זאָל האָבען אמונה, ווער עס האָט... איך האָב נישט, און וויל איך האָב נישט, שרייב איך פעליטאָנען פון קאַפּעלושען... פון קאַפּעלושען אָהן קעפּ, אָהן מענשען.

אוים! מעהר פיהר איך מיט דער אַלטער רעגירונג קיין מחלוקת נישט.

כל־זמן די אַלטע רעגירונג, וואָס וויל בשום אופן נישט אַלט ווערען, האָט מלחמה געהאַלטען מיט מאַניפעסטען, איז געווען אַ געשעפט צו ענטפערען מיט לייט־אַרטיקעל, פעליעטאָנען — מיט אַלערליי ל י ט ע ר א ר י ש ע מאַניפעסטען, און — שרייבען קענען מיר ב ע ס ע ר! האָט א י ן זייט געבעטען זיין קרעדיט, האָט די צווייטע קורץ און שאַרף געענטפערט: לאו! האָט איין צד געזידעלט: פאַר'חלומ'טע קעפּ, דעמאַגאָגישע אונטערהעצער וכדומה, האָט דאָס צווייטע געענטפערט: שטאַר־קעפּ, אינטריגאַנטען, שווינדלער, פּראָוואָקאַטאָרען! אויפ'ן פּאַפּיר האָבען מיר שטענדיג די אויבער־האַנט געהאַט; דאַצו האָבען מיר געשיקטערע הענט, שאַרפערע צונגען און אַ פריירען סטיל. נישט אומזיסט זענען מיר טינט־און־פעדער לייט! אַצינד האָט זיך אבער די אַלטע רעגירונג מישב געווען און האָט צוריק אַרויסגענומען און אַנגעשאַרפט דאָס אַלטע כלי־זין: קריגס־צושטאַנד, קאַלבעס, שטיקעס, אַרעסטען, פאַרשיקערייען, קריגס־געריכטען — אויף דעם איז שוין

מיט טינט און פעדער נ י ש ט צו ענטפערען! זאָל זי קומען אויף א נ ד ע ר ע ה ע נ ט, און מיר, מיר עצה־געבער און טינט־און־פעדער־לייט, וועלען זיך דערווייל באַשעפטיגען מיט כשר'ע, שטילע ה י י מ י ש ע ג ע ש ע פ ט ע ן — ביז דער צאָרן וועט אריבער! ביז דער הימעל וועט זיך אויסלייטערען און די שטילע ארבייט פון אונטער דער ערד וועט צוריק אַרוים אויף דער ליכטיגער שיין.

און היימישע געשעפטען האבען א ו י ך ד א ס ר ע כ ט אויף אויפמערקזאמקייט.

און היימישע געשעפטען פעהלען נישט.

די קאָמיסיע, וואס איז געזעצט געווען ביים ווארשעווער גע־נעראַל־גובערנאַטאָר, אום אויסצואַרבייטען דאס נייע געזעץ פון א שטאָדט־פּאַרוואַלטונג (זארזשאַנד מיעיסקי — גאַראָדסקאָיע סאַ־מאַ אופּראַוולעניא) אין פּוילען, און וואָס האָט איבערגעריסען איהר אַרבייט ביים ערשטען אויסרופען פון קריגס־צושטאַנד, — די קאָ־מיסיע האָט אצינד צוריק אויפגענומען איהר אַרבייט און האָט שוין אויפס־ניי עטליכע זיצונגען געהאַט.

אויף דער לעצטער זיצונג איז געשטעלט געוואָרען די פראַגע: אין וועלכער באַציהונג דאַרף שטעהן דער אידיש־פּוילישער קהל צו דער שטאָדט־פּאַרוואַלטונג? און ביידע אידען, וואָס זיצען אין קאָמיסיע, צוויי פייערדיגע זיילען פון דער פּויליש־אידישער אַסי־מילאַציע, האָבען אַרויסגעזאָגט די מיינונג, אז די אידישע געמיינדע דאַרף אין קיין באַציהונג נישט אונטערפאַלען דער שטאָדט־פּאַר־וואַלטונג; אז די אידישע געמיינדע דאַרף זיך פיהרען באַזונדער, עמאַנציפּירט פון אַלגעמיינע שטאָדט־זאַכען. אזוי אויך דאַרפען באַפרייט ווערען אַלערליי צדקה־חברות און — וואָס דער עיקר איז — די מיינונג איז פון דער קאָמיסיע אָנגענומען געוואָרען. עס פּראָפּאָנירט זיך נאָך: דער ווארשעווער דאָזאָר זאָל שטעהן אין דער שפּיץ פון אַלע עמאַנציפּירטע פּראָווינציאַלע דאָזאָרען, אַפּע־נער געזאָגט: עס ווערט פאָרגעלעגט א פרייע אָרגאַניזאַציע פון אַלע אידישע געמיינדען אין פּוילען מיט ווארשוי אין דער שפּיץ.

זעהט איהר נאָך אַמאָל, אז א „אידישע קישקע קאָן מען

וויר קליך נישט שאצען", אסימילאטארען אין א רעגירונגס־קאמיסיע פארלאנגען א פרייע אידישע פאלקסטימליכע ארגאניזאציע, און ווען אפילו אהן א „געזעצגעבענדען סיים"!

נאר צי ערלויבט דערויף דאס הערשענדע געזעץ וועגען אידישע געמיינדען?

דאס הערשענדע געזעץ איבער אידישע געמיינדען ערלויבט אלץ און גארנישט; געשווינדער — גארנישט, ווייל דערווייל איז נאר געגען געזעץ אלץ, וואס דאס געזעץ האט נישט אויסדריקליך ערלויבט, און דאס געזעץ, פון וועלכען מיר רעדען, איז זעהר אלט, זעהר קנאפ און — ווי אלע אונזערע געזעצען — געלאטעט און דורך נישט־געשיקטע הענט.

איבער דער גאנצער צייט, ווען דאס לעבען האט זיך אזוי געוואלטיג געענדערט, האט זיך די רעגיערונג מיט די אידישע געמיינדען כמעט נישט באשעפטיגט, און אזוי ווי מען קאן לאנג די קינדער־שיך נישט טראגען, האבען די אנטוויקעלטערע געמיינדען (ווארשוי, לאדז...) לאנגזאם, יעדעס מאל מיט א ספעציעל ערלויבניש פון מאגיסטראט, זייערע אטריבוציעס (רעכטע) פארשפרייט, פארטיפט, און וואס מען האט באקומען, שוין פעסט געהאלטען אויף שפעטער און ווייטער אנטוויקעלט. מיט דער צייט האט די געמיינדע זיך אויפגעהערט צו פארלאזען אויפ'ן געזעץ און דער איינציגער מאטיוו אין אלע פאפירען צו דער רעגירונג איז געווארען: היות, ווי דער מנהג איז... אויף רוסיש הייסט עס „По примѣру прежнихъ лѣтъ"

אצינד, אז דאס אלטע און פארשימעלטע שווימט אפ און עס ארגאניזירט זיך, אויף דער גאנצער דערווייליגער רעאקציע נישט קוקענדיג, א נייע לעבען, וואס מוז האבען נייע פאסענדיגע געזעצליכע פארמען, בלייבען די אידישע געמיינדען אדם־נאקעט, און עס איז נויטיג א נייע געמיינדע־געזעץ, וואס זאל פאסען צו די נייערע לעבענס־פארמען. און ווירקליך: דער ווארשעווער דאזאר האט ארויסגעזעצט א קאמיסיע פון עטליכע פארשטעהער, אויסצוארביי־

טען א נייעם געזעץ־פראָיעקט פאר די אידישע געמיינדען אין פוילען.

דערפאר, וואס דער ווארשעווער דאזאר שלאָפט נישט, קומט איהם א שעהנעם דאנק. פון דער צווייטער זייט אבער, איז א פראָ־יעקט פאר אידישע געמיינדעז, וואס וועט אויסגעארבייט ווערען פון היינטיגען ווארשעווער דאזאר, פאר'ן אידישען נאציאָנאל־לע־בען, אביסעל צו געפעהרליך.

די היינטיגע פארשטעהער, אלס פאליטיש עהרליכע לייט, טאָ־רען נישט פארגעסען:

1) אז דער אוסטאוו דארף זיין נישט פאר ווארשוי אליין, נאר אויך פאר דער פראָווינץ. נאך מעהר: אז די פראָווינץ איז מעהר פאראינטערעסירט דערינען, ווייל זי דארף אונטערפאלען ווארשוי.

2) אז זיי, די היינטיגע פארשטעהער, זענען אויסגעוועהלט געוואָרען, לויט א זעהר אלטען, היינט שוין, אפילו אין רוסלאנד, נישט פאסענדיגען וואהל־רעכט, וואס האט געגעבען די דעה נאר, פארהעלטניסמעסיג, פארמעגליכע לייט.

3) אז געוועהלט זענען זיי געוואָרען נאר צום פארוואלטען מיט דעם, וואס עקזיסטירט שוין: חשבונות צו פיהרען, הכנסה והוצאה צו מאכען, נעמען געלט און געבען געלט און לויט א באַ־קאנטען און באשטעטיגטען בודזשעט, אבער נישט ארויפצוואוואר־פען אויף קהל א נייע לעבענס־פארם, פארבינדען דאס אידישע לעבען מיט א נייעם אוסטאוו. דאס געהערט צו זייער מאנדאט נ י ש ט, אויף ד ע ם האבען זיי קיין פאלמאכט פון ק י י נ ע ם נישט! און אויך —

4) אז די קאדענץ פון די היינטיגע פארשטעהער איז טויזענט ניין הונדערט און פינף געענדיגט, און ווען נישט דער קריגס־צושטאנד מיט די אומרוהען, דורך וועלכע די געמיינדע־וואהלען זענען אפגעלעגט געוואָרען, וואלטען מיר פיליכט שוין געוואוסט, אז די געמיינדע האט נ י ש ט דעם גאנצען צוטרויען צו די רייכע, עהרליכע, טעטיגע, אבער ווענינ, אדער גארנישט א י ד י ש געבילדעטע יעצטיגע פארשטעהער...

און אז עס איז דעריבער א יושר:

צום באטראכטען דעם אוסטאוו צוצורופען די פּראָווינץ און איז ווארשוי אליין — די ווירקליך־אידישע אינטעליגענץ. —

טראַ־אַ־אַד!

די דיקע מויערען ציטערען.

גאָטס דונער איז נישט אזוי שטאַרק. ערד־ציטערניש, וואַל־קען־ברוך!

— מאַדאַם!

זי הערט מיך נישט. זי ציטערט, די פינגער אין די אויערען. די אויגען שטאַר, דאַס געזיכט אהן א טראָפּען בלוט, א דיקער טראָ־פּען שווייס אויפ'ן שטערן, זי פאלט טיף אריין אין פאָטעל.

— וואַסער! — רוף איך, נאָר מיין שטימע ווערט פאַרדעקט מיט דריי געדיכטע סאַלווען.

דאַס שיסען האָט זי שוין נישט געהערט.

דער קערפּער איז ווי אָפּגעשטאַנען; א לייכטער שוידער לעשט זיך אוים ביי די פאַרבלאַסטע ליפּען.

און נאָך א גאַנצער שטונדע, אז זי איז קוים צו זיך געקומען, האָט זי, מיט א טרערען־אָנגעזאָפּטער שטימע, געפרעגט:

— וואָס איז עס?

— קריג, מאַדאַם!

— אָבער דער האַס! פון וואַנען נעמט זיך דער האַס?

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

— איהר ווילט ליעבשאַפט, מאַדאַם?

— ליעבשאַפט, בארמהארציגקייט... האַרמאָניע...

— גוטע זאַכען, מאַדאַם!

— האַרמאָניע, מלאכים־געזאַנג, הימעל־שפּיל...

— ווי איז אָבער, מאַדאַם, אז א פרעכע האַנט האָט די האַר־מאָניע איבערגעריסען? אז אינמיטען הייליגער ברודערשאַפט איז עמיץ געשעדיגט געוואָרען, בלוט איז פאַרגאָסען געוואָרען — דאַן, מאַדאַם...

— וואָס דאָן? — פרעגט זי מיט נאָך נישט בארוהיגטע אויגען, נאָר שוין מיט עטוואס גערויטעלטע ליפען.

— דאָן, מאַדאַם, איז די ל י ע ב ע, די באַרמהאַרציגקייט, די אַלץ־פאַרצייהענדיגע ברודערשאַפט א פאַרברעכען!

— א פאַרברעכען?

— געווים. לאָזט זי, די ליעבע, הערשען, די וויכע, פאַרטרערטע, אייביג קושענדיגע ליעבע, וועט קיין ווייץ און קיין קאָרן נישט וואַקסען; זי וועט נישט לאָזען אויסרייסען די דערנער, און זיי וועלען פאַרדעקען דאָס פעלד. עס וועלען קיין פרוכט־בוימער נישט אַרויס, עס וועלען קיין בלומען אין קיין גאָרטען נישט שפּראָצען, ווייל פלאַנצען און לערע בוימער וועלען פאַרנעמען דעם פלאַץ. „ריהר נישט"! זאָגט די ליעבע.

און צוואוואַקסען וועלען זיך אויך נאָר די מענשען־דערנער. די ווילדע מענשען־פלאַנצען... און פאַר גוטע און פרומע און עדלע וועלען שטעהן תליות אין די ג אַ ס ע ן, וואָס וועלען געוואַשען ווערען מיט'ן עהרליכסטען בלוט... „ריהר נישט!" זאָגט די ליעבע.

און ביי די תליות וועט זי שטעהן און מיט די גוטע און פרומע און עדלע ודוי זאָגען און פאַרשפּרעכען, ו ו אָ ס איהר ווילט אויף י ע נ ע ר וועלט... ד י וועלט אָבער וועט זיך אייביג באָדען אין בלוט, אין בלוט פון די בעסטע, פון די שענסטע, פון די העכסטע...

— אך, גאָט! — רופט זי אויס דערשראָקען, און פאַרשטעלט די קוים־אויפגלאַנצענדיגע אויגען מיט די מאַרמאָר־ווייסע הענט.

— גאָט, מאַדאַם, האָט זיינם געטאָן. ער האָט אויסער ליעבע נ אָ ך עפּעס באַשאַפען.

— וואָס?

— דאָס, וואָס איהר רופט ה אַ ס און איז ווירקליך נישט מעהר אלס ג ע ר ע כ ט י ג ק י י ט!

דאָס פרעכע אינסטרומענט, וואָס האָט שלעכט אַריינגעבלאָזען אין דער מענשליכער סימפאָניע, מוז פאַרשטומט ווערען... די האַרמאָניע, וואָס איז צושטערט געוואָרען מיט געוואַלט, מוז צוריקגעשטעלט ווערען מיט געוואַלט!

זי נעמט די הענט פון די אויגען אוועק.

— און דאָן? פרעגט זי, אז זי וועט צוריקגעשטעלט ווערען?

— דאָן, אויב עס וועט אַמאָל געשעהען, זאָל הערשען די ליעבע!

די וועלט, ווי געזאָגט, איז די אַלטע...

עס האָבען זיך נאָר געענדערט די אויסרופען, די קלינגענדיגע ווערטער, די אָרט, לויט וועלכער יעדער פּאַרטיי־מענש, יעדער פּאַר־טיי־קאָמי־וואָיאַזשער רופט אין זיין געוועלבעל אַריין, איז פאַר־ענדערט געוואָרען — דאָס פּאַרטיי־מאַטעריאַל — דער מ ע נ ש האָט זיך נ י ש ט געענדערט...

און ווייל דער מענש האָט זיך נישט געענדערט, וויל ער, מען זאָל איהם ג ל ו י ב ע ן! ווער עס האָט אַ לערע קאַסע, מוז לעבען אויף קרעדיט, מוז אונטערשרייבען וועקסלען, און גאַנץ אָפט — פאַלשע וועקסלען, וועלכער ער האָט גאָרנישט בדעה צו צאָהלען!

איך רעד שוין נישט פון דער ביוראָקראַטיע (שפּייט אויס דריי מאָל!), וואָס ב אַ ר ו ה י ג ט דאָס פאָלק פון פּאַגראָמען... פון שטאַטס־מענער, וואָס צוטיילען צווישען פרייהייטס־הונגעריגען פאָלק מעניו־צעטעל, וואו עס ווערען אויסגערעכענט אַלערליי מאכלים טובים, און רעכענען גאָרנישט צו דערלאַנגען, און דעקען אפילו נישט דעם טיש, און הייצען אפילו נישט אונטער די קיך...

איך רעד ג אָ ר פ אַ ר ק ע ר ט פ ו ן צ ד ש כ נ ג ד ו...

זאָלען די שטאַרבענדע באַגראָבען זייערע טויטע, איך רעד פון לע־בעדיגע, פון די, וואָס געהען אַקעגען דעם נייעם לעבען און רופען עס אַרויס פון אַלטען ביוראָקראַטישען תהו ובהו, פון די, וואָס רו־פען אַלע פינף מינוט „לחיים!“ און נישט איבער'ן בעכער פון ביו־ראָקראַטישען בלוטיגען וויין, נאָר לחיים קאָנסטיטואַנטע, לחיים דער אַכט־שטונדיגער אַרבייטס־טאָג און — לחיים וואַרשעווער קאָנסטיטואַנטע!

פון פּ. פּ. ס. רעד איך!

פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אַז דאַמאָלט, ווען עס וועט אויסגעפיהרט ווערען איהר פּאָליטישע פּראָגראַם, וועט זיין פריי, אַלץ פריי, יעדעס פאָלק, אפילו יעדע איינצעלנע אינדיווי־רואַליטעט; — „מיר — זאָגט מאַדאַם ס...קי, די געוועזענע ג—ע

מיט איהר קלינגענדיגער, אריינשלייכענדיגער שטימע, — מיר, פּ. פּ. ס., אז מיר וועלען זיגען, וועלען נישט זיין אזוי קליינליך, אזוי ענגהערציג עמיצען אין זיינע געוועהנהייטען צו שטערען, מיט געוואלט זיין געשמאק צו ענדערען, זיין פריי־וואָרט צו שמעלען" — און דער מיטינג־זאל, דער פּ. פּ. ס.־עולם, פּאטשט: בראַווא! עס הייסט: אודאי! און אויף דעם זעלבען מיטינג ענדערט דאָס פּ ר ע ז י ד י ו ם פון פּ. פּ. ס. מוטוויליג די ר י י ה ע פון אויסגעטיילטע שטימען... רוקט אָפּ די נישט פּ. פּ. ס.־שטימען. וואס ווייטער און ווייטער, און בשעת עס לאָזט די פּ. פּ. ס.־לייט רעדען, ווי לאנג זיי ווילען, כאָטש די אויערען אין זאל ווערען גע־שוואָלען, באַגרענעצט זי די צייט פאר נישט פּ. פּ. ס.־רעדנער...

פּ. פּ. ס. פאַרלאנגט פון מיר אמונה, אז דער נאַציאָנאל־קאמף איז גאָרנישט, כמעט גאָרנישט, דער עיקר איז דער קלאַסען־קאמף, ווארים די ערשטע „פּ" פון „פּ. פּ. ס.", די אָל, וואָס שטאַרט פון זאק ארויס, איז, אויב נישט נאָר לנוי, כלל וכלל נישט לתשמיש, עס געהט נאָר וועגען דעם, וואָס די „סמך" מוז באַציי־כענען די גרענעצען פון טעריטאָריום, פון דעם פּלאַץ, וואו דאָס פאָלק, וואָס איז נישט מעהר, אלס א טייל פון דער אַלגעמיינער פּראָלעטאריער־אַרמיי, שטעהט! און דער פּאָראָל איז: פּראָלעטאַ־ריער פון אַלע לענדער, פאַראייניגט אייך! ווארים דער ב ל ו ט־פ א ר ב א נ ד, דאָס נאַציאָנאלע געפיהל, איז ביי איהם פיעל שוואַכער אלס דער קלאַסען־פארבאנד — די סאָלידאַריטעט פון אַלע פּראָלעטאריער, — און דאָך וויל זיך פּ. פּ. ס. אויף קיין פאַל נישט אויסגלייכען מיט ס"ד און „בונד", וואָס פאַרלאַנגען, עס זאָל זיין איין קאָנסטיטואַנטע אין פּעטערבורג פאר אַלע פּראָווינצען, וואו אלע פּראָלעטארישע פּאַרטייען וועלען זיך צוזאַמענהאלטען און אויסרייסען פון ביוראָקראַטישען האלז די גאנצע פאָלקאָמענע פרייהייט פאר אלע פעלקער, די ווייטסטע אויטאָנאָמיע פאר פעל־קער טעריטאָריאלישע און א קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאר עקס־טעריטאָריאלע פעלקער! און פּ. פּ. ס. פארלאנגען, נישט קוקענדיג אויף דעם, וואָס זיי שעדיגען די פאַראייניגונג פון פּראָלעטאריאט, אויף אָרט־און־שטעל אן עקסטרא קאָנסטיטואַנטע פאר פוילען, גאַנץ גוט ווייסענדיג, אז אויב די פּראָווינצען, וואָס רייסען די בלוטיגע פעדים, מיט וועלכע די געוואלט האָט זיי צוגענעהט צום אימפּער־

יום, וועלען זיך אפטרעטען צו פריה, וועט אין די אינערע גובער־ניעס דער פראָלעטאריאט, צוזאמען מיט די ראדיקאלען און ליבעראלען, ווערען אזוי אפגעשוואכט, עס וועט זיך אפילו נישט לוינען ארויסצושטעלען קעגען זיי עטליכע כוליגאַנעס...

איך, פערזענליך, האב איך גארנישט דאגעגען. וואס דאס בלוט פולסירט אפט שטארקער און דאס נאציאנאלע געפיהל רופט העכער, אלס עס ווילט זיך אמאָל דעם טעאָרעטישען גענאָסע פון פ. פ. ס.! נאר וואס אבער פארלאנגען פון מיר גלויבען אין ד ע ם, איז וועלכען ער גלויבט אליין נישט?

פ. פ. ס. פארלאנגט נאך קרעדיט אויף עפעס אנדערש: עס וויל מיר איינרעדען, אז עס האלט מלחמה נישט נאר מיט דער פינסטערער נאראדאווער דעמאָקראטיע, נאר אפילו מיט׳ן קלויסטער שלאגט עס זיך! ווארים נישט נאר די נאראדאווע דעמאָקראטיע וויל טאנצען איהר אייגען טענצעל אויף די שאנצען פון דער אלטער פעסטונג, וואס דער פראָלעטאריאט האט איינגענומען מיט הונגער, שוויים און בלוט, נאר אויך די גלייכגילטיגקייט וויל ארייגשטעקען איהר פאן אויף דער שאנץ. — „אוועק מיט׳ן קלויסטער!“ רופט פ. פ. ס. און ווייטער: „לעבען זאָל דער רעדנער!“ די פיעלהארמאניע ציטערט! ווארים באמת, „די ליעבשאפט, די ברודערשאפט, וואס דער גלח פרעדיגט, איז נאר א הוילער, פוסטער קלאנג! — זאגט ווייטער דער רעדנער, — דאס איז די פאלשע שלאנג, וואס וויל פארזינדיגען דעם פראָלעטאריאט, ער זאָל נישט קאָנען קומען אין זיין גן־עדן אריין“... און נאך אמאָל: בראוואָ! הענט ווערען געשוואלען. פ. פ. ס. ברילט, ווי א לייב! און פלוצלונג, שאַ! עס ווערט שטיל אין זאל, ווי אויף א בית־עלמין, די פארשוויצטע פנימ׳ער ווערען פארקלערט, די אויערען שפיצען זיך און ציהען זיך, ווי קעגען שופר של משיח, די אויגען ווערען פול האפנונג, פרייד, תענוג און שטראלען מיט א וואונדערליכען גלאנץ פון אונטערגעבענקייט און עהרע... וואס איז? ווער רעדט, וואס מען הערט׳ן אזוי? ווער רעדט, וואס זיינע רייד גיסען זיך אזוי אין די הערצער, אין די העלדען־הערצער פון פ. פ. ס.? עס רעדט א גלח, א מאנאך! און פון וואס רעדט ער? פון דער זעלבער קלויסטער־ליעבע, וואס איז ערשט נישט לאנג אויסגעלאכט געווארען, געטויט און באגראבען געווארען!

און פּ. פּ. ס. פאַרלאַנגט פון מיר אמונה, אז זי מיינט מיך אויך, אז מיך, מיך אַרעמען איד, וועט עס אויך פאַרזאָרגען; אפילו אין די ביכלעך פון פּ. פּ. ס. ווערט געשריבען, ווערט געדרוקט. אדרבה, אידען זענען אויך מענשען... און איך זעה, זיי זענען מענשען! אין דער שפּיץ פון פּ. פּ. ס. שטעהען, ברוך השם, אסך אידען און אידענעס!

רבונו של עולם, — טראַכט זיך נישט איין אידישער פּראָלעטאַריער אין זאַל — נאָר וואָס זאָל עקזיסטירען דער בונד? נאָר וואָס טיילען זיך?

און פונדעסטוועגען, פונדעסטוועגען איז דער וועקסעל, וואָס פּ. פּ. ס. שרייבט פאַר אונז אונטער, נישט קיין רעכטער וועקסעל... דאָס איז א באַנקנאָט, וואָס די קאַסע פון פּ. פּ. ס. קאָן נישט און האָט גאָר בדעה נישט צו צאָהלען...

ערשטענס — ווערט דער באַנקנאָט געוויזען נאָר אונטער פיער אויגען... אין דער רעזאָלוציע ווערען מיר נישט דערמאָנט! די פיינסטע און שטאַרקסטע רעדנער, וואָס רעדען פון פעלקער־באַפרייאונג, האָבען, אויסרעכענענדיג אַלע פעלקער, וואָס פּ. פּ. ס. וועט און מוז באַפרייען — מיך נישט גערעכענט. מ י י ן פ אָ ל ק נישט דערמאָנט... און, ווי געזאָגט, נישט נאָר פון פּראָלעטאַרישע אינטערעסען איז גערעדט געוואָרען! ס י ע ר אָ ש ע ו ו ס ק י האָט גערעדט, און מיט באַגייסטערונג גערעדט, וועגען דער גרויסער און פיינער ראָלע פון נאַציאָנאַליטעטען און ווייטער מיך און מיין נאַציאָן נישט דערמאָנט. איך גלויב זיין הארץ! עס איז גוט, עס איז ווייך, עס איז עהרליך און ערהאָבען, נאָר ליפּען האָט ער וואונדערליכע: זיי קענען דאָס וואָרט אידישע נאַציאָנאַליטעט, אויב עס הויבט זיך אויף פון הארץ, נישט דורכלאָזען, עס ווערט ערגעץ פאַרלוירען אין דער הייל פון מויל, אין א לאָך פון א שלעכטען צאָן, אָדער דערשטיקט אין האַלז...

איך גלויב נישט פּ. פּ. ס., און גלויב נישט ט אַ ק ע דעריבער, ווייל עס האָט צווישען די פאַרשטעהער אַזויפיל אידען פון געוויסען סאָרט, און צווישען די אָפיציעלע רעדנער אַזויפיעל פון דיזעלבע אידען! ווייל איך קען די אידען, איך קען די אַלטע

קנעכט, די אלטע פאָלקס־פאַרקויפער, נאַציאָנאַל־הענדלער — די אַלטע אסימילאַטאָרען!

די גרעסטע ווייבערישע זייל, אויף וועלכער דאָס היילינטום פון פּ. פּ. ס. הויבט זיך, א געבוירען אידיש קינד, האָט גערעדט נישט נאָר אין פּיעלהאַרמאָניע, נאָר אויך ערגעץ אנדערש... און דאָרט האָט זי דערקלערט, אז זי איז א „פּאָלקא", ווייל א פּאָלאַק איז נישט קיין בלוט־באַגריף, נאָר א באַוואוסטזיין־באַגריף; „די, וואָס פיהלט זיך אלס פּאָלקא, איז עס!" — מיר קענען דעם „גע־לעהרטען" הער פּ.... נאָר גענוג מיט נעמען!

דערמאָנען מוזען מיר נאָך איין אידיש געבוירענעם רעדנער פון פּ. פּ. ס., וואָס האָט נאָר דאָס רענדעל געטווישט! דער האָט געזאָגט: „חברים, צי איז צייט צו רעדען וועגען פעלקערשאַפטען דאַמאָלט, ווען מען רעדט וועגען פּראָלעטאַריאַט?" דעם קענען מיר אויך!... ערגעץ אנדערש האָט ער אונז געזאָגט: „איך בין מודה, איך האָב צוויי נשמות, איינע א פּוילישע און די צווייטע (הערט: די צווייטע!) א אידישע"... און ער האָט רעכט דעריבער, וואָס ער וויל נישט רעדען פון דער נאַציאָנאַל־פראַגע, ער וויל זיך נישט ווייזען פאַר'ן עולם אלס אומרוה, וואָס רודערט זיך אהין און אהער, פון איין נשמה צו דער צווייטער! אלס לעדערנער דישעל, וואָס איין נשמה שלעפּט אהער און די צווייטע אהין!

— און הער ד.? אייגענטליך נישט הער ד., נאָר גענאָסע ד.! עס איז אַז אַרבייטער, א אידיש געבוירענער אַרבייטער! אלס אַרבייטער פרעהט ער זיך, און קאָן די פרייד אין זיך נישט באַ־האַלטען און מוז די שמאַטע אויפ'ן זאָל ארויסוואַרפען. — ער פרעהט זיך, אז ער, דער איינפאַכער אָרעמער אַרבייטער האָט די זכיה צו זיין אין פּיעלהאַרמאָניע, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען נאָר פאַר רייכע לייט... דער רעדט שוין אפילו אידיש אויך, דער פון שוין באַריהרען מ י ד אויך...

„און עס איז — זאָגט ער — א אידיש, פּאָליטיש פריי פאָלק געוועזען! נאָר במשך דער צייט זענען פאַרשידענע פאַרענדערונגען געוואָרען..."

על כן? צי זענען מיר א פאָלק, צי ניין?

פיין תשובה קאָן ער נישט געבען! וואָרים פּ. פּ. ס..

בײַ װעלכער די „פּ.“ װאַקסט מיט יעדער סעקונדע אויף'ן חשבון פון „ס“ — האָט קײן צײַט נישט צו אַזעלכע נאַרישע פראַגען!...

רבותי, איך גלױב נישט! איך װעל נישט גלױבען פּ. פּ. ס., כּל־זמן זי װעט האָבען אין זיך אַזױ פיעל אידען פון געװיסען סאָרט. אידען יונגע, נאָר אױסגעפּױלטערע אלס אונזערע לאַנג־געשטאָר־בענע און באַגראָבענע שענקער און פּריצ'ישע פאַקטױרים. און איך ראָט אױך דעם אידישען פּראָלעטאַריאַט: גלױב נישט! דײַן אָרט איז אין אַ אידישער ארבײטער־ארגאַניזאַציע!

היט דיך — זאָג איך איהם — פאַר פּ. פּ. ס., כּל־זמן זי האָט אויף איהר לײַב די אַלטע אידישע אַסימילאַטאָרישע מכּה!

װאָס איז די װעלט?

אַ פאַרדרהײזעל צו י ע נ ע ר! דאָ געהט מען פ א ר ב י י. דאָרט בלײַבט מען.

דאָ ארבײַטען? דאָ ל י ע ב האָבען? דאָ אויף מ אָ ר־ ג ע ן און אִ י ב ע ר מ אָ ר ג ע ן רעכענען?

זאָלען מיליאָנערען זיך מאַרמאָרענע מאָנומענטען בױען; פאַר אונז אָרעמע איז גענוג אַ דין און שמאָל ברעטעל צוקאָפּענס...

און מען לעבט „אבי װײַטער“, „אבי איבערצוקומען“...

ערב יום טוב זיפצט מען אָפּ: שױן נאָך יום טוב!

צום מ אָ ר ג ע נ ס, מען עפענט קוים די א ו י ג ע ן אויף, קלערט מען שױן: װי אַזױ װעט מען איבערלעבען דעם טאָג, און פאַר'ן שלאָף הױבט מען אויף די הענט: געלױבט איז זײַן ליעבער נאָמען — א י ב ע ר ג ע ל ע ב ט א טאָג!

פאַרקירצען זיך די צײַט אין פאַרדרהױז טאָר מען נישט. דעם פּאַדעם איבערהאַקען טאָר נישט קײן אידישע האַנט — װי לאַנג גאָט װעבט, װעבט ער — בעל כּרחך אתה חי — לעבט מען איבער

דאַנק. דערהאַלט מען דאָס לעבען מיט „אַבי וואָס“, פאַרביסען מיט „וואָס עס איז“.

און ברענגט די מאַרק־אידענע אַ הון אין שטוב אַריין, נעמט די בעל־הבית׳טע די הון אין האַנט אַריין, טאַפּט זי און וועגט, און פרעגט: וואָס וועל איך אָפּקומען מיט איהר?

און זעהט איהר עפּעס שיינט, פליהט אייך דורך פאַר די אויגען אַ גלאַנץ, איז עס אַן אַטלעסענע קאַפּאָטע — לשם מצוה, פאַר יענער וועלט, אַ בגד לשבת ויום־טוב...

אַבי ווייטער...

קינדער־יאָהרען זענען אַ פאָרשפּיל צו דער חופּה... און קומט דער חופּה־טאָג, טוט מען אַן דעם חתן תכריכים, חתן־כלה פאַסטען און זאָגען ודוי — זיי גרייטען זיך שוין צום טויט...

און די ערשטע גרויע האָר?

אַ „פּאָוויעסטקע צום בית־דין־של־מעלה!“ דין וחשבון גיב אָפּ!

און — „לעב גוט, וועט דיר לייכט זיין דער טויט“ און „געדענק אין׳ם טויט, זאָלסט קאָנען גוט לעבען“ — דאָס איז די מאָראַל...

מענשען וואַנדערען, מענשען שטאַרבען, קהילות בויען זיך, קהילות ווערען חרוב. די שפּראַכען, יענע וועלקען...

אַבי ווייטער!

געשעפטען אויף ניין און ניינציג יאָהר?

אַ וועלט פאַרזאָרגען?

געמויערטע צדקות?

ערגעץ איינוואָרצלען זיך? צוויי גלות־בלימעלעך שפּראַצען אין אידישען האַרץ! „אַבי ווייטער!“ און „אַבי איבערקומען!“

לעבעדיגע שטעהען נישט פעסט; מתים וואַרטען אויף גלגול מחילות... ווער עס וויל זיכערער גערן — קריכט אויף אַלע פיער!

טאַנדעט.

אַלץ איז טאַנדעט: דאָס לעבען, דער האַנדעל, די אַרבייט...

אהן ליעבשאפט, אהן זיכערקייט — אהן מאָרגען און שפּעטער — ציטערדיגע שאָטען, ציטערדיגע און באַפּענדיגע...

פון דער לופט אין דער לופט אריין...

אַלץ איז נע־ונד; דער איד, זיין ארבייט, זיין לעבען, זיין פּאָליטיק... אין אָרט, ווי אין דער צייט... צווישען „קויפען" און „פּאַרקויפען" האָט דער סוחר קיין צייט נישט אָפּצואָטעמען... אָפּהאַלטען, אויסהאַלטען איז ער נישט אימשטאַנד...

אויסגעלערענט א שטאָך מיט דער נאָדעל, חתונה געהאַט, א ווערק־שטעל געעפענט — אם לא עכשיו, אימתי? אָפּען שטעהט די גרוב און וואַרט!

אַלץ איז אויף דער מינוט און פאר דער מינוט; מיד ליד, פון האַנט צו האַנט... אבי ווייטער!

צדקות ומעשים טובים, פּאַרטיי־לעבען, פּאָליטיק — האַלבע מיטעל, פיערטעל מיטעל, צוויטען, פעדים...

די „כנסת ישראל" זיצט און לאַטעט און צערעוועט... אבי אויבערצוקומען...

און דאָסזעלבע: ליטעראַטור... קונסט...

דער שטריך, די סקיצע, א מאָמענטעל, א פּאָרטרעטעל, א בליץ־אויפנאַם — וואו איז דאָס ווערק?

דער פויער אַקערט אָפּ און וואַרט... זייהט אָפּ און האָפט... דער זאָמען געהט אויף, ער קוקט, דאָס האַרץ קוועלט, — ער וואַרט; גאָלדען ווערט די זאַנג, דאַמאָלט ערשט קומט ער מיט דער קאָסע!

מיר שניידען נישט ג א ל ד ע נ ס, נאָר „גרינס"... אָפּט רייסען מיר מיט די נעגעל פון דער פייכטער ערד ארויס די קוים־אויפגעשוואָלענע זאָמען און באַקען!

טאַנדעט: „וואָס עס איז" מיט „אבי וואָס"... גראָזען! ד י שפּראָצען, י ע נ ע וועלקען — ווען וועלען ב ו י מ ע ר וואַקסען?

די אַלטע „יחידי סגולה", די עטליכע אָפּגעשטאָרבענע, פאַר־שטיינערטע צעדער אויפ'ן לבנון, קוקען אַראָפּ צו אונזערע גרעזע־לעך און זיפצען: דאָס זענען אונזערע אייניקלעך!...

...און מיינט נישט, אַז איך זעה נאָר אייערע רוקען און מיך פאַרבלענדט דער שטויב פון אונטער אייערע פיס.

איהר האָט מיך נ י ש ט אויסגעמידען; אום מיט ליעב־שאַפט אַ בליק צו וואַרפען אויף אייערע בלאַסע פּנים'ער און פלאַ־מענדיגע אויגען, מוז איך מיך גאַנץ אָפּט א ו מ ק ע ר ע ן...

צווישען אונז איז דער שטרייט פון „מאָרגען" און „איבער־מאָרגען"...

א י ך בין דער זוהן פון אויסדערוועהלטען אייביגען וואַנ־דער־פאָלק...

און מיט'ן „אויסדערוועהלטען" איז מיין ערנסט; מיין בלו־טיגער, מיין טראַגיש־שטאָלצער ערנסט.

אונז האָט מען אויסדערוועהלט צו שאַנד און שפּאָט, צו וואונד און וועה, צו שלעג און פּיין; מיר זענען די שוואַכסטע און די מינדסטע...

איהר פ י ה לט עס נישט? איהר זייט ספּעציאַליסטען פון קלאַסען־וועה...

עס ליגט אַ מענש אין גאָס און קאָן אויסגעהן אָהן הילף צווי־שען ספּעציאַליסטען. ער איז אָפּגעשוואַכט און פאַכט מיט דער נשמה —

— נישט מיין זאַך, אַ צאָן־דאָקטאָר בין איך!

— נישט א י ך דאַרף עפּעס טון, איך הייל נאָר נעז...

אַז אַנדערער איז אַ מבין ספּעציעל אויף אויערען, נאָך איינער פאַרנעמט זיך מיט הויט־קראַנקהייט, איינער זאָגט:

— מיין פאַך איז דער מאָגען!

און דער מענש פאַכט דערווייל מיט דער נשמה און קאָן שטאַרבען.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— מיין פאָלק האָט מען אויסדערוועהלט צו שאַנד און שפּאָט, צו וואונד און וועה, צו שלעג און פּיין! אָבער עבען דערמיט

טרייבט מען איהם צו דער ווייטסטער מ ע ט ע פון דער מענש־ליכער גערעכטיגקייט, צום ווייטסטען פּאָסטען אויפ'ן וועג פון דער מענשליכער פרייהייט, צום לעצטען זיג איבער די פיזישע מאַכט, איבער'ן פיזישען צוואַנג, און — די „מערהייט“, אין וועלכער נאָ־מען א י ה ר רעדט און וועלכע איהר ווילט באַגליקען, איז אויך נאַר איינע פון איהרע געשטאַלטען.

מיט קין'ס שטעמפּעל האָט מען מיין פאָלקס שטערן געצייכענט און דערמיט צום אייביגען וואַנדערען פ אַ ר ש אָ ל ט ע ן און — ג ע ב ע נ ש ט.

איהם האָט מען מיט געוואַלט אריינגעשטעקט די רויטסטע פאָן אין די הענט און גערופען:

— געה! אלץ ווייטער און ווייטער געה, מיט אלע באַפרייער, מיט אלע צוקונפטס־קעמפּער, מיט אלע סדום־איבערקערער... נאַר בלייבען שטעהן מיט זיי, קאָנסט דו נישט... די ערד וועט ברענען אונטער דיר!

— אויף שריט און טריט צאָהל די בלוטיגסטע קאָסטען פון יעדען באַפרייאונגס־פּראָצעס, נאַר אין די באַפרייאונגס־דעקרע־טען ווער וועניג, זעלטען אָדער גאָרנישט דערמאַנט...

דו געה און בלוטיג ווייטער!

— דו ביסט דער שוואַכסטער און דער מינדסטער און וועסט אויסגעלייזט ווערען ערשט צו אַלערלעצט...

— אזוי לאַנג, ווי עס וועט בלייבען א שטיין פון אַלטע מויערען, וועט ער ליגען אויף ד י י ן אַקסעל און דריקען!

— אזוי לאַנג, ווי עס וועט בלוט פאַרגאָסען ווערען, א ווילען — אונטערדריקט, א פליגעל — אונטערגעשניטען, — וועלען עס זיין ד י י נ ע פליגעל, ד י י ן ווילען, ד י י ן בלוט...

דו וועסט באַפרייט ווערען ערשט צו אַלערלעצט, ווען דער מענש וועט באַפרייט זיין פון דער ערד! ווען פון מענשען־ווערם וועלען מענשען־אָדלער ווערען.

שטאָלצירט נישט מיט אייער רויטער פאָן, זי איז נאָר דער שוואַכער אָפּגלאַנץ פון דער בלוטיגער פאָן אין דער האַנט פון אויסדערוועהלטען פאָלק!...

פון פאָלק, וואָס איז פאַרשאָלטען און געבענשט געוואָרען, אויסגעלייזט צו ווערען צו אַלערלעצט, צו זיין דער אייביג בלוטענדיגער, אמווייטסטען געהענדיגער אנטראג, וואָס ווערט נאָט אין דעם לעבען געשטעלט...

מיט מיין פאָלק גערה איך, פון גלאַנץ פון זיין פאָן פלאַמט מיין נשמה און א י ד רוף: אידען פון אַלע לענדער און פעל־קער, פאַראייניגט אייך... לאַנג און געפעהרליך איז דער וועג — האַלט אייך צוזאַמען!

דאָס לעבען ארום אונז וואַקסט, ווי א גוט איינגעזוירט טייג, נאָר ביי אונז איז שטיל — כמעט שטיל, ווי אין די אַלטע גוטע צייטען...

פּ. פּ. ס. פאַרזאַמעלט אין פיעלהאַרמאָניע טויזענטער און טוי־זענטער — עפענטליך און קרעפטיג הערט זיך איהר וואָרט, איהר שמעטערענד וואָרט; באַהאַלטען און בסוד־סודות זענען די מי־טינגען פון אונזער „בונד“...

נ. ד. (נאַראָדאָווע דעמאָקראַטען) שווייגט נישט — מיטינגען און דעמאָנסטראַציאָנען — פאַרוואָס שלאָפען אונזערע ציוניסטען?

„אהן אונטערשיד פון גלויבען“ האָט זיך געעפענט א געזעל־שאַפט צו לערנען, לעזען און שרייבען, „אויס אַנאַלפאַבעטען!“ ווערט גערופען, און פון הויז צו הויז, פון טיר צו טיר געהען ארום אינטעליגענטען און אינטעליגענטקעס און פרעגען זיך נאָך: נישט דאָ עמיץ אין הויז, וואָס קאָן נישט שרייבען, נישט לעזען און האָט חשק זיך צו לערנען? און מען לערנט אומזיסט, מען גיט ביכער אומזיסט און שרייב־געצייג אומזיסט, און מען בעט זיך רחמים: לערענט אייך! א פאָלק, וואָס וויל אויפלעבען, מוז קענען לעזען און שרייבען!

וואו איז א ו נ ז ע ר חברה „אלף־בית“! — וואָס טוען אונזערע אינטעליגענטען?

א לעהרער־פאַראיין, א שול־פאַראיין, — אויף דער גאַנצער ליניע געהט א מלחמה פאַר פויליש, פאַר דער פאָלקס־שפּראַך! מען דאַרף באַפרייען דאָס שוואַכע קינד פון דעם דאָפּעלטען יאָך צו לערנען אין א פרעמדער שפּראַך! — פויערען אין די דערפער גע־

מען זיך צוזאמען, טרייבען ארויס די פרעמדע שרייבער, די פרעמ־
דע לעהרער — פויליש מוז זיין די שולע.

ווער שטרייט פאר א י ד י ש ?

די חברה „בעלי בתים" האט זיך געווענדט צום מאגיסטראט
און געבעטען, דער מאגיסטראט זאל געבען זיינע לאָקאלען אויף
פארטרעגע פאר'ן פאלק. דער גענעראל ביביקאוו האט צוגעזאגט.—
צו די פארשטעהער פון דער אידישער געמיינדע האט זיך קיינער
דארום נישט געווענדט...

פאר'ן פראסטען פאלק ווערט געעפענט א פרייע אוניווערזי־
טעט, מיט'ן צוועק:

אויפצוהויבען די בילדונג פון דער מאסע;

פארטיפערען די קולטור צווישען ארבייטער און געווערבס־
לייט;

צו געבען זיי די מעגליכקייט זיך ארענטליך און געהעריג צו
פארוויילען!

צו דעם צוועק ווערען איינגעפיהרט:

סיסטעמאטישע, אלגעמיין בילדענדע פארטרעגע.

עפענטליכע, פאפולער־וויסענשאפטליכע פארלעזונגען פאר
גרויסע מאסען.

ספעציעלע פארטרעגע און פארלעזונגען אין פאבריק־שולען —

אויסער דעם וועט מען פארמעגליכען דעם „פראסטען עולם"
דאס באזוכען פון מוזעען, אויסשטעלונגען, פאבריקען און אלגע־
מיינע עפענטליכע אנשטאלטען... ארגאניזירט וועלען אויך ווערען
רעדלעך (קרייזען) פאר טעאטער, כאר און ארקעסטער...

וואו איז א ו נ ז ע ר פאלק־הויז, א ו נ ז ע ר טאמביי־
האלע?

ד א ר ט וועקט זיך דאס נייע פרייע לעבען, די גייסטליכ־
קייט קאן אויך שוין נישט שלאפען ווי אמאל. עס איז די טעג
א מיטינג פון גייסטליכע געווען. און ווייסט איהר, וועגען וואס זיי
האבען געקלערט און וואס זיי האבען באשלאסען? נישט וועגען הי־
מעל־זאכען! נישט וועגען הכשרים אויף וואס עס איז!

זיי האבען געקלערט, ווי אזוי מיטצואווירקען מיט'ן פאלק...

דער גייסטליכער, האבען זיי באשטימט, איז נישט באפרייט
פון פליכטען, קעניג, לאנד און פאלק...

זיי האבען פראטעסטירט געגען זייער אפיציעלען ארגאן אין ווארשוי, וואס באשעפטיגט זיך נאר מיט דינים פון תענית און מנהגים פון קלויסטער און ווייסט גארנישט וואס צו זאגען, ווענען דעם נייעם לעבען, וואס וועקט זיך ארום און ארום!

זיי האבען באשלאסען צו שטרייטען צוזאמען מיט'ן פאלק פאר דער אויטאנאמיע פון פוילען... פאר א ריין פוילישער אד־מיניסטראציע, פאר דער פוילישער שפראך, פאר א ווארשעווער קאנסטיטואנטע! און געוועהלט זאל זי ווערען א ל ג ע מ י י ן, גלייך, אוממיטעלבאר און געהיים...

און דעם ארבייטער — זאגט די גייסטליכקייט — טאר מען פון האנט נישט ארויסלאזען; מען דארף דעם סאציאליזם אריינ־נעמען אין קלויסטער, ווארים — הערט, הערט! — ווארים א ל ע ד א ר ף ז י י ן פ א ר'ן פ א ל ק א ו ן ד ו ר ך ד ע ם פ א ל ק!

און דעריבער — זאגט די גייסטליכקייט, — מוז מען הויבען די מאראלישע און עקאנאמישע לאגע פון פאלק, זיין נאציאנאל־געפיהל — פארטיפערען, דערוועקען אין איהם דאס געפיהל און דעם געברויך פון זעלבסט־הילף — — —

און אונזער „ראדאמער רב“ לאזט אפילו צו שלשים נאך די פאגראמען נישט פאסטען — —

פארוואס געהען פארלוירען די אידישע פאלקס־ליעדער? פאר־וואס מוזען אידישע טאלאנטען שפּילען „בר כוכבא“ און „אשה רעה“? וואו זענען אונזערע אידישע אויסגאבען?

און צוזאמענקומען קאן מען זיך נישט; די „דייטשע שול“ איז פארהאמערט, די „גמינע“ פארשלאסען, און דער עולם שלאפט...

עם פלאצט.

דער שטורעם רייסט דעם דאך. אייזערנע טאראנען לעכערען די ווענט, דער לאנג פוילער פונדאמענט צורודערט זיך — —

„מפּי עוללים ויונקים“ — קינדער מארשירען מיט רויטע פענער אין די גאסען; הויבט די מיצען, אלטע, קלוגע, פארזיכ־

טיגע לייט! עס האט זיך שוין געפונען א ווייבער קאזאק, אן אמת'ער „קאזאק הנגזל“, וואס האט נישט געוואלט שיסען! „זאַ־טשעם? — פוסקאי סאביראיוטסיא!“

דער פלאַט שטעהט אין פייער — מיליטערישע מוזיק ציהט דורך די גאסען מיט מארסעליאנקעס! סאלדאטען לעזען מארקס אין די קאזארמעס — מיט פאליטישע פאדערונגען טרעט ארויס די פאליציי; בא! אפילו קנעכט ביי קנעכט, וואס דינען אנדערע קנעכט — די „טשינאוניקעס“ פון דער ווארשעווער גמינע, צו־זאמען אפילו מיט די קברנים פון הייליגען ארט, ארגאניזירען זיך. דעלעגאטען שוין געקליבען! — אלץ פלאמט, רעזידענצען ברענען. אין העלען פייער שטעהען פראווינצען! אין די פינסטערסטע ווינ־קעלעך פון מענשליכען לעבען באווייזט זיך ליכט! ביים ליכט איז דער עולם בודק חמץ, ווארפט ארויס דעם אלטען שימעל, דאס אלטע, דאס פוילע, דאס שרעקענדיג־ציטעריגע, דאס שווארצע, מיט די פארלעגטע הענט, פארווינטע אויגען, דאס אייביג האפענדיגע און נישט טוענדיגע — —

א נייע לעבען שפינט זיך, וועבט זיך אויף דער חורבה פון אלטען — —

און מ י ר. וואו זענען מיר?

— אם ראדיקאלסטען — זאגט מען — זענען אידען! אהן א קלער צו טון רייסען זיי דאס אלטע, אדער העלפען עס איינ־צורייסען. אהן רחמנות שטורעמען זיי אלע אלטע לעבענס־פארמען, אלע עקאנאמישע און מאראלישע אינסטיטוטען: ווייל אלץ האט זיי נאר געדריקט, געשטיקט און געווארגען. זיי קאנען דאס פאר־גאנגענע נישט ליעב האבען, ווייל דאס איז דורכגעזאפט מיט זייער קריוודע; דאס געהענדיגע — נישט באדויערען, ווייל עס איז מיט זייער בלוט באשפריצט!

אזוי זאגט מען. און דאך — וואו זענען מ י ר?

מיר אידישע שרייבער, וואס דארפען געהען פאראויס? וואו איז אונזער ארגאניזאציע? פארוואס זענען מיר צושפרייט און צו־זייהט, ווי די שעפסען?

וואו איז די „אגודת סופרים“? דער „שריפטשטעלער־פאר־באנד“?

צי האבען מיר נישט קיין אינטערעסען, מאראלישע אדער עקאָ־נאמישע, ארום וועלכע מיר דארפען זיך זאמלען?

גלויבען מיר נאך אין אלטען, דריקענדיגען, פינסטערען, וואס צוטיילט, אום צו הערשען? — אדער מיר גלויבען נישט אין זיך אליין, אין אונזער קראפט, אין אונזערע צוועקען, און אונזער גאנצע מאראל איז: „כאפ פאר דער שורה און עס, כאפ פאר דער שורה און טרינק". „מארגען" איז קיין טאג נישט?

.1906

אינהאלט:

זייט

בילדונג — 7
וואס הערט זיך — 24
וועגען געשיכטע — 28
וואס ווילען מיר — 37
דער ליץ — 42
אויך א פעליעטאן — 63
שרייב א פעליעטאן — 75
וואס זאל איך וועלען? — 83
עקבתא דמשיחא — 91
איבער שרפות — 96
די נייע באוועגונג — 105
אין איירָאפּא און ביי אונז אונטער'ן אויווען — 116
אונזער טרייסט — 126
תענית געדאנקען — 129
די עשרות הדברות — 131
פורים — 137
עס געהט צו פסח — 138
ל"ג בעומר — 139
הורמוז און אחרימון — 144
ווייסען, אידען און „איזמען" — 149
בריף אויס ווארשוי — 152
די לויה — 201
דער וכוח — 209
עטרת ישראל אין ווארשוי — 216
געגען האקאטא — 221
פאלעמיק — 226
וועגען אידישער חוצפה — 237

זייט

דער פאַקט און די פּרעסע — 247
גוטע פריינד — 259
וועגען מילה סקאַנדאַל — 270
אויף אַ מיטינג — 278
פון דער שווערער צייט — 284
פּראָמעטעאוס — 293
דער טאָג — 296